באָריס פּילניאַק

# פּרוכטן ווערן צייטיק

ראָמאַן



1

פּרעמיע צו די „ליטעראַרישע בלעטער"

1936 וואַרשע

באָריס פּילניאַק

# פּרוכטן וועדן צייטיק

*פון רוסיש* — דוד רויבל

„ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע, 1936

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:4939

Printed in Poland

Boris Pilniak, Fruchtn wern Cajtik (powieść)

Nakładem tyg. „Liter. Bleter", Warszawa

Druk. „Grafja", Warszawa

באָריס אַנדרייעוויטש פּילניאַק (זיין אמתער פאַמיליע־נאָמען איז וואָגאַו) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1894. זיין פאָטער איז געווען אַ וועטערינאַר־דאָקטאָר און געשטאַמט פון די דייטשע קאָלאָניסטן ביי דער וואָלגע. זיין מוטער — פון אַן אַלטער רוסי־שער סוחרישער פאַמיליע. אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע דערציילט פּילניאַק, אַז אין זיין בלוט איז אויך פאַראַן טאָטעריש, כוזריש און יידיש בלוט. אין 1913 האָט ער געענדיקט די ניזשני־נאָוו־גאָראָדער רעאַל־שולע און אין 1920 — דעם מאָסקווער קאָמערץ־אינסטיטוט. די רעוואָלוציע־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין קאָלאָמ־נע, הינטער מאָסקווע, און זיך דאָרט פאַרנומען, ווי ער אַליין דער־ציילט, „טיילוויז מיט שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן און טיילוויז מיט קאַבינעט־אַרבעטיי. שפּעטער האָט ער זייער פיל אַרומגערייזט איבער אייראָפּע. ער איז אויך געווען אין יאַפּאַן, ארץ־ישראל און אַמעריקע. אין יאַפּאַן האָט ער זיך געטראָפן מיט פּרץ הירשביין און זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט.

אָנגעהויבן שרייבן האָט פּילניאַק זייער יונג. נאָך זייענדיק אַ שילער פון דער רעאַל־גימנאַזיע. פון יאָר 1915 ווערט ער אַ באַ־שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אַ גאַנצער ריי רוסישע זשורנאַלן („ספּאָלאָכיי", „רוסקאַיאַ זשיזןיי און „זשאַטוואָיי). דאָס ערשטע בוך זיינס „ביליאָיי (געשעענס) איז דערשינען אין 1919 און פון אָט דעם באַנד דערציילונגען איז אויסגעוואַקסן זיין ראָמאַן „דאָס הוילע יאָריי (1920), וואָס האָט אים גלייך באַרימט געמאַכט.

אין זיינע ערשטע ווערק האָט פּילניאַק אויסגעדרוקט די שטי־מונגען פון דער רוסישער בורזשואַזער אינטעליגענץ. אינם פּעריאָד פון דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן קריזיס האָט פּילניאַק גערופן זיך באַהעפטן און צונויפגיסן מיט דער נאַטור, זיך צוריק אומקערן צו דער פּאַטריאַרכאַל־נאַטורעלער אָרדענונג. די אידעאַליזאַציע פון דער אורשפּרינגלעכקייט, פון דער נאַטירלעכקייט איז דער הויפּט־מאָטיוו פון אַלע זיינע דעמאָלטיקע שאַפונגען. עס פילט זיך אין זיי אַ קענטיקע השפעה און שפּורן פון דער אַלטער אַדעליקער לי־טעראַטור. מיר זעען דאָרט דעם וייכן לירישן טאָן, דעם אופן פון דעם באַאַרבעטן דעם ליבע־סיוזשעט, דאָס זאָרגפעלטיקע באַשרייבן דעם פּייזאַזש, די שטרעבונג איבערצוגעבן די דינסטע ניואַנסן פון די שטימונגען, די דורכזיכטיקייט און געטאָקטקייט פון דער

שפּראַך — דער בעסטער באַווייז, אַז ער גאָפינט זיך דאָן אונטער דער השפּעה און ציט ווייטער דעם פּאָדעם פון דער אַדעליקער ליטעראַטור און פירט ווייטער די שפּעטערישע פּראַקטיק פון אַזעלכע שריפטשטעלער, ווי איוואַן בונין און באָריס זייצעוו.

סיי אין „הוילן יאָר“, סיי אין די שפּעטערדיקע ווערק אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע רעסטאַווירט דעם אַלטן אמתן פּאָלקס־אינסטינקט און דעם עכטן נאַציאָנאַלן פּרצוף פון רוסלאַנד. אין „הוילן יאָר“ זאָגט ער: „איצט, נאָך די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, איז רוסלאַנד מיט איר שטייגער־לעבן, מיט אירע זיטן, מיט אירע שטעט אַוועק אין זיבעצנטן יאָרהונדערט“.

די נייע ווירקלעכקייט האָט אָבער מיטגעהאָלפן, אַז פּילניאַקס טעמאַטיק זאָל זיך אויסברייטערן: ער באַהאַנדלט און שטעלט אַוועק פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. זיין באַציונג צום פריצישן אַדל ענדערט זיך אויך. פריער, למשל, האָט ער אָנגעוויזן, ווי אַזוי אויסצוהיילן און געזונט־מאַכן דעם אַדל, און איצט, אין די נאָך־רעוואָלוציע ווערק זיינע, זענען די דאָזיקע אַדעליקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „געוועזענע מענטשן“. דער אויטאָר באַווייזט זייער צעפּוילונג, זייער דעגענעראַציע אָן אַ ברעקל מיטגעפיל צו זיי. און נישט געקוקט דערויף איז ער נאָך אַלץ פאַרבונדן מיטן אַלטן, אָפּגעשטאָרבענעם שטייגער־לעבן. ער רעדט אַרום געניוי, מיט אַלע פּיטשעווקעס, דעם דאָזיקן שטייגער־לעבן, הגם ער באַרעכטיקט זייער אומקום. די היינטצייטיקע פּערסאָנאַזשן דערקעגן, קומען ביי אים אַרויס סכעמאַטיש, אָנשטאָט לעבעדיקע מענטשן קומען ביי אים אַרויס „ענערגיש פונקצירנדיקע“ לעדערנע קורטקעס, ראַציאָנאַליסטישע סכעמעס אָן אַ קינסטלערישער אָנלאָדונג.

שוין אין זיינע ערשטע נאָך־רעוואָלוציאָנערע ווערק האָט פּילניאַק שוין אַנטקעגנגעשטעלט, אמת, נאָך נישט אַזוי קלאָר און באַשטימט, דער „זאַווירוכע“, דעם אָרגאַניזירנדיקן כוח פון דער היינטצייטיקייט, דעם כוח, וואָס „וועסט בשום אופן נישט אונטערנעצן מיט דעם לימאָנאַד פון פּסיכאָלאָגיע“. פיל קלאָרער ווערט דאָס שוין אויסגעדרוקט אין זיינע „מאַשינען און וועלף“ (1923—1924). דאָ קריגט שוין די סטיכיע, דאָס דאָרף, דער אורשפּרינגלעכער רוסישער פּרצוף, דעם ערשטן באַווסטזיניקן

קלאַפּ. דאָס דאָרף ווערט דאָ געשילדערט אַלס אַ ווילדס, אַ חיהשעס און עס ווערט דעם אַנטקעגנגעשטעלט דער סטיל פון דעם נייעם מאַשיניזירנדיקן לעבֿן. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך נישט אינגאַנצן רעזיגנירט פון דער פּאָעטיזירונג פון דער סטיכיע. ער דעמאַסקירט דאָ דאָס אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע לעבֿן, אָבֿער גלייכצייטיק פּיקעוועט ער אָן זיין ווערק מיט באַשרייבֿונגען פון אַלטן שטייגער־לעבֿן. אָט דער דואַליזם זיינער לאָזט זיך מערקן אין אַלע זיינע שאַפונגען. ער ווערט אויך פאַרכאַפּט פון דער עקזאָטיק און דאָס דערפירט אים צו דעם, וואָס ער גייט אויף אַ שטיקל צייט אַוועק פון דער סאָוויעטישער טעמאַטיק און שרייבֿט אפילו אַן אַזעלכע ווערק, וואָס זענען געווען נישט צום האַרצן פון דעם היינטצייטיקן לייענער און האָבֿן אפילו אַרויסגערופן שטורעמדיקע פּראָטעסטן קעגן אים.

ערשט מיט דעם ראָמאַן „די וואָלגע פאַלט אַריין אין קאַספּישן ים״ קערט ער זיך ווידער אום צו דער סאָוויעטישער טעמאַטיק. די אַקטועלע טעמע וועגן דעם בוי האָט ער אויך דאָ באַאַרבֿעט לויט די פּראָבֿלעמען, וואָס אינטערעסירן אים די גאַנצע צייט, נעמלעך, דער קאָנפליקט צווישן דעם סטיכישן און ראַציאָנעלן. ער ווייזט דאָ ווידער, ווי די מאַשינען צעשטערן דאָס אַלטע לעבֿן, ווי זיי ברענגען אום די אַלטע מענטשן, אָבֿער איינצייטיק פאַלן אַלס קרבנות אויך די, וואָס פילן מיט דעם נייעם אויפבוי. פילניאַק האָט דאָ נאָך נישט גובר געווען די נייגונג זיינע צו דער סטיכישקייט.

דערפאַר האָט ער אין דעם נייעם ראָמאַן זיינעם „פּרוכטן ווערן צייטיק״ אויף אַ דרייסטן אופן אונטערגעפירט דעם שטריך אונטער זיין ביז איצטיקער צעפאָרנקייט. אין דעם דאָזיקן ראָמאַן וואָס טראָגט אַ בולט אויטאָביאָגראַפישן און זעלבסטקריטישן כאַראַקטער, האָט פילניאַק זיך איבערגעשטעלט אויף די רעלסן פון 1935. ער האָט ווידער גענומען די באַליבטע אורשפּרינגלעכקייט זיינע, דעם 17־טן יאָרהונדערט און אים איבערגעקערט, ווי מען קערט איבער אַ הענטשקע, און באַוויזן דעם גאַנצן אינגעווייד זיינעם. ער האָט גענומען דאָס „באָגאָמאַזישעי״ דאָרף פאַלעך, דאָס דאָרף, וואָס האָט געצויגן זיין מחיה פון באַזאָרגן גאַנץ ראַסיי מיט געטער, נישט גלויבנדיק אַליין נישט אין גאָט, נישט אין טייוול, און עס באַוויזן אין דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט. באַוויזן,

ווי פון נאָמענלאָזע איקאָנע־מאָלער זענען געוואָרן באַרימטע, פאַר־
דינסטפולע קינסטלער, וואָס איינוואָרצלענדיק זיך אין דער אַלטער־
טימלעכקייט, שאַפן זיי די כישוף ־ קונסט פון דער היינטצייטיקייט.

,,פרוכטן ווערן צייטיקיי — איז דער קווערשניט דורך דעם
גאַנצן שאַפן פילניאַקס, אַט דאָ האָט ער זיך אַזוי ווי אומגעקוקט,
אַריינגעבליקט אין די אַלע שאַפונגס־עטאַפּן, וואָס ער האָט ביז איצט
דורכגעמאַכט, און דערזעענדיק דעם נייעם פּרצוף פון שטעט,
דערפער, וועגן, פון אַרכאַנגעלסקער שניי־רחבותן ביז די מדבריות,
דורך וועלכע עס לויפט די נייע טורקסיב—דאָן, דערזעענדיק, אַז
דאָס לעבן איז אַליין אַ ראָמאַן, אַז דאָס לעבן אויף דער ערשטער
זייט פון דער צייטונג איז פיל ראָמאַנטישער פון דעם קינסטלערישן
אונטערן־שטריך ראָמאַן אין דער זעלבער צייטונג, מאַכט ער אין
זיין איצטיקן ראָמאַן אַ רעוויזיע איבער די ,,אויסגעוואָרצלטע מו־
חותיי, איבער די געדאַנקען וועגן לעבן און טויט, איבער סטיכיע
און ראַציאָנעלן, און קומט צום אויספיר, אַז ,,פרוכטן ווערן צײ־
טיקיי אין דעם דראַנג צום לעבן און שאַפן אין אַן אַטמאָספער פון
ליבע אָן אייפער, אָן אייגענטימערישן עגאָאיזם, אָן דער צוגעבונדנ־
קייט צו ,,מיינסיי און קנאה־שנאה צו דיינס — אין דער פריידיקער
שאַפונג פאַר ,,אונזערסיי.

אין דעם דאָזיקן ראָמאַן האָט פּילניאַק באַוויזן די גאַנצע
מייסטערשאַפט, די גאַנצע קולטור פון זיין טאַלענט, אַריינדרינגענ־
דיק אין די סאַמע טיפענישן פון פאָלקס־לעבן, אַרויפשטייגנדיק
אויף די סאַמע הויכן פון דעם איבערבוי נישט נאָר פון דער אַר־
בעט, נאָר אויך פון דעם מענטשן, האָט ער דערבליקט דעם קאָס־
מאָס, פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען ער איז געפאָרן פון קאַווקאַז
נאָך זיין געליבט מיידל, ווען ער האָט געהאַט די קאָסמישע שיין
איבער זיך, און די וואָלקנס, דעם שטורעם אונטער זיך.

ד. ד.

# קאַפּיטל איינס

פיר אַ זייגער ביטאָג, ווען די ראָטאַציע־מאַשינעס האָבן אַרויסגעוואָרפן די לעצטע טויזנטער עקזעמפּלאַרן, אָט די, וואָס וועלן אָפּגעשיקט ווערן מיט די ווייטשטרעקיקע צוגן, אין אָט דער שעה האָט אַ מענטש אין דער עקספּעדיציע, שוין מיט דער האַנט, אָט טאַקע אויף די דאָזיקע לעצטע טויזנטער עקזעמפּלאַרן, מעכאַניש געקלעפּט אַדרעסן:

— — „נום. 504 איזוועסטיאַ וציק. יעמען, אַראַביע" — — „העדזשאַס, אַראַביע" — — „נום. 1219 איזוועסטיאַ וציק. קאָלאָמביאַ סאַוטה. דרום אַמעריקע" — — „פּרעטאָריאַ, דרום אַמעריקע" — — „בוענאָס איירעס. אַרגענטינע" — — „מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי" — — „סידני נ. ס. וו. אויסטראַליע" — — „אַפגאַניסטאַן" — — „אורומטשי" — — „מאַדריד, שפּאַניע" — — „לאָס־אַנזשעלאָס, קאַליפאָרניע, אַמעריקע" — — „אַטען, גריכנלאַנד" — — „איזוועסטיאַ וציק"— — „איזוועסטיאַ וציק" — — „איזוועסטיאַ — איזוועסטיאַ — איזוועסטיאַ" — — „NNN — USA — USA — USA" — — — „דייטשלאַנד — פראַנקרייך — ענגלאַנד — יאַפּאַן — כינע — פינלאַנד" — —

דער מענטש האָט פון שטערן אָפּגעווישט דעם שווייס.

דער מענטש האָט אויפגעקלעפּט דעם לעצטן אַדרעס.

— — — „נום. 335 איזוועסטיאַ. וציק. ליבראַריאַ וואַטיקאַנאַ. ציטאַ דעל וואַטיקאַנאַ" — — — —

דער אַדרעס פון דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק. פון יענער זייט פענסטערזענען אין ענגן הויף די לאַסט־אויטאָס אַנגעלאָדן געוואָרן מיט פּעק צייטונגען און אויסגעלאָזן די באַלנס ריין פּאַפּיר. דאָס פרישע פּאַפּיר איז געבראַכט געוואָרן פון וואָקזאַל. די פּעק צייטונגען זענען געפירט געוואָרן צו די וואָקזאַלן — זיבן וואַגאָן פּאַפּיר און פופצן הונדערט קילאָ דרוקפאַרב פאַר איין טאָג־אויפלאַגע פון דער צייטונג.

אויף דעם ענגן הויף האָט זיך צונויפגעדריקט דער הימל.

די ערשטע פּלאַטן זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן איינס אַ זייגער מיט 37 מינוט ביינאַכט. די ראָטאַציע־מאַשינעס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן

פינף מינוט צו צוויי. די ערשטע לאַסט־אויטאָס זענען אָפּגעגאַנגען פופצן מינוט נאָך צוויי. די ערשטע האָבן די ציטונג באַקומען די אָרטיקע פּאָסט־אָפּטיילונגען און די הינטערשטאָטישע צוגן. זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָבן די פּאָסט־טרעגער פונאַנדערגעטראָגן די ציטונג איבער די אונטערנעמונגען, די ציטונג האָט זיך פאַרקויפט אין די קיאָסקן. די צוגן זענען ביינאַכט אוועק איבער די זיבן סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, פון מורמאַנסק ביז עריוואַן, פון וויניצע ביז וולאַדיוואָסטאָק, צו די שטעט, צו די זאַוואָדן, צו די דערפער, צו די סטעפּעס. די צוגן זענען געגאַנגען צו די גרענעצן. אין די באַגאַזש־וואַגאָנעס זענען געלעגן פּעק מיט ציטונגען. אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן, ביים עקוואַטאָר, אויפן ווייטן וועג קיין אַרגענטינע און קיין קאַפּשטאַט, אויפן אינדישן אָקעאַן ביים עקוואַטאָר אויפן וועג קיין סידניי, אויפן שטילן אָקעאַן, אויפן אַרקטישן אָקעאַן — ביינאַכט — פאַרטאָג — האָבן די כוואַליעס געשטורעמט, געדונערט אין די באָרטן פון די שיפן, און אין די שיף־לאַגערן זענען געלעגן די „איזוויעסטיאַ ווציק פון רטפ״ב״. אין עטלעכע טעג אַרום וועלן פון מורמאַנסק צו דער קאָלסקער טונדרע, פון אַרכאַנגעלסק קיין מעזען — איבער דער טונדרע — לויפן הירשן. אין די מיטל־אַזיע־זאַמדן וועלן אָנהויבן בילן די גאַזן און זיך צערעווען מיט די פּראָפּעלערן די פּאָסט־אַעראָפּלאַנען. אין וואָכן אַרום וועט פון העדזשאַס קיין יעמען — דורך די בערג־דורגס, אין דער היץ פון דעם אַראַבישן מדבר — אַ קעמל, קלימפּערנדיק מיטן גלעקל אויפן האַלז, טראָגן אויף זיך די פּאָסט.

מיט דער האַנט האָט דער מענטש אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. מיט אַ שמאַטקע אויסגעווישט דעם פּאַפּ פון די פינגער. די שמאַטע האָט ער אוועקגעשליידערט אויפן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט צינק־בלעך. די ראָטאַציעס אונטער די פּיס זענען שוין אָנטשווינגן געוואָרן. די טאָג־שיין איז שוין פאַרביטן געוואָרן דורך עלעקטריע. די האַרטאָוואַרן האָבן שוין פאַרטיליקט די פּלאַטן און זיי איבערגעשמאָלצן אויף מעטאַל פאַר די זאַץ־מאַשינען. דער צעך האָט געשמעקט מיט בליי און פאַרב. די לאַסט־ווינדע האָט געקרעכצט אונטער דער שווערער משא פון די באַלנס פּאַפּיר. אַ קאַלטער לופט־שטראָם האָט, רוישנדיק מיט די אָפּגעפּליסטע שטיקער פּאַפּיר, זיך אויפגעהויבן פון קעלער איבער דער שאַכטע פון דער ווינדע, דאָס הודיען פון דער ווינדע איז געווען ענלעך צום הודיען פון דער לופט, און די לופט פון קעלער האָט איינציטיק געשמעקט מיט בענזין, מיט שווייס און מיט סאָסנע. אין סעלער האָט זיך

דער מענטש אויסגעטון נאַקעט און גענומען אַ דוש. ער האָט זיך איבער־געטון און אויסגעבונדן דעם קראַוואַט. דורך דעם קליינעם הויף איז דער אַרבעטער אַריינגעגאַנגען אין דעם אַלטן הויז, אין דער גאַרקיך, — אַט אין דעם הויז, וואָס גייט אַרויס אויף דעם ראָג פון דמיטריעווקע און סטראַסטנאַי מאָנאַסטיר, ווו פּושקין פלעגט אַריינקומען, און וועמעס שטייגער לעבן און זיטן האָבן גריבאָיעדאָוון געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר זיין קאָמעדיע „צרות פון פאַרשטאַנד". אין אַט דעם הויז איז איצט גע־ווען די גאַרקיך, דאָס רויטע צימער, דער פּאַב־קאָמיטעט און דער מעדי־צינישער פּונקט. פון יענער זייט פענסטער, פון דעם פּוסטן רויטן צימער, הינטער דעם מיטלאַלטערישן ליקל, וואָס איז איטאַנצן פאַרגאָסן מיטן שיין פון דער פּאָטאָ־כראָניק פון „איזוועסטיאַ", פון אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, האָט זיך אויפגעהויבן די מיטלאַלטערלעכע מאָנאַסטיר־וואַנט. פריער האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אַט די וואַנט אָפּגעהיט דעם פרויען־מאָנאַסטיר. איצט געפינט זיך דאָרט דער אַנטירעליגיעזער מוזיי. ווינטער ניינצן הונדערט זעכצן און זיבעצן, ערב אָקטאָבער, האָט ביי די אינטעליגענטע אָפיצירן, וואָס זענען צעמישט און וואַנזיניק גע־וואָרן אויף די פראָנטן, ביי ליטעראַטן און פרויען פון אַדוואָקאַטן, זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, טאָך די נאַכט־אָרגיעס און וואַקכאַנאַליעס צו גיין צו דער פרימאָרגן־תפלה אין סטראַסטנאַי־מאָנאַסטיר, שיכורערהייט הערן די היץ־רייד פון די קלויסטערישע נעזאַנגען און אין אַלקאָהאָל־היסטע־רישער איבערלאָדונג זיך דורכשמועסן מיט גאָט וועגן אייביקן און פאַר־געגלעכן און וועגן גלויבן.

אָפּגעגעסן, איז דער אַרבעטער אַרויס אויפן פּושקין־פּלאַץ, אָפּגע־וואַרט דעם טראָליבוס, איינגעשטיגן און אָפּגעפאָרן אין דער קאָלאָניע „סאָקאָל".

ביים פראָנט־אַריינגאַנג פון „איזוועסטיאַ" האָט געאַרבעט אַ ווינדע. זי איז געווען ענלעך צו אַ טערמאָמעטער, אויפהויבנדיק זיך פון זעראָ פון דעם ערשטן ביז דער טעמפּעראַטור פון זעקסטן שטאָק, ביז די רע־דאַקציע־קאַבינעטן, ביזן מח פון דער צייטונג. דאָס קוועקזילבער איז געווען די ווינדע־באַדינערין אין אַ בלוי רעקל מיט גאַלונעס. אין פאָדער־צימער האָבן שטענדיק געשמועסט צווישן זיך בכבודיקע זקנים, שוויי־צאַרן, וועלכע האָבן געקענט די גאַנצע רוסישע, פאַרבאַנדישע און פיל אויסלענדישע זשורנאַליסטישע, שרייבערישע, געזעלשאַפטלעך־קינסטלע־רישע סקאָרפּאָראַציעס לויט די סקאַלאַשן נאָך. דער הויפּט־דאָקטאָר פון די

„איזוועסטיאַ‟, קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש ווינאָקוראָוו, אַ נעוראָ־
טעראַפּעווט, האָט אין דער מעדיצינישער געזעלשאַפט געפירט אַ דיסקוסיע,
לייקענענדיק די „בליי־ענדערונג פון דער פּסיכיק‟ ביי די דרוקער און
צייטונגס־אַרבעטער, אַ טעאָריע, וועלכע איינציקע מאָסקווער פּסיכאָאַנאַלי־
טיקער האָבן פּרובירט צו באַגרינדן. צוקוקנדיק זיך און דערלערנענדיק
די פופצנהונדערט אַרבעטער, באַאַמטע און צייטונגס־מיטאַרבעטער פון
קאָמבינאַט „איזוועסטיאַ‟, האָט דער דאָקטאָר ווינאָקוראָוו נישט געפו־
נען אָט די „בליי־ענדערונג פון דער פּסיכיק‟. די הויפּט־אויפמערקזאַמ־
קייט האָט ער ביי זיין באַאָבאַכטונג געשענקט די זעצער. דער זעקסטע־
שטאָק — די רעדאַקציע — איז נישט געווען טיפּיש בלויז פאַר די „איז־
וועסטיאַ‟ — דאָס איז געווען די ליטעראַרישע סאָוויעטישע אינטעלי־
גענץ, רעדאַקטאָרן, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן. דער פינפטער און פערטע־
שטאָק — די בוכהאַלטעריע, די אַדמיניסטראַציע — זענען געווען הרח־
בותדיק, עלעגאַנט און שטיל, פּונקט אַזוי ווי אַלע בוכהאַלטעריעס און
קאַנטאָרן. אַפילו אויף די פּראָדוציר־שטאָקן האָט דאָקטאָר ווינאָקוראָוו
נישט געהאַלטן אַלס טיפּיש פאַר דער דרוק־פּראָדוקציע די ראָטאַציע־אָפּ־
טיילונג, די סטערעאָטיפּ־אָפּטיילונג און אַפילו די גאַלוואַניר־אָפּטיילונג: ביי
די ראָטאַציע־מאַשינעס האָבן געאַרבעט פּשוטע מעטאַליסטן, וועלכע וואָלטן
געקאָנט אַרבעטן ביי אַנדערע מאַשינעס, לאָמיר זאָגן ביי די שטאַנץ־מאַשי־
נעס אין דער קאַלטער אָפּטיילונג פון אַ מאַשינבוי־זאַוואָד, אין דער סטע־
רעאָטיפּ־אָפּטיילונג ווידער האָבן געאַרבעט גיסער, פּונקט אַזעלכע מעטאַל־
גיסער, ווי אין יעדן מעטאַלורגישן זאַוואָד. די חוט־השדרה און דאָס הויפּט־
געביט פון אויפמערקזאַמקייט, אויף וועלכן ס'קאָן געמאָלט זיין אַ „בליי־ענ־
דערונג פון דער פּסיכיק‟, איז געווען די זעצעריי, אין אַ קלענערער מאָס
די צינקאָגראַפיע און אין נאָך אַ קלענערער — די איינבינדעריי — אָבער
אויך דאָ האָט דאָקטאָר ווינאָקוראָוו די מינדסטע „בליי־ענדערונג פון דער
פּסיכיק‟ נישט געפונען. ער האָט געטענהט, אַז דער קאָמבינאַט פון די
„איזוועסטיאַ‟ איז אַ גרויסע און קאָמפּליצירטע פאַבריק — וואָס פו־
רעמט אויס די געשעענישן און אַרבעט אויס דעם אָרגאַניזירטן פּאָליטישן
געדאַנק, און ווערט באַדינט דורך פּשוטער אַרבעט פון פאַרשידענערליי
אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — אַ פאַבריק, ווי אַלע פאַבריקן. די ווינדע
איז געפלויגן איבער אַלע שטאָקן פון דער אונטערנעמונג. אויפן פינפטן
שטאָק האָט די ווינדע־באַדינערין אַרויפגעבראַכט מיליאָנען רובל אויף
שכירות, האָנאָראַר און צו באַצאָלן פאַרשידענע חשבונות. דער פערטע־

שטאָט האָט אויפגענומען די ריזיקע סומעס, וואָס זענען איינגעצאָלט געוואָרן פאַר דעם אַבאָנאַמענט, ווי אויך פאַר די אַנאָנסן. די בוכהאַלטעריעס אויפן פערטן און פינפטן שטאָק האָבן געהאַלטן אין איין העפטן די קאָמפּליצירטע אַזשורענע שפּיצן פון ציפערן, באַריכטן, סטאַטיסטישע דאַטן פון כּלערליי אַנדערע ביוראָקראַטישע שטאַכטעלייען. די ערשטע שטאָקן האָבן פאַרפּילפאַכט די פּראָדוקציע ביז איבער אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן. דער זעקסטער שטאָק האָט געשאַפן און אויסגעפורעמט די פּראָדוקציע — די געשעענישן, די פּאָליטישע אַמביציע און פּאָליטישע ציל־באַוווסטקייט. די ווינדע־באַדינערין איז אַרומגעפלויגן איבער די שטאָקן. די טעמפּעראַטור פון די געשעענישן האָט זיך שטענדיק אָפּגעשפּיגלט אין דער באַוועגלעכקייט פון דער ווינדע. די געשעענישן זענען געבראַכט געוואָרן דורכן לאַנד און דורכן לעבן. די געשעענישן זענען געוואָרפן געוואָרן אין לאַנד און אין לעבן אַריין.

פיר אַזייגער ביי טאָג האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע ענינים פון דעם נעכטיקן נומער. און אין דער זעלבער צייט האָט אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן דער מאָרגנדיקער נומער. די רעדאַקטאָרן, די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער, די פאַרוואַלטערס פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג, די געוויינלעכע „פלי־באַראַטונג", „טאַס" האָט געבראַכט דעפּעשן וועגן די היינטיקע געשעענישן אין פאַרבאַנד און פון דער גאָרער וועלט. ראַדעק און האַרי האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דיקטירן זייערע אַרטיקלען, די סקיצן און נאָוועלן פון פאַרשידענע שריפטשטעלער האָבן געוואַרט אויף זייער ריי. די באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט באַהאַנדלען דעם נעכטיקן נומער. די באַראַטונג האָט באַטראַכט דעם לייט־אַרטיקל, הייסט עס אויך דעם גאַנצן פּרצוף פון מאָרגנדיקן נומער. דער לייט - אַרטיקל איז גלייך אויפן אָרט געשריבן געוואָרן. גלייך נאָך דעם לייט - אַרטיקל האָט דער פאַרוואַלטער פון דער סאָוויעטישער בויאונג זיך געאַמפּערט מיט דעם פאַרוואַלטער פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג וועגן דער צאָל שורות. אין אַ צימער זענען געזעסן סטענאָגראַפיסטקעס און פונאַנדערגעשפּרייט די טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט לענינגראַד, כאַרקאָוו, סווערדלאָווסק. דער מאָרגנדיקער נומער האָט שוין באַקומען זיין פאָרם. די אָפּטיילן האָבן באַקומען זייערע טעמעס און צאָל שורות. די אונטער־שטריך אַרטיקלען האָט מען אַרויסגעשלעפּט פונם רעזערוו. די מיטאַרבעטער זענען אַוועק אין זייערע קאַבינעטן ברענגען אין אָרדענונג די טעמעס און די שורות. איניקע האָבן

זיך געזעצט שרייבן, אייניקע האָבן דיקטירט. און אַנדערע — גענישטערט אין זייערע שופלאָדן. דער טעלעגראַף און טעלעפאָן האָבן געבראַכט אַלץ נייע און נייע געשעענישן פון יאַפּאַן, פון אַמעריקע, פון דניעפּראָפּעט־ראָווסק, פון אינזל קאַלגויעוו, פון געלאַגן־צוזאַמענפאָר אין מורמאַנסק. די אַלע געשעענישן זענען געווען טאָגטעגלעכע זאַכן. דער געראַנק פון מאָרגנדיקן טאָג איז שוין געווען פאַרטיק. ביים סעקרעטאַר פון רעדאַקציע און ביים רעדאַקטאָר האָבן זיך אָנגעפאַנגען די אויפנאַם־שעהן. דער פּאָעט פאַסטערנאַק האָט געבראַכט זיינע איבערזעצונגען פון דער גרו־זינישער פּאָעזיע, א נאָמענלאָזער מאַן האָט דערציילט, אַז ער האָט צוויי יאָר פאַרבראַכט אין איגאַרק, דאָרט געשריבן א טאָג־בוך, ער וואָלט א בעלן געווען די טאָג־ביכער אָפּדרוקן אין דער צייטונג און דערפאַר באַ־קומען א קאָרעספּאָנדענץ־קאַרטע, ווייל מאָרגן פאָרט ער אָפּ אין טאַדזשיקער רעפּובליק. א שטאַפעט האָט געבראַכט א פּאַקעט פון ציק. אומרערוואַרט און פריילעך, אין אָנגעזעגנצטע שטיוול, האָט זיך אין קאַבינעט אַריין אַריינגעריסן איסקראַ, דער וואַנדער־קאָרעספּאָנדענט פון „איזוועסטיא“ און אָנגעהויבן צו דערציילן מעשהס וועגן קוזנעצבוי, פונוואַנען ער איז ערשט היינט אינדערפרי געקומען צופאָרן, — דער סעקרעטאַר פון רע־דאַקציע האָט גלייך אָפּגעקילט זיין פריילעכקייט דערקלערנדיק, אַז נאָך היינט אינאָוונט פאָרט איסקראַ אָפּ קיין אַרכאַנגעלסק. אויף א ווילע איז אַריינ־געקומען זיך געזעגענען און איז גלייך אַוועק צום רעדאַקטאָר דער יאַ־פּאַנישער קאָרעספּאָנדענט פון טאַס, דער חבר נאַגי, — דער סעקרעטאַר האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט געענטפערט אויף דער דעפּעשע פון דעם אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט דיוראַנט און גלייך אויפן אָרט אָנגעשריבן דעם ענטפער. מען האָט געבראַכט א דעפּעשע פון פּאַריז פון זשאַק סאַדול — צוויי הונדערט שורות, דער סעקרעטאַר האָט זי פאַר־קירצט אויף פינף און זיבעציק. עס איז אַריינגעקומען געזעגענען זיך דער שרייבער סערגיי אַרבעקאָוו, וועלכער פאָרט אָפּ מיט אַן אויטאָ אין אי־וואַנאָווער געגנט, קיין פּאַלעך, אויף א גאַנצן זומער.

מאָסקווע האָט זיך איינגעהילט אין פינסטערניש. די ווינדע האָט גע־פירט אין רעדאַקציע אַריין ידיעות פון פאַרבאַנד און דער גאָרער וועלט. פון זעקס ביז האַלב צען אַזייגער האָט די ווינדע אַלץ ווייניקער און וויי־ניקער געאַרבעט. די ראָטאַציעס האָבן געשוויגן. די ביוראָען זענען געווען פּוסט. די ראָטאַציע־מאַשינעס האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן פינף מינוט צו צוויי. די ווינדע איז דעמאָלט געווען נישט טעטיק, ווייל די מאַטריצן פון די געשעענישן זענען שוין געווען אָפּגענאָסן.

מויזנטער סילאָמעטער ווייט פון מאָסקווע — אַלצאיינס צי אין מזרח־זייט, צי אין צפון, צי דרום, זענען צוויי מאָן געזעסן א האַלבן מעטער ווייט פון דעם פערדס־עק. זיי זענען געווען דורכגעפרוירן, מיד. עס קאָן זייער גרייַלעך זיין, אַז איינער פון זיי איז אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער ,,איזוויעסטיאַ" — עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז ער איז אַ פּאָרזיצער פון אַ קאָלווירט. זיי זענען געקומען צופאָרן אין דאָרף אַריין, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אויסגעווישט די שטיוול און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט האָט אויפגעעפנט די צייטונג. זיינע אויגן זענען געווען מיד. זיינע אויגן זענען געוואָרן אַ אויפגעלעבט־פרייַלעך, אַ דערשראָקן איינציייטיק, אָבער בשום אופן שוין נישט מיד.

— ווען אונז! פון אונז שרייבט מען?! — האָט ער זיך אָנגערופן צעשראָקן און מונטער־פרייַלעך.

— — — ,,301, 38־טע סטריט. ניו־יאָרק סיטי" — — — — — — אַמעריקע — — פּאַר. שט. — — — — — — — — —

# קאַפּיטל צוויי

דאָס ענדערן פאַמיליע־נעמען, דאָס פאַרבייטן זיי אויף פּסעוודאָנימען, האָט זיך גענומען און נעמט זיך צוליב פאַרשידענע סיבות: ביי אַקטיאָרן און שרייבער פריער פאַר אַלץ מחמת ריין עסטעטישע טעמים. פון ציפּליקאָוו ווערט ווערשינין, פון ריבין — וואָלסקי. קעלער איז אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעקאָוו, — אגב, האָט דאָס קעלער געטאָן אויך צוליב דעם, וואָס קעלער איז אַ דייטשע פאַמיליע, און קעלער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן בשעת דער וועלט - מלחמה, דער עסטעטיזם, ווידער, האָט זיך דאָ אויסגעדריקט אינם אויסוואַל פונם פּסעוודאָנים, וועלכער האָט זיך גיכער געפּאַסט פאַר לערמאָנטאָווס צייטן, בשעת דעם „דעראָבערן״ קאַווקאַז, און מחמת דער גרויסער ליבשאַפט צו קאַווקאַז, אײדער פאַר די יאָרן, וואָס האָבן זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן נאָך דער וועלט־מלחמה. און נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין רוסלאַנד — אין פ. ס. ר. ר. — אָנגעהויבן יאָרן פון איבערבוי פון די מענטשלעכע פאַרהעלטנישן, פון מענטשלעכער אַרבעט און אויף אַזאַ אופן, פון מענטשלעכן איבערבוי בכלל. וואָס שייך דער מענטשלעכער אַרבעט, דאַרף ביים סאָציאַליזם די מענטשלעכע אַרבעט גיין האַנט ביי האַנט מיט דער קונסט, פאַרוואַנדלענדיק זיך אַליין אין קונסט. ביים שרייבער איז דער קעגנשטאַנד פון זיין אַרבעט, די קונסט גופא, פון דעם איז אָבער נישט געדרונגען, אַז אַלע שרייבער זענען סאָציאַליסטן. אָט די לאַגע, — אָט דאָס טאַקע, וואָס דעם שרייבערס אַרבעט איז קונסט, — האָט זיכער פאַרשווערט דעם שרייבערס וועג צום סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע אַרבעט, זי איז אויך קונסט, — איז דורכאויס די אַרבעט פון קאָלעקטיוון באַוווּסטזיין. די שרייבער, ווידער, האָבן געאַרבעט אייגנציקווייז, ביחידות, און אויסגעכאָוועט זייערע אינדיווידואַליטעטן, ווו פּושקין איז נישט ענלעך צו לערמאָנטאָוון, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט, אַז פּאַסטערנאַק זאָל נישט זיין ענלעך צו מאַיאַקאָווסקין, און ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו צו קאָנסטאַנטין פעדין און אַרבעקאָוון — אַרבעקאָוו, איוואַנאָוו, דעמיאַן, בעדני, גלאַדקאָוו, טאָלסטאָי, לעאָנאָוו, מאַיאַקאָווסקי, פּאַסטערנאַק, פעדין, קירשאָן, שאָלאָכאָוו זענען רעוואָלוציאָנערע רוסישע שרייבער פון פאַרשידענע ליטעראַרישע און סאָציאַלע

אײנשטעלונגען, װאָס מאַכן די ליטעראַטור און זײַנען נישט ענלעך אײנער צום אַנדערן.

אַרבעקאָװ האָט פֿאַר זיך אױסגעאַרבעט דעם זומער־אָרלױב. ער איז געפֿאָרן קײן פֿאַלעך, אין דעם איװאַנאָװער אינדוסטריעלן ראַיאָן, אין די עלטסטע רוסישע װאָלאָדימיר־סוזדאַלער קאַנטן. ער איז געפֿאָרן מיט אַן אױטאָ, כּדי צו האָבן די מעגלעכקײט אַרומצובלאָנקען איבער דער געגנט. אין איװאַנאָװאָ האָט ער אױפֿן װאָקזאַל געדאַרפֿט באַגעגענען די פֿרױ און דעם זון מיט דער ניאַניע, װעלכע זײַנען געפֿאָרן מיט דער באַן, כּדי זיך נישט צו העצקען איבער די װעגן־גריבער.

דער אױטאָ איז אַרױסגעפֿאָרן פֿון מאָסקװע זיבן אַזײגער אין אָװנט. געפֿאָרן זײַנען, אַרבעקאָװ, זײַן חבֿר, דער אַרבעטער און אױטאָמאָ־ביליסט סיניצין, יאַקאָװ אַנדרײעװיטש, און נאָך אַ דריטער, דער רעסטאָ־װראַטאָר פּאַװעל פּאַװלאָװיטש קאַלאַשניקאָװ, װעלכן סיניצין האָט גלײך געקרױנט מיטן נאָמען מ אָ נ אַ ך.

קאַלאַשניקאָװ איז צוגעקומען גאַנץ אומדערװאַרט.

אַרבעקאָװ האָט דעם גאַנצן פֿרילינג געזאַמלט מאַטעריאַל װעגן רוסישן 17־טן יאָרהונדערט. אַנאַ אַנדרײעװנאַ אַכמאַטאָװאַ האָט אַרבע־קאָװן געשאָנקען אַ בוך װעגן די טולער און קאַשירער מעטאַלורגישע זאַװאָדן פֿון 17־טן יאָרהונדערט. אין דעם האָזיקן בוך האָט זיך דער־צײלט װעגן דרײַ אױסלענדער, װעגן אַנדרײַ װעניוס, פּעטער מאַרסעליס און פֿילימאָן אַלעמאַ, װאָס האָבן — צום ערשטן מאָל אין רוסלאַנד, אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד, — געבױט מעטאַלורגישע זאַװאָדן. די אומשטענדן בײַ װעלכע די דאָזיקע זאַװאָדן זײַנען געבױט געװאָרן, זײַנען געװען אױ־סערגעװײנלעך אינטערעסאַנט. אָנרופֿן זײ מיט דעם נאָמען פֿעאָדאַלע מאַנופֿאַקטור — איז פֿאַלש, װײַל זײ זײַנען געװען די ערשטע קאַפּיטאַ־ליסטישע אונטערנעמונגען אין ראַסײ. אַנטשטאַנען זײַנען זײ אײנם יאָר, װען עס איז ענדגילטיק אױסגעשטאַלטיקט און פּאַרפֿעסטיקט געװאָרן דאָס ליבאײגנטום־געזעץ, אין יאָר 1649, און זײַנען לױטן אָפּמאַך מיט צאַר אַלעקסײ באַשאָנקען געװאָרן מיט ערד און מיט לײַב־קנעכט. דאָך האָבן זיך אָט די זאַװאָדן אָפּגעזאָגט פֿון לײַבקנעכט און זיך באַנוצט מיט לױן־אַרבעטער. די זאַװאָדן זײַנען געװען קאָנצעסיאָנירטע, זײ האָבן לױטן אָפּ־מאַך געגאָסן פֿאַרן קײסער האַרמאַטן, געטאָקט לופֿעס און געשמידט שװערדן, אָבער — חוצדעם — האָבן די דאָזיקע זאַװאָדן דורך אַרכאַנ־געלסק, מיטן װײַסן ים, טראַנספּאָרטירט האַרמאַטן אױף די האָלענדישע

מערק און אין דער פרײשטאָט האַמבורג, —דאָס הייסט, אַז ראַסיי האָט אין 17־טן יאָרהונדערט עקספּאָרטירט אײַזן קיין אייראָפּע, און דאָס דאָזיקע אײַזן האָט קאָנקורירט מיטן אייראָפּעיִשן — מיט דעם שוועדישן אין דער ערשטער ריי. אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געווען קאָנצעסיאָנירט און אונטערגעוואָרפן דעם אויסלאַנדס־אַמט, זענען די דאָזיקע זאַוואָדן גע־וואָרן אַ מלוכה אין אַ מלוכה, זיי זענען נישט געווען אונטערגעוואָרפן נישט דעם וואָיעוואָדע, נישט דעם סטאַראָסטע, און זיך געפירט לויט אייגענע געזעצן. זיי האָבן אָבער עקזיסטירט אין אַ פעאָדאַלער מלוכה, און עס איז אַנטשטאַנען אַן אויסטערלישער סאָציאַלער קאָנגלאָמעראַט: אוואַנטו־ריסטן ־ אונטערנעמער און אַרבעטער וועמענס רעגיסטער עס האָט זיך אויפגעהיט ביזן הײַנטיקן טאָג, ווו קעגנאיבער יעדנס פאַמיליע־נאָמען פון אַרבעטער שטייט געשריבן: „הייסן הייסט ער פּעטרושקאַ און געבוירן געוואָרן איז ער דאָ אויפן זאַוואָד, און זיין פאָטער — פון וועלכער שטאָט ער איז געקומען, דאָס געדענקט ער נישט" — אוואַנטוריסטן־אונטער־נעמער און אַנטלאָפענע אַרבעטער, די זעלביקע לייב־קנעכט, וועלכע זענען געלאָפן פון דעם איינגעפירטן לייב־אייגנטום „געזעץ" אין גאַנץ ראַסיי פון 17־טן יאָרהונדערט — פון דעם גאָדונאָווישן יורי־טאָג*) אָן ביזן דאָן, ביזן יאַאיק, ביזן גוריעוו, ביז סטעפּאַן טימאָפייעוויטש ראַזין. ווענגיוס איז געווען אַן אָפיציעלער איבערזעצער ביים אויסלאַנדס־אַמט פון צאַר אַלעקסיי, מאַרסעליס האָט געבויט דאָס אַרכאַנגעלסקער גאַסט־הויז, דאָס הייסט די אַרכאַנגעלסקער האַנדלס־פּעסטונג, ווענגיוס, מאַרסע־ליס און אַקעמאַ זענען געווען קרובים למלכות, און די אַרבעטער אויף די זאַוואָדן האָבן נישט נאָר געלייענט ראַזינס פּראָקלאַמאַציע־בריוו, נייערט זיך אויך באַטייליקט אין דער ראַזין־באַוועגונג. עס קאָן זיין, אַז דאָרט, אויף אָט די זאַוואָדן, אין 17־טן יאָרהונדערט קאָן מען געפינען איינס פון די ערשטע קאַפּיטלעך פון דער רוסישער אַרבעטער ־ באַוועגונג? — אַלנפאַלס, זענען די דאָזיקע זאַוואָדן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דער רו־סישער מעטאַלורגיע.. אַרבעקאָוו האָט אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס זענען צעוואָרפן איבער דעם 17־טן יאָרהונדערט. ער האָט אָנגע־

---

*) אין יענעם טאָג האָט דער רוסישער צאַר באָריס גאָדונאָוו אַרויס־געגעבן אַ געזעץ, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס דער ערשטער אַקט פון איינפירן פּאָנשטשיזנע.

טראפן אויף א מענגע אומשטענדן, וועלכע האבן אים געשיינט צו זיין קערנער פאר ראמאנען און געשטאלטן. מארסעלים האט אין דארף דעדינאוו אונטער קאלאכינע זיך באטייליקט אין דעם בוי פונם ערשטן רוסישן פרעגאט „אריאל‟. דער זעלבער פרעגאט, וואס סטעפאן ראזין האט, אין אנדערטהאלבן יאר ארום נאכן אראפלאזן אים אויפן וואסער, פארברענט אין אסטראכאן. און טאקע דארט האט ארבעקאוו זיך אנגעשטויסן אויף אן ארכיוו־פראזע פון פעטער מארסעליסעס ביטע־בריוו, ווו מארסעלים שרייבט צום צאר אלעקסיי, אז דער רעדינאווער וואיעוואדע זאמוראווסקי האט „ארויסגעשיקט אלע קאזאקן און ערד־ארבעטער קיין וואראנעזש אויף דינע, גרויסער האר און קייסער, שיפבויעריען‟, — דאס איז געווען אין יאר 1674 — דאס הייסט: אז דער וואראנעזשער פלאט האט זיך אנגעהויבן בויען נישט אין פעטער דעם גרויסנס צייטן, נאר — אין אלעקסיים. די ארכיוון האבן איבערגעקומט די געשיכטע. דאס נאכזוכן ארכיוו־מאטעריאלן האט ארבעקאוון אראפגעבראכט אין היסטארישן מוזיי, אין דער לענין־ביבליאטעק, און — ווי עס טרעפט אלעמאל, מיט א מענטש, וואס שענקט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט און צייט א נייעם וויסן־געביט — האט דאס אים דערנענטערט דעם 17־טן יארהונדערט, גלייך ווי ער וואלט ערשט נעכטן געווען. עס זענען צוגעקומען באקאנטע, וועלכע האבן זיך בעסער אריענטירט אין 17־טן יארהונדערט, איידער אין פרילינג 1935. די נייע פריינט האבן אים געבראכט מתנות: זיי האבן אים געשענקט א פינף־רערנדיקן לייכטער פון זיבעצנטן יארהונדערט מיט א צארישן צווייקעפיקן אדלער. א פאן, א מעשענעם טינטער מיט צוויי רינגעלעך, ווייל, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האבן די שרייבערס אין 17־טן יארהונדערט געטראגן די טינטערס צוגעבונדן צום גארטל, פונקט אזוי ווי זיי פלעגן טראגן די געניזענע פעדערס הינטערן אויער, כדי אלע זאלן זען מיט וועמען מען האט צו טאן.. און מען האט אים אויך געשענקט א טריפטיק, א צונויפגעלייגטן מיט דריי איקאנעס, אין א קעסטעלע, באשלאגן מיט דיקן לעדער און אייזן. דער טריפטיק איז געווען באשריבן, — דער, וואס האט דאס געשענקט, האט געזאגט, אז ער וועט שיקן א רעסטאווראטאר. ארבעקאוו האט לחלוטין נישט געדארפט אט דאס געשענק, אבער מען האט דאס אים צוגעטראגן מיט אזא יראת־הכבוד, אז ארבעקאוו האט צוגענומען דאס געשענק און מיט א טאן פון א מבין און ליבהאבער פון 17־טן יארהונדערט זיך אנגערופן:

— נו, יא, געוויס, ס'איז אומבאדינגט נויטיק א רעסטאווראטאר,

זיט אזוי פרינטלעך און שיקט מיר אום צו, איך דאנק אייך זייער און זייער!...

און דער דריטער, וואס איז מיטגעפארן מיט סערגיי איוואנאוויטש, אין אויטא, איז טאקע געווען אט דער רעסטאווראטאר פאוועל פאוולא־וויטש קאלאשניקאוו. געקומען איז ער צו ארבעקאוון צוויי טעג פאר זיין אפפאר, איינדערפרי, נישט מעלדנדיק אפריער. לאנג שוין זענען אין רוס־לאנד פארשוואונדן די מייסטערישע קאשקעטן מיט די גלאנצנדיקע דאש־קעס, דער מייסטערישער בגד, וואס זעט אויס ווי א מין רעקל און סור־דוט צוזאמען. די שטיוול מיט די פאלדן, ווי א הארמאשקע, דאס העמד איבער די הויזן און א פאסיקל מיט טראלדן. און איינגאנצן איז שוין פאר־שוונדן געווארן די פריזור אין א „רעדעלע", די בערד און די וואנסן פון האלבדיאקישן פאסאן. דער גאסט איז געווען, אי געשוירן אין א „רע־דעלע", אי דאס שיטערע בערדל האט געשפראצט פון האלדז, אי דער קאשקעט זיינער איז געווען מיט א גלאנציקן דאשעק, געווען איז ער שווארץ, א קראארטיקער. א הונדערטיעריקער. ער האט זיך פארגעשטעלט:

— פאוועל פאוולאוויטש קאלאשניקאוו, א קינסטלער - רעסטאווראטאר, — און א שמייכל געטון מיט די קינדערישע אויגן. ער האט א גלעט געטון דעם טריפטיק, אזוי ווי א ביבליאפיל אן אינקונאבאלע. זיינע פינגער זענען געווען זייער לאנג, די הענט שלאבעריקע. אלט געווען איז ער א יאר פינף און צוואנציק, זיבן און צוואנציק. און ווירקלעך, זיינע אייגן האבן, דערזעענדיק דעם טריפטיק, זיך צעהעלט מיט אנטציקונג. ער האט אנגעהויבן רעדן מיט דער שפראך פון 17־טן יארהונדערט. עס איז געווען קלאר ווי דער טאג — א מבין, א מאן פון בארוף — א מין אליאשע קאראמאזאוו? — אי דאס אין יאר 1935! — מען האט אנ־געהויבן רעדן וועגן דער ביזאנטישער השפעה אויף דער רוסישער איקאנע־מאלעריי, וועגן נאווגאראדער, וולאדימירא־סוזדאלער, יאראסלאווער און מאסקווער סטילן פון איקאנע־מאלעריי. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז קאלאשניקאוו איז א גרויסער בקי נישט נאר אין איקאנע־מאלעריי, נייערט אין דער גאנצער רוסישער געשיכטע. ארבעקאוו האט געפרעגט:

— איר זענט, אפנים, אן איקאנע־רעסטאווראטאר פון דור־דורות? צי זענט איר אמאל נישט קיין פאלעכער?

— ניין, איך בין א מאסקווער. פון קינדהייט אן האט מיך געצויגן צו אלטערטימלעכקייט. מיין פאטער איז א סטאליער. נאכדעם ווי איך האב געענדיקט די זיבן־יאריקע שול בין איך אוועק זיך לערנען אין די

מלוכהשע רעסטאווריר־וואַרשטאַטן, איך האָב זיי געענדיקט און אַרבעט.

און קאַלאַשניקאָוו האָט אויך געפרעגט:

— און איר זענט געווען אין די אויסלענדישע מקומות?

— געווען. — האָט אַרבעקאָוו געענטפערט. — אַ סאַך מאָל געווען.

— און מיר איז נישט אויסגעקומען צו זיין, איך קאָן זיי נישט, — איך בין מיך אָבער משער, אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, ווי דאָס רוסישע פאָלק. דאָס רוסישע פאָלק איז אַ טייער פאָלק, אַ האַרציקס, אַ קולטורעלס, אַ קלוגס, — פּאַוועל פּאַוולאָוויטש האָט אַ ווײַלע געשוויגן, — אַ צוגעלאָזט פאָלק. איך, ווען איך האָב נאָר פרייע צייט, וואַנדער איך, מיט דער באַן און צופוס. איך בין געווען אין וולאַדימיר... ביז סוזדאַל בין איך, צום באַדויער, נישט דערגאַנגען... איך בין געווען אין נאָווגאָראָד וועליקי, אין ראָסטאָוו וועליקי, אין פּערעיאַסלאַוו זאַלעסקי אין פּסקאָוו... דאָס אוראַלטע רוסישע פאָלק איז אַ צוגעלאָזן.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך געקליבן קיין פּאַלעך. דער וועג איז געווען דורך וולאַדימיר, סוזדאַל, איוואַנאָווא, שויע. מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק, אין יאָר פון דער וועלט־מלחמה, איז דער אָ פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו אַלט געווען אַ יאָר פינף־זעקס. מלחמה, רעוואָלוציע, אַ נייע לאַנד, נייע דורות, — און פאַר אַרבעקאָוון, מיטן טריפּטיק אין די הענט, איז געזעסן אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון 17־טן יאָרהונדערט, און דערביי האָט דער יונגערמאַן געהאַט מאָגערע אויגן און פינגער, אָבער דער קערפּער זיינער איז געווען וווקסיק, דיק און זאַט. אָט אַזעלכע פאַרשוינען האָט אַרבעקאָוו נאָך נישט געזען, — אַ שטיל יונגערמאַנטשיקל, אַ צוגעלאָזנס, אַ מייסטער־רעסטאַוראַטאָר פון איקאָנעס, אין וועלכן אַרבעקאָוו נויטיקט זיך אַבסאָלוט נישט. אָבער גוט באַאָבאַכטן און צעקייען דאָס יונגערמאַנטשיקל איז זייער טשעקאַווע.

אַרבעקאָוו האָט געזאָגט:

— איבערמאָרגן פאָר איך קיין איוואַנאָווא, מיר וועלן דורכפאָרן דורך וולאַדימיר און סוזדאַל...

— צום פּאָקראָוו, פּאָקראָוו אויף דער נערלע דאַרף מען אַריינפאָרן, אומבאַדינגט מוז מען דאָרטן זיין, און באָגאָליובאָוו טאָר מען אויך בשום אופן נישט אויסמיידן, — האָט פּאַוועל פּאַוולאָוויטש זיך אַ כאַפּ געטון און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט זיי באַהאַלטן ערגעץ אין זיינע זכרונות.

— איז ווייסט איר גאָר וואָס, פאָרט מיט מיר. איר וועט צופאָרן

ביז איוואַגאָווע, און פון דאָרטן וועט איר צוריקפאָרן מיט דער באַן. קומט איבערמאָרגן דריי אַ זייגער בייטאָג.

פּאַוועל פּאַוולאָוויטש איז רויט געוואָרן, ווי אַ מיידל, נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ פליסטער געטון:

— איך וועל פאָרן... איך וועל פאָרן, אויב איר וועט נאָר ערלויבן... צוועלפטער יאָרהונדערט! יאָרהונדערטן!

געקומען איז פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו פּונקט דריי אַזייגער.

— אָנגעטון איז ער געווען אין אַ מין מאַלאַמירע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ גלחישער אויבערבגד, אָן זאַכן, אַפילו אָן זייף און אַ האַנטעך... יאַקאָוו אַנדריעוויטש, דער אַרבעטער און אויטאָמאָביליסט, האָט גלייך געקרוינט פּאַוועל פּאַוולאָוויטשן מיטן נאָמען מ אָ נ אַ ך און אומגוציקער באַלאַסט. מען האָט פּאַרשפּעטיקט, אַרויסגעפאָרן איז מען זיבענע. ביים רודער האָט זיך געזעצט אַרבעקאָוו. יאַקאָוו אַנדריעוויטש האָט אין מיטן גאַנג באַדינט די מאַשין זיך צוגעהערט ווי דער מאָטאָר אַרבעט, ווי די רעסאָרן סקריפּען. ביז נאָגינסק איז מען געפאָרן 50 מינוט, — פון נאָגינסק האָט מען שוין ביי יעדע צען מעטער דערמאָנט דעם צודאָרטראַנס*) גאָר נישט מיט קיין געהויבענע ווערטער: דער וועג איז ווירקלעך געווען שרעקלעך, פיל ערגער, ווי מען זאָל פאָרן מיט פעלד. דער מ אָ נ אַ ך האָט ביז נאָגינסק זיך פּשוט געקוויקט מיט דער שנעלקייט מיט וועלכער מיד־זענען געפאָרן און געהאַלטן אין איין פּרעפּלען: „איך פלי אַזוי ווי אויף אַ פלי־קאַבריצל פלי איך!“, און הינטער נאָגינסק האָט ער אויך געשעפּט תענוג — פון די נעפּלדיקע רוסאַלקע צעפּ, פון די פּייזאַזשן — צו יאַקאָוו אַנדריעוויטשעס וואַקסנדיקער אויפרעגונג און פאַרדרוס. יאַקאָוו אַנדריעוויטש האָט געשאָלטן דעם צודאָרטראַנס און נישט געקענט אָנקוקן די פּייזאַזשן, קוים לינגן זיי אַרום אַזאַ פאַטאַלן וועג, וואָס מאַכט אַ תל פון די רעסאָרן און שוינט נישט זיין, יאַקאָוו אַנדריעוויטשעס, האַראָוואַניע און נערוון.

די נעפּלען האָבן, ווירקלעך, פאַרפלאָכטן די וועג־גריבער. אין די נעפּלען האָבן געזונגען סאָלאָוויען, צענטליקער, הונדערטער סאָלאָוויען. אין די נעפּלען האָט זיך צעלאָזט די פּאָעזיע. די נעפּלען — די רוסאַלקע־צעפּ — האָבן דערמאָנט אין דעם רוסישן פּאַרקריסטלעכן פאָלקלאָר. די

---

*) צענטראַלנאַיע אופּראַוולעניע דאָראָג טראַנספּאָרטניך — צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון די טראַנספּאָרט־וועגן.

נאַכט האָט נישט געקאָנט איננאַנצן מנצח זיין דעם טאָג, דער אונט שטערן האָט זיך באַגעגנט מיטן מאָרגנשטערן. דער הימל איז געווען גרין, רחבותדיק. די גרינע פּייזאַזשן הינטער די נעפּלען, און אונטער דעם יוגי־הימל האָבן אויסגעזען ווי חלומות. ביטער און לאַקרעצדיס האָט געשמעקט מיט בערעזענע. דער אַלטער וולאַדימירער שאָסיי — דער וועג פון קאַטאָרזשניקעס און מסורות וועגן זיי, דער וועג פון גזלנישע אמתן. פון קייטן־געקלאַנג און טויט, — איז ער געווען צעאַקערט און צעגראָבן דורך די אויטאָס, וואָס פאָרן קיין גאָרקי און האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט דאָ אָנגעהויבן אַ נייעם געבוי. ביים וועג האָבן געברענט שייטערס, — ביי די שייטערס זענען געזעסן יאַטלעך, וואָס האָבן געהיט די פערד אויף די לאָנקעס, וואַנדערער און וועג־אַרבעטער. די שייטערס האָבן דערציילט וועגן די וולאַדימירער מסורות . פּאַוועל פּאַוולאָוויטש האָט הינטער די שייטערס, אין דעם שייטער־רויך געזען רוסאַלקעס, וועגן וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן. ביי איינעם פון די שייטערס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוקילן די מאַשין און עפּעס איבערצוקייען.

(און אויסגעהערט די געשיכטע פונם וואַלד־קייסער איוואַן, וועלכע וועט דערציילט ווערן וייטער — וועגן דעם צאַר איוואַן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קייסער אין יאָר 1919.)

קיין וולאַדימיר איז מען אין וועג פון רוסאַלקעס, קאַטאָרזשניקעס און צוהאָרטראַנס פּאָרט אָנגעקומען איינס אַזייגער באַנאַכט, און בשלום אָנגעקומען. אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אין אַ גאַסטהויז פון פאַר הונדערטער יאָרן, ווו עס פלעגט אין גאַנגאָלס צייטן, אומבאַדינגט פאַרפאָרן דעם שרייבער סאָלאָגובס פאַיעטאָנדל, און ווו דער שריפטשטעלער הערצען, ווען ער וואָלט לאַנג פאַרבראַכט אין וולאַדימיר, וואָלט ער געוויס זיך געגנומען צום גלעזל. דעם אויטאָ האָט מען איבערגעלאָזט אויף דער גאַס, ״אויפן ראָג, נישט ווייט פון מיליציאָנער־פּאָסטן, האַלטנדיק, אַז דאָס וועט פאַר אים זיין געזונטער, איידער מען זאָל אים לאָזן אויפן הויף, ווו עס האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט סאָלאָגובס פאַיעטאָנדל. דער מ אָ נ אַ ך האָט געהאַט אַ העפט, אין וועלכן ער האָט מיט דער קירכיש־סלאַוויאַנישער שריפט געהאַט אַריינגעשריבן אַלע ידיעות וועגן דעם וולאַדימיר־סוזדאַליער קאַנט. אויפן וועג קיין וולאַדימיר איז מען דערגאַנגען, אַז פון דעם מאָנאַך שפּירט זיך שטאַרק מיט ציבעלעס און אייל, און יאַקאָוו אַנדרייעוויטש, וועלכער איז איננאַנצן דורכגעזאַפּט געווען מיט בענזין און מאַזוט, האָט גאַנץ ערנסט געטראַכט, צי עס לוינט זיך בעסער נישט איבערצונעכטיקן

אין אויטאָ. געגעסן האָט מען פאַרן שלאָפן גיין, און דער מאָנאַך האָט מחמת צעשטרייטקייט אַריינגעשטעלט דאָס גאַנצע ברויט, וואָס האָט גע־דאַרפט קלעקן ביז איוואַנאָוואַ.

אינדערפרי איז מען געגאַנגען באַטראַכטן די אַלטערטימלעכקייטן. די געשיכטע פון וולאַדימיר איז פאַרבונדן מיט אַנדריי באָגאָליובסקי און זיין זון וסעוואָלאָד, מיטן צוועלפטן יאָרהונדערט. פון יענער צייט זענען פאַרבליבן אַלס זכר דער פעסטונג־טויער, וועלכן מען רופט גאָלדענער, און צוויי סאָבאָרן. פון דעם גאָלדענעם טויער ציען זיך גראָבנס, לעבן וועלכע מען ווייזט נעבני אָן, פונקט ווי דאָס וואָלט ערשט פאַראַכטאָגן פּאַסירט, דורך וואַנען די טאָטערן האָבן זיך בערך מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק אַריינגעריסן קיין וולאַדימיר. די קאָמונאַלע פאַרוואַלטונג פון וולאַדימירער ראַיאָנעם אויספּירקאָם האָט איצט אויף דעם גאָלדענעם טויער אויפגע־האַנגען אַן עלעקטרישן זייגער. די סאָבאָרן זענען פון 12־טן יאָרהונדערט,— איינער פון זיי האָט פאַר די לעצטע 25 יאָר געפּלאַצט, די ווענט קרישלען זיך און וועלן איינפאַלן, אויב עס וועלן אַהער נישט אַראָפּקומען רעס־טאַווראַטאָרן־אַרכיטעקטן און פאַרפעסטיקן די שפּאַלטן. אַלע זיילן און געוועלבן אין דער וולאַדימיר־סוזדאַלער קלויסטער ־ אַרכיטעקטור זענען אָנגעשפּאַרט אויף לייבן. ווי קומען אין צוועלפטן יאָרהונדערט די דאָזיקע לייבן אַהער אויף דער קליאַזמע און נערלע? עס איז פאַראַן אַן אָפּשריפט פון אַ קראָניק, אַז אַנדריי באָגאָליובסקי איז געווען אַ קרוב מיט פרידריך באַרבאַראָסאַ און עס איז פאַראַן אַן השערה, אַז די סאָבאָרן האָבן געבויט לאָמבאַרדישע אַרכיטעקטן. און זיי הייסט עס, האָבן אַראָפּגעבראַכט אָט די לייבן. אָבער ביי די שוועדן, ביי די נאָרוועגער, דענער, פינלענדער איז דער נאַציאָנאַלער הערב אַ לייב — איז אפשר הייסט עס, פון דאָרט זענען דאָס אַראָפּגעבראַכט געוואָרן די לייבן אונטער די וולאַדימירער זיילן? — און אַנדריי באָגאָליובסקים מלוכה הערב — ווי האָט ער אויסגעזען? — און וולאַדימירער אוספּענסקי סאָבאָר, טאַקע אין דעם זעלבן, וואָס איז באַלאַגערט געוואָרן דורך די טאָטערן און איז געווען די לעצטע ציטאַדעל פון די וולאַדימירער, — אין אָט דעם סאָבאָר זענען געלעגן די מאָשטשעס פון אַנדריי באָגאָליובסקי און עס האָבן זיך אויפגעהיט די פרעסקעס פון אַנדריי רובלעוו, און עס זענען אויך אָפּגערייניקט געוואָרן די פרעסקעס פון צוועלפטן יאָרהונדערט, וועלכע די גריכן האָבן נאָך געמאַכט — די קראָניקעס דערציילן וועגן באָגאָליובסקין, אַז מחמת זיין שטאָלץ און מאַ־יעסטעטישקייט האָט ער קיינמאָל נישט געבויגן דעם קאָפּ, און אפילו

בשעתן שלאף, נישט צוגעמאַכט די אויגן און אַז אומגעקומען איז ער פון דעם, וואָס דער באָיאַר קוטשקאַ מיט זיינע זין זענען אים באַפאַלן און צעממיתט מיט זייערע שפּיזן, דערביי האָבן די באָיאַרן פון טיפער שנאה געהאַקט מיט די שפּיזן אַפילו דעמאָלט, ווען באַגאָליובסקי איז שוין גע־פאַלן אַ טויטער. די מאָשטשעס פון אַנדריי באַגאָליובסקי זענען געעפנט און אריבערגעטראָגן געוואָרן פון סאָבאָר אין מוזיי אַריין. קיין מאָשטשעס זענען דאָס נישט געווען, אינם אָרון זענען געלעגן בלויז ביינער, אָבער די ביינער האָבן באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס איז געשריבן געווען אין קראָניקע. אויף אַ סך ביינער, אויף די ביינער פון די הענט און פיס, אויף די ריפּן, אויפן שאַרבן זענען דאָ קענטיקע סמנים פון קלעפּ מיט אַ שפּיז. די גיסטאָ־לאָגן פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָבן געפּאָרשט אָט די ביינער. די קלעפּ האָט דער מענטש געקריגן אויך נאָכדעם, ווי ער איז געפאַלן אַ טויטער פון די ערשטע קלעפּ. די גיסטאָלאָגן האָבן אויך פעסטגעשטעלט, אַז אַנדריי באָגאָליובסקי האָט געליטן אויף דער באַזראָווער קרענק, די קנאָכן פון דער חוט־השדרה זענען געווען ביי אים צונויפגעוואַקסן און — נישט מחמת שטאָלץ און מאַיעסטעטישקייט האָט אַנדריי באָגאָליובסקי נישט געבויגן דעם קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן, נאָר מחמת דעם, וואָס ער איז געווען קראַנק. פירשט אַנדריי באָגאָליובסקי איז געווען אומגעהויער הויך געוואָקסן — מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון צאַר פּעטער דעם גרויסן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט גענומען אין די הענט אַריין דעם שאַרבן און די ביינער פון דעם פירשט פּעאָדאַל. קיין שום הייליקן שוידער האָט ער נישט געפילט — מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק איז דער מאַן, וואָס האָט באַזיצט אָט די ביינער, געווען שרעקלעך. פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשני־קאָוו איז געשטאַנען נעבן די ביינער אַ שווייגנדיקער, מעשה מאָנאַך. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט גענומען אין האַנט דעם שאַרבן, אים אָפּגע־וויגן, צוריק אַוועקגעלייגט אויפן אָרט און זיך אָנגערופן צו אַרבעקאָוון:

— און ווי מיינט איר, סערגיי איוואַנאָוויטש, מיט איין אויטאָ אונ־זערן וואָלטן מיר געקאָנט דעראָבערן באָגאָליובסקיס גאַנצע מלוכה?... — איך וואָלט זיך דאָס אונטערגענומען. איך וואָלט אויף זיי אַרויפגעפאַלן, ווי אַ גאָט. פון איין טרומייטער מייגעם וואָלטן זיי זיך צעלאָפן... נאָר אָט, בשעת מיר וואָלטן געשלאָפן, וואָלטן זיי אונז, מעגלעך געפּאַקט?... אָדער, ווען דער בענזין וואָלט זיך ביי אונז אויסגעלאָזט?...

אויפן ראָג לעבן דעם גאַסט ־ הויז האָט דער מיליציאָנער פּאַרלאָזט זיין פּאָסטן און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אויטאָ, געבעטן די קונדייסים

זיי זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן, און פּאָר די דערוואַקסענע האָט ער געלייענט אַ לעקציע וועגן סאָוויעטישן אויטאָמאָביל בוי. דער טאָג איז געווען אַ זעלטן שיינער — מיט זון, מיט ווינט, מיט בלויען הימל, מיט לופט, מיט רחבות. די סאָלאָוויען האָבן גאָרנישט באַמערקט דעם פּרימאָרגן און געזעגנען אינמיטן וולאַדימיר, דער שטאָט, אין טוי און אין דער פּרימאָרגן־בלויער ליוטערקייט. אינדערפרי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וולאַדימיר, איז גאָר ניט אַזאַ פאַרשלאָפענע אַלט־פרענקישע שטאָט, עס האָט ממש געווימלט מיט יונגוואַרג, שילער, מיידלעך און יינגלעך מיט לערן־ביכער אונטער די אָרעמס, עס האָט געווימלט מיט בליעכץ פון בעז און ווייניטשל־ביימער.

פון וולאַדימיר איז מען אַרויסגעפאָרן איינס אַזייגער בייטאָג, אין דער ריכטונג צו באָגאָליובאָוו און פּאָקראָוו אויף דער נערלע. אין באָגאָליובאָוו האָט זיך אויפגעהיט אַ טייל פון באָגאָליובסקיס פּאַלאַץ, אָט דער פּאַלאַץ, ווי לויט די נישט ריכטיקע מאָנאַרכיסטישע ידיעות, איז דערהרגעט און געהייליקט געוואָרן דער פירשט אַנדריי. אין באָגאָליובאָוו וווינט איצט און האַלט די מוזיי־שליסל פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש קרוגלאָוו, אַ מאַן, וואָס פונקט אַזוי ווי דער פירשט באָגאָליובסקי קאָן ער נישט איינבויגן דעם האַלז, אָבער מחמת גאָר אַנדערע סיבות: ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער, אַ רויטאַרמייער, זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט ביי פּערעקאָפּ און איז אַריינגעפאַלן צו די ווייסע; אויף זיין לייב זעט מען נאָך עד היום אַ פינף קאַנטיקן שטערן, וואָס מען האָט אים אויסגעשניטן בשעת דער אויספאָר־שונג; די ווייסע האָבן אים דערשאָסן, ער איז געווען באַגראָבן אין אַ ברודער־קבר; ער איז אַרויסגעקראָכן פון קבר פון אונטער די טויטע קערפּערס, און צוריקגעקומען אין דער אַרמיי, און ווידער זיך געשלאָגן מיט די ווייסע, די האַלז־מוסקולן זענען ביי אים צעמזיקט, ער קאָן נישט איינבויגן דעם האַלז. ער היט איצט דעם פּאַלאַץ און די געדעכעניש פון אַנדריי באָגאָליובסקי. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים געטראָפן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טיש, במעט אונטערן בעליק, ער האָט געווייסט זיין דירה, וואָס האָט זיך געפונען אין די מעטראָפּאָליטישע אַפּאַרטאַמענטן.

פּאָקראָוו אויף דער נערלע איז דער סאַמע בולטסטער סימבאָל פון פאַרוואָרלאָזטקייט. דער קלויסטער, וועלכער שטייט ביים סאַמע צונויפפלוס פון דער נערלע מיט דער קליאַזמע, צווישן פאַרגאָסענע לאָנקעס, איז אויף אַ מהלך פון עטלעכע קילאָמעטער אָפּגעזונדערט פון יעטווידן ישוב.

און אַרום קלויסטער זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש. דער קלויסטער
איז פֿאַרלאָזן פֿון אַלץ און אַלעמען. איינמאָל, אַפּנים, איז אַ גאַסרעגנדיקער
נאַכט האָבן אומגליקלעכע מענטשן, אַפּנים, געזוכט ערגעץ אַ נאַכטלעגע־
און, אַפּנים, אַנגעטראָפֿן אויף אָט דעם קלויסטער, — די טירן פֿונם
קלויסטער זענען געווען אייזערנע, פֿון ביזאַנטישן אייזן פֿון 12־טן יאָר־
הונדערט, אָבער די בײַשטײַדלעך זענען געווען הילצערנע, — און די אומ־
גליקלעכע מענטשן האָבן אונטערגעצונדן איינס פֿון די בײַשטײַדלעך, כּדי
זיך אַרײַנצובאַקומען אין קלויסטער אַרײַן. דאָ איז אַלץ אַזוי פֿאַרוואַרלאָזט
און פֿאַרלאָזט, אַז אַפֿילו ראָבן און קראָען, פֿייגל פֿון חורבן און אומקום,
האָבן פֿאַרלאָזט די טאָפּאָלן, וואָס רינגלען אַרום דעם קלויסטער. אַ ווײַסער
קלויסטער. זון, גרינס פֿון טאָפּאָלן, ווינט. אַפֿילו פֿייגל זענען פֿון דאַנעט
אַוועקגעפֿלויגן. אַ ווײַסטעניש. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש איז גאָר נישט נעגאַנ־
גען באַקוקן די אַלטערטימלעכקייטן, ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין
צווישן צוויי בערגלעך און איז אַרונטערגעקראָכן אונטער איר — אי פֿון
דער זון, אי כּדי אָנשמירן די רעסאָרן און נישט געאײַלט דורכקאָנטראָלירן
די פֿאַרשיידענע טײַלן. די אַלטערטימלעכקייט איז יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן
שוין דערעסן.

אַרום הרײַ אַזייגער איז מען אַרויסגעפֿאָרן קיין סוזדאַל. די וועגן
פֿון איוואַנאָווער אינדוסטריעלן ראַיאָן זענען געווען פֿיל בעסער פֿון דעם
וולאַדימירער שאָסיי. סוזדאַל, די שטאָט, וווּ עס זענען פֿאַראַן מער קלויס־
טערס איידער וווינונגס־הײַזער, די שטאָט פֿון די רוסישע — נישט אימ־
פּעראַטאָרן, נאָר — צאַרן, די שטאָט פֿון צאַרישן צאָרן און צאַרישן חסד,
פֿון מאָנאַסטירן און פֿאַרשיקונג פֿון צאַרינס און אַראָפּגעזעצטע פּאָפּעס,
האָט אויף יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן געמאַכט אַ דערהדריקנדיקן אײַנדרוק.
און ווירקלעך — זייער אַ סך קלויסטערס. און ווירקלעך, עס זענען דאָ
פֿאַראַן זייער פֿיל מערקווירדיקע דענקמעלער פֿון קלויסטערישער אַלטער־
טימלעכקייט פֿון 14־טן, 15־טן, 16־טן, 17־טן י.ה.. ווירקלעך, קאָן מען דאָ
אָנשרײַבן אַ ראָמאַן וועגן גורל פֿון דער פֿרוי אין מיטלאַלטער און וועגן
פּעטער דעם ערשטנס פֿרוי, וואָס איז פֿאַרשיקט געוואָרן אין סוזדאַלער
פֿרויען־מאָנאַסטיר. און ווירקלעך, פֿאַרבּרענגען אין אָט די יאָרהונדערטן
איז זייער פֿאַרמאַטערנדיק. און ווירקלעך, די אַלע יאָרהונדערטער זענען
בלויז חורבן. און מען דאַרף זיך צוזאַמען מיט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן
חידושן. אויף יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן האָט אַ דערדריקנדיקן אײַנדרוק גע־
מאַכט נישט די מאַיעסטעטישקייט פֿון די יאָרהונדערטער, נאָר — דער חורבן.

יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט אַרגאַניש נישט ליב געהאַט און נישט געקענט פאַרטראָגן — קאַליע געוואָרענע, צעבראָכענע און נישט פאַרענדיקטע זאַכן. אַלס נישט פאַרענדיקטס האָט ער געהאַלטן אויך די אַלטערטימלעכקייט. דער איינציקער דענקמאָל פון דער אַלטערטימלעכקייט, וואָס איז נישט חרוב געוואָרן און דערהויבט זיך אין זיין גאַנצער מיטלאַלטערישער פראַכט, אַן אויסגעפאַרבטער מיט ראָזער פאַרב, אַ שטרענגער און נישט צוטרעטלעכער, דאָס איז דער סוזדאַלער איזאָליאַטאָר, וואָס איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ מאָנאַסטיר־טורמע פאַר אַראָפּגעזעצטע פּאָפּעס.

די חורבות פון די סוזדאַלער מאָנאַסטירן, די איקאָנע־זאַמלונגען אין סוזדאַלער מוזיי, די קאָרסונער טויערן אין סוזדאַלער סאָבאָר — האָבן אויף פּאַוועל פּאַוולאָוויטשן געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ענדערן זיין מאַרשרוט און פאַרבלייבן אין סוזדאַל. ער האָט געוואָלט אַן עטעם טאָן מיט דער לופט פון 17־טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך געקליבן צו קוקן אויף די זעלביקע פּייזאַזשן און טאַקע דורך די זעלביקע פענסטער, וועלכע עס האָט געזען און דורך וועלכע עס האָט געקוקט פעטער דעם גרויסנס ערשטע פרוי. אַ געזונטער יונג, האָט ער זיך פון די סוזדאַלער אַלטערטימלעכקייטן אָנגעצונדן און צעהעלט ווי אַ נעסטאַר־ליכט. און ווירקלעך, עס האָט טאַקע פון אים זיך געשפּירט מיט שמן זית און ציבעלעס. דאָס וואָס אַרבעקאָוו איז אויסן געווען, איז דערגרייכט געוואָרן, — ער האָט געוווסט, אַז קאַלאַשניקאָוו גלויבט אין גאָט, האַלט, אַז די היינטצייטיקייט איז אַ „מתנה פון גאָט״ און אַז דער זיבעצנטער יאָרהונדערט איז פיל בעסער פון דער איצטיקער צייט און אַז אַלץ־מיט־אַן־אַנדער איז אָפּהענגיק און ווערט געאָרדנט דורך דעם איינ־און איינציקן און אין דער זעלבער צייט דריי־געשטאַלטיקן גאָט צבאות, וואָס איז אויך אדוני. אין יאָר 1935, אינם יאָר פון גרויסן ווילן און פאַרנונפטיקייט פון דער רעוואָלוציע, האָט דער דאָזיקער פּאַוול פּאַוולאָוויטש אויסגעזען ווי אַן אומזיניקייט, אָבער ער איז געווען אַ פאַקט. און היות עס עקזיסטירט דער דאָזיקער פאַקטישער מענטש מיט די הייליק־תמעוואַטע אויגן, וואָס האָט זיך נישט ליב צו וואַשן, און איז געפאָרן פון מאָסקווע אין אַ ווייטער נסיעה אָן אַ האַנטוך, און האָט טאַקע דאָרט אין מאָסקווע באַקומען כמעט העכערע בילדונג נאָר צוליב דעם, ער זאָל זיך אויסלערנען שרייבן מיט דער קלויסטעריש־סלאַוויאַנישער שריפט און כמעט רעדן אויף דער קלויסטעריש־סלאַוויאַנישער שפּראַך — איז, הייסט עס, אַז ערגעץ־ווו אין מאָסקווע, אין די מאָסקווער געסלעך, האָט זיך נאָך אויפגעהיט אַזאַ

סאָציאַלע סביבה, וועלכע שטויסט מענטשן צוריק צום זיבעצנטן יאָרהונ־דערט. פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו האָט שעמעוודיק געמאָלדן, אַז ער איז פאַרליבט אין סוזדאַל, פאַרשעמט געמאָלדן, אַז פון מאָסקווע איז ער אַרויסגעפאָרן בלויז מיט אַכצן רובל, פאַרשעמט געבעטן, מען זאָל אים באָרגן אַ צוואַנציק רובל, מאַנאַכיש זיך פאַרנויגט און איז אַוועק אין מוזיי איינצוּאָרדענען זיך מיט אַ נאַכטלעגער. אויפן וועג פון מאָסקווע קיין נאָ־גינסק, ווו דער וועג איז אויסגעפלאַסטערט, און יאַקאָוו איוואַנאָוויטש האָט זיך, הייסט עס, געפילט אויסגעצייכנט גוט, איז צווישן יאַקאָוו אַנ־דרייעוויטשן און פּאַוועל פּאַוולאָוויטשן פאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך.

— איצט דאַרף מען ערשט שיינע מיידלעך אָנטרעפן אויפן וועג, — האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש גוטמוטיק אַ זאָג געטון — און זיי איינלאַדן אויפן אויטאָ און זיך קושן מיט זיי.

— וואָס הייסט — קושן זיך? — האָט פּאַוועל פּאַוולאָוויטש גע־פרעגט.

— פּראָסט און פּשוט. מען שטעלט אָפּ די מאַשין, מען פאַרנויגט זיך און מען רופט זיך אָן: גוט מאָרגן, פרײַלין, פילייכט, פאָרט איר מיט?— זעצט אייך, מירן זיך קושן, עס זאָל אונז נישט לאַנגווײַלן.

— און זיי זעצן זיך? — האָט פּאַוועל פּאַוולאָוויטש געפרעגט.

— אויב מען זאָגט עס פריינטלעך, לוסטיק און נישט גראָביונגעריש, און דער עיקר אויב זיי זענען עטלעכע, צוויי, דריי אָדער פיר, וועלן זיי זיך אומבאַדינגט זעצן.

— און וועלן זיך קושן?

— פאַרוואָס נישט? — איטלעכן מענטשן איז זייער אָנגענעם זיך קושן, און זיי אויך. האָס ווערט געטון — צוליב שפּאַס, צוליב פאַרווײַלן. אָבער — נישט גראָביונגעריש. איז דעמאָלט קוש — וויפל דיין האַרץ גלוסט. אַלעמען איז דאָס אָנגענעם, נישט באַליידיקנד און פריילעך. און ס'איז גאָר קיין בייז נישט.

פּאַוועל פּאַוולאָוויטש האָט אָפּגעזיפצט און זיך שטיל אָנגערופן:

— אוי איך... איך האָב געהאַט אַ מיידל, וועלכע איך האָב שטאַרק געליבט, און זי אַפילו אַ קוש נישט געקאָנט טון...

אין סוזדאַל, ווי נאָר קאַלאַשניקאָוו איז אַוועק פון אויטאָ און זיך געלאָזט גיין אין מוזיי אויף נאַכטלעגער, האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש שטרענג אָנגעצויגן די אויטאָ־הענטשקעס, מיט פאַרגעניגן אַרויפגעלייגט די הענט אויף דעם רודער־בייגל, געלאָזט די מאַשין, און אַ זאָג געטון:

— איר זענט דאָך אויך צופרידן, וואָס איר זענט פּטור געוואָרן פונעם מאָנאַרך?!... אַ שערלעכע לאַסט!...

דער טאָג האָט זיך געהאַלטן אין אָפּרוקן קיין מערב. יאַקאָוו אַנדריי־עוויטש האָט געהאַלטן אין איין פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון דער מאַשין. דער וועג איז געווען אַן אויסגעצייכנטער. די אויטאָמאָבּיליסטן ווייסן, אַז דער אויטאָ־מאָטאָר אַרבעט אַמבעסטן אין דער צייט פון דער שקיעה.

סיניצין, יאַקאָוו אַנדרייעוויטש. אַז יאַקאָוו אַנדרייעוויטש גייט אַריין אין צימער, ווו עס שטייט אַ זייגער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט שוין אויפגעהערט צו גיין מיט הונדערט יאָר צוריק, — הויבט דער זייגער אָן צו גיין אויס איינע שרעק פאַר יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט זיך אַליין געמאַכט אַ פּאַטעפאָן און אַן אויטאָ. פאַר זיין געיעג־טאַלענט האָט אים דער מאָסקווער אויטאָמאָבּיליסטן־קלוב געשענקט אַ מאָטאָציקל „הענדערסאָן"; מאָטאָציקלען, ווי עס איז באַוווּסט, האָבן נישט אין דער שנעלקייט־קאַמער קיין קאָלבן פון הינטערווײַלעכס־גאַנג; יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט צוגעמייסטרעוועט אָט דעם קאָלבן און איבעראַשט די מאָסקווער אויטאָמאָבּיליסטן דערמיט, וואָס ער האָט אויף זיין אייגענעם מאָטאָציקל אין מיטן שנעלסטן גאַנג זיך געדרייט אַרום אויטאָ־קלוב, פאָרנדיק די גאַנצע צייט מיט דעם הינטן פאָרויס. זייגערס, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, לאָמפּן און פּרימוסן — האָבן ווירקלעך מורא געהאַט פאַר יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן. אויפן מאָטאָציקל איז יאַקאָוו אַנדריי···יטש אַרומגעפאָרן איבער די מאָסקווער טעאַטערס, און איינמאָל איז ע··· אַריינגעפאָרן אין גרויסן טעאַטער און, נישט לערנענדיק זיך אַפילו שפּילן אויף פאָרטעפּיאַן־אינסטרומענט, פלעגט ער אָנשטעלן קלאַווירן און פאָר־טעפּיאַנעס. דער ערשטער טאַנק, וועלכן מיר האָבן צוגענומען ביי די ווייסע, איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע אַ צעשעדיקטער; אין מאָסקווע איז נישט געווען קיין איין אינזשיניער, וואָס זאָל קענען די קאָנסטרוקציע פון אַ טאַנק; יאַקאָוו אַנדרייעוויטש איז אויף עטלעכע טעג אַריינגעקראָכן אין דעם טאַנק־אייזן, כמעט פון דאָרטן נישט אַרויסגעקראָכן, געזונגען די „וואַרשאַוויאַנקע" און — אַרויסגעפאָרן פון וואָקזאַל צום קרעמל, פירנדיק דעם דאָזיקן טאַנק אַלס געשענק פאַר וולאַדימיר איליאיטשן; וולאַדימיר איליאיטש האָט געדריקט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן די האַנט און אין זיין פּערזאָן גראַטולירט די רוסישע מעכאַניקער. אַרבעקאָוו האָט אין 31־טן יאָר אַראָפּגעבראַכט פון אַמעריקע אַן אויטאָ און זיך דאָרט אויסגעלערנט אָנצופירן מיט דער מאַשין אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, דאָס הייסט,

נישט האָבנדיק קיין אַגוגג וועגן מאָטאָר. צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע אַלס אויטאָמאָביליסט, איז סערגיי איוואַנאָוויטש אַריין אין קאָנטאַקט מיט די שאָפערן און אַמאַטאָרן פונם אויטאָ־קלוב פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט מיט דער חברה אַראָפּן. פון די לעצטע איז ער באַלד געפאַלן אַ קרבן, ווייל זיין מאַשין האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. אין די שאָפערן און אויטאָ־קלוב־קרייזן האָט ער זיך געטראָפן מיט דער סאַמער געאַכטסטער צווישן די אויטאָמאָביליסטן פערזענלעכקייט — מיט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש סיניצינען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען שכנים. סיניצין פלעגט פאָרן אויף אַן אַליין געמאַכטן אויטאָ מיטן צונעמעניש „דראַקאָן", ער האָט נישט געהאַט קיין גאַראַזש, און ביי אַרבעקאָוו איז געווען אַ הויף, וווּ מען האָט געקענט אויפשטעלן אַ גאַראַזש אויף צוויי מאַשינעס. סיניצים מאַשין האָט אָנגעהויבן נעכטיקן ביי אַרבעקאָוון, סיניצין האָט דורכגעפילאַקטירט אַרבעקאָווס מאַשין, מיט דער צייט האָט זיך ביי זיי איינגעשטעלט אַן אמתע פריינטשאַפט, און דאָס איז גראָד געשען, ווען, אי אַרבעקאָוו, אי סיניצין זענען ביידע געווען פאַרנומען מיט זייערע גט־עניגים, האָט זיך דראַקאָן פאַרקאָנסערווירט. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געפאָרן אויף זיין מאַשין און זי געשעדיקט, און יאַקאָוו אַנדרייעוויטש איז געפאָרן אויף אַרבעקאָווס מאַשין און זי רעפּערירט. סיניצין פלעגט זיך פאָרשטעלן פאַר אַרבעקאָווס פריינט בזה הלשון: „יאַקאָוו אַנדרייע־וויטש, אַ שאָפער־ענטוזיאַסט!" — און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. בשעת ביי סערגיי איוואַנאָוויטשן פלעגן זיך צונויפקומען פריינט און מען פלעגט אָנהויבן רעדן וועגן לאַנד־פּאָליטיק און וועגן די דער־פאָלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, וועגן די פאַריניקטע־שטאַטן און וועגן יאַפּאַן, פלעגט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש שטענדיק אַ שעפּ־טשע טון אַרבעקאָוון אויפן אויער: „עפּעס איז מיר דאָ אומעטיק, סער־גיי איוואַנאָוויטש, איך וועל מיר בעסער גיין צו די מאַשינעס!" — און איז אַוועק אין גאַראַזש אַריין. ווען זיי זענען אָבער געבליבן זאַלבענאַנד, פלעגט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש שעהנווייז קאָנען רעדן וועגן פאַרשידענע אויטאָ־מאַרקעס, וועגן וועט־לויפן און אַוואַריעס. ער האָט געקאָנט אַלע אויטאָס אין מאָסקווע, ווי גוטע באַקאַנטע. ער האָט נישט געקאָנט דעם פאָלקס קאָמיסאַר גרינקאָ און נישט דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר בוליט — ער האָט אָבער געקאָנט זייערע מאַשינעס און די קוואַליפיקאַציע זייערע ביים אָנפירן די מאַשינעס. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש איז געווען דער קאָמאַנ־דיר פון אויטאָס, פיאַנינאָס, זייגערס, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וועלכע האָבן פאַר אים געציטערט אימת מות. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש אָבער האָט געציטערט

פאר פאפיר, פאר דעם, טאקע, מיט וואס סערגיי איוואנאוויטש האט מערסטנטיילס געהאט צוטון. אויב עס האט נאר געהאלטן ביי פאפיר, האט יאקאוו אנדרייעוויטש אומבאדינגט שוין אנגעהויבן פלאנטערן, און אט דאס איז אין א געוויסן זין געווען געגוג, אז די פריינטשאפט זאל זיין אן אמתע, אן אן פניותדיקע. יאקאוו אנדרייעוויטש האט געארבעט אלס גראזיש־פארוואלטער, געווען א שלאגלער און מיט זיך שטענדיק געהאט א דורכגעפעצטן מיט מאשין־אייל אויסשניט פון דער „פראווּדא" מיט זיין בילד, קאמאנדירט מיט הונדערט פופציק זיסן, גריפן און יאראסלאוו־קעס.*) ארבעקאוו האט געשריבן. די פרייע צייט האבן זיי צוזאמען פאר־בראכט. זיי האבן ארומגערייזט איבערן לאנד, — ביז לענינגראד, כארקאוו, סמאלענסק, גארקי. זיי זענען געווען אויך אין יאקאוו אנדרייעוויטשעס שטאט — אין מערב קאנט. ביז היינט צו טאג הענגט נאך דארט א שילד, אויף וועלכער ס'איז אויסגעמאלט א געלער סאמאוואר מיט אן אויפשריפט „פארלייטן, פארדיכטן", וואס איז געבליבן נאך דעם פאטער, אן אלטן באלשעוויק און קעמפער נאך פון 1905; מען האט אים מקבר געווען אויפן קאמונארן בית־עולם, און דער זון זיינער, יאקאוו אנדרייעוויטש, אז מען פרעגט אים: „ווי זשע קומט עס צו אייך, אייער פאטער — א קאמוניסט,— און איר -— אן אומפארטייאישער גאר? ענטפערט ער: „איך טרוי, זעט איר, די חברים, זאלן זיי ארבעטן אלס פאליטיקער, און איך וועל מיר מיינס אפארבעטן אויפן אויטאטראנספארט!" יאקאוו אנדרייעוויטש איז געווען א צוגעלאזטער און ליבער מענטש פול מיט צוטרוי צו אנדערע, אן אמתער פראלעטאריער, אן ארבעטער, א זון פון פראלעטאריער אין אונטערערדישן טוער.

פון יענער צייט אן, זינט סיניצין האט זיך געגט מיט זיין פרוי, איז צו דעם בינט אויטאמאביל־שליסלען צוגעקומען דער שליסל פון ארבעקאוס דירה, — יאקאוו אנדרייעוויטש איז געווארן א בן־בית ביי סערגיי איוואנאוויטשן. אין זיין אייגענער דירה איז יאקאוו אנדרייעוויטש זעלטן־ווען געקומען, אויף די ווענט זענען דארט געהאנגען אטעסטאטן און שיינען פאר דעם שלל פריזן, וואס ער האט גענומען אויף די וועט־לויפן.

דער טאג האט זיך אלץ מער אפגערוקט קיין מערב־זייט. יאקאוו אנ־דרייעוויטש האט אלץ פארשנעלערט דעם גאנג פון דער מאשין. דער מאטאר

---

*) מארקעס פון אויטאס, ווי למשל ביי אונז דא סיטראענען, פארג. א. א. וו. — (באמ. פון איבערזעצער).

אַרבעט אָמבעסטן אין די שקיעה־שעהן. פּאַראויס איז געלעגן די מערק־ווירדיקע שטאָט פון די רוסישע וועבער, די שטאָט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די וועלדער און אויף די זומפּן פון די פּעאָדאַלע ישובים, די שטאָט, וואָס איז אַ סך פריער פון טויזנטער און טויזנטער רוסישע שטעט איבערגעגאַנגען פון פעאָדאַלער מאַנופאַקטור צום קאַפּיטאַליזם און איז אַ סך פריער פאַר אַנדערע רוסישע ישובים געווען אַ סאָציאַליסטישע שטאָט, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין פּריצים אין נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געהאַט בלויז פּראָלעטאַריער און פאַבריקאַנטן און נאָך דער רעוואָלוציע איז געבליבן בלויז דער פּראָלעטאַריער. לינקס און רעכטס פון וועג זענען געשטאַנען געדיכטע, כמעט אוראַלטע וועלדער, סאָסנעס און יאָדלעס, וועלכע האָבן אין קיין פאַל נישט געקענט עדות זאָגן, אַז געציילטע עטלעכע קילאָמעטער פון זיי געפינט זיך די ריזיקע שטאָט פון סאָוויעטישן טעקסטיל, פון פאַבריקן מיט צוויי הונדערט טויזנט פּראָלעטאַריער. אין וואַלד, אויפן וועג האָט מען באַגעגנט צוויי באַרוועסע מיידלעך מיט קופּערטלעך און קלומעקלעך. און נישט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט פאַרגעלייגט, נאָר זיי אַליין האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אַרויפנעמען אויף דער מאַשין. די מאַשין האָט מען אָפּגעשטעלט. די מיידלעך זענען געווען שוואַרץ־ברוינלעכע און עס האָט ממש געשפּריצט פון זיי מיט געזונט און יוגנט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען שילערינס פון דער פאַבפאַכשול, זיי גייען אַ היים, זיי האָבן נאָך געזאָלט אינדערפרי פאָרן מיטן אויטאָבוס, נאָר זיי האָבן נישט באַוויזן. דרייסיק קילאָמעטער האָבן זיי שוין דורכגעמאַכט צופוס, עס זענען אָבער געבליבן נאָך דרייסיק, זיי זענען מיד, און מאָרגן אַכט אינדערפרי דאַרפן זיי שוין זיין ביי דער אַרבעט. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט מיט אַ פאַרדאַגהטער מינע אַ זאָג געטון:

— ווען נישט די קופּערטלעך... מיט די קופּערטלעך וועט איר מיר נאָך די מאַשין צעקראַצן. איר זעט וויפל געפּעק מיר פירן דאָס? — אָבער באַלד האָט ער פריילעך צוגעגעבן. — מילא, מיר וועלן אייך מיטנעמען, אָבער באַצאָלן וועט איר מיט נאַטור: פאַר יעדן קילאָמעטער — אַ קוש.

— טרייב נישט קיין קאַטאָוועס! — האָט די עלטערע זיך אָנגערופן:— מיר האָבן שוין דרייסיק קילאָמעטער אָפּגעשפּאַנט צופוס, מיר זענען מיד,

— און מעשה־באַלעבאָסטע אָנגעהויבן איינצואָרדענען דאָס קופּערטל.

די מאַשין איז ווירקלעך געווען געפּאַקט. מען האָט זיך אויסגעזעצט. ביים רודער — סערגיי איוואַנאָוויטש, לעבן אים איין מיידל, דערנאָך יאַקאָוו אַנדרייעוויטש, דאָס צווייטע מיידל ביי אים אויף די קני. יאַקאָוו

אנדריִעוויטש האָט אײַנגעטעגהט מיטן מײדל אויף די קני, זי זאָל אים א קוש טון. אנטקעגן זענען אָנגעפאָרן דריי לאַסט אויטאָס. דאָס מײדל האָט זיך אָנגערופן צו סערגיי איוואַנאָוויטשן:

— א גאַנצן טאָג גייען מיר און מען זאָל כאָטש איין אויטאָבוס זען, און דאָ, נאַדיר, דריי אויטאָבוסן מיטאַמאָל.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געפרעגט:

— און אָט יד מאַשין, אויף וועלכער דו פאָרסט, ווי הייסט זי?

— וואָס הייסט, ווי זי הייסט? — האָט דאָס מײדל מיט ווירדע געענטפערט — א טאַקסע! — און מילדר, צוטרוילעך און מיט ווירדיקער באַשייהנקייט צוגעגעבן: — כאָטש איך בין א דאָרפישע, אָבער דאָך האָב איך מיך שוין עפּעס וואָס אויסגעלערנט.

די מײדלעך האָבן געבעטן אָפּשטעלן די מאַשין אויף דער פאָרשטאָט. סיניצין האָט געפּאָדערט באַצאָלטס מיט קושן. די עלטערע, וואָס איז געזעסן נעבן ארבעקאָוון, האָט זיך אָנגערופן:

— גענוג געשפּאַסט, יאַט, מאַך זיך נישט צום נאַר!... אונזערע ליפּן זענען נישט קיין געלט! — און זיך געווענדעט צו ארבעקאָוון: —פיליכט האָסטו צוליב אונז עפּעס אָנגעווירן, זאָג, וועלן מיר דיר באַצאָלן.

— ניין, איך האָב גאָרנישט אָנגעווירן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געענטפערט. — אָבער, זעסטו, ווען דו גיסט מיר א קוש, וואָלטן מיר אָנגעלערנט מיין חבר, — דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט אָפּגעלאָזט דיין חברטע — און געקושט האָסטו גאָר מיך.

— מילאַ, קריגסט פון מיר א קוש, אָבער וואָס פאַרא פאַרגעניגן וועסטו, אַלטיטשקער, פון דעם האָבן?

— דו גיב מיר נאָר אָקאָרשט א קוש און זאָג דיין חברטע זי זאָל מיך אויך קושן.

— מילאַ, קריגסט פון אונז א קוש. ניוראַ, לאָמיר אים קושן.

— ווייבאַלד אַזוי, באַעוולהט שוין נישט מיין חבר אויך, ער איז זייער א ווויל מענטשל.

— דאָס זעסטו, פועלסטו שוין נישט. זאָל ער ווייסן. א גאַנצן וועג האַלט א מענטש אין איין מאָנען — באַצאָל מיט נאַטור, באַצאָל מיט נאַטור — א שיינער פויגל! און דו ביסט טאַקע אַזא אַלטער, אָדער דו זעסט נאָר אויס אַזוי?

די מײדלעך האָבן צו איינמאָל געקושט איינעם און דעם צווייטן אין באַק (אין די ליפּן — בשום אופן נישט געוואָלט), דערלויבט מען זאָל

זיי קושן צו איין מאל אין די באקן (אין די ליפן האבן זיי נישט געלאזט), געדריקט די הענט און געלאכט. בשעת די מאשין האט זיך גערירט, האט איינע פון זיי א געשריי געטון:

— יאטן, אויב איר וועט אמאל פארביפארן, קומט אריין אויף א גלעזל טיי! — אין צווייטן פאטראנאט פון דער פאב־פאך־שול, ניורא און קאטיא!

פאראוים איז געלעגן די מערקווירדיקע וועבער־שטאט, די שטאט פונם רוסישן טעקסטיל, פון די רוסישע פראלעטאריער.

די געשיכטע וועגן צאר איוואן, וואס איז אויסגעוועלט געווארן אין יאר 1919.

דער היינטיקער איוואנאווער אינדוסטריעלער ראיאן ציט זיך פון וולאדימיר און קירזשאטש ביז אוגליטש און פאיש־וואלאדארסק, פון יאראסלאוו און קאסטראמא ביז טשוכלאמא און סאליגאליטש — ביז מאקאריעוו און סעמיאנאווסק. פאר יעדן רוס, וואס געדענקט זיין לאנד, איז יעדער פון די אנגערופענע פונקטן א גאנץ קאפיטל פון דער רוסישער געשיכטע. אינם צענטער פונם ראיאן פליסט די וואלגע. אויף די עקאנאמישע מאפעס פון אט דעם קאנט זענען געדריכט באצייכנט די ראיאנען פון פאבריקן און זאוואדן, פון דער מאשינבוי און כעמישער, פון דער בייוול און ליין - אינדוסטריע, פון די טארף־ פעלדער, פון די שפייזפאבריקן, בראנפן - ברויערייען, פון די קראכמאל און פאטעקע זאוואדן. אויף די מאפעס זענען אנגעצייכנט די ראיאנען פון דעם נייעם אינדוסטריעבוי און די ראיאנען פון דורכאויסיקער עלעקטריפיקאציע. איבערן גאנצן קאנט זענען געדריכט באצייכנט די ראיאנען, ווו די באפעלקערונג איז אריינגעצויגן געווארן אין דער קוסטארער־קאאפעראציע, ווי זי איז באזארגט מיט פערד און אקסן, מיט מעלקערדיקע קי, מיט שאף. ווי געדריכט באפעלקערט עס זענען די דאזיקע ראיאנען, ווי זיי ווערן באדינט דורך די מעדיצין און וועטערינאר־פונקטן, דורך דער טעלעפאן־נעץ און אזוי ווייטער. אויף די אלע מאפעס זעען זיך אבער די פוסטע און וויסטע סעמיאנאווסקער, מאקאריעווסקער, פאלקינסקער ראיאנען, א חוץ אויף איין מאפע— אויף דער מאפע פון די באוואלדטע געגנטן. דער סאמער באוואלדסטער ראיאן איז דער סעמיאנאווסקער. דארטן פליסט דורך דער טייך וועטלוגא— די געוועזענע וועטלוגער מראקטן, וואס זענען שוין היינט אפגעמעקט אויף די רוסישע מאפעס, אט די מקומות, וועלכע זענען באשריבן דורך דעם

רוסישן שרייבער מעלניקאָוו - פּעטשערסקי. די וועלדער זענען דאָרט אור־
אַלטע און נישט דורכדרינגלעכע. די וועלדער און די דערפער זענען דאָרטן
מערקווירדיקע און עס וועט נישט זיין קיין גרויסע היסטאָרישע אומפּינקט־
לעכקייט, אויב מען וועט זאָגן, אַז די ישובים אין די דאָזיקע מקומות
זענען אַנטשטאַנען מחמת די זעלביקע סאָציאַלע סיבות, ווי דער דאָן און
זאַפּאָראָזשיע. אָבער אויפן דאָן און אין זאַפּאָראָזשיע זענען געווען סטע־
פּעס פון וואַנדערער, רחבות און קרימער טאָטערן, און דאָ זענען געווען גע־
דיכטע וועלדער, טאַקע אָט די וועלדער, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ביי
זיך די מענטשן פון דער מלוכה, וואָס האָט פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט
אָט די וועלדער. אין די וועלדער האָט מען זיך געמוזט באַזעצן און אויס־
באַהאַלטן זיך — און מען האָט געמוזט אַרבעטן, כדי צו עסן און שפּייזן
די קינדער. אין די וועלדער איז מען געלאָפן פון דעם פעאָדאַל אין
די צייטן פון דעם פעאָדאַלן יושר, אָבער אין די וועלדער איז מען אויך
געלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם קאַ־
פּיטאַליסט. מען האָט דאָך אַפילו שוין אין יאָר 1934 אין די דאָזיקע
מקומות געפונען אַ גאַנץ דאָרף, וואָס איז אויף קיין שום מאַפּע נישט
געווען פאַרצייכנט, אַ דאָרף, אַ נעלם, וואָס האָט זיך געפונען אין דער
טיפעניש פון וואַלד, אַ דאָרף אָן פּאַספּאָרטן, וואָס איז דאָך געקומען אין
די שכנותדיקע דערפער איינקויפן שפּייז און דאָרט פאַרקויפן זייערע אויס־
אַרבעטונגען!... אין 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה. אין 1917
איז געפאַלן די אימפּעריאַליסטישע מאַכט. לויט די באַגריפן פון די, פון
וועמען עס ווערט דאָ גערעדט, איז די מאַכט זיך פונאַנדערגעפאַלן. דערפער
האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, אויפזוכן אָט די דערפער — איז קיין
צייט נישט געווען, די מאַכט איז זיך פונאַנדערגעפאַלן, ווי די האַמלעטישע
פאַרבינדונג פון דער צייט. מען האָט געקאָנט און געמוזט שאַפן אַן איי־
גענע מאַכט, וואָס זאָל צוריק אויפשטעלן די פאַרבינדונג פון די באַגריפן.
און אין שויער קאַנט האָבן די פויערים אויסגעוועלט אַלס צאַר דעם פויע־
איוואַן, זייער אַ שיינעם פאַרשוין. איוואַן איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק,
ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער און אַן עם־הארץ. ער האָט זיך גע־
נומען קיניגן מיט דעם אויבערשטנס הילף און על־פּי יושר, האָט ער אין
זיין כאַטע אוועקגעשטעלט אַ טראָן, געמישפּט האָט ער זיצנדיק אויף אָט
דעם טראָן אין אַ רויט העמדל מיט ווייסע לאַטעס אונטער די פאַכוועס
און אין די לאַפּטשעס; אין דער צייט, ווען ער איז געווען פריי פון קיניגן
האָט ער ווייטער געאַקערט און געמייסטרעוועט; גערופן האָט ער זיך —

דער אָרעמער קיניג; זיינע קינדער האָט ער שטרענג פאַרזאָגט, זיי זאָלן פונקט אַזוי ווי פריער ארומלויפן באָרוועסע. אַ סטאַראָאָבריאַדיעץ*) און אַ פויער האָט ער גערופן צו זיך אַלע פראַוואָסלאַוונע גלחים פון זיין קיניגרייך, דעם גמינע־שרייבער, די וואַלד סוחרים, דעם וואַלד אויפזעער, די וועכטער, די לערער, דעם דאָקטאָר און זיי באַפוילן צו נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און — היידאַ, אַרויס פון זיין קעניגרייך. אין שפּיטאָל האָבן זיך באַזעצט אַן אָפּשפּרעכערקע און אַן אַלטער זנאַכאַר. אין די שולן האָט מען געשיקט זאָגערס. די פראַוואָסלאַוונע גלחים, דער וואַלד־אויפזעער, דער דאָקטאָר און שרייבער האָבן גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלאָפן פון דער מלוכה און זיך גלייך געלאָזט אין גובערניע אַריין, קיין וואָלאָגדע, — זיי האָבן דאָס טאַקע ממש איבערראַשט די וואָלאָגדער סאָוויעטישע מאַכט מיט זייער אינפאָרמאַציע, אַז אין די וועלדער איז אַנטשטאַנען אַ נייע מלוכה. די וואָלאָגדער זענען שוואַלאָם אַוועק אין די וועלדער דערגייען, וואָס עס טוט זיך דאָרט. זענען זיי געקומען אין דער מלוכה. די וועלדער — נישט דורכדרינגלעכע. דאָס דאָרף איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַן, כּדי די בהמות זאָלן זיך נישט צעלויפן און דער בער זאָל נישט קענען קריכן אין דאָרף אַריין. ביים פּאַרקאַן האָבן די וואָלאָגדער באַגעגנט אַ מענטשן מיט אַ וואָגן, אַ פויער אין לאַפּטשעס, אין אַ רויט העמדל, מיט אַ באָרד ווי אַ וואַלד און מיט אויסערגעווייינלעך גוטע, בלויע אויגן.

— ביי אייך, זאָגט מען, איז דאָ פאַראַן אַ צאַר? — האָט דער עלטסטער וואָלאָגדער געפרעגט.

— פאַראַן, — האָט דער פויער געענטפערט.

— וואָס־זשע איז דאָס פאַראַ צאַר? — האָט דער וואָלאָגדער געפרעגט.

---

*) ווערטערלעכער טייטש — אַן אָנהענגער פון אַלטע מנהגים. אַ סעקטע, וואָס האָט נישט געוואָלט אָננעמען די נייע רעפאָרמען, וועלכער זער פּאַטריאַרך ניקאָן האָט איינגעפירט אין די צייטן פון צאַר אַלעקסיי. די רעפאָרם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זיך געדאַרפט צייכענען מיט צוויי פינגער נישט מיט דריי און אין דעם אויסקאָרעגירן די קירכלעכע ספרים. די אַלטפרענקישע רוסן האָבן זיך נישט געלאָזט אונטערוואַרפן אָט די רעפאָרמען און זענען דערפאַר שטאַרק גערודפט געוואָרן מצד דער צאַרישער מאַכט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון די רעפאָרמיסטן. באַמ. פון איב.

— א פאָלקס־צאַר, אַן אויסגעוויילטער, על פי יושר און רעכטפאַר־
טיקייט.

— און ווו איז ער אָט דער צאַר?

— איך בין דאָס דער צאַר, — האָט דער פויער געענטפערט, —
מיך האָט דאָס פאָלק אויסגעוועלט.

אין וואָלאָגדע האָט מען אים געמשפט. און מען האָט באַפרייט דעם
צאַר איוואַנען, ומען האָט אים בלויז געבעטן ער זאָל זיך מער ניט אומקערן
אין זיין גמינע אריין און זאָל פאָרן וווהין ער וויל. דער צאַר איוואַן
האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך באַזעצן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אין דער
שטאָט אסטראַכאַן און זיך דאָרט פאַרנעמען מיט פיש־פאַנג. און דער
צאַר איוואַן איז געווען דער שענסטער באַבאָרדטער עקזעמפּלאַר פון רוסישן
פאָלקסטום, אַן אָרעמאַן, און אַן אָרעמאַן איז ער געבליבן אויך אויפן
טראָן. הגם א פינצטערער, ווי די וועלדער, וואָס האָט צוגעשפּאַנט דעם
סטאַראָאָבריאַדישן גאָט צו די אָפּשפּרעכערקעס און זנאַכאַרקעס, איז ער
דאָך געווען זייער א גוטער פויער.

די געשיכטע וועגן צאַר איוואַן איז דערציילט געוואָרן אויפן וואָלאָ־
דימערער שאָסיי, צווישן פּאָקראָוו און וולאַדימיר, ביינאַכט, לעבן שייטער,
בשעת סערגיי איוואַנאָוויטש, יאַקאָוו אַנדרעוויטש און פּאַוול פּאַוולאָוויטש
האָבן זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוקילן דעם מאָטאָר און אָפּעסן אָוונט־
ברויט. דער שייטער האָט אָפּגעטריבן די קאָמערעס, צום שייטער האָבן
צוגעפויזט די נעפּלען, אין די נעפּלען האָבן געזונגען סאָלאָווייען, און גע־
שמעקט האָבן די נעפּלען מיט מאַי־גלעקלעך. דערציילט האָט די מעשה
וועגן צאַר איוואַן א וועג ־ אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן זיך געקליבן גיין
שלאָפן. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צו די
גריבער פון דעם וועג־מייסטער פון צודאַטראַנס און אַזוי ווי ער איז
דאָרט נישט געווען, האָט ער געוואָלט גוט אויסזידלען די וועג־אַרבעטער
און זיי דערפאַר מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. און אָט האָט מען אָנגע־
הויבן רעדן און עס איז אוועק א געשפּרעך וועגן דער ראַטן־מאַכט. און —
א וואָרט צו א וואָרט, כדי נאָך בעסער צו באַווייזן, ווי די ראַטן־מאַכט
איז שטאַרק און פעסט, האָט א וועג־אַרבעטער, רויכערנדיק און שפייענדיק,
דערציילט וועגן דעם צאַר איוואַן. אַנגעטון איז דער וועג־אַרבעטער געווען
במעט פונקט אַזוי ווי דער צאַר איוואַן, ער איז בלויז געווען מאָגערער
פונם צאַר איוואַן, נישט אַזוי פאַרנעם און שיין און נישט אַזוי באַבערדלט.

—די ראַטן־מאַכט לעבט אין פאָלק גופא, זאָג איך דיר, ברודערקע,—

דער צאַר איוואַן האָט נישט געוווּסט, ווי זי אַנצורופן, אָבער אין דער־אמתן האָט זיך באַקומען, אַז ער איז געווען נישט מער און נישט ווייני־קער ווי אַ פּאַרזיצער פון אַן אַרעמשאַפט קאָמיטעט, און אויב דו ווילסט, איז פון אַ קאָלווירט. מיר זענען ביידע לאַנדסלייט, פון איין דאָרף זענען מיר, און ער האָט געטרוימט וועגן אַ קאָמונע, וואָס זאָל זיין געבויט אויף יושרדיקער אַרבעט, און אויב ער איז אַ פעלער באַגאַנגען, איז דאָס נאָר מיט די זנאַכאַרעס און מיט זיין צאַרישן טיטול — איז דאָס נאָר צוליב זיין עם־הארצות דער וואַלדישער.

די סאָלאָווייען האָבן געשמעקט מיט מאַי־גלעקלעך.

דער אויטאָמאָביל איז שוין אַ געוויינלעכע דערשיינונג אויף די רוסישע וועגן. אויב מען וויל גוט אָנפירן מיט אַן אויטאָ, אויב מען וויל זיין אַ גוטער שאָפער, דאַרף מען פירן די מאַשין און גאָרנישט קלערן דערביי, אַז מען פירט זי. דאָס נעמלעכע ביי יעדער מאַשין. אַ מאַשין דאַרף מען פילן, ווי אַ טייל פון אייגענעם קערפער ווי אַ טייל פון זיך זעלבסט. דאָס קאָנען באַהערשן די מאַשין איז אַזאַ געפיל, וואָס רוסלאַנד האָט עס מיט אַ דור פריער נישט באַזיצט, דער מענטש, וואָס פירט אָן מיט דער מאַשין, דער אמתער שאָפער, קלערט גאָרנישט וועגן דער מאַשין, אָבער פאַרגעסן, פאַרגעסט ער אין איר נישט אפילו אויף אַ רגע. ער פילט יעטוועדע מו־טערקע, יעדן קרעכץ פונם אַנציגדער. ווּהין ער זאָל נישט פאַרקערעוון מיט זיינע בליקן און געדאַנקען, זעט ער יעדן שטיין, יעדעס גריבעלע אויפן וועג — און דאָס אַלץ זעט ער מיטן ריטם פון דער מאַשין. בעסער געזאָגט: פון דעם רודער־בייגל זעט דער שאָפער אַלץ לחלוטין גאָר אַנדערש. דער ריטם פונם אויטאָ אינטעגרירט דעם רוים און די פּייזאַזשן. און זיצנדיק ביים רודער איז זייער גוט צו טראַכטן, צו דענקען, צו אינטעגרירן די גע־דאַנקען הינטער די אינטעגראַלן פון שנעלקייט, ריטם, באַוועגונג און פּיי־זאַזש. דער קומענדיקער דור וועט פירן די סאַמע אָפּגעהאַרציקסטע, די סאַמע דורכגעקלערטסטע געשפּרעכן, פאַרנדיק מיט אַן אויטאָ, און ווען צוויי וועלן פאָרן מיטן אויטאָ וועלן ביידע באַזיצן דעם חוש פון פילן די מאַשין.

אויפן וועג פון מאָסקווע קיין פּאַלעך האָט סערגיי איוואַנאָוויטש, בשעת ער האָט געפירט דעם אויטאָ, געטראַכט — ווי זאָל מען דאָס זאָגן?... וועגן געשטאַלט? וועגן קונסט? — ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע געדאַנקען און די געפילן, ווי ער האָט געהאַט די טערמינאָלאָגיע פון דעם אַלעמען, וואָס מען קאָן נישט אַרויסרעדן, ווייל דער באַגריף — דאָס געשטאַלט —

איז להלוטין נישט פינקטלעך און גענוי, ווייל איטלעכער באזונדער לייגט אין דעם ראָזיקן באגריף אריין זיין זין. מען וואָלט אין אויטאָ געקאָנט טראכטן וועגן שאָך. פון יענע צייטן אָן, זינט דער שאָך איז אויפגעקומען אלס מייסטערשאפט, זענען שטענדיק געווען אַ מענגע שאכמאטיסטן, וועמענס נעמען זענען פארגעסן געוואָרן, וואָס האָבן געוואָלט שאפן כּללים פאר אַזעלכע פארטיעס, וועלכע מען קאָן נישט פארשפּילן. זיי האָבן געוואָלט שאפן אַ שאָך־מאַשין. די ראָזיקע דערפינדער זענען פארגעסן געוואָרן, פונקט אַזוי, ווי קריטיקער, אָבער קאפאבלאנקאָ און לאסקער—די גרויסע שריפטשטעלער אין שאָך־שפּיל — און אפילו איל‏אין־זשענעווסקי האָבן געגריזט, פארשפּילט און — ביים טעאָרעטיזירן, גאַנץ מעגלעך, ארויסגעזאָגט זייער פיל נישט ריכטיקע געדאנקען. אין דער קונסט איז שטענדיק פאראן עפּעס, וואָס איז נישט אינגאנצן קלאָר, וואָרום, ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן צו דערפינדן אַ שאָך־מאַשין, וואָלט די שאָך־קונסט באַלד פארשוואונדן. אין דעם אויטאָ־מאָטאָר איז ארײנגעלייגט געוואָרן דעם זשעני פון מאַטעמאַטישער אינטעגראַלער אויסרעכנונג — אַ געוויינלעכער שאָפער איז אָבער גאָר נישט מחויב צו קענען די העכערע מאַטעמאַטיק. אין דער קונסט טאָר מען נישט פאַרלייגן קיין שאָך־מאַשינעס, ווייל עס לויגט נישט אַוועקצוהרגענען די קונסט. די קונסט ווידער — די דערפינדונג, די פּאָליטיק, די ליבע — אַלץ, וואָס האָט נאָר אָן אָרט אינם לעבן, קאָן זיין אַן אָביעקט פאר דער קונסט. און קאפאבלאנקאַ איז זיכער מער באקאנט מיט די כּללים פון שאָך - שפּיל, ווי אַ יונגער שאכמאטיסט; ער מוז קענען אַלע כּללים, וואָס זענען פאר אים געשאפן געוואָרן — כּדי ער זאָל זיי צעשטערן, שאפנדיק בשעת מעשה זיינע אייגענע כּללים. — דערמיט אַליין ווערט שוין באַלזאַק נישט ענלעך צו טאָלסטאָיען און ראדעק צו בוכארינען. קענטעניש און וויסן איז נישט איינס און דאָס זעלביקע. בשעת סערגיי איוואַנאָוויטש איז געוואָרן אויס אַמעריקאַנער שאָפער, איז ער דערגאנגען, ווי עס איז געבויט דער אויטאָ־מאָטאָר, אָבער צונויפשטעלן און מאכן אים האָט ער נישט געקאָנט. און די אַמעריקאַנער הויבן גאָר נישט אָן צו וויסן, ווי דער מאָטאָר איז געמאכט, זיי וויסן אפילו נישט, ווי ער זעט אויס, ווייל די מאָטאָרן אינספּעקטירן ספּעציעלע מאָנטערן. די אַמעריקאַנער פירן בלויז די מאַשין און זיי פירן זי אַ סך בעסער, איידער די רוסישע שאָפערן, ווייל, פאָלג מיך אַ גאַנג אַמעריקע, ווו אויף יעדע פיר פערזאָן מאכט אויס איין אויטאָ. קענטעניש ווידער

ווערט דערגרייכט דורך דערפאַרונג, דורך פּראַקטיק. וויסן הייסט נאָך נישט קענען. די אמתע קענטעניש קומט ערשט דעמאָלט, ווען זי קאָאָרדינירט זיך מיט וויסן. דאָס וויסן טאָר אָבער בשום אופן נישט איבעריאָגן די קענטעניש, אַזיסט האָבן מיר קריטיק!.. יעדער שרייבער גייט יעדן טאָג פאַרביי טויזנטער טעמעס. שרייבן שרייבט יעדער שרייבער אין דורכשניט בערך צען דרוק־בויגן אַ יאָר, און עס טרעפט, אַז עס קומט אים אויס אָפּצוזיצן איבער איין און דער זעלבער געשטאַלט עטלעכע יאָר. אין די צען־יאָר־שולן, אין די פיזישע קאַבינעטן באַווייזט מען אָט אַזאַ עקספּערימענט: אויפן טיש שיט מען אַרויף אייזן־שטויב און צו די שטויבעלעך טראָגט מען צו אַ מאַגניט. די שטויבעלעך הויבן זיך אָן באַוועגן, זיך אויסשטעלן אין אַ געאָמעטרישער אָרדענונג און ווערן צוגעזאָמלט צום מאַגניט און איינס צום אַנדערן — באַקומענדיק די באַשטימטע פאָרמען. דאָס אייזן־שטויב, אידער מען האָט צו דעם דערנענטערט דעם מאַגניט — איז דאָס, וואָס עס גייט אויף דער וועלט פאַרביי דעם קינסטלער, אָט דאָס אַלץ, וואָס ער זעט, הערט, שפּירט, טראַכט — טויזנטער זאַכן און אומשטענדן — אַלט־וואַרג אויפן בוידעם פון זיכּרון. און אָט אַנטשטייט דאָס געשטאַלט און דאָס געשטאַלט הויבט אָן ווירקן פּונקט אַזוי ווי אַ מאַגניט: פון דעם אייזן־שטויב פון אַלדאָס געזעענע, געהערטע, איבערגעלעבטע ווערט אויסגעקליבן דאָס נויטיקע, דער שטויב הויבט זיך אָן באַוועגן, סאָרטירט זיך, קלעפּט זיך צו איינס צום אַנדערן, הויבט אָן אָננעמען אַ פאָרם און אָנוואַקסן אויף דעם געשטאַלט און אויף זיך זעלבסט. דאָס געזעענע, דאָס דורכגעטראַכטע מיט צען, מיט פינף און אַפילו מיט צוואָנציק יאָר צוריק, קערט זיך ווידער אום צום זיכּרון און לעבט ווידער אויף, אויב נאָר דאָס געשטאַלט נויטיקט זיך אין דעם. עס איז לחלוטין נישט קיין נאַרישקייט, אויב איין ביאָלאָ־גישער טיפּ האָט אַ נייגונג צו שריפטשטעלעריי, דער צווייטער וועט ווערן אינזשעניער, דער דריטער — אַ מוזיקער — און עס איז אויך נישט קיין קלייניקייט דער פאַקט, אַז אַ האָז קאָן מען אויסלערנען אָנרייבן אַ שוועבעלע, אָבער דער האָז וועט מחמת דעם נישט ווערן קיין קינסטלער. די געשטאַלטן אָבער אַנטשטייען בלויז אין אַ באַשטימטער סביבה, אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער עפּאָכע און טאַקע נאָר ביי אַ באַשטימטן מענטשלעכן אינדיווידום — וועלכער ווערט דאָס אייגנס אי פון זיין סביבה, אי פון זיין עפּאָכע, אי פון זיין קלאַס. בשעת דער מאַגניט פון דעם געשטאַלט הויבט זיך אויף צו דעם שטויב פון דער פאַנטאַזיע און איבערגעלעבטן, הויבט אָן צו ווירקן דאָס וויסן. און כּדי דאָס געשטאַלט זאָל זיך

אָפּשפּיגלען אויפן פּאַפּיר — דערצו איז שוין נויטיק סענטעניש. אַ רעקרוט, מעג ער אַפילו זיין אַ סטודענט, מושטירט מען: „מיטן לינקן". און עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז ער שפּאַנט דווקא מיטן רעכטן, — דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ער האָט זיך גראָד פאַרטראַכט וועגן זיינע אייגענע פיס. דאָס נעמלעכע טרעפט אויך ביי אַ שאָפער, ווען ער הויבט אָן אויסרעכענען און נישט פילן די שטרעקע און פאָרט אַריין גלייך אין אַ גראָבן. די סענטעניש פון אַ שרייבער דאַרף זיין פונקט אַזוי, ווי די קענטעניש פון אַ שאָפער אָדער אַרמייער, וועלכער שפּאַנט, גאָרנישט קלערנדיק, מיטן לינקן פוס. קענטעניש איז דאָס וואָרט. דאָס וואָרט איז וואָגיק און פּערספּעקטיוולעך. די קאָמבינאַציע פון ווערטער אַוודאי און די קאָמבינאַציע פון ווערטער באַשטימט די פּערספּעקטיוו פון דער פּראָזע און נישט בלויז דעם זין, נאָר אויך איר עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג. זאָגן: „געגאַנגען איז ער שנעל", „ער איז שנעל געגאַנגען" — „שנעל איז ער געגאַנגען" — דאָס זענען, לויט זייער עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג, דריי פאַרשידענע פּראָזעס. בשעת מען לייענט די קלאַסישע ראָמאַנען, דאַרף מען זיך גאַנץ אָפט אָנשטרענגען, נישט אַרונטערצופאַלן אונטער דער השפּעה פונם העלד, הגם דער דאָזיקער העלד איז דעם לייענער פרעמד סיי לויטן היסטאָרישן, סיי לויטן קלאַסן-מהות. דאָס איז אָבער פאָרויס באַשטימט דורך די געזעצן פון דער פּערספּעקטיוו. אין יעדן ראָמאַן איז פאַראַן דער אויוון פון וואַנען עס טאַנצט דער אויטאָר, יענע פּינטל, פון וועלכן דער לייענער דאַרף קוקן, פונקט ווי ער קוקט אויף אַ בילד פון אַ מאָלער. די קלאַסישע ראָמאַנען האָבן אַלס אויוון פאַר דעם לייענער גענומען דעם העלדס אויגן — אַנו, פּרווו און זיי אַ בריה אין אָט דעם פאַל און נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פונם העלד, אַז נאָר מיט זיינע אויגן זעט מען אַלץ מיט אַן אַנדער — און אויב דו ווילסט קוקן, באַאָבאַכטן פון אַן אַנדע־סוק־ווינקל — איז גלייך ווי דו וואָלסט זיך אין טעאַטער געזעצט מיטן רוקן צו דער בינע. די פּערספּעקטיוו איז שטענדיק גראַפיש — און יעדער ראָמאַן, יעדע דערציילונג מוז אומבאַדינגט האָבן איר גראַפיק — פונם זאַץ ביזן אָפּזאַץ, פונם קאַפּיטל ביזן ראָמאַן אַלס גאַנצן, — און דער שרייבער איז מחויב נאָכצופאָלגן, ווי אַזוי דער לייענער וועט דורכגיין דורך דער דערציילונג. אָפטמאָל קומט דעם לייענער אויס צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט די פּערסאָנאַזשן אין אַ צימער. צומאָל קומט אים אויס נאָכצופאָלגן, זיצנדיק אין מאָסקווע, וואָס עס טוט זיך אין פאַלעך, אין קאַזאַכסטאַן, אין סיאַם, אין מורמאַנסק, טאָקיאָ און ניו־יאָרק. אויב דער אוי־

מאר וויל, אז דער לייענער זאל זיך דעגערווירן, קאן ער אים אפשיקן קיין קוזניעצבוי, בשעת מען לאזט דעם ערשטן שמעלץ־אויוון. אויב דער אויטאר איז אויסן צו באַרויקן דעם לייענער, קאן ער אים אריבערברענגען קיין סטאלינסק א שעה נאך דעם, ווי מען האט געלאזט דעם ערשטן שמעלץ־אויוון, אדער ער קאן אים גאר לאזן זיצן אויף דער רויקער מאָס־קווער סאנאפע, און דרייען די פערסאנאזשן, פונקט אזוי ווי מען דרייט די קאדרען אין א קינא...

ווערטער זענען אבער אויך ממשותדיק. ווען דער אויטאר וויל שילדערן א שיינע פרוי, און באשענקט איר מיט א פאמיליענגאמען „בריטענאז", — איז וויפל מי און הארעוואניע ער זאל נישט אריינלייגן אין זיין באשרייבונג, וועט דער לייענער בשום אופן נישט גלויבן, אז זי איז א שיינע,דער פאמילענגאמען וועט אוועקהרגענען איר שיינקייט אויפן פּאַפיר. אויב א שרייבער וועט שילדערן א וואלד־פייזאזש מיט פראטאקאלארע ווערטער, וועט זיך באקומען א שניידער, וועלכער לייגט אויף ציץ טובענע לאטעס. מען טאר נישט באשרייבן א פעאדאל מיט א קאפיטאליסטישן לעקסיק — דער פעאדאל וועט זיך באקומען אויסגעפוצט אין א פראק און איינצייטיק אין א רינגען־פאנצער, און דער רינגען־פאנצער וועט זיין א מין קאמזויל. מען טאר נישט באשרייבן א וואגן מיט אן אויטאמאביל־טערמינאלאגיע — דער וואגן איז עלטער פונם אויטא, ער האט ווערטער פון זיין עלטער. דער לייענער איז בשום אופן נישט מחויב צו גלויבן דעם אויטאר. דער אויטאר דארף איבערציינגן דעם לייענער נישט מיט פארזיכערונגען, נאר מיט באווייזן. א כתב־יד. א יונגער שרייבער. און פון ערשטן זייטל ווערט דערציילט, ווי קלוג, און אריגינעל עס איז די העלדין, — און נישט קיין אנדערע, ווי דער אויטאר אליין, איז פשוט פארכאפט פון איר קלוגשאפט און שיינקייט, און אזוי אויפן צווייטן, אויפן דריטן און פערטן זייטל. — אי קלוג, אי שיין, אי אריגינעל. און אויפן פינפטן זייטל באווייזט זי זיך ווידער, די העלדין, „פון איר האט געשמעקט מיט פארפום־זייף", זי האט זיך אנידערגעזעצט, „פארוואַרפנדיק א פוס אויף א פוס", און געזאגט: „די פראגע איז, אויף וואס דער מענטש דארף מער אפגעבן זיין צייט, צי דער פיזקולטור, אדער גאר זיין גייסטיקער אנטוויקלונג, אט די פראגע איז נאך פאר מיר נישט געלייזט". — און ביים לייענער איז שוין די פראגע גראד געלייזט אין א פיל באדייטנדיקער מאס — די פראגע וועגן דעם, אז נישט קלוג איז נישט נאר די העלדין, נייערט אויך דער שרייבער. דער לייענער בעט זיך רחמים, אז דער שריי־

בער זאָל אים נישט געבן זיינע אַנטציקונגען!... די פאָרם, — דער ראָמאַן, די פּאָעמע, די נאָוועלע, דער דאַקטיל, דער יאַמב — איז מער נישט ווי אַן אָנגענומענער צייכן, אַט פונקט ווי עס איז אַ צייכן אויך דאָס, אַז פרויען גייען אין קליידלעך און מענער אין הויזן. האָבן דאָך אויסגעטון זייערע קליידלעך די מאָסקווער מעטראָ־בויערנס!... די פאָרם פון ראָמאַן איז אַ קונסט־צייכן--־אָבער דאָ האָבן מיר אויך צו טון מיט טיפּשות און קלאָוטאַדע. אַן אַקטיאָר, ווען ער קריכט, ווי אַ האָן, רופט ער אַרויס ביים עולם קליינוואַרג התפעלות און פאַרוווּנדערונג. אָבער אויב די קינדער דערגייען, אַז קרייען קריכט גאָרנישט דער אַקטיאָר, נאָר אַ גאַנץ געוויינלעכער האָן, וועלכן דער אַקטיאָר האָט פאַרשטעקט אונטערן טיש, דאַן וועלן די קינדער פשוט פאַראַכטן, פיינט באַקומען דעם אַקטיאָר, ווייל דער אַקטיאָר האָט אָפּגענאַרט די קונסט. דער שרייבער דאַרף אינטעגרירן די רעאַליטעט, דאָסווירקלעכע לעבן, דעם אמת — זיינע געפילן דאַרף דער אויטאָר אַרגומענטירן נישט מיט ווערטער, נאָר מיט פאַקטן. דער אויטאָר דאַרף גאַנץ אָפּט פאַר דעם לייענער אין די אויגן צייכענען די אומשטענדן ביזן מינדסטן קנייטשל, און צומאָל דאַרף ער לאָזן די פריי פאַרן לייענער, אַט אַזוי ווי עס האָט דאָס געטון אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט לעאָניד אַנדרייעוו צוזאַמען מיט קופּרינען, פּאָטאַפּענקאָ און נאָך אייניקע שרייבער פון יענער צייט. איינמאָל איז דאָס אויבנדערמאָנטע בינטל שרייבער זיך צונויפגעקומען און געטרונקען רויטן ווייַן און זיך געאַמפּערט וועגן קונסט, וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז בעסער צו שאַפן אַ געשטאַלט. זיי האָבן באַשלאָסן מאַקע דאָ אויפן אָרט צו באַשרייבן פרינאַן, ווי זי איז אַריינגעקומען אין אַעראָפּאַג און באַצוווּנגען מיט איר שיינקייט די זקנים, — האָט מען אָפּגעמאַכט צו באַשרייבן פרינאַס שיינקייט. זיי האָבן זיך געזעצט אין פאַרשידענע ווינקלען און אָנגעהויבן באַשרייבן די פרויען־שיינקייט. קופּרין האָט זי באַשריבן געניי און פּינקטלעך, ווי עס איז ביי אים געשילדערט שולמית — אי דער בויך, ווי אַ בעקן, אי די ברוסטן, אי די אויגן, אי די ליפּן, אי די שוואַרצע האָר. פּאָטאַפּענקאָ האָט אָנגעשריבן גאַנצע פינף זייטלעך — די האָר זענען געווען רויטע ווי פייער — און ווידער די ברוסטן, לאַניטן, פינגער, אויגן. בשעת די צוויי האָבן געשריבן, האָט אַנדרייעוו געטרונקען ווייַן, און אַט איז געקומען די ריי, ער זאָל לייענען. ער האָט גענומען פּאָטאַפּענקאָס פינף זייטלעך, אַ רויטן בלייפעדער, אַלץ איבערגעשטראָכן און איבערגעלייענט: „אין אַעראָפּאַג איז אַריינגעקומען פרינאַ, און זי איז געווען אַזוי בלענ־

דענר־שיין, אַז די זקנים האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיך געבוקט צו איר שיינקייט״. — און גאָר. געזינגט האָט אַנדרייעוו, ווייל איינציקע לייענער האַלטן גיכער פון פרינאַן אַלס בלאָנדהאָריקע. און אַנדערע — אַלס רויט־האָריקע. אָבער פאַרן תוך פון דער דערציילונג איז אָט די קלייניקייט נישט וויכטיק. ביי איינציקע רוסישע שרייבער פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז דער באַליבטסטער אויפטו געווען — צווינגען די העלדינס צו ליידן אויף שווינדזוכט, אַ פּאָעטישע קרענק, הייסט עס, פאַרויטלטקייט, פאַרשמאַכטקייט, דער ווינט פון דער אייביקייט, און די דאָקטוירים האָבן געלייענט די דאָזיקע אָפּזאַצן וועגן דער „פּאָעטישער״ קרענק און געלאַכט אין די הויפּנס, וואָרום די שווינדזוכט האָט זיך ביי די שרייבער פון די אַכציקער יאָרן באַקומען פונקט אַזוי, ווי ביי איינציקע פון די היינטצייטיקע שרייבער, די באַשרייבונגען וועגן „גראָפן״ און „פירשטן״. די עם־הארצות אין דער שילדערונג פון אַ פירשט איז פונקט אַזוי אַמאָראַליש, ווי די באַשרייבונג פון טובערקולאָז.

שקיעה. אַלכסונדיקע זון־שטראַלן. דאָס הארץ פון מאָטאָר קלאַפּט מיטן כראָנאָמעטער און איז צונויפגעגאָסן מיט די געדאַנקען. דער אוי־טאָ איז אַרויפגעפאָרן אויף אַ בערגל. אינערגעץ נישט, אינערגעץ נישט אויפן גאַנצן ערד־קיילעך, נישט אין אייראָפּע, נישט אין אַמעריקע און נישט אין אַזיע — אינערגעץ נישט זענען נישט פאַראַן אַזעלכע פּייזאַזשן, ווי דער מיטל־רוסישער פּייזאַזש פון אַ בערגל אַראָפּ — די גרינקייט פון די פעלדער, די רחבות, דער טייך, דאָס דערפל נישט ווייט און די אַלכ־סונדיקע זון־שטראַלן. און שטילקייט.

דער קלאַסישער רוסישער ראָמאַן איז הויפּטזעכלעך אַ פּעאָדאַלער ראָמאַן. די באַדינגלעכקייט פונם קלאַסישן ראָמאַן האָט צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות קולטיווירט די באַשרייבונג פון דער נאַטור און קודם כּל נישט נאָר מחמת ריין עסטעטישע טעמים. דער קלאַסישער רוסישער ראָמאַן איז אויב נישט מיסטיש איז ער פּאַנטעיסטיש. לויט דער באַדינגלעכקייט פונם ראָמאַן האָט זיך די באַשרייבונג פון דער נאַטור געפאָדערט צוליב דעם, כּדי צו באַזעצן דעם ראָמאַן „אויף דער ערד״, באַהעפטן אים צו דער ערד, מיט דער נאַטור, מיטן קאָסמאָס, מיט „פּאַנען״, כּדי דער ראָ־מאַן זאָל, פּונקט אַזוי ווי דאָס לעבן „פון דער ערד געקומען, צו דער ערד זיך אומקערן״, כּדי די נאַטור אינם ראָמאַן זאָל „באַרויקן״ אָדער (זאַ־ווערוכע און שטורעם־פויגל) צווינגען צו שטורמען. טורגענעוו און טאָלסטאָים נאַטור־באַשרייבונגען זענען, געוויינלעך, מיסטיש.

ניין! דאָס געשטאַלט איז נישט בלויז וואָגיק, פּערספּעקטיוולעך, מאַטעריעליש, היסטאָריש, — עס איז אויך אומבאַדינגט סאָציאַל און קלאַסאָווע. מען קאָן נעמען ל. טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", דאָס אוועקלייגן לינקס נעבן זיך, און ביי דער רעכטער זייט אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר און, — פון ערשטן זייטל אָן, פון דעם פּעָאָהאַלן געשפּרעך וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און פון קוראַקינס פּעאָדאַלער קאַרגשאַפט אָן, — אַרויסשרייבן אַלע אינסטינקטן פון טאָלסטאָיס פּערסאָנאַזשן און די אַלע אומשטענדן, וועלכע סטימולירן אָט די אינסטינקטן, — אינסטינקטן, עמאָציעס, געפילן, אַלצאַיינס, ווי מיר וועלן דאָס אָנרופן. פון צענטן זייטל אָן וועלן מיר שוין האָבן פאַר זיך עפּעס אַן אָנדייט פון אַ סיסטעם, מען דאַרף שוין בלויז אונטערשטעלן צייכנס און אָט האָבן מיר שוין אַ סטאַטיסטיק. און ביים סוף פון ראָמאַן זענען שוין באַקאַנט אַלע אינסטינקטן, מיט וועלכע עס האָבן אָפּערירט  נישט בלויז טאָלסטאָיס פּערסאָנאַזשן, נאָר טאָלסטאָי גופא. די מענטשלעכע אינסטינקטן, די מענטשלעכע געפילן האָבן זיך אָנגעשיכטעט צייט דורות, זינט דעם אורמענטש, זינט די פירהענטיקע, זינט דעם צושטאַנד פון פּשוטע בעלי־חיים. פון דעמאָלט אָן זענען זיי נאָך נישט איבערגעבויט געוואָרן. די סאָציאַלע אינסטינקטן פון יענער צייט נאָך, ווען דער מענטש האָט צום ערשטן מאָל גענומען אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביז אויפן הייטיקן טאָג. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם מיטלעלטערישן באַ[illegible]יין, דורכן קאַפּיטאַליסטישן „אינדיווידואַליזם". זיי האָבן זיך אָנגעזאַמלט, געלעבט, געשטאָרבן, ווידער געבוירן געוואָרן און לעבן נאָך אין אונז. איניקע אינסטינקטן, נאָך פון דער שטיין־תקופה, האָבן זיך דערשלעפּט ביז צו דער סאָציאַליסטישער הייגטצייטיקייט, ביזן סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין און סאָציאַליסטישע אינסטינקטן. אָבער מיר, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, — זענען נאָך יונג. און מען וואָלט געדאַרפט נעמען פיל־פיל פון אונזערע שרייבער, פּאַרטייער בתוכם, און אַנידערלייגן אונטער דעם לינקן עלנבויגן זייערע ראָמאַנען, פּונקט אַזוי ווי ל. טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", — און אויב אַ שרייבער וויל טאַקע זיין אַ סאָציאַליסטישער שרייבער, אַ באמת סאָציאַליסטיש פילנדיקער מענטש, איז זאָל דער שרייבער, חוץ זיין באַוווסטזיין, אויך קאָנטראָלירן זיינע אינסטינקטן!

די סאָוויעטישע רוסישע ליטעראַטור האָט שוין איר געשיכטע און אירע דורכגעמאַכטע עטאַפּן. די סאָוויעטישע ליטעראַטור האָט אינגאַנצן אָפּגערוקט אויפן הינטערשטן פּלאַן דעם אינדיווידואַליסטישן גורל פונם

מענטשן. עס פאַרשטייט זיך, — אַז דער גורל פון קלאַסן איז פיל באַדייטנדיקער איידער דער גורל פון די איוואַנעס און איוואַן איוואַנאָוויטשעס, פון איינצלנע פּערזאָנען. בשעת אַ מענטש, אַ קלאַס, אַן עפּאָכע קומט אויף אַ נייַ אָרט, אויף אַ נייער דירה, ווילן זיי אויסשטעלן די זאַכן אויף די געהעריקע ערטער און ווילן, וואָס זיי פאַרמאָגן, — די ליטעראַטור איז געווען אַ סקיצאַרטיקע, אַ דערקענטעניש־ליטעראַטור, אַ פאָטאָגראַפישע. דער קלאַס האָט זיך גענומען איבערבויען דאָס לאַנד, די טאַמע קאָלאָסאַלסטע, מערקווירדיקסטע עפּאָכע, בשעת אין גאַנצן לאַנד איז נישט געבליבן קיין איין דאָרף, קיין איין שטאָט, וואָס זאָל זיך נישט רעקאָנסטרואירן און זיך איבערבויען אויפסניי. עס האָט זיך רעקאָנסטרואירט דאָס אַרויסבאַקומען די תבואה און די אַרבעט אַרום דער תבואה, בשעת איבער די פעלדער האָבן אָנגעהויבן גיין מאַשינעס אין פאַבריק־רגילותן. עס האָבן זיך רעקאָנסטרואירט און פונסניי געבויט פאַבריקן און זאַוואָדן, נאַפט, אייזן, קוילן, כעמיע, טעקסטיל, און פאַרוואַנדלט דאָס אַגראַר־לאַנד אין אַן אינדוסטריעל לאַנד. ס'איז פאַרטיליקט געוואָרן דער קלאַס פון די פריערדיקע געשיכטע־מאַכער צוזאַמען מיט זיין עקאָנאָמישער קאָנסטרוקציע, ווילן, מאָראַל, עסטעטיק. דאָס איז פיל מערקווירדיקער, איידער וועלכע נישט איז ראָמאַנטישע פאַנטאַזיע.

די ערשטע זייט פון „איזוויעסטיאַ” איז געווען פיל ראָמאַנטישער, איידער דער בעלעטריסטישער פעליעטאָן אויף דער דריטער. און די ראָמאַנען פון דער עפּאָכע האָבן גענומען אוראַלטע ברעגעס פון אַ טייך, געדיכטע פאַרוואָרפּענע וועלדער מיט מאָנאַכן אָדער סטעפּעס מיט זאַפּאָראָזשער מסורות. אַהינצו זענען געקומען מענטשן, און דאָרטן האָבן זיך געבויט זאַוואָדן, דערביי האָבן קעגנשטאַנדן און די באַציונג צו די קעגנשטאַנדן איבערגעבויט די מענטשן און זיי געמאַכט פאַר קאָמוניסטן. די ראָמאַנען האָבן גענומען די סאַמע פּרימיטיווסטע האַסיאַטישע ערטערלעך, אַ דאָרף, געבויט דאָרט אַ קאָלווירט, אַהינצו איז אַראָפּגעקומען אַ טראַקטאָר, און דאָרט האָבן זיך געשאַפן פּי־פּערמעס, און דער טראַקטאָר און די באַציונג צום טראַקטאָר האָט איבערגעבויט די מענטשן און זיי געמאַכט פאַר קאָמוניסטן. דער איבערבוי פון די מענטשן איז געשען אין קלאַסן־קאַמף. דער פריערדיקער געשיכטע־מאַכער, ווערנדיק אויסגעראָט און אָפּשטאַרבנדיק, האָט זיך געלאָזט גיין אין דער קולאַקישער מלחמה— אויף הונגער אין די דערפער, אויף שטיקלעך אייזן, וועלכע זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די נייע מאַשינעס, — די שרייבער האָבן געשריבן

װעגן שעדיקעריי. אַזױ איז דאָס טאַקע געװען אין דער װירקלעכקייט.
אָבער שריפטשטעלעריי איז דאָך אַ באַדינגלעכקייט. און די באַדינגלעכ־
קייט פון דעם קלאַסישן ראָמאַן איז איבערגעטראָגן געװאָרן אין אונ־
זערע טעג. אין ראָמאַן איז געװען דער העלד — די קאָמפּאַרטיי אין ראָ־
מאַן איז געװען „דער מערדער" — דער סובהעלד — דער פּריערדיקער
קלאַס, דער שעדיקער. די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז געװען נישט קײן
ריכטיקע לויטן מהות פון דער ליטעראַרישער טעכנאָלאָגיע. דער העלד איז
פּערזאָניפיצירט געװאָרן אין דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַני־
זאַציע, דער מענטש האָט אויף זײַנע פּלײצעס געטראָגן די פּאַרטיי פון
מיליאָנען, פאַרשמעלערנדיק די פּאַרטיי אין זײַנע אינדיװידואַליסטישע
שטריכן, און פאַרלירן זײַן אייגענעם פּרצוף אויסמײַשנדיק זיך אין די
מיליאָנען; דער שעדיקער איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ סובהעלד, װאָס
האָט לחלוטין נישט געשטימט מיט דער װירקלעכקייט, װײַל אין די רע־
אַלע פּערספּעקטיװן איז דער שעדיקער בלויז געװען אַ מין צוטשעפּעניש,
אַן עק, און נישט מער. און בכלל האָבן זיך די ראָמאַנען געענדיקט מיטן
אויפבוי פון אַ זאַװאָד אָדער מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אַ קאָלװירט —
אָט פונקט אַזױ װי אין די ענגלישע ראָמאַנען אָדער אין די רוסישע פון
טורגעניעװס צײַטן -— מיט דעם תּנאָים־שרײַבן צװישן חתן־כּלה; דער
חתן זענען דאָ געװען די קעגנשטאַנדן, אַ זאַװאָד אָדער אַ קאָלװירט, די
מענטשן — די כּלה, און די חתונה — האָס לאָזן אין גאַנג דעם זאַװאָד.
דאָס איז זיכער זייער געזעצמעסיק פאַר דער ליטעראַטור, אָבער שאַפערן
װערן אמתע שאַפערן בלויז פון דעם מאָמענט, װען פאַרנדיק שוין אַ סך,
אַ סך שעהן, כאַפּן זיי זיך ראַפּטום פאַר די געדאַנקען, בשעת זייערע
געדאַנקען זענען װײַט סיי פון דעם װעג, אויף װעלכן זיי פאָרן, סיי פונם
רודער־ראָד, װײַל דער קעגנשטאַנד — די מאַשין, דער מאָטאָר, דער
ריטם פונם מאָטאָר און פון דער באַװעגונג — און ער, דער שאַפער, זע־
נען איינס און דאָס זעלביקע. אָט דערמיט הויבט זיך אָן דאָס לעבן.

(אין איװאַנאָװאָ האָבן אַרבעקאָװ און סיניצין איבערגט־
נעכטיקט אין װאָלקנקראַצער פון איװאַנאָװער האָטעל; דערנאָך
זענען זיי געװען אויפן פּליפּלאַץ, װו די איװאַנאָװער אונטער־
נעמונגען האָבן באַגעגנט ,דעם אַגיט אַעראָפּלאַן „פּראַװדאַ",
װאָס איז געקומען צופליען פון מאָסקװע, דערנאָך זענען זיי
צוזאַמען מיטן פּאָרזיצער פון געגנט ־ אויספּירקאָם סערגיי
פּעטראָװיטש אַגייעװן געפאָרן אויף אַ נאָמענלאָזער אָזערע.
װעגן דעם אַלעם װעט דערציילט װערן װייטער).

קיין פּאַלעך איז מען אַנגעקומען פּאַרנאַכט. די נסיעה אויף דער גאַמענגלאַזער אַזיערע, די נאַכט - געשפּרעכן, דאָס באַגעגענען די פרוי און קינד מיט דער ניאַניע אויפן וואָקזאַל האָט גורם געווען, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש און יאַקאָוו אַנדרייעוויטש זענען פּאַריקע נאַכט געשלאָפן בלויז קנאַפּע צוויי שעה. אין פּאַלעך האָט געוואַרט אַ באָד און אַ פויע־ריש הויז. אין צימער זענען געשטאַנען מאַי־גלעקלעך. ווי ס'איז נאָר נאַכט געוואָרן האָט אונטערן פענסטער אַנגעהויבן זינגען אַ סאָלאָוויי, אויסמישנדיק די קלאַנגען מיט די ריחות פון די מאַי - גלעקלעך. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט דאָס באַוווסטזיין צונויפגעפּאָרט מאַי־גלעק־לעך מיט סאָלאָווייען — מיט פרילינג און מיט דער ברכה פון דער ערד. פאַרמאַטערטע, האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, ווי די זון איז נאָר פאַר־גאַנגען, בשעת די סאָלאָווייען האָבן דערוואַכט. דער גערויש וועגן סאָ־לאָווייען און מאַי - גלעקלעך איז געווען דער לעצטער געדאַנק פאַרן שלאָף. און ביינאַכט האָט אויפגעוועקט אַן אומגעוויינטלעך גערויש, טויזנטער אומבאַקאַנטע וועזנס זענען אַרומגעלאָפן איבערן דאַך. און מיטאַמאָל האָבן אויפגעטויכט זכרונות פון דער קינדהייט, זיי זענען אַריין און אויסגעפילט דאָס גאַנצע באַוווסטזיין. אין מאָסקווע און אין דער וועלט, אין די גרויסע שטעט, אין די פילשטאָקיקע הייזער, איז דער דאָזיקער קלאַנג פאַרגעסן געוואָרן, דער קלאַנג, וואָס איז באַקאַנט פון די קינדער־יאָרן. איבערן בלעכענעם דאַך פון דעם פויערישן הויז זענען גע־לאָפן טויזנטער רעגן־טראָפּנס. הינטערן פענסטער האָט געגרינט דער זו־מער. דער צימער איז באַלויכטן געוואָרן מיט פּאָספאָר־שיין און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז אַריינגעדרונגען דורך די ווענט. פרייליך האָט איבערן דאַך זיך צעשאָטן אַ דונער. אויפן דאַך האָט גערוישט דער רעגן. אין צימער האָט ביז חלישות געשמעקט מיט פייכטע מאַי־גלעקלעך, מיט יוגנט, פרישקייט און סאָלאָווייען. ווו איז דאָס? — ווען?

...סאַראַטאָוו. די סאַראַטאָווער ערשטע גימנאַזיע. דער ערשטער קלאַס. אין גימנאַזיע איז ביי אַלע גימנאַזיסטן ביזן פערטן קלאַס אַן עפּי־דעמיע — מען שפּילט אין פּענעס; די קעשענעס ביי די גימנאַזיסטן זענען אָנגעפּאַקט מיט פּענעס, אַלס העלד פון די אַלע פּענעס ווערט גע־רעכנט „נאַפּאָלעאָן", אַ פּען, וואָס מען קאָן נישט איבערקערן. מען שפּילט בשעת די פויזעס, מען שפּילט בשעת די לעקציעס. די קלאַס־אויפזעערס פּאַקן. דער קלאַס־אויפזעער, מיטן צוגאָמען פּאַראַסאָל, נעמט צו די פּע־נעס, צווינגט איבערצוקערן די קעשענעס, און פּאַראַסאָל, וואָס וויל אויס־

וואורצלען דאָס שלעכטס, שלײַדערט די פּענעס, הונדערטער פּענעס, גלײַך אויפן אויוון אַרויף, ווי מען קאָן זיך אָנשטויסן, צו די טויזנטער פּענעס, וואָס וואַלגערן זיך שוין האַרט זינט די פריערדיקע גימנאַזיסטן־דורות. דער שילער פון ערשטן קלאַס קעלער, דער שפּעטערדיקער אַרבעקאָוו, שמועסט זיך אָפּ מיט זײַן קלאַס־חבר שוכאָטאָוויטשן. בשעת דער ערש־טער פויזע קלאַגט זיך שוכאָטאָוויטש אויף קעלערן, אַז קעלער האָט אים געשלאָגן, און דער קלאַס־אויפזעער באַשטראָפט קעלערן מיט אַ שעה אָן מיטאָג. בשעת דער צווייטער פויזע קלאַגט זיך קעלער, אַז שוכאָטאָוויטש האָט אים געשלאָגן, און דער קלאַס־אויפזעער באַשטראָפט שוכאָטאָוויטשן מיט אַ שעה אָן מיטאָג. נאָך די לעקציעס — בלײַבן קעלער און שוכאָ־טאָוויטש אין צווייען אין קלאַס. די קאַטעדרע — צום אויוון. אויף דער־קאַטעדרע — אַ שול־באַנק. אויף דער שול־באַנק — שוכאָטאָוויטש. אויף שוכאָטאָוויטשן — קעלער. און קעלער איז אויפן אויוון, צווישן שטויב, צווישן פּאַפּירלעך, צווישן פּענעס, פּענעס און פּענעס. און אויפן שוועל— פּאַראַסאַל. און שוין נישט אַליין, נאָר מיט דער הילף פון צוויי וועכטער קריכט קעלער אַראָפּ פונעם אויוון. אין אַ פערטל שעה אַרום — דער אינ־ספּעקטאָר־קאַבינעט אין דער אָפּיצינע, דאָס וואַרטן אויפן אינספּעקטאָר, שוכאָטאָוויטשעס יאָמערן און — אַ שטורעם הינטערן פענסטער, דונערן און בליצן...

פרילינג 1935 איז אין גאַנצן פאַרבאַנד פאָרגעקומען דער ערשטער אַרויסלאָז פון די צענטע קלאַסן פון דער פאָלקאָמער סאָוויעטישער מיטל־שול — אַ יום־טוב פון יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען געבוירן גע־וואָרן שוין נאָך דעם יאָר 1917, אַ יום־טוב פון געבורט און צייטיק ווערן פונעם מענטשן...

ניזשני־נאָווגאָראָד. 1913. דער קלאַס פון „אַביטורענטן".

— קעלער, וואָס טוסטו?!

— גאָרנישט, לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש!

— יאָ־יאָ, גאָרנישט, מען דאַרף אָבער הערן!... — אויף אַ האַלבע שעה אָן מיטאָג!

מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק!... — דאָס דאָזיקע געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין ניזשני־נאָווגאָראָדער „וולאַדימירער" רעאַל־שול. דאָס דאָזיקע געשפּרעך פלעגט זיך איבערחזרן אַ פּאָר מאָל אַ וואָך, און אַלעמען איז געווען באַקאַנט און פאַר קיינעם איז דאָס נישט געווען קיין איבעראַשונג, אַז לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישט ליב דעם

„אביטוריענט" קעלערן און דעריבער „פאקט" ער אים — געווען אזא ווערטל. און קעלער פלעגט בלייבן אויף א האלבע שעה אָן מיטאָג א פּאָר מאָל אין וואָך. קעלער איז שפּעטער געוואָרן א שרייבער... צוזאַמען מיט דעם גימנאַזיסט פיאָדאָר באַגאַראָדסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א מאָ־לער, מיטן גימנאַזיסט סערגיי פּרעדטעטשענסקי, א בעלעטריסט, מיטן אינסטיטוט־שילער ארסעני מיטראָפאַנאָוו, א פּאָעט, און נאָך א צען חב־רים האָבן זיי געשאַפן א ליטעראַטור ־ קרייזל און ארויסגעגעבן א האַנט־שריפטלעכן זשורנאַל. פּרעדטעטשענסקי און ארבעקאָוו האָבן געדרוקט זייערע דערציילונגען אין „ניזשעגאַראָדסקי ליסטאָק". די מיטגלידער פון קרייזל האָבן געלייענט צייטונגען און די דיקע זשורנאַלן. און דער רעאַ־ליסט קעלער איז ארויסגעפאָדערט געוואָרן צום אינספּעקטאָר זשודראָ אין דעם זייער פינסטערן קאַבינעט, ווו די ווענט האָבן אָנגעוואָרפן נישט קיין קלענערע שרעק, ווי דער שווארצער זשודראָ אליין... זשודראָ האָט זיך אָנגערופן:

— סערגיי קעלער, מען זאָגט, אז דו פאַרפאַסט?

די „וולאַדימירער" רעאַל־שול איז געווען דער דריטער לער־אַנ־שטאַלט, אין וועלכן ארבעקאָוו האָט דורכגעמאַכט זיין „מיטעלע" ביל־דונג, ווייל פון דער סאַראַטאָווער גימנאַזיע האָט מען אים משלח געווען פאַר שפּילן אין פּענעס און פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער דער שטראָף צו בלייבן אָן מיטאָג, און פון דער באַגאַראָדסקער רעאַל־שול איז ער אליין אוועק פון זיין אייגענער טובה וועגן. הייסט עס, אז ארבעקאָוו איז שוין נישט געווען קיין מלופּים־קינד. און ער האָט, אויסציענדיק די הענט איבער די לאַמפּאַסן, געענטפערט דעם אינספּעק־טאָר זשודראָ:

— יאָ, וולאַדימיר אלעקסאַנדראָוויטש, איך פאַרפאַס.

— און וואָס פאַרפאַסטו?

— איך שרייב קליינע דערציילונגען, וולאַדימיר אלעקסאַנדראָוויטש. איך קלויב מיך צו ווערן א שרייבער.

— און נאָך האָב איך געהערט, אז דו גיסט די דערציילונגען אין „ניזשעגאַראָדסקי ליסטאָק" און לייענסט בלומרשט צייטונגען.

ארבעקאָוו האָט אָפּגעטאַקט א ליגן, נישט א פינטל טועַנדיק מיט די אויגן.

— עס הויבט זיך נישט אָן, וולאַדימיר אלעקסאַנדראָוויטש.

— און נאָך האָבן מיר דערציילט די קלאַס־אויפזעערס, אַז דו, סע־לער, רויכערסט?

אַרבעקאָווס אויגן זענען געוואָרן הכנעהדיק, און פול חרטה האָט ער שטיל געענטפערט:

— יאָ, וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש, איך האָב עטלעכע מאָל גע־רויכערט.

זשודראַ האָט געשוויגן מחמת איבעררראַשונג. זשודראַ האָט אָפּגע־שאַצט דאָס אָפנהאַרציקע מודה זיין זיך. זשודראַ האָט זיך אָנגערופן:

— נו, מעגסט רויכערן, אויב דו רויכערסט, איבעראיאַר ביסטו שוין אַ סטודענט, אָבער אויב די קלאַס־אויפזעער אָדער דער אינספּעק־טאָר וועלן דיך פּאַקן, וועסטו באַקומען אַ דריי פאַר אויפפירונג. און אויב,

— זשודראַ האָט זיך ביין אָנגעכמורעט, — איך וועל ווידער הערן ווענן דיינע שרייבעריען און וויזיטן אין „ליסטאָק" — וועסטו ווערן אויס־געשלאָסן. פאַרריכט דעם פּאַסיק, ווי עס באַדאַרף צו זיין!...

אין „וולאַדימירער" רעאַל־שולע איז פּונקט אַזוי ווי אין אַלע מי־טעלע שולן פון דער אימפּעריע געווען פאַרבאָטן די שילער זיך צו באַ־וויזן אין גאַס נאָך אַכט אַזייגער אין אָוונט. ניין אין קינאָ אָדער אין טעאַטער האָבן די שילער געקאָנט בלויז מיט ספּעציעלע דערלויבענישן פון דער אינספּעקציע. אין דעם טאָג, ווען די אַביטוריענטן האָבן גענע־דיקט די רעאַל־שול האָבן זיי זיך צוזאַמען מיט די לערער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן גוט אָנגעשיכורט, און צוזאַמען מיט די לערער, אויך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, געפאָרן אין אַ שאַנד־הויז. אויפן גאַנצן לעבן איז פון דער „וולאַדימירער" רעאַל־שול פאַרבליבן אין געדעכעניש — דער קלאַס, די שול־באַנק, די לעקציע פון מאַטעמאַטיק:

— קעלער, וואָס טוסטו?

— גאָרנישט, לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש.

— מען דאַרף הערן! בלייבסט אויף אַ האַלבע שעה אָן מיטאָג!

און דער פראַנצויז, אַ שווייצאַרישער בירגער:

— ע, מאָנשער, איר קענט נישט די לעקציע? — עס וועט אייך קלעקן, אַז איך וועל אייך שטעלן אַ נול מיט ליצעס!? — און דער פראַנצויז האָט זיך געזשמורעט פון תענוג און צערטלעכקייט, דער זעל־בער שווייצאַרישער פראַנצויז, פון וועמען מען האָט אין אַ יאָר אַרום גע־שריבן אין די צייטונגען, און וועלכער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פּשוט געפראַוועט אויסגעלאַסענע

שטיק און מאנס געווען שילער פון די יינגערע קלאסן און עס האט איב געדראט א הארבע שטראף...

ס'ארא עפאכע עס איז זינט דעמאלט פארביי!... די אימפעריע האט צעשאסן דעם רעזשים מיט דער וועלט־מלחמה און האט זיך אויפגעריסן מיט דער רעוואלוציע. דער אקטאבער האט, אפשיסנדיק זיך פון פערצן מלו־כות, וואס האבן אים געוואלט דערטרינקען אין זיין אייגענעם בלוט, אויסגעוואָרצלט די אימפעריע. אין פרילינג 1935 האבן געענדיקט די מיטל־שול מיידן און יונגען, וועלכע זענען נאך נישט געהאט געבוירן געווארן אין 1917, קינדער, מיט וועלכע מען איז פארגאנגען אין טראגן און מען האט געבוירן אין סאמע קאך פון אקטאבער. ארבעקאוו איז אין יענע יארן פון א יינגנמאן געווארן א דערוואקסענער מענטש. אין אנשטאט דעם אמאליקן שילער קעלער, זענען געקומען אויף דער וועלט צוויי נייע שילערס — קעלערס, א זון מיט א טאכטער, וואס האבן גע־לערנט אין דער נאך אקטאבערישער שול. יענער, דער געוועזענער שילער קעלער, איז געווען א שווער קינד — נישט צופעליק האט ער איבערגע־וואנדערט פון סאראטאוו קיין באגאראדסק, פון באגאראדסק קיין ניזשני. און א צופאל אין זיין לעבן איז געווען בלויז דאס, וואס ער האט גע־ענדיקט די שול. דעמאלט האט מען נישט געקאנט און נישט געטארט זאגן, אז קעלער וועט ווערן דער שרייבער ארבעקאוו, אבער דאס יינגל האט זיך פון די פריסטע יארן אן געגרייט צו ווערן א שרייבער, — און טאקע דאס איז געווען די שווערסטע און געפערלעכסטע זאך פאר דער דעמאלטיקער שול. איצט זענען געוואקסן א זון מיט א טאכטער, אין דער זון האט זיך ארויסגעוויזן פיל שווערער פון דער טאכטער. און, עס קאן זיין, אפילו פיל שווערער פון דעם פאטער, — לאמיר זאגן, שוין דערמיט אליין, וואס ער האט, להיפוך פון דעם עלטערן קעלער, זיך נישט געשטעלט קיין שום אויפגאבן און צילן אין לעבן. ער האט נישט געלעבט מיטן פאטער און צו דעם פאטערס גרויס פארדראס און וויטאק זיך אן עצה געגעבן צו דרייצן יאר צו באקומען א קאלטע און דורכאויס גלייכגילטיקע באציונג צום בוך און פולקום זיין באהאוונט אין כלערליי ספארטן און זיין באקאנט מיט דער גאנצער קאלאמנער אומגעגנט, אויף א שטח פון פיל־פיל קילאמעטערס, וועלכע ער האט באזוכט אין די טעג, ווען ער האט דורכגעלאזט די לעקציעס אין דער שול, און דערפאר גע־האט גאר א קנאפע ידיעה אין די אלע לימודים, וואס ער האט געלערנט אין דער סאלאמנער צען־יאריקער שול, — ער האט אזוי וויטיק געקענט,

אַז, טרעפנדיק ביים פאָטער אייניקע שריפטשטעלער, האָט ער זיך צו אים געווענדעט מיט אַ בימע:

— פּאַפּאַ, פאַרוואָס זאָלסטו אַמאָל צו אונז נישט פאַרבעטן אויף אַ גלעזל טיי דעם שרייבער פּושקין!...

דער פאָטער האָט גענומען דעם זון פון די אוראַלטע קאַלאַמענער טראַקטן און אים אַריבערטראַנספּאָרטירט קיין מאָסקווע, אין דער 25־טער שול, וווּ אַ דירעקטאָרין איז געווען אַ פרוי מיט אַ פאַמיליען־נאָמען, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט געפּאַסט פאַרן זון, — גראָזאַ *), און ווערמענס שעף עס איז געווען די צייטונג „איזוויעסטיאַ“, נישט אויף צו להכעיס געווייגלעך, דעם דירעקטאָר זשודראַ און זיין באַציונג צו צייטונגען בכלל און צום „ניזשע נאָווגאָראָדער ליסטאָק“ בפרט. אין די אַלע יאָרן פון די סאָציאַלע אומוואַלגערונגען און אויפשטייגן האָט דער פאָטער נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער שול. מיט די קינדערס אויגן האָט ער ווידער דערזען די שול. קינדער צווינגען בכלל, איבערחזרנדיק דאָס לעבן, — אי צו ווערן יינגער און אי צו זען דאָס, וואָס מען איז אַליין דורכגעגאַנגען. מיט זיינע זכרונות, מיט זיין טאָכטער און זונס אויגן האָט דער פאָטער פאַרגליכט די צוויי שולן. דער פאָטער איז אַריינגע־צויגן געוואָרן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שול, וואָס איז בשום אופן נישט פאַרשטענדלעך פאַר די פאַר־רעוואָלוציאָנערע טראַדי־ציעס, ווייל דער דירעקטאָר זשודראַ האָט צוגעלאָזט דעם עלטערן־גייסט אין דעם „היכל פון ווייסן“ בלויז דאַן, בשעת פונם היכל איז אַרויסגע־יאָגט געוואָרן דער גייסט פון געזונטער קינדהייט.

ווי פיל, ווי מערקווירדיק אַלץ האָט זיך געענדערט! — פון וואָס איז דאָ צו טראַכטן, צי פון דעם, וואָס די שול האָט איר אייגענע גע־דרוקטע צייטונג, וועלכע דערשיינט איינמאָל אין זעקס טעג און אין וועל־כער די לערער און די שילער דרוקן זיך צוזאַמען, און די רעדאַקציע זאָרגט דערפאַר, אַז די שילער זאָלן זיך דווקא דרוקן?... פון וואָס איז דאָ צו טראַכטן? יאָ, די שילער פון דער דאָזיקער שול קאָרעספּאָנדירן מיט פינף און צוואַנציק פעלקער — אָנהויבנדיק פון די אַמעריקאַנער שילער ביז די שילער פון דער אַרקטיס.

„איגזל קאַלגויעוו, שול.

„וואָס מאַכט איר! אַלע נענצעס זענען איצט אין אַרטעל.

---

*) גרויזאַם, שטורם, דראָונג. — באַמ. פון איבערזעצער.

זיי אַרבעטן צוזאַמען. די הירשן זענען נישט צוזאַמען, די הירשן דאַרף מען אויך צוזאַמען. די נענצעס וווינען אין טשו־מעס (געצעלטן) — זיי יאַמצען — וואַנדערן. אין דער רויטער משומע לערנען זיך די נענצעט, די נענקעס, די מיידלעך, לער־נען זיך נישט, זיי ווילן זיך לערנען איבעראַיאָר. אַן אַגענטור איז דאָ. אַ שפּיטאָל איז דאָ. די שול איז אַלט דאָס צווייטע יאָר. 26 שילער, צוויי גרופּעס. מיר האָבן געלערנט וועגן לע־נינס אַרטעל, וועגן דער רויטער אַרמיי, וועגן דער פּאַריזער קאָמונע, וועגן ערשטן מאַי. מיר האָבן געלערנט, ווי עס לעבן די אַרבעטער, ווו עס זענען נאָך דאָ בורזשויען. אַ וואַנט־צײַ־טונג איז דאָ, אַ ראַדיאָ איז דאָ, אַ קינאָ איז דאָ. אין שול זענען פּיאָנערן דאָ״...

דאָס איז אַ טייל פון אַ בריוו, וואָס עס האָבן געשריבן קאָלגויעווער שילער אויף דער נענעצישער שפּראַך צו די שילער פון דער 25־טער שול. פון אויסטראַליע, פון סידניי, שרייבט אַלאַן שאַין וועגן זיין לעבן, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אויסטראַליע, און בפרט וועגן דעם, אַז די אויסטראַלישע אייזנבאַן וויל נישט, מחמת די אַלטע ענגליש־אַמעריקאַני־שע צענזור־טראַדיציעס, פירן קיין אַרבעטער־צייטונגען, און דעריבער —

„איז אונז שווער זיי צו באַקומען אין מעלבורן... פאַר־אַכטאָגן האָבן די באַאַמטע קאָנפיסקירט און פאַרברענט אַלע עקזעמפּלאַרן פון „וואָרקערס וויקליי״...

מען שרייבט פון אינדיע, פון דער שטאָט פּוני. די טראַנאַמאַנער שול אין ניו־כעוועקע פון שטאָט ניו־יאָרק אין די פאַרייניקטע שטאַטן שרייבט און שיקט מתנות „אונזערע פריינט אין פ. ס. ר. ר.״ פון דער סטאַציע בערטשאַקור אין קאַזאַקסטאַן שרייבט מען:

„מיר שילער פון דער בער־טשאַקורער שול שיקן אייך אונזער גרוס אין דער ווייטער מאָסקווע״...

אין 1913!... דער דריי הונדערט יעריקער יובילייע און דאָס לעצטע יאָר פון דער אימפּעריע!... קעלערס יוגנט, שטורעמס, קאַיאָרן — און בכלל יוגנט, וואָס וויל אַלצדינג וויסן, אַלצדינג פאַרשטיין, אַלצדינג אַריינ־זאַפּן אין זיך! אויף דער אַשאַרער גאַס, אין נידשני, האָט געוווינט אַ פּראָנצוויזין, וואָס האָט מיט אַן אַקצענט גערעדט רוסיש — רעאַליסטן פלעגן טיטלען אויף איר מיט די פינגער און באַלד אַנטשוויגן ווערן, ווי נאָר זי איז נעבן זיי פאַרבייגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן געזען אַן אויסלענ־דערין, וועגן וועלכער זיי האָבן גאָרנישט געוווסט, ווייל הינטער דער נע־

שטאַלט פון דער אויסלענדערין האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווייטע, אומבאַקאַנטע לענדער, פון וועלכע מען האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, וועגן וועלכע מען האָט געדאַרפט טרוימען, ווי וועגן צויבער־לענדער, וואָס עקזיסטירן נאָרנישט... יוגנט, שטורעמס, קאַיאָרן! — ווען דעם שילער, דעם פּאַטער, וואָלט מעגלעך געווען דעמאָלט אָנצושרייבן אַ בריוו קיין קאַלגויעוו, קיין מעלבורן, קיין ניו־כעוועק, אפשר וואָלט זיין לעבן גאָר אַנדערש אויסגעזען?... סכאַיין, אַ הינדוס, שרייבט פון דער שטאָט פּוני אין זיין בריוו פון 15־טן יאַנואַר 1934:

„דער שטרייק איז פאַרשפּילט געוואָרן, מחמת דעם, ווייל דער באַלעבאָס האָט אַראָפּגעבראַכט שטרייקברעכערס. די שטרייקברעכערס זענען געווען מוסולמענער און ׳האָבן פיינט געהאַט אונז, בודיסטן. ביי זיי אין בענגאַליען זענען אַלע פּריצים — בודיסטן, און זיי האָבן אונז פיינט געהאַט, אַלס קלאַסן־שונאים. די ענגלענדער, די באַלעבאַטים פון אינדיע, נוצן אויס די רעליגיעזע שנאה און רייצן אָן די בודיסטן אויף די מוסולמענער. אָבער די לעצטע צייט גיט זיך דאָס זיי אַזוי לייכט נישט איין, מיר ברידערן זיך מיט די בענגאַליערי...

דעמאָלט, מיט אַ גאַנצער עפּאָכע צוריק, איז קעלערס פאַרשטעלונג וועגן אינדיע געווען געבויט אויף קיפּלינגס ראָמאַנען, אויף די ראָמאַנען פון ענגלישן קאָנסערוואַטאָר, און פון זיי וועגן די יאָגן, וועלכע זענען רעסטאַווירט געוואָרן דורך די איראָפּעיִשע פּעדאַלן פון חעם מיסטיציזם, — אינדיע האָט אויסגעזען ווי דאָס לאַנד פון מאַאוגלי*), און כישופמאַכערס, וואָס קאָנען לייענען די געדאַנקען פון אַ מייל די ווייט, זיך שטעכן מיט נאָדלען, נישט עסן און נישט טרינקען יאָרנלאַנג, שטאַרבן און צוריק לעבעדיק ווערן, ווען עס פאַרווילט זיך זיי. — אינדיע איז געווען אַ לאַנד, ווו די מענטשן זענען לחלוטין נישט ענלעך צו די איראָפּעער. ווען אַרבעקאָוו וואָלט דעמאָלט איבערגעלייענט דעם בריוו פונם הינדוס סכאַיין פון דער שטאָט פּוני!... ווירקלעך, —

„אַלע נענצעס זענען איצט אין אַרטעל. זיי אַרבעטן צוזאַמען. די הירשן זענען נישט צוזאַמען, די הירשן דאַרף מען אויך צוזאַמען. די נענצעס ווינען אין טשומעס, זיי וואַנדערן".

---

*) דער העלד פון קיפּלינגס „בוך פון דזשונגלי". — באַמערקונג פון איבערזעצער.

צי דען איז איטלעכע פראַזע, וואָס איז אָנגעשריבן דורך די נעצער שילער, נישט דאָס לעבעדיקע לעבן, וואָס ליגט פאַר דיר אָפן? — צי דען וועט יעדע פראַזע, וואָס ווערט אויסגעלייגט אויף דער געאָגראַפישער מאַפע און סאָציאַל־היסטאָרישער פּאָליצע פון לעבעדיקן לעבן, נישט פאַרבלייבן אויף שטענדיק ווי אַ רעאַל־געפיל אין דעם זכרון פון קעלער דעם זון, וואָס האָט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו צוזאַמען מיט די חברים און צוזאַמען מיט די חברים געענטפערט אויף דעם בריוו פון די חברים פון אינזל קאַלגויעוו? — און צי וועט נאָך אַזוי ווייט בלייבן מאָסקווע פאַר די בער־קאַטשורער קאָזאַקלעך, ווען זיי וועלן באַקומען די ידיעה, וואָס זייערע מאָסקווער חברים־שילער טוען?... אָבער אין דער 25־טער שול, אין דער שול, וווּ עס לערנט דער צווייטער קעלער, איז די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ גאָרנישט קיין צופעליקע זאַך, אַפילו נישט בלויז לעבנסדערקענטעניש, — נאָר די סיסטעם פון לערנען פון דעם סאַמע גודנעסטן און אומזיניקסטן לימוד אין דער גאַנצער „קלאַסישער" אימפּעראַטאָרישער פאַררעוואָלוציאָנערער שול — די סיסטעם פון לערנען געאָגראַפיע.

זשודרא האָט געזאָגט:

— נו, רויבער, אויב דו רויבערסט, אָבער אויב מען וועט דיך פּאַקן, וועסטו באַקומען אַ דריי פאַר אויפפירונג.

לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזאָגט:

— קעלער, וואָס טוסטו?! — בלייבסט אויף אַ האַלבע שעה אָן מיטאָג!...

אַרבעקאָוו דער זון האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס שווער קינד. זשודראָ און לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש זענען געווען די „שעפער" פון דער אימפּערישער „דיסציפּלין". אין דער 25־טער שול זענען געווען צוויי שילער. די מלחמה־כוואַליע פון טויט און הונגער, פון היימלאָזער פריייקייט, פון היימלאָזיקייט און פּאַטערלאָזיקייט, האָט ביי אַ סך פון אונזערע קינדער פאַרביטן דעם טרוים צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע און קיין אינדיע אויף דעם טרוים צו ווערן אַ פּאַרוואַרלאָזטער, אַ הפקר־קינד. און אָט די צוויי האָבן, אין קאָמפּאַניע און אין איין קלאַס, זיך אָנגעכאַפּט אין אָט די טרוימען און געגנבעט, געשלאָגן די קינדער, געקאָמאַנדעוועט מיטן קלאַס, גענומען ציניש פונם קלאַס מיט די טראַמווייַ־צענערלעך, דורכגעלאָזט לעקציעס, ווען דאָס האָט זיך זיי געגלוסט — געפּעאַראַלעוועט, ווי קורפירשטן. ווען דאָס אַלץ איז אַרויסגעשווומען, האָבן זיך אַריינגעמישט די

עלטערן און די לערער. די עלטערן האָבן פאָרגעשלאָגן דאָס מעכאַנישע מיטל פון די אַלטע טראַדיציעס — אַרויסיאָגן די שעדיקער. דער גרופּעפירער האָט נישט מסכּים געווען מיט אָט דעם מאָסמיטל. נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון גאַנצן קלאַס, נאָך אַ זייער האַרציקן שמועס מיט די עלטסטע פון דעם פּיאָנערן־אָפּטייל, האָט מען די „שעדיקער" פאָרגעלייגט, און זיי זענען דאַרויף איינגעגאַנגען — זיי זאָלן שרייבן טאָג־ביכער פון זייער דיסציפּלין. די קינדער האָבן אַלע טאָג געדאַרפט ווייזן די דאָזיקע טאָג־ביכער זייערע עלטערן, דעם אָנפירער און עלטסטן. דאָס מיטל האָט געווירקט, און זייער שנעל: שרייבן און האַקן ליגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז אַ סך שווערער, ווי אָפּנאַרן און סקאַנדאַלעווען, — שרייבן דאַרף מען זאָרגפעלטיק, און ביים שרייבן, טראַכטנדיק בשעת מעשה, דאַרף מען אַ סך קלערן וועגן זיך אַליין... איינס פון די פּאָפּולערסטע ערטער אין שול — איז דער טאָוול לעבן קאַבינעט פונם שול־פאַרוואַלטער. אויף דעם דאָזיקן טאָוול געפינען זיך אַ מענגע רויטע און בלויע פענדלעך, וואָס ציינן דאָס לעבן און די אַרבעט פון די קלאַסן, די פעולה, די דיסציפּלין, דעם פאַרמעסט, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון יעדן שילער באַזונדער, די קרייזלעך, דאָס ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע, דראַמאַטישע און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן... דער שווייצאַרישער פּראָנצויז און קרימינעלער פאַרברעכער פלעגט אין „וולאַדימירער" רעאַל־שול אַזוי זאָגן:

— איר קאָנט זייער שלעכט די לעקציע, מיין פריינד, — ווי מיינט איר, וואָס פאַרא באַל זאָל איך אייך שטעלן? — ווי מיינט איר, אויב איך וועל אייך שטעלן אַ נול מיט לייצעס, וועט עס זיין על פּי יושר, נישט וואָר? — נו, ווייבאַלד אַזוי, וועל איך אייך טאַקע שטעלן אַזאַ באַל!

און דער שווייצאַרער איז געווען גליקלעך. די 25־טע שול אויפן נאָמען פון דער צייטונג „איזוועסטיאַ" האַלט, „אַלס הויפּט־מאָמענט פון קאַמף פאַר דער פעולה — די אַרבעט פון די שילער איבער זיך אַליין, איבער דער שטייגערונג פון זייער קוואַליפיקאַציע, איבער דעם אויפּפּאַסן דעם מאַטעריאַל, וואָס ווערט געגעבן די שילער". לויט די איינשטעלונגען פון דער 25־טער שול און לויט די טראַדיציעס אירע, זענען אין די נולן שולדיק נישט די שילער, נאָר די פּעדאַגאָגן, — און די שול האַלט פאַר איר שטאָלצקייט, ווען די שילער גייען אַריבער פון איין קלאַס אין צווייטן מיט אַ הונדערט־פּראָצענטיקער פעולה, אָפּצייכענענדיק דאָס אויפן טאָוול מיט די בלויע און רויטע פענדעלעך, — און חוץ די רויטע און בלויע

איז לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער שול נאָך פאַראַן א שוואַרצע פּאַן, וואָס ווערט אָבער אין דער ווירקלעכקייט לחלוטין נישט באַנוצט. קעלער דער זון, וואָס איז לויט זיין טבע און שלעכטער אויפפירונג געווען איינ־געוואַקסן אין זיין קאָלאָמנער צושטאַנד, האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין דער 25־טער שול דערמיט, וואָס ער האָט אין ערשטן קוואַרטל גע־בראַכט דורכאויס נישט־באַפרידיקנדיקע באַלן איבער אַלע לימודים, מיט וואָס ער איז נאָרמאַל געווען צופרידן און, לויט די קאָלאָמנער טראַדי־ציעס, זיך לחלוטין נישט גענומען צום האַרצן. אין דריטן קוואַרטל האָט ער שוין געהאַט נישט מער ווי איין נישט באַפרידיקנדיקן באַל און עס האָבן זיך שוין באַוויזן „גוט" און אפילו צוויי „זייער גוט". אָבער נישט דאָס איז דער עיקר, — נאָר דער עיקר איז דאָס, וואָס ער האָט, דוכט זיך, אָנגעהויבן ארויסצוווייזן א געזונטע פּאַראַינטערעסירונג און אויפרע־גונג בנוגע זיינע באַלן און שול־ענינים און דאָס, וואָס אויף זומער אין לאַגער אריין האָט ער מיטגענומען א גרויסע צאָל ביכער, מיט דער האָ־פענונג, אז ער וועט זיי איבערלייענען.

און די טאָכטער? — קריטיקער זענען, וואָס אַן אמת, טאַקע זייער גערעכט, ווען זיי זענען צוליב זייער פּראָפעסיע בייז: וועגן גוטס, וועגן פּשוטס און קלוגס — איז זייער שווער צו שרייבן, איז נישטאָ וואָס צו שרייבן, דאָס אָנגעשריבענע ווערט נודנע, — עפּעס אַנדערש איז, ווען מען גיט א שרייב אָן וועגן „אורשפּרינגלעכקייט", אָדער ווען מען קאָן אויף יענעמס נאַרישקייט באַווייזן די אייגענע חכמה!... אין יאַנואַר האָט די טאָכטער פאַרלאַנגט, דער פאָטער זאָל פאַר איר שאַפן דעם פּאַר־טיאַריקן קאָמפּלעט „איזוועסטיאַ", און קאַטעגאָריש געפאָדערט, ער זאָל נישט אָנרירן איר „קאָמסאָמאָלקע". און אין פעברואַר, און אין מערץ האָט זי ביים פאָטער געהאַלטן אין איין שלעפּן מאַרקסיסטיש־טעאָרעטישע ביכער. איינמאָל, אין אַפּריל, שוין גאַנץ שפּעטלעך, איז זי געקומען א צעשטראַלטע. אין יענעם אָוונט האָט זי אין ראַיקאָם פון קאָמיוג אויסגע־האַלטן א אויסערגעוויינלעכן עקזאַמען. זי האָט אויסגעהאַלטן און איז איבערגענאַנגען פון א קאַנדידאַטין אין א מיטגליד פון קאָמיוג. מען האָט איר געשטעלט בלויז דריי פראַגן — וועגן דעם פאַרקויף פון דער כינע־זיש - מזרחדיקער באַן, וועגן אידענס און לאַוואַלס נסיעה און וועגן די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו דער שפּאַלטונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין יאָר 1903.

— וואָס האָט דערפירט צו דער באַראַטונג פון די אייראָפּעאישע מי־

ניסטאָ'ן אין שטרעזע? — האָבן געפרעגט די אַלטע קאָמיוגיסטן.

— די פאַרשטענדיקונג צווישן פ. ס. ר. ר. און פראַנקרייך וועגן קעגנזייטיקער הילף אין פאַל פון א מלחמה.

— גוט, — האָבן די אַלטע קאָמיוגיסטן געזאָגט, — אָבער ווי שאַצסטו אָפּ די פּאָליטיק פון פ. ס. ר. ר. אין דעם פאַל? שטעל זיך פאָר, די דייטשן פאַלן אָן אויף פראַנקרייך, נישט אָנפאַלנדיק אויף אונז, — וואָס־זשע וועסטו, דו קאָמיוגיסטקע, טון אין אַזאַ פאַל?

— לענין האָט געלערנט פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין א קלאַסן־ און א בירגער־קריג.

די טאָכטער איז יענעם אָוונט געווען א גליקלעכע, א צעשטראַלטע. זי איז אַוועק צו זיך אין צימער און א לאַנגע צייט נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט גענומען די ביכער און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די שול־עקזאַמענס. און דאָס איז געווען פאָלקאָם געזעצמעסיק פאַר דער יוגנט, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ און אָפּפּטרנדיק איין זאַך, נעמט זי זיך גלייך צו דער צווייטער, ווייל זי וויל אַלצדינג וויסן, אַלצדינג באַנעמען און אַלצדינג אַריינזאַפּן אין זיך. שוין גאַנץ שפּעטלעך איז דער פאָטער אַריינגעגאַנגען צו דער טאָכטער, זי איבערצופרעגן. אַלזאָ, הייסט עס, אַז נישט געקוקט, וואָס קאַראַכאַן האָט מיט זיין נאָטע אין 1920 זיך אָפּגעזאָגט פון קאָנצעסיעס און נישט גלייכע אָפּמאַכן, האָט זיך פ. ס. ר. ר. נישט אָפּגעזאָגט פון דער כינעזיש־מזרח־באַן? פאַרוואָס?

די טאָכטער האָט געזאָגט:

— פּאַפּקאַ, גיי אַוועק!

— וואָס שרייבסטו? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— א טאָג־בוך. גיי אַוועק!...

יוגנט!... און דעם דרייסיקסטן מאַי איז געווען דער יום־טוב פון ענדיקן די צען־יאָריקע שול, דער יום־טוב פון גערעטעניש פון נייע מענטשן. פון א נייעם דור, דער יום־טוב פון מענטשן־באַשאַף, פון די, וואָס זענען פון קינדהייט אַריבער אין יוגנט און אין לעבן, אין נייעם וויסן און אין נייער אַרבעט. די יינגען און מיידן זענען אויף דעם יום־טוב געקומען אויסגעפּוצטע און יום־טובדיקע, צוזאַמען מיט די לערער און עלטערן, אויך אויסגעפּוצטע און יום־טובדיקע, — אויף אָט דעם יום־טוב פון פריינד און פריינדשאַפט פון די סאָוועטישע דורות. די שילער, די לערער און די עלטערן האָבן געגעסן פּיראָזשקעס מיט פלייש, מיט רייז, טשאַסטעס, געטרונקען טיי, — פאַרן לעבן, ווען פּי־

ראַזשסקעס זענען געווען דער אַלגעמיינער בראָסן פון אונזער סאָוועטישן גורל. און דעם דרייסיקסטן מאַי פאַרנאַכט האָט זיך איבער מאָסקווע פאַרביַיגעטראָגן א גאָסרעגן מיט דונערן, א פריילעך געוויטער.

— יאָ, דער נייער דור, פאַר וועלכן דער אָקטאָבער, דאָס זיבעצנטע יאָר איז די גרענעץ פון געבורט. געשיכטע, געשעענס, אין וועלכן ער, דער דאָזיקער נייער דור, איז נישט געווען.

אין איינזאַמקייט און ביינאַכט, טראַכטן מענטשן אָפטער פון אַלץ אָן ווערטער, נאָר מיט געפילן. אָט אַזוי, מיט געפילן האָט אַרבעקאָוו גע־טראַכט וועגן זיין יוגנט און וועגן זיינע קינדער. מסתמא, ווען עמיצער וואָלט אים דאַן געפרעגט וועגן וואָס ער טראַכט, וואָלט ער נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

דאָס אומגעוויינלעכע געראַויש האָט נישט אויפגעהערט און טויזנטער אומבאַקאַנטע וועזנס זענען ווייטער געלאָפן איבער דעם בלעכענעם דאַך, — א קלאַנג, וואָס איז באַקאַנט נאָך פון דער קינדהייט. ווידער האָט זיך איבערן הויז א שאָט געטון א דונער. עס האָט געזונגען א סאָלאָוויי. עס האָבן געשמעקט מאַי־גלעקלעך — מיט יוגנט, מיט פרישקייט, מיט סאָלאָווייען.

און אין דער ווירקלעכקייט, אינם לעבן באַמערקן מיר גאָרנישט, אַז אַלץ, אַלץ האָט זיך געענדערט אין אונזער לאַנד, פונקט אַזוי ווי עס האָט זיך געענדערט דאָס לערנען מיך און מיין זון.

עס האָט געטאָגט. אונטער די געוויטער־וואָלקנס האָט זיך גערויטלט דער מזרח. אויפן טיש זענען אין דער האַלב־טונקלקייט געשטאַנען צוויי קריגלעך מיט מאַי־גלעקלעך און קאַלינעס. די קאַלינע שמעקט איידעלער, שוואַכער פון מאַי־גלעקלעך. די קאַלינע בליט מיט הענגלעך בלומען. אויף יעדער הענגל ביי די ברעגעס — גרעסערע, שיינע, ווייסע, שטערנאַרטיקע בלומען און גלייך נאָך זיי, אין דערמיט פון דעם הענגל — שוין גאָר אנדערע בלומען, קליינינקע, קוים מערקלעכע, וואָס האָבן ווייט אַרויס־געשטאַרצט זייערע שטענגעלעך. אז מען גיט א גוטן שמעק, קאָן מען פילן, אַז די ביידע בלומען פון איין און דעם זעלבן הענגל שמעקן אנ־דערש, די קלענערע שמעקן קוים־קוים, אי דאָס גאָר פון דער נאָענט, אַז מען זאָל זיך גוט צוקוקן, קאָן מען זען, אַז די גרעסערע בלומען, די שיינהייטן, זענען פרוכטלאָז, זיי זענען נאָר א באַפוצונג, א פאַרבלענדעניש, און זע־נען אין דינסט פון יענע עניוותדיקע, שטילינקע, קוים־קוים שמעקנדיקע, וועלכע וועלן נושא־פרי זיין. דער אויפמערקזאַמער סערגיי איוואַנאָוויטש

דער ריח פון די קליינינקע, אומבאַמערקטע בלימעלעך איז איידעלער, טיפער און פיינער. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געהערט דעם געוויטער. דער סאָלאָוויי האָט נישט געהערט דעם געוויטער, ער האָט געזונגען, נישט הערנדיק דעם דונער... האַרבסט־צייט וועט די קאַלינע גיבן ביטערע פרוכטן. פון יענע יאָרן אָן, זינט אַרבעקאָוו האָט געענדיקט די „וולאדי־מירער" רעאַל־שול איז אַדורך אַן אומגעהויער לעבן. אין דער פּאָוויאַטאָ־ווער קינדהייט האָט אַרבעקאָוו געדענקט דאָס פּעאָדאַלע רוסלאַנד, פון רוסישע בייוועגן און פּריסטאַוועס, פון פּריצים און פּויערים, פון דריי־פּעלדיקער סיסטעם און פון אַ דריי־איינציקן גאָט. דער אוניווערסיטעט איז זיך צוטויפגעפאַלן מיט דער אויפבלי־צייט פון די מאָראָזאָווס, ריאַ־בושינסקיס און ווטאָראָווס. און שוין נאָך דער רעוואָלוציע, אויף דער וועלט פון טאָקיאָ ביז לאָס אַנדזשעלאָס, האָט אַרבעקאָוו געזען, ווי די מאָראָזאָווס און ווטאָראָווס וואַלטן געוואָרן, ווען נישט דאָס יאָר 1917. ער האָט געקאַנט זיין לאַנד. ער האָט אָנגעשריבן אַ סך ביכער. און הינ־טער דעם אַלעמען איז געווען אַ וועזן, וואָס לאָזט זיך נישט פּובליקירן, — די קינדהייט, די יוגנט, די מענערשאַפט, און פּאַראויס — די עלטער. אין דעם זעלבן לעבן, וואָס דאַרף נישט פּובליקירט ווערן, — איז אויך דאָ ליבע און קינדער־געבורט. אַפּנים, אַז אין דער מאַנספּילישער נאַטור זענען ווירקלעך פאַראַן צוויי צייטן פון ליבע־פּאַרזיי — די פּרילינג און ערב־שקיעה־צייט. ווערנדיק רייף פאַר דעם קינדער־געבורט, האָט אַרבע־קאָוו געמאַכט געבוירן די עלטערע — די טאָכטער און דעם זון. דער־נאָך איז פאַרביי אַ גרויסער יאָרצענדליק פון אַ קינדערלאָז, און אין תוך גענומען, אויך ליבע־לאָז לעבן, מיט אַ פרוי פון וועמען מען האָט נישט געדאַרפט קיין קינדער. און עס איז אַנטשטאַנען אַ פרוי, וואָס האָט אַ יאָר נאָך דער חתונה געבוירן אַ זון — דעם ליבע־פּאַרזיי, אַזאַ פולער, אַזאַ — נישטאָ קיין אַנדערע ווערטער — מאַיעסטעטישער און אַלץ אויספילנדיקער, וואָס איז נישט בלויז נאָך קיינמאָל פריער נישט געווען, נאָר מען האָט דאָס אַפילו נישט חושד געווען. מען וואָלט זיך געקאָנט ווינטשן, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש איז געפאָרן פון מאָסקווע קיין איוואַ־נאָוואָ, בלויז צוליב דעם, ער זאָל אויפן איוואַנאָווער וואָקזאַל באַגעגענען די פרוי. ער האָט זי טאָקע באַגעגנט מיט דעם צוג, וואָס קומט אָן זעקס אַ זייגער אינדערפרי. ער האָט געטראָגן דעם זון אויף די הענט פון דעם וואַגאָן ביז צום אויטאָ, און יעדעס גראָבנדל, יעדעס בערגעלע איז ער זאָרגעוודיק ארומגעפאָרן, כדי דעם קינד זאָל, חלילה, גאָרנישט שאַטן.

אין שטוב האָט ביז חלשות געשמעקט מיט מאַי־גלעקלעך. דאָס זינ־

האָט באַטראַכט די קאַלינע־בלומען, — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גען פון דעם סאָלאָוויי איז געווען ענלעך צום ריח פון די מאַי־גלעקלעך. נעבן די מאַי־גלעקלעך איז געשטאַנען אַ קרוג מיט קאַלינע־בלומען. דער זון איז געשלאָפן פון יענער זייט וואַנט, אין בעטל, וואָס מען האָט געבראַכט פון מאָסקווע און איז געווען צוגעבונדן צום דאַך פונם אויטאָ. דער פאָטער איז אַריין צום זון. דער זון איז געשלאָפן, דאָס קאָלדערכל איז געווען אַראָפּגעשאַרט, דאָס קינד איז געלעגן מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענטלעך, אָט דאָס פּיצל מענטשלעך־פאָטערס־לייב. דער פאָטער האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם זון, אַ טאַפּ געטון זיין קעפּל, עס איז געווען פייכט פון געשמאַקן שלאָף. דער זון האָט גלייכמאָסיק און שטיל געאָטעמט. עס האָט געקנאַלט דער דונער און געראַוישט דער רעגן. און די שפע פון דער וועלט, די דאַנקבאַרקייט צו דער וועלט און צום לעבן, צו דער מאַיעסטעטישקייט, פּשטות, שיינקייט, קאָמפּליצירטקייט, געהיימנישפולקייט פון דעם לעבן, — וואָס איז פיל מאַיעסטעטישער, שענער און פרישער, שפּעדיקער, ווי די סאָלאָווייען, מאַי־גלעקלעך, קאַלינעס און געוויטערס, — האָבן אָנגעפילט דאָס באַוואוסטזיין און געפיל פון דעם פאָטער. דאָס איז געווען דאָס געפיל פון לעבן, געבורט, ליבע. דאָס איז געווען פול און פולווערטיק, ווי דאָס לעבן. דאָס איז געווען דאָס געפיל פון אַ קינד. און סיי די מאַיגלעקלעך, און סיי דער סאָלאָוויי, און סיי די קאַלינע — דאָס אַלץ זענען געווען עלעמענטן אין דעם געפיל פון אַ קינד.

אין איוואַנאָוואָ איז אַרבעקאָוו מיט סיניצינען געווען אויף דעם אַעראָדראָם, וווּ די איוואַנאָווער פּראָלעטאַריער האָבן באַגעגנט דעם אַגיט־אַעראָפּלאַן „פּראַוודאַ", און דערנאָך זענען זיי צוזאַמען מיט ס. פּ. אַגייעוון געפאָרן אויף אַ נאָמענלאָזער אָזערע.

דער אַעראָדראָם איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. אַרומקרייזנדיק עטלעכע מאָל די שטאָט, האָט זיך דער אַעראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט. פון דעם אַעראָפּלאַן זענען אַרויסגעשטיגן זיבן און צוואָנציק מאַן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פלי. עס איז פאָרגעקומען אַ מיטינג. דער אַעראָפּלאַן האָט אויפגעהויבן אינדערלופטן די בכבודיקסטע איוואַנאָווער אַרבעטער. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען אויף דער טריבונע.

אין מאָסקווע איז, איינמאָל, אין דעם אָ פרילינג, ביי סערגיי איוואַנאָוויטשן אין הויז, געווען טומלדיק. פאַר דער באַשטימטער צייט האָט דער זון אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צום פאָטער אין צימער און האָט אַ שעפּטשע געטון:

— פּאַפּאַ, מסתּמא, שלאָפסטו שוין נישט? אַלע זענען שוין דאָ. קליגג אַז צו ראָבערט פּעטראָוויטשן אָדער צום חבר דייטש.

— און דער ווינט און די וואָלקנס.

— קיין וואָלקנס זענען נישטאָ, און דאָס ווינטל איז אַ קלייניגס, — האָט דער זון געענטפערט, — דאָס ווינטל, מיין איך, וועט נישט שאַטן.

— כ'וועל באַלד אָנקלינגען, — האָט דער פאָטער געזאָגט און האָט אָנגעקלונגען אויפן טושינער אַעראָקלוב, צום אָנפירער פון אַעראָקלוב, צו מאַקס סעמיאָנאָוויטש דייטש. דער חבר דייטש האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ ביסל ווינטלדיק, נאָר פליען קאָן מען, — עס איז אָבער אַ ספק צי מען וועט קאָנען מיטנעמען אייער זונדל, ער איז נאָך צו קליין, אינגאַנצן דרייצן יאָר אַלט. אין יענעם פרימאָרגן איז די אַרבעקאָווישע יוגנט באַשאַנקען געוואָרן דורך דעם פאָטער מיט אַ פלי אין דער לופטן. דער פאָטער האָט פון זיין זייט אויסגעפועלט אַט די דאָזיקע פרייד פאַר די קינדער ביי מאַרק סעמיאָנאָוויטשן דייטשן און ביי ראָבערט פּעטראָוויטש איידעמאַנען. דער פאָטער האָט דערציילט דעם זון, אַז ער, דער זון, דער הויפּט־בעלן צו פליען, וועט וואַרשיינלעך נישט קאָנען פליען. דער זון איז גלייך שטיל געוואָרן, זיך אויסגעלאָשן, און באַלד אָנגעהויבן צו פאַרזיכערן, אַז עס האָט זיך אים גאָרנישט געוואָלט פליען, אַז עס וועט אים קלעקן דאָס, וואָס ער וועט זען, ווי אַנדערע פליען, אָבער אויפן וועג צום אַעראָדראָם האָט ער אָנגעהויבן בעטן:

— פּאַפּאַ, און אפשר וועלן מיר פריער אריינפאָרן צו ראָבערט פּעטראָוויטשן? — אפשר וועט ער דערלויבן, איך זאָל יאָ פליען, אויב דייטש וועט נישט ערלויבן.

דער פאָטער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס טוט זיך ביי דעם זון אין מוח און האָט אונטערגעזינדיקט, — ער איז געפאָרן צו איידעמאַנען פועלן, ער זאָל דערלויבן זיין זון צו פליען. ראָבערט פּעטראָוויטש האָט זיך נישט געוואָלט מישן אין חבר דייטשס עניינים און פונדעסטוועגן האָט ער שטאַרק געבעטן, אַז גלייך נאָך דעם פליען זאָל ער קומען צו אים אויפדער זומער־וווינונג — זיך טיילן מיט די איינדרוקן, עסן פרישטיק און שפּילן אין וואָליבאָל. געפלויגן איז מען אויף „4־ק״ מאַרק סעמיאָנאָוויטש האָט רחמנות געהאַט אויף דעם יונגן אַרבעקאָוו און אַ זאָג געטון:

— נו, וועוריק, היידאַ אין דער מאַשין אריין!

עס איז געווען אַ זוניקער פרימאָרגן. איינס נאָך דעם אַנדערן האָט מען די קינדערלעך געהויבן אין דער לופטן און אַראָפּגעלאָזט אויף דער

ערד. דייטש און אַרבעסאָוו זענען געזעסן אויף דעם טרעפּל פון דעם אויטאָ און געפּלוידערט וועגן נאַרישקייטן. אין הימל זענען ווי געוויינט־לעך געשוואומען אַעראָפּלאַנען. עס איז פאַרבייגעפּלויגן אַ קייט שווערע אַעראָפּלאַנען. עס איז פאַרבייגעפּלויגן „אַנט־14" — „פּראַוודאַ". פון דעם צענטראַלן אַעראָדראָם, פון הינטער דעם סערעברעניבאָרער וואלד האָט זיך באַוויזן „מאַקסים גאָרקי". ער האָט זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער און זיך אויסגעשפּרייט איבער טושין, איבער דייטשס און אַרבעסאָוווס קעפּ און פאַרקערעוועט קיין מאָסקווע. לינקס און רעכטס, האַרט נעבן „מאַקסימס" פליגל זענען געפלויגן צוויי־פאַרניכטערס. דער לינקער האָט זיך דערווייטערט, און דער רעכטער האָט אָנגעהויבן פּילאָ־טיזשירן.

— עס הויבט מיר נישט אָן צו געפעלן אָט די קונצנמאַכעריי, צו־וואָס דאַרף מען אַזוי נאָענט פליען, האָט נישט געאיילט, קוקנדיק אין הימל אַריין, געזאָגט דער חבר דייטש.

און פּלוצים איז דער רעכטער פאַרניכטער אַרויס פון שליף, און אויפהויבנדיק זיך איבער „מאַקסימען", האָט ער אים אַ זעץ געטון אין דער לינקער זייט. „מאַקסים" האָט אויפגעשוידערט און זיך אַ וואַקל געטון, ווי ער וואָלט פון זיך וועלן אַראָפּוואַרפן דעם פאַרניכטער. „מאַק־סים" האָט זיך אָנגעבויגן אויף דעם רעכטן פליגל. דער גרויל איז גע־קומען נישט מיט אַמאָל. עס איז נאָך געווען אַ געפיל פון האָפענונג, אַ ליידנשאַפטלעכער חשק צו האָפענונג. איבער „מאַקסימען" האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצער זייל רויך. אַלץ איז אַרויסגעפאַלן פון דעם באַ־וווסטזיין, — דער הימל, די איבעריקע אַעראָפּלאַנען אין הימל, די ערד,— עס איז געבליבן בלויז איין „מאַקסים," — אַ געפיל, וואָס מען האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן, כדי צוליב דעם נישט אַ פאַל טאָן צו דער ערד, אַריינצושטעקן אין איר דעם קאָפּ, כדי נישט צו זען, ווי דאָס איז געשען, אַז דאָס זאָל נייסט געשען, אַז מען זאָל קענען אָפּשטעלן, אַ סוף מאַכן צו אָט דעם אומזין. דאָס איז געווען אַ געפיל פון גרויל. „מאַקסים" איז געפאַלן. „מאַקסים" האָט זיך געבראָכן אין דער לופטן, זיך צעשיט אויף שטיקער. „מאַקסים" איז שטיקערווייז געפאַלן אויף דער ערד. דאָס אייגענע לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זעראָ. די פרייד פאַר די קינדער, וועלכע זענען אָקאָרשט געקומען אין באַרירונג מיט דעם פייערלעכסטן, מיט דעם גרעסטן, וואָס דער מענטש האָט אויפגעטון, מיט דעם זיג איבער דער לופט, און זענען נאָר־וואָס געווען אין דער לופטן,—

די פריוו פאר די קינדער איז פארוואנדלט געווארן אין א זערא. ווי א זינ־לאזיקייט איז אומגעקומען דער מענטשלעכער זשעני, די מענטשלעכע קענטעניש, דער מענטשלעכער ווילן. וואָרום מען האָט געקאַנט, נישט קלערנדיק אפילו, אוועקגעבן דאָס גאַנצע לעבן, אויב מען זאָל נאָר קענען פארמיידן אָט די זינלאָזיקייט. „מאקסים" איז אראָפּגעפאלן הינטערן וואלד. די צייט פון דעם פאלן האָט זיך אויסגעשלאָסן פון דעם צייט־לויף, — דאָס האָט געקאָנט זיין אן אייביקייט, אָבער געווען זענען דאָס געציילטע רגעס. דעם חבר דייטשס באוועגונגען זענען געווארן באוועגונ־גען פון א מעכאניזם. חבר דייטש האָט זיך געזעצט אין זיין אויטאָ. עס האָט זיך געדרוכט, אז די קינדערס פנימער זענען פרעמדע פנימער. די קינ־דער זענען געקראָכן אין אויטאָ.

ארבעקאָוו האָט דערשפירט די באוועגונג פון דער מאשין ערשט דע־מאָלט, ווען די מאשין האָט זיך פארקערעוועט צו איידעמאַנס זומער־וווינונג. דעמאָלט איז שוין געווען קלאָר: ניין, ניין, ניין. דער מענטשלע־כער זשעני איז נישט באזיגט, נאָך היינט, שוין, באלד, מוז מען אָנהויבן בויען א נייעם „מאקסים", נאָך א בעסערן און נאָך א גרעסערן, — אָבער די פילאָטן, די מעכאניקער, די מענטשן?!... אומזין, אומזין. עס איז א צופאל! א צופאל! אן אומזין!... — מענטשן! מענטשן! ליבע חב־רים! איידעמאַן, איינער פון די אוויאַציע־קאָמאַנדירן, האָט נישט געקאָנט זען די קאטאסטראָפע, ער מוז וויסן וועגן איר, — ער מוז שוין זען עפּעס צו טון, אָט די רגע!...

איידעמאַן איז נישט געווען אינדערהיים, ער איז געווען צו גאַסט ביי די שכנים. ארבעקאָוו האָט מיט דער פויסט גענומען קלאַפּן אין טיר. די פריינט זענען געזעסן אין עס־צימער. אפנים, אז „מאקסימס" אומקום איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף ארבעקאָווס געזיכט, ווייל די מענטשן האָבן זיך א לאָז געטון צו ארבעקאָוון, איידער זיי האָבן נאָך באנומען זיינע ווערטער. ארבעקאָוו האָט געשריען:

— ראָבערט פעטראָוויטש, „מאקסים" איז ערשט אראָפּגעפאלן — מיט פינף מינוט צוריק. קומט! — און האָט איבערגעחזרט: ערשט - וואָס איז „מאקסים" אראָפּגעפאלן און זיך צעקלאַפּט!..

דער געפיל פון גרויל איז פון ארבעקאָווס געזיכט אריבער אויף די פנימער פון די מענטשן. איידעמאַן איז געווארן פינקטלעך, פונקט אזוי ווי דייטש, פונקט אזוי ווי א מעכאניזם. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איידעמאַן האָט נישט קיין אויטאָ. ארבעקאָוו האָט ארויסגעבעטן די קינ־

דער און אַרײַנגעזועצט אײדעמאַנען. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גײעג, די מאַשין האָט זיך אַ לאָז געטון און די סאָסנעס, אויף די בײַוועגן, אויפֿן שאָסיי, נישט באַמערקנדיק נישט די סאָסנעס, נישט די בײַוועגן, נישט דעם שאָסיי. איבערן שאָסיי זענען געלאָפן מענטשן. מאַקסים איז געפאַלן, צעשיטנדיק זיך אויף אײניקע קוואַרטאַלן. די מעכאַניזמען, זײַן גרונט־טייל, זענען אַראָפּגעפאַלן אויף אַ הויז, צעוואַלגערט דעם דאַך און געבליבן הענגען אויף דעם הויז פאַרדעקנדיק דאָס אײַנגאַנצן מיט זיך. עס זענען שוין אָנגעקומען די פײַערלעשער און רויטאַרמייאישע טײלן. איבער דעם אומזין איז אַנטשטאַנען די אָרגאַניזירטקייט. די פײַערלעשער האָבן אַרויסגעטראָגן די טויטע קערפּערס פון אונטער די חורבות פון אַלומיניום און שטאָל. די רויט־אַרמייער האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. די רויטאַרמייער האָט מען אויסגעשטעלט ריי־ווײַז מיטן פּנים צו די חורבות פון אַלומיניום און שטאָל. מען האָט פון צײַט צו צײַט באַפוילן „פינף טריט אויף צוריק"! די רויט־אַרמייער האָבן אויסגעפילט דעם באַפעל, אָפּגעטרעטן אויף הינטערווײַלעכץ און אָפּגעשטופּט די, וואָס זענען געשטאַנען הינטער זיי.. די טויטע האָט מען אויסגעלייגט אין איין שורה...

אויף דעם איוואַנאָוועד אַעראָדראָם האָט זיך פאַרזאַמלט אַ יומטובדיקער עולם פון הונדערט טויזנט אַרבעטער, מיט אָרקעסטערס פון זייערע פאַבריקן. דער עולם איז געווען זייער פרײַנטלעך און פריילעך. מען האָט געהאַלטן מונטערע רעדעס. דער אַעראָפּלאַן „פּראַוודאַ", וואָס איז געווען אַן עדות פון „מאַקסימס" אומקום, האָט אויפגעהויבן אין דערלופטן די בכבודיקסטע פּראָלעטאַריער. אַרבעקאָוו האָט געטראַכט וועגן „מאַקסימס" אומקום. ער האָט געהערט די רעדעס וועגן דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע און זײַנע געפילן זענען געווען רואיקע. נאָך דעם מיטינג איז אַרבעקאָוו מיט אַגייעוון געפאָרן צו דער שקיעה, צו דעם דעמער, — אויף דער אָזיערע, וווהין איוואַנאָווער פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פאָרן כאַפּן פיש, צינדן שייטערס, זיך צוהערן צו דער נאַטור, באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג און באַגלייטן דעם זון־פאַרגאַנג. די אָזיערע איז געווען אַ פאַרוואָרפענע, אַ לויטערע און שטילע. צו דער אָזיערע מוז מען פאָרן איבער די שטעגלעך פון אַט דעם געדיכטן וואַלד. אויפן ברעג פון דער אָזיערע איז געשטאַנען אַ געצעלט, דאָרט האָט געוווינט אַ זקן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ברעג פון אַ פאַרוואָרפענער אָזיערע, אַ טאַטער, און לויט אַלע וואַרשײַנלעכקייטן אַן אײַנזאַמער, ווי די אָזיערע צווישן די געדיכטע סאָסנעס. אויפן ברעג איז געלעגן אַ מאָטאָר־שיפל און צוויי קאַיאַקן. אונטער די

כּאַסנעם — אַ שוואַרצער סימן פון אַן אויסגעבּרענטן שיטער. איוואַנאָוואַ איז אַ שטאָט פון פאַבּריקן און פּראָלעטאַריער, איינע פון די סאַמע אינ־דוסטריעלסטע שטעט. אַגייעוו איז פאַרזיצער פון אויספּירקאָם פון איוואַנאָווער געגנט, פון איוואַנאָווער ראַט, וועלכער האָט היי־יאָריקן פרילינג געפייערט דעם דרייסיק־יאָריקן יובּילי. איוואַנאָוואַ באַרשט זיך אַרויף צום הימל מיט פאַבּריק־קוימענס. (די געשיכטע פון דעם איוואַנאָווער ראַט פון אַרבּעטער־דעפּוטאַטן וועט דערציילט ווייטער). אויפן בּרעג פון דער שטילער אָזיערע פלעגט אַגייעוו אָפּרוען. דער זקן איז, אַפּנים, געבּוירן געוואָרן אין וואַלד און איז, אַלנפאַלס געווען אַן אמתער וואַלד־מענטש. עס קאָן זיין, אַז דאָ אין וואַלד האָט זיך אַגייעוון געוואָלט זיין פּונקט אַזאַ, ווי דער זקן. סערגיי פּעטראָוויטש האָט אויסגעטון דאָס רעקל, פאַרקאַשער־ט די אַרבּל, אַראָפּגערוקט דעם קאַיאַק אויפן וואַסער, זיך אַריינגעזעצט אין אים און געוואָלט אויך אַריינזעצן זיין פּלימעניק. ער האָט זיך אָבּער אַ וואַקל געטון, דער קאַיאַק האָט זיך איבּערגעקערט און סערגיי פּעטראָוויטש איז אַרויסגעפאַלן, ער איז בּאַלד אויפגעשפּרונגען און מיט אַ גע־לעכטער זיך געלאָזט גיין צום בּרעג. דער זקן האָט געהאַט אַ פּאָר שפּאַגל נייע וואַטענע הויזן. סערגיי פּעטראָוויטש האָט זיי אָנגעטון. איבּערן שיטער האָט מען צעהאָנגען אַגייעווס נאַסע זאַכן, דאָס וועש, די הויזן, די פּאַנטאָפל. אַ בּאָרוועסער, האָט זיך סערגיי פּעטראָוויטש געפילט נישט בּלויז, ווי אַ צושויער פון דער נאַטור, נאָר ווי אַן אמתער נאַטור־מענטש. אַלע האָבּן זיך אויסגעזעצט אַרום שיטער. אַרבּעקאָוון האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס צו דערציילן סערגיי פּעטראָוויטשן, און ער האָט דערציילט — וועגן „מאַקסימס" אומקום און וועגן דעם פּריידיקן געפיל, וואָס ער האָט גע־שפּירט היינט בּייטאָג אויף דעם אַעראָדראָם, ווען ער האָט זיך געפרייט פאַר אַלע די, וואָס זענען געפלויגן אויף דער „פּראַוודאַ", פאַר די, וואָס האָבּן איבּערגעלעבּט דעם געפיל פון שטאָלץ, וואָס זיי זענען געקומען אין בּאַרירונג מיט דעם זשעני, וואָס שיקט אין הימל אַריין נישט בּלויז גע־דאַנקען, נאָר אייך געגנשטאַנדן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך געכאַפּט, אַז ערשט דאָ, בּיי דער אָזיערע, דערציילנדיק וועגן „מאַקסימען" און „פּראַוודאַ", — ערשט איצט האָט ער זיך געפרייט פאַר זיינע קינדער, וואָס זענען בּשעת דער קאַטאַסטראָפע מיט „מאַקסימען" געווען איבּער דער ערד.

אין יוני חודש בּאַגעגענען זיך דער אָוונט־דעמער מיט דער קאַיאָר. אויף דער אָזיערע איז נעפּלאָסן די נאַכט. פון דער אָזיערע האָט זיך אויפ־געהויבּן אַ נעפּל. אונטער דעם בּלייכן הימל האָט דאָס וואַסער פון דער

אזיערע אויסגעזען אומענדלעך ווי דער הימל. צווישן די סאָסנעס איז דורכגעפלויגן א סאָווע. די סאָסנעס זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין דעם וואַסער. דער קעגנאיבערדיקער ברעג פון דער אָזיערע האָט זיך באַהאַלטן אין נעפּל.

די מענטשלעכע באַוועג־מיטלען זענען די פיס, די אייגענע און דעם פערדס, ווען דער מענטש זעצט זיך רייטנדיק אויף א פערד, דער שליטן און דער וואָגן, דער באַן־וואַגאָן, די שיף, דער אויטאָ, דער עראָפּלאַן,— אויב מען זאָל זיך פאָרשטעלן, אז די קאָנסטרוקציע פון דער מענטשלעכער אַרבעט קאָן זיין אַזוי עלעמענטאַר ווי דאָס גיין צופוס, אָדער ווי א וואָגן, און קאָן זיין פונקט אַזוי קאָמפּליצירט, ווי די פּשטות פון אַן אַוויאַמאַשין, איז די קאָנסטרוקציע פון אַגייעווס אַרבעט — די קאָנסטרוקציע פון אַן עראָפּלאַן. אויפן ברעג פון דער אָזיערע האָט זיך סערגיי פּעטראָוויטש; געוואָלט זיין א זקן, א האָרעפּאַשניק, פונקט אַזוי ווי דאָס גיין צופוס. דער עראָפּלאַן איז טאַקע קאָמפּליצירט, דער הויפּט מיט זיין גענִיאַלער פּשטות פון דער קאָמפּליצירטער אויסרעכענונג. די עראָפּלאַנען ווערן אַזוי אויסגערעכנט, כּדי נישט צו שטאַרבן, וואָרום די מינדסטע אומפּינקטלעכקייט — איז פאַר דעם עראָפּלאַן דער טויט. די עראָפּלאַנען ווערן אויסגערעכנט אויף אַזאַ אויפן, אַז דאָס לעבן זאָל באַזיגן דעם טויט. די קאַטאַסטראָפע מיט „מאַקסימען" — איז א צופאַל. אָבער ביז היינט צו טאָג נאָך, אַז א מענטש גייט צו צו אַן עראָפּלאַן — טראַכט ער וועגן טויט. און דער טויט איז געוויינלעך גאַנץ געזעצמעסיק, יעדער לעבעדיקער וועט שטאַרבן, און ער ווייסט וועגן דעם, אָבער יעדער לעבעדיקער באַטראַכט זיין טויט אַלס צופאַל.

דער טויט! — די געדאַנקען וועגן אים ליגן פאַרבאָרגן, נישט צום פּובליקירן, אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ עס ליגן באַהאַלטן די ליבע און דאָס געבורט פון קינדער, און ביי יעדן מענטשן זענען פאַראַן מינוטן פון טויט־אומרו.

די געדאַנקען וועגן טויט לאָזן אַמאָל איינגאַנצן צורו דעם מענטשן; און אַמאָל גיבן זיי זיך א לאָז אויף אים ווי גאַנצע מחנות, ווי וואָלקנס; און אַמאָל באַפאַלן זיי אים ווי פּאַרטיזאַנער. די געדאַנקען וועגן טויט קומען, ווען דער מענטש טראַכט וועגן זיין דורכגעמאַכטן לעבן, דער מענטש האָט דאָס רעכט צו פאַרגלייכן, קעגנצושטעלן זיין רוישיקע יוגנט און דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט אין דער יוגנט, מיט דעם, וואָס עס איז געוואָרן, וואָס עס איז אויסגעקומען געוואָרן. דער מאַגניט אין די צען - יאָר - שולן אין די פיזישע קאַבינעטן

אנטרעסט די געזעצן פון שאפן. בשעת ביים שרייבער אנטשטייט א געשטאלט, הויבן די אייזנשטויבלעך זיך אָן צו באַוועגן, שטעלן זיך אויס אין א געאָמעטרישער פיגור און באַקומען געזעצמעסיקע פאָרמען. און אין די טויט־געדאַנקען וועגן דעם סך־הכּל פון דעם, וואָס עס איז באַשטעלט געוואָרן דורך דעם קאַיאָר פון דער רוישיקער יוגנט און וועגן דעם אויסגעפילטן ביז צו דעם צווייטן ליבע־פאַרזיי, האָט סערגיי אַרבעקאָוו אין דער טויט־נאַכט פאַרצייכנט אין זיין ברוליאָן א סקיץ פון א דערציילונג:

„אין צוג, א שעה פאַר דעם אָנקומען אויף דער סטאַציע, האָט דער מענטש גוט אָפּגעגעסן. דער צוג איז געגאַנגען אין דער טייגע, קיין צפון, פון יענער זייט פענצטער האָט לאַנגזאַם געגרינט דער דעמער, וואָס וועט שוין אַזוי גרינען א גאַנצע נאַכט. ביים טיש איז געזעסן א ברייט־פּלייציקער מאַן פון אַרבעטער באַוועגונגען און פון אַרבעטער־געוווינהייט צו עסן און טרינקען. דער אויסזען פון די גלאַט ראַזירטע, אויב זיי זענען ווייט אַריבער די פופציקער — די ראַזירטע קארקן, קינען און ליפּן — איז שטענדיק עטוואָס אן אומפאַרשעמטער. אַט אַזעלכע מענטשן ראַנגלען זיך מיט דער אָפּגעלאָזנקייט פון דער עלטער, באַהאַלטן די עלטער, זייער עלטער איז אָפּגעמעקט, און ביי זיי איז שטענדיק אונטערגעשטראָכן דער ווילן. דער מענטש איז געווען גלאַט האַזירט. די גרינע אויגן האָבן געקוקט קאָנצענטרירט און מיט כאַראַקטער. ער האָט געטראָגן א לערערן רעקל און געשמירטע שטיוול. דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע שוין פאַרנאַכטלעך. אויף דער סטאַציע איז דער מענטש אַרויסגעגאַנגען מיט א טעקע אין האַנט, אָן זאַכן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז מיט דעם צוג געפאָרן ביי פופצן הונדערט קילאָמעטער. דאָס צפונדיקע פאַרוואָרפענע סטאַציעלע איז געשטאַנען אויף צענטליקער און אפילו הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון יעטווערן ישוב, אין דער טייגע און אויף זומפּן. דער מענטש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע. ער איז גלייך אַוועק אין דער גרינער נאַכט און אין דער טייגע. און באַלד הינטער דער סטאַציע האָט די טייגע אויפגענומען דעם מענטש אין אירע ריחות, גערוישן און באַוועגונגען, וועלכע זענען אַלט געווען טויזנטער יאָרן. גלייך נאָך די באַן־שוועלן זענען איבער דעם קאָפּ געפלויגן וואַלדשנעפּן. דער וואַלד האָט

תיכף אָנגעהויבן ניסן מיט וואַלד־הינער קוואַקעריי, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון רעכטס, פון לינקס, פון אַלע זייטן. פון צווישן די יאָדלעס איז אַרויסגעפלויגן אַ מאַווימדיקע און אומגעהייערע סאָווע, זי האָט זיך הערשראָקן, אָננעמענדיק, אַפּנים, דעם מענטשן פאַר אַ ווילדער קאַץ, זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין אַ זייט, אַ געשריי געטון, ווי עס וויינען קינדער און ווי עס וואָיען אין די סובטראָפּיקעס די שאַקאַלן. דער מענטש האָט אַרויס־גענומען אַ קאָמפּאַס און זיך געלאָזט גיין גלייך, פון די באַן־רעלסן, אַהין, וווּ עס איז נישט געווען קיין ישוב, וווּ עס זע־נען בלויז געווען זומפּן. דער פרילינג־וואַלד האָט געשמעקט מיט פּרעלע, מיט נאָדל־בוימער, מיט שוואָמען מיט פייכטקייט און מיט בלערליי אַנדערע קאָמפּליצירטע ריחות. די פרילינג־נאַכט האָט געלויכטן מיט דעם גרינעם ליכט פון דעם וויסטן הימל. אין אַ שעה אַרום איז שוין דער מענטש נישט געגאַנגען, נאָר געפּויזט, דורכקריכנדיק דורך פאַרפּלאָנטערטע צווייגן, אַרויספּלאָנטערנדיק זיך פונם שפּינוועבס פון פּאַראַיאָריקע גע־וויקסן. יאָדלעס, בלעטער־ביימער, בערעסקלעט, קליינוויקסיקע בעךעזעס, אָלשינעס האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטן צונויפגעמישט, צונויפגעפלאָכטן, נישט אַדורכצוקריכן. אַלטע יאָדלעס און בלעטער - ביימער זענען דאָ אויפן אָרט אָפּגע־שטאָרבן, בלייבנדיק הענגען אויף די שכנישע ביימער. אָט אַזוי איז דער מענטש געקראָכן אַ שעה, און צוויי, און דריי, אין דער טויזנטיעריקער נאַכט, וואָס האָט זיך אין משך פון יאָרטויזנ־טער נישט געענדערט, אין דער מלוכה פון הירשן און בערן. די טייגע האָט אָנגעהויבן ווערן שיטערער און די יאָדלעס האָבן אָנגעהויבן צו ווערן נידעריקער. די ערד האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען אונטער די פיס. אויף די לאָנקעס האָט זיך דער הימל אָנגעהויבן אָפּצושפּיגלען אין די קאַלטע, מאַווימדיקע, אומבאַ־וועגלעכע קאַלוזשעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט אייז. וואָס ווייטער זענען אָט די קאַלוזשעס געוואָרן אַלץ עפּטער און עפּ־טער. איז אַ טויטע יאָדלע געפאַלן אין זיי, האָט זי די וואַקל־דיקע ערד איינגעזויגן און קיין סימן פון איר נישט געלאָזט. דער מענטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַזאַ טויטער יאָדלע, וועמענס וואָרצלען עס זענען געלעגן אויף דער ערד און דער

שטאָט איז שוין געווען אין וואַסער. דער מענטש האָט צונויפ־
גענומען טרוקן גראָז און אַ דאַרע צווייג און צעלייגט אַ פײַ־
ער. דער מענטש האָט זאָרגעוודיק אַרומגענישטערט די קעשע־
נעס און באַטראַכט די טעקע, דאָס בוך, וואָס איז געווען אָפן,
דעם בייטל, דעם פּאַס, דעם פּאַרטבילעט. און דער מענטש
האָט דאָס אַלץ, ניט געאײַלט, פֿאַרברענט אויפֿן פײַער, די טע־
קע, דאָס בוך, דעם בייטל, דאָס געלט, דעם פּאַס, דעם פּאַרט־
בילעט. דער מענטש האָט געשמאַק אויסגערויכערט אַ פּאַפּי־
רָאָס און אַרײַנגעוואָרפן דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן אין פײַער. אַז
דאָס פײַער האָט אויסגעברענט האָט דער מענטש אַרײַנגעוואָרפן
דאָס אַש אין וואַסער און די אויסגעברענטע ערד פֿאַרדעקט
מיט גראָז. מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט האָט זיך דער מענטש
געלאָזט גיין איבערן שטאָט פֿון דער טויטער יאָדלע, אָנהאַלטנ־
דיק זיך אין די צווײַגן, ביז צום סאַמע מיט פֿון דער קאַלוזשע.
דער מענטש האָט זיך אַרײַנגעשאָסן גלײַך אין שלייף אַרײַן. אַ
פּאָר רגעס איז דעם מענטשנס קערפּער געווען אומבאַוועגלעך,
דערנאָך איז ער געפֿאַלן נאַזנדיק אויפֿן רוקן. דאָס וואַסער האָט
אַ פּליעסקע געטאָן — דער הימל אין וואַסער האָט זיך אַ הוידע
געטון. און אין אַ מינוט אַרום איז דאָס וואַסער ווידער גע־
ווען אומבאַוועגלעך, עס האָט ווידער אָפּגעשפּיגלט דעם בלייכן
הימל און געשמעקט מיט אייז. אויף אַ רגע, אויף צוויי, אויף
פֿינף זענען שטיל געוואָרן די וואַלד־גערוישן און דערנאָך,
פֿינף טריט ווייטער פֿון דעם אָרט, וווּ עס האָט געברענט דאָס
פײַער, האָט זיך געשמאַק צעקוואָקעט אַ וואַלד־הון. עס האָט
שוין אָנגעהויבן טאָגן. פֿון צווישן די יאָדלעס האָט זיך באַ־
וויזן אַ הירש און זיך געלאָזט גיין צו דער קאַלוזשע טרינקען.
„אין מאָסקווע האָט מען געפֿונען די בריוו.
„אַז אַ טאָקער־געשטעל ווערט אַלט און אָפּגענוצט, וואַרפֿט
מען אים אַרויס אָדער מען שיקט אים אין אַ מאַרטען אויף
איבערשמעלצן. איך וויל נישט זײַן קיין צבֿועק: דעם מענטשנס
אַלטקייט איז אָפּגענוצטקייט. איך וויל נישט זײַן קיין צבֿועק —
פּאָר מײַן צײַט זענען געשטאָרבן אַ סך פֿרײַנט, און פֿײַנט, און
ברידער און איך בין געווען אויף זייערע לוויות — און דאָס איז
געווען צביעות, נישט נויטיק און אומעטיק. דעם מענטשנס

טויטער קערפּער איז נישט דער מענטש. אַ שאָד איז דעם מענטשן דעם לעבעדיקן מענטשן, און אַ טויטער קערפּער — רופט שטענדיק אַרויס אַ ווידערגעפיל. איך בין שוין אַלט און אַרבעט שלעכט, עס איז מיר דערווידערלעך צו טראַכטן, אַז איך וועל ווערן נאָך שלאַבעריקער, אָנהויבן ווערן אַן עובר בטל, ווי עס ווערן עובר בטל אַלע אַלטע לייט. עס באַשלאָגן מיך אַנגסטן, אַז איך הויב אָן צו טראַכטן, אַז איך וועל פאַרשאַפן מײַנע פריינט אַזויפיל אומאָנשטענדיקע זאָרגן, בשעת זיי וועלן זיך דאַרפן אָפּרייסן פון זייער אַרבעט און על־פּי דין מוזן גענעצן בײַ די אומבאַדינגטע טרויער־רעדעס און זיך מיאוסן מיט מײַן טויטן קערפּער. קיינער דאַרף דאָס נישט! און איך דאַרף דאָס אויך נישט! דער מענטש געהער צום כלל — זיכער. זיין לעבן געהער צו דעם קלאַס, דער פּאַרטיי, צו די קינדער. אָבער יעדער מענטש דאַרף דערצו נאָך זיין אַ דזשענטעלמען. אויב אַ מענטש דערפילט, אַז די פעדער פון זיין לעבנס־ענערגיע איז אָפּגעשוואַכט, אָפּגעטראָגן געוואָרן, אַז דער בילאַנץ פון זיין טוּאונג און לעבנס באַדייט פאַר דער געזעלשאַפט איז פּאַסיוו, האָט ער דאָס פולע רעכט אַליין צו אָרדנען מיט זיך. דאָס איז נישט קיין פּחדנות. דאָס איז — ווילן און באַוווסטזיין, אַז נישט דאָס לעבן קאָמאַנדירט מיט מיר, נאָר איך קאָמאַנדיר מיט דעם לעבן. איך האָב נישט קיין קינדער און מײַנע ברידער זענען שוין לאַנג געשטאָרבן. איך בין קראַנק, און דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געקאָנט טון, האָב איך שוין געטון. חברים, איך ווייס, וואָס איז אַזוינס קאָנספּיראַציע — מײַן טויטער קערפּער איז דורך מיר אויף אַזאַ אופן פאַרניכטעט געוואָרן, אַז קיינער זאָל אים קיינמאָל נישט קאָנען געפינען, און מען דאַרף אים נאָרנישט זוכן. אַ וואָרע פאַר דער יוגנט, פאַר דער מוּנטערקייט, פאַר דעם געזונטן! און זאָל לעבן דאָס נישט צביעותדיקע לעבן!״

די איוואַנאָווער פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, מענטשן פון טאַט, וועלכע זענען קאָנסטרואירט ווי אַן אַעראָפּלאַן, זענען געפאָרן זיך אָפּרוען א״יפ אַן אָזיערע, וועלכע סערגיי איוואַנאָוויטש האָט פריער נאָך נישט געזען, זי האָט אים אָבער דערמאַנט יענע קאַלוזשע, ווו אַרבעקאָוו האָט באַהאַלטן

זיינע געדאַנקען וועגן טויט. אין לעבן איז דאָס נאָר אַנדערש, ווי אין דער דערציילונג. דער מאַגניט פון דער פיזישער געשטאַלט האָט אַוועקגעפירט די דערציילונג פון דער אַהבעקאַווישער רעאַליטעט אין דער נאָמענלאָזער קאַלווזשע.

די צען יאָר נאָך דעם ערשטן ליבע־פּאַרזיי, די צען יאָר פון קינדער־לאָזן, און אין תוך גענומען ליבעלאָזן, לעבן מיט א פרוי, פון וועלכע מען האָט נישט געדאַרפט קיין קינדער, האָבן געבראַכט צו יענעם טאָג, ווען ער איז אין דעם גאַנצן הויז געבליבן איינער אַליין. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט אויף שטענדיק פאַרגעדענקט יענעם אָוונט. עס איז געווען פרילינג, פאַר־נאַכט. ער האָט זיך געפּאַרעט אין גערטנדל, צעגראָבנדיק די בייטן. דער־נאָך האָט ער באַטראַכט אַלע טירן, וואָס ער פלעגט קיינמאָל נישט טון, קאָנטראָלירט, צו זיי זענען פאַרמאַכט, — זיך אויסגעטון און זיך גע־לייגט אין גרויסן, ליידיקן, חרוב געוואָרענעם צימער. ער האָט גענומען א בוך און דאָס גלייך אַוועקגעשליידערט. ער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. ער האָט דערשפּירט, אַז ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט. ער האָט נישט געטראַכט וועגן זיינע ערשטע קינדער. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיין הויז איז באַדעקט געוואָרן מיט א דיקן שיכט שטויב. אין שטויב האָט ער דערזען זיינע ביכער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין זיין לעבן. אין שטויב האָט ער דערזען זיין וועלט און אַלץ, וואָס ער איז דורכגע־גאַנגען. ער האָט געטראַכט וועגן דער שטויביקער פאַרגאַנגנהייט. זי האָט אויסגעזען פּוסט. ניין, ער האָט בשום אופן נישט געטראַכט, אַז דער טויט קאָן, און ווער שמועסט נאָך מוז, קומען אין דער דאָזיקער נאַכט. דאָס לעבן פאַראַוים איז געווען א גרויס, אָבער דער טויט — דער גאָרנישט מיט נישט, דאָס נישט זיין, דאָס גאָרנישט שפּירן — איז געווען נישט נעפּעדלעך. ער האָט אים געשפּירט ווי א היימישן פאַרשיווען הונט, וועלכן מען קאָן אריינלאָזן אין שטוב אריין, אָבער מען קאָן אים אויך ארויס־טרייבן פון שטוב. דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פון דעם טויט, מיט דעם טויט האָט מען זיך ווירקלעך געקאָנט שפּילן, ווי א קאַץ מיט א מויז. מיטן טויט וואָלט מען געקאָנט און געדאַרפט קאָמאַנדירן. ווען מען דאַרף, וואָלט מען געקאָנט שיסן זיך א קויל אין שלייף, — נישט דער טויט קאָמאַנדירט מיט דיר, נאָר דו קאָמאַנדירסט מיטן טויט און הייסט עס, אויך מיטן לעבן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבן און דער טויט ליגן אין א וועסטל־קעשענע. דאָס הויז איז אָבער ווי פריער געווען באַ־

דעקט מיט שטויב, מיט דיקע שיכטן שטויב. אין הויז, און די צימער־ן איז געוואָרן דושנע, פונקט אַזוי ווי אין מיטל אַזיע. ער האָט ווידער דער־פילט, אַז ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט. עס איז אים געוואָרן זייער אומעטיק, שטערבלעך אומעטיק. דאָס הויז איז געווען פוסט און שטיל־שווייגנדיק. דאָס הויז, די עסקים, די נישטיקייט פון די לעבנס קליי־ניקייטן, האָבן אַלץ מיט אַן אַנדער פאַרפּלאָנטערט. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי אומעטיק, אַזש ביז גלייכגילטיקייט, אַזש ביז חלשות. סערגיי איוואַ־נאָוויטש איז אָבער געווען אַ שרייבער. עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דער מאַגניט. סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען פון בעט, אָנגעצונדן דאָס ליכט, און זיך געזעצט ביים טיש און אָנגעשריבן דעם שקיץ פאַר דער דערציילונג וועגן אַ מענטשן, וואָס איז זיך אַליין מקבר אין דער טייגע און לאָזט איבער בריוו וועגן דעם רעכט פון אַן אינדיווידוום צו שטאַרבן. אַ פּאָר מאָל האָט סערגיי איוואַנאָוויטש בשעתן שרייבן אַרויס־גערעדט אויף אַ קול:

— ניין, חברים, איך בין דער באַלעבאָס איבער זאַכן און מעשים, און נישט די מעשים באַלעבאַטעווען מיט מיר!..

די דערציילונג איז געוואָרן פאַרענדיקט, אָבער די נאַכט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך ווידער געלייגט. דער טויט — דאָס איז גאָרנישט מיט נישט, דאָס איז פוסטקייט. דאָס לעבן האָט ביי אַרבעקאָוון שטענדיק אויסגעזען ווי אַ טואונג. ווען עס פלעגט טרעפן, אַז ביי סערגיי איוואַנאָוויטשן איז אַ טאָג פאַראיבער אָן דער געוויינטלעכער צאָל איבערגעלייענטע זייטלעך און אָנגעשריבענע שורות, האָט דאָס אַפילו געמעגט זיין אַ פריילעכער טאָג, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אים באַנומען ווי אַ געגנבעטן. עס קאָן זיין, אַז אַרבעקאָוו האָט געפילט, אַז ער האָט אַ פליכט לגבי דעם לעבן, וואָס ער האָט גע־מוזט — אַזוי האָט ער באַנומען — אָפּאַרבעטן מיט זיינע זייטלעך.

— נו, אויב נישט אַרבעטן, איז וואָס זשע, זאָל איך זיך אוועקגעד־ אויף שמעלץ? דער טויט — דאָס איז גאָרנישט מיט נישט, דאָס איז פוסטקייט, דאָס נישט באַנעמען, יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. נאָר, אָט, — לעבן נאָר צוליב דעם, כדי נאָר צו זען? — קאָנען נישט זיך, נישט דאָס הויז, נאָר...

אַרבעקאָוו האָט דערהערט די געררוישן, די סאָציאַלע פריער פון אַלץ. ער האָט דערהערט די וועלט, זיין היימלאַנד פריער פון אַלץ. — וואָס איז גאָרנישט געווען ענלעך צו די זומפּן און צו דער נאָמענלאָ־

זער סטאַציע, — דאָס הימלאַנד פון מערקווירדיקע מאַסן און גע־שעענישן, דאָס הימלאַנד פון איבערבוי פון דער געשיכטע און פון מענטש־לעכע באַציונגען, דאָס הימלאַנד פון דער פעלקער־איבערוואַנדערונג פון פעאָדאַליזם צום סאָציאַליזם, דאָס געבורט פון פעלקער פון נישט־זיין, פון שטעט, פון וועגן, פון אינדוסטריע, — די גורלות פון מיליאָנען מענטשלעכע אינדיווידואַליטעטן, אין וועלכע סערגיי איוואַנאָוויטשעס גורל איז געווען קלענער פון א ברויזל רויג אין פרילינג,—די גורלות פון מיליאָנען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אומגעוויינטלעכע קאַריערעס, וועלכע האָבן געגראָבן קאַריערעס פאַר שמעלץ־אויוונס און פאַר נייע טייכן, וועל־כע האָבן איבערהנעבויט די אַרבעט, די נאַטור, די געשיכטע. אַרבעקאָוו האָט דערשפּירט דעם וועג פון דעם אייזנבראַכער פון דער געשיכטע, פון דעם אייזנבראַכער, פון דעם טראַקטאָר, פון דעם שמעלץ־אויוון, — דעם וועג פון דער פּאַרטיי. אַרבעקאָוו האָט דערזען דעם אייזנבראַכער פון דער געשיכטע אויף דעם ערד־קיילעך, און יענעם היסטאָרישן קעסלגרוב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן גלייך נאָך דעם וועג פון דעם אייזנבראַכער פון זיין הימלאַנד. דאָס אַלץ איז געווען וווּנדערלעך.

צי לוינט דען נישט צו לעבן בלויז צוליב דעם, כדי צו זען די דאָזיקע עפּאָכע — אפילו ווען נאָר זי צו זען? — און צי דען איז נישט טאָפּלט אויסגעצייכנט גוט צו זיין — נו, אפילו א שטיינהאַקער פון דער עפּאָכע?

און דאָס הויז, און די ביכער, וואָס זענען אין דער דאָזיקער נאַכט באַרעסט געוואָרן מיט שטויב, אין דער נאַכט פון מיטלאַזיאַטישער דויש־נעקייט אין די צימערן — צי זענען זיי נישט געווען קיין מאַטעריאַל פאַר דער אַרבעט פון א שטיינהאַקער? — צי דען קאָנען זיי נישט אַרבעטן ווייטער, צי דען קאָן מען נישט אָנשרייבן נייע ביכער. אַזעלכע, וואָס זאָלן טויגן פאַר דער עפּאָכע? — עס האָט געאַרבעט א נייער אַנדערער מאַגניט פון א בירגער, א קלאַסן־מענטש פון זיין לאַנד.

די דערציילונג וועגן די אומקום־זומפּן איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

און די נאַכט איז שוין פאַראיבער...

סערגיי איוואַנאָוויטש איז איינגעשלאָפן. אין די פערציקער יאָרן באַ־וויזן זיך ביים מענטשן אַזעלכע געפילן, וועלכע ער האָט נישט געהאַט אין די צוואַנציקער יאָרן. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס בשעת דער אַלטער תקופה האָבן מיט דער מלוכה אָנגעפירט זקנים, און די פאָלקס־פירער זענען אַלעמאָל געווען פירער ערשט נאָך די פערציקער. פאַר אַרבעקאָוון איז דערצידירהנדיק געווען די עפּאָכע, ווו מענטשן זענען צו צוואַנציק יאָר

געווען אי העלדן אי פירער. אין קאלומנע האט ארבעקאוו געהאט די קינדער פון דעם ערשטן פארזיי. א חודש פריער פאר דער דאזיקער נאכט, האט סערגיי איוואנאוויטש באגעגנט אין טעאטער א מיידל...

ליבע!... זי איז גרעסער און אלץ ארומנעמענדיקער פון דעם געשטאלט! — און מען ברויך גארנישט רעדן וועגן דער ערשטער, וועגן דער לעצטער ליבע, — יענע ליבע, גייט דורך ווי א גרונט־שטריך אין דעם מענטשנס לעבן, וואס גיט און נעמט אלע ליבע־רעכט, שפאנט צונויף דעם מענטש, די הארמאניע פון מענטשן, די צוגעפאסטקייט פון מענטשן— אומבאדינגט — דורך דעם געבוירן קינדער, — אן קינדער קאן נישט זיין קיין ליבע אפילו ביי דער וווּנדערלעכסטער פּאר, וואס הויבט אלצאיינס אויף דעם קאפ. אבער אויך דעמאלט, ווען עס זענען דא קינדער פון א פרוי (אדער פון א מאן), אין וועלכע עס האט נישט אפגעקלונגען, נישט דערקלונגען דער מענטש, דעמאלט איז אויך נישטא קיין ליבע!...

פונקט, אזוי ווי דער מאגניט פון דעם געשטאלט קלייבט אפ פון דעם אייזן־שטויב, פון דעם שטויב פון געזעענעם און געהערטן דאס, וואס הארמאנירט מיט דעם באוווסטזיין און געפיל פון דעם שרייבער, — פונקט אזוי האט פון צווישן די טויזנטער פרויען, וואס זענען פארביי־געגאנגען נעבן סערגיי איוואנאוויטשן, אפגעקלונגען מיט פולער ליבע דאס מיידל— דעמאלט אין טעאטער, ווען ער האט זיך וועגן איר דערוווסט, אז אין דריי טעג ארום פארט זי אפ אהיים, אויפן גאנצן זומער, אין די בערג.

אינדערפרי, ווען סערגיי איוואנאוויטש האט זיך אויפגעכאפט, האט ער געוווּסט, אז ער האט טויזנטער באקאנטע פריינט, אין פ. ס. ר. ר. און אין דער גאנצער וועלט, — אז ער האט אומבאקאנטע פריינט אין דער גאנצער וועלט און אין פ. ס. ר. ר. ער האט זיך געפילט פעסט און אויסגעצייכנט גוט אוועקגעשטעלט צווישן מיליאנען מענטשן, וועמען ער האט געהאט צו פארדאנקען און וועלכע האבן געהאט דאס פולע רעכט אויף זיין לעבן. אויף דער וועלט איז געווען זייער א סך זון, אלץ האט זיך אנגעפילט מיט זון. אין יענעם פרימארגן האט סערגיי איוואנאוויטש געקלונגען אין טעלעפאן, געזוכט שטוב־מאלערס, זיי זאלן איבערפארבן די פענסטער און די טירן און איבערקלעפן די ווענט אין זיין הויז. יענער פרימארגן האט אויסגעטרייסלט און אויסגעלופטערט פון הויז די צען יאר פון דעם קינדערלאזן, און אין תוך גענומען ליבעלאזן לעבן, וואס האט זיך פארענדיקט מיט א פוסט הויז, ווען סערגיי איוואנאוויטשן האט זיך געדוכט, אז ער איז איינער אליין אויף דער גאנצער וועלט. עס איז צונישט

געוואָרן דורך דער נישט ריכטיקייט פון דעם גאַנצן קינדערלאָזן צען־ פּער. אָפּגעפּטרט די מאָלערס, האָט זיך סערגיי איוואַנאָוויטש גענומען צו די ביכער. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אויף דער וועלט און מיט דער וועלט. פאַרנאַכט־צו איז געקומען צופאָרן יאַקאָוו אַנדרייעוויטש. די נישט־באַווייבטע האָבן צוגעגרייט אַ בחורשן מיטאָג. דאָס פלייש, געפּרעגלט אויף אַ פּרימיטיוון אופן — אַ סך פלייש, אַ סך פּוטער, אַ סך ציבעלעס — איז געווען זייער געשמאַק. סערגיי איוואַנאָוויטשעס הויז איז געווען פּוסט, ווייל ער האָט ערשט וואָס פאַרענדיקט די גאַרפאָרמאַליטעטן. יאַקאָוו אַנ־דרייעוויטש האָט געהאַלטן אין מיטן גטן זיך. געגעסן האָט מען אַזוי ווי גאַסטראָנאָמען, און געשמועסט וועגן יאַקאָוו אַנדרייעוויטשעס ענין, ווי אמתע גט־ספּעציאַליסטן.

געלעבט האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש מיט זיין פרוי דרייצן יאָר און געלעבט קילבלעך, ער האָט זיך מער אינטערעסירט מיט אויטאָ ענינים, ווי מיט דער פרוי. קומט איינמאָל יאַקאָוו אַנדרייעוויטש צופאָרן אהיים פון דער אַרבעט, — אַ קלונג, עס קומט אַריין אַ מענטש און שטעלט זיך פאָר: „באַדראָסאָוו, דער קינאָפּטיקער מאַן פון אייער געוועזענער פרוי". מיט אַ דריי טעג פריער האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשעס פרוי אָנגעהויבן אוועק־צוגיין פון שטוב און צעלייגט אַ „פאַמיליע־פייער", ווי יאַקאָוו אַנדרייע־וויטש האָט דאָס אָנגערופן. אונטער יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן האָט אַ פּאָר געטון די שטול: „וואָס פאַרא מאַן, פון וואָס פאַרא פרוי?" — „אייער פרוים, קלאַוודיאַ איוואַנאָוונאַס, — מיר אַרבעטן מיט איר אין איין אַנ־שטאַלט און לערנען זיך אין איין אינסטיטוט — איך וויל מיט איר חתונה האָבן, ווייל זיין אַ געליבטער האַלט איך פאַר נישט ערלעך און בין דע־ריבער געקומען צו אייך, מיר זאָלן זיך פאַרשטענדיקן". צומאָרגנס איז יאַקאָוו אַנדרייעוויטש געפאָרן מיט קלאַוודיאַ איוואַנאָוונאַן אין זאַגס, און איז געוואָרן ווידער בחור. עס גייט אַזוי אַ וואָך, צוויי, קלאַוודיאַ איוואַ־נאָוונאַ איז אינדערהיים — זי שווייגט, לערנט זיך נישט, צערעוועט זאַקן און פּלוצים: „וואָס איז דאָס אַזוינס, פאַרוואָס שווייגסטו? ווען־זשע וועלן מיר זיך צעטיילן מיט די זאַכן און ווען וועסטו מיר געבן אַ נייע דירה?!" די שטול אונטער יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן האָט ווידער אַ פּאָר געטון. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט געזאָגט: „וואָס שייך די זאַכן, טאָ נעם דיר, זיי מוחל, דיינע זאַכן, און וואָס שייך די דירה — מעגסטו אַליין זאָרגן וועגן אַ דירה, אַנישט, טאָ בעט דיין מאַן, ווייל איך בין פאַרנומען — קלייב זיך אַרי־בער צו דיין מאַן". די זאַכן האָט די פרוי אוועקגעטראָגן, אָבער אַרויסגע־

פאַרן איז זי נישט, און אינדערהיים האָט זי נישט געגעכטיקט. און מיט אמאָל ווידער א „פייער”: „וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס, מען גיט מיר נישט קיין דירה, איך מוז וווינען אין צוויי דירות, און איך באַוויז נישט צו לערנען, מען וועט מיך נאָך פון אינסטיטוט ארויסטרייבן, מען האָט מיך שוין געוואָרנט!”. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט א מאַך געטון מיט די הענט: „מאַמאַשע, טייערער פריינט, אין וועלכער מאָראַל שטייט דאָס געשריבן, אַז איך בין דאָס שולדיק אין דעם, ווי דו לערנסט זיך, ווייל דו קענסט נישט צופּאַסן דאָס פאַרגעניגן פון אייער צוזאַמענלעבן מיט די קינדים?” יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט טעלעפאָנירט צו בעדראָסאָוון, ווי צו א ערנסטן מענטשן און אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט אים אין רעסטאָראַן. זיי האָבן זיך געטראָפן און געשמועסט וועגן דעם, אַז שוין א מעשה פון אַנדערהאַלבן חדשים ווי עס שלעפּט זיך דער ענין, שוין צייט דאָס צו פאַרענדיקן, — און אויב בעדראָסאָוו האָט ווירקלעך נישט מער ווי איין צימער און ער האָט נישט קיין אָרט פאַר דער פרוי, טאָ דאַרף מען צוזאַמען, מעשה מענער, א טראַכט טון און צוזאַמען געפינען א דירה. בעדראָסאָוו האָט געטענהט: „איך האָב איר שוין 20 וואַריאַנטן פאָרגעלייגט, און מיין וווינונג איז אויך נישט אַזוי שלעכט, אָבער זי — זי האַלט, פון איין זייט, אַז זי דאַרף איך נישט באַרייכערן מיט א דירה, אויף וועלכער זי האָט רעכט אויף א העלפט אויפן סמך פון דעם צענטן פאַראַגראַף פונם פאַמיליע־קאָדעקס, און פון דער אַנדערער זייט, — ווייל זי צו מיר נישט אָנקומען ווי א אָרעמע קרובה”. האָט זיך יאַקאָוו אַנדרייעוויטש אָנגערופן: „איר זענט דאָך א מאַנסביל, איר זענט דאָך א מאַן, אייער האָניג־חודש איז דאָך אן אמתער סקאַנדאַל, איר געטרויט דאָך נישט אייננע דעם אַנדערן—ווירקט אויף איר, אַלס מאַן!” בעדראָסאָוו האָט געגעבן זיין ערן־וואָרט, צוגעזאָגט איבערצורעדן מיט דער פרוי קאַטעגאָריש, אַז זי זאָל איבערפאָרן צו אים, אין זיין צימער. פון דעם רעסטאָראַן איז יאַקאָוו אַנדרייעוויטש אריינגעפאָרן צו סערגיי איוואַנאָוויטשן אים איבערגעבן וועגן דער באַראַטונג, און אַן עצה האַלטן, — ער איז אוועקגעפאָרן אַהיים און אין א האַלבער שעה אַרום צוריקגעקומען א צעטומלטער, אַן איבערראַשטער. ער האָט דערציילט וועגן דעם, וואָס עס איז געשען,— ער קומט צופאָרן, די הויז־אַרבעטערין איז אין הוילע שרעק, — קלאַווּדיאַ איוואַנאָוונאַ איז געקומען אין דער נישט געוויינטלעכער צייט און זיך צעיאָמערט אויף קולי־קולות, זי האָט א כאַפּ געטון דאָס טישטוך אויפן טיש, דאָס אראָפּגעשלעפּט אויף דער ערד, צעבראָכן די קאַראַפקע,

און אליין האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף דער קאַנאַפּע און געגומען קלאַפּן מיט די פּיאַטעס איבער דער קאַנאַפּע, דערנאָך האָט זי זיך צו־געדריקט צו אַלע ווענט, שוין נישט אַזוי הויך געוויינט און געטענהט: „ביידע, ביידע, ביידע מענער האָבן זיי ביי מיר צוגענומען!" דאָס האָט די הויזאַרבעטערין דערציילט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן אין פּאַרצימער. יאַקאָוו אַנדרייעוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין. ווירקלעך, דער עס־טיש איז אָן אַ טישטוך, די פרוי זיצט ביים שרייב־טיש און שרייבט, דאָס געזיכט איז לויטער, רואיק און בייז, — זי האָט אַ קוק געטון אויף יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן מיט אַן אייז־קאַלטן בליק: „צופרידן? אויסגעפירט אייערס? — איר קאָנט אָפּגעבן מזל־טוב! — מיט בעדראָסאָוון גט איך זיך און פון ראַגנען ועל איך אין ערגעץ נישט אוועקגיין!" — דערנאָך זענען די געשעענישן אַריבער אין פאָלקס־געריכט.

אין דעם טאָג נאָך דער טויט־נאַכט, ביי דעם אַליין צוגעגרייטן פליש, וואָס איז געווען זייער געשמאַק, האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש פריילעך גע־טענהט וועגן דעם, ווי אַזוי, הייסט עס, קאָן אַזוינס געשען? — אָט האָבן מענטשן געלעבט צוזאַמען דרייצן יאָר, עס איז געווען גוטס און עס איז געווען שלעכטס — דאָס שלעכטע האָט מען זיך באַמיט נישט צו באַ־מערקן און נישט געדענקען, — און דאָ איז דאָס אין משך פון 24 שעה אַלץ אוועק צו אַלדי רוחות און עס איז שוין אפילו קיין סימן פון דעם גוטן נישט געבליבן, בלויז פּאַסקודסטווע. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געלאַכט, בשעת ער האָט געהערט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן. ער האָט צו־געטראַכט אַ מעשה, פון וועלכער עס איז אים געוואָרן נאָך פריילעכער,— ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן יאַקאָוו אַנדרייעוויטשן מיט אַ טראַגי־שער שטימע:

— פינף אַזויגער ביי טאָג, איז אויף אַלע לענגן, אויף דעם גאַנצן ערד־קוילעך, אין אַלע שטעט און בכלל אין אַלע ישובים, ווו מענטשן וווינען, אויף די פעלדער און אין די וועלדער, אויף די שיפן, אין די צוגן, אין די זאַוואָדן, אין די האָטעלן, אין די מיניסטאַרישע אַפּאַרטאַמענטן—אומעטום, ווו עס זענען נאָר געווען מענטשן, — האָבן זיך אַלע פרויען געווענדעט צו די מענער מיט איין און די זעלבע ווערטער, — כמעט אַלע פרויען, מיט אַן אויסנאַם פון איינע אויף אַ מיליאָן, — די פרויען זענען געווען שטיל, לירישע, אויפמערקזאַם. אָבער געהאַנדלט האָבן זיי, ווי לונאַטיקער, הגם זייערע אויגן זענען געווען קלאָר, — זיי האָבן לפי ערך אַזוי געזאָגט: פּאָל, פּאָול, פּאַבראַ, פּאַאָלאָ, סידאָר, איזידאָר,

אַטטאַקיטשי, וואַן־לי, אַבדור־ראַכים", — אויף אַלע שפּראַכן, אַלע מענער־נעמען פון דער וועלט, — „איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, וועלכן איך האָב פון דיר די גאַנצע צייט באַהאַלטן. איך בין דיר געווען נישט טריי. איך קאָן שוין מער נישט באַהאַלטן דעם אמת... נאָך מיידלווייז, איך האָב דאָס דיר נישט דערציילט פאַר דער חתונה... דו האָסט געאַרבעט, דיין פריינט, וואָס וווינט אויף דער צווייטער גאַס... דו האָסט געשניטן היי... מיר זענען געווען צוזאַמען, געדענקסט, אונזער בייזנס באַקאַנטער, מיר האָבן געטאַנצט און זענען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן זיך אָפּקילן. דו האָסט דעמאָלט דיסקוטירט וועגן קריזיס... איך בין געווען אויף דאַטשע"... — די רייד פון די פרויען האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, וואַרי־אירט מיט טויזנטער סיוזשעטן, וועלכע האָבן טויזנטפאַכיק איבערגע־שטיגן באַקאַטשיאָס הונדערט סיוזשעטן. ווי באַקאַנט דרייט זיך די ערד אַרום איר אַקס 24 שעה. לויט גרינוויטשס אויסרעכענונג איז יעדע מינוט אין נייע שטעט און לענדער געוואָרן פינף אַזייגער. צוואַנציק מינוט נאָך פינף האָבן זיך איבער דעם גאַנצן ערד־קיילעך דערהערט שרעקלעכע, צאָרנדיקע מענערישע געשרייען: „נבלה! שאַנד! פּאַראַט! — און דאָס דו, דו, דו, וועמען איך האָב פאַרגעטערט, וועמען איך האָב אוועקגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט?! — און דו האָסט מיך אַזוי פאַראַטן, אַזוי אָפּגעחוזקט פון מיר, מיך פאַרביטן מיט אָט דעם גאַרנישט פון דער צווייטער גאַס?! — און אַזוי חרפּהדיק, אַזוי ביזי־ביזיונותדיק, ווי אַ פּשוטע בהמה?! — לידאַטשקע! אַ גט! — און אָט דער מנוול, וואָס האָט מיך גערופן פריינט — וואַרט איכ'ל מיט אים אַ שמועס טון, איך וועל אים וויזן... איכ'ל זיך מיט אים דועלירן"!... — האַלב זעקס אַזייגער האָט זיך שוין געטון חושך. דער טעלעגראַף איז אַנטשוויגן געוואָרן. די טראַמווייען, די באַנען, די שיפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. די פאַבריקן, די זאַוואָדן, די מיניסטאַרישע קאַבינעטן זענען געוואָרן ליידיק, צעפּראַלט און מען האָט נישט געגנבעט. די ווינדעס, די גאַסן, די פּלעצער, די וועגן זענען אָפּגעשטאָרבן. אין די לענדער פון וועיטן מערב פון גרינוויטשן, ווו עס איז נאָך נישט געווען פינף אַ זייגער, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער אַרמיי און קריגס־פלאָט זיך גרייטן אָפּצושלאָגן דעם שונא. די עקסטרע אויפלאַגעס פון די צייטונגען האָבן געקערט וועלטן, — „אַן אומגעוויינטלעכע דזשומע!" — „אַ מלחמה!" — „די ראַדיאָ־פאַרבינ־דונגען מיט ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל איז איבערגע־

ריסן!״ — דאָס בייז־בשורה־דיקע שווייגן פונם מערב ווערט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט אין די יאַפּאַנישע מיליטער־קרייזן״... ,,די אומגעווײנטלעכע דזשומע האָט זיך אַריבערגעוואָרפן קיין ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן, פילאַדעלפיע, טשיקאַ״... — זעקס אַזייגער לויט גריטוויטשן זענען די גאַסן פאַרפולט געוואָרן מיט מענער. די מענער־וועלט איז געווען אָנגעטון ווי עס מאַכט זיך, אייניקע אָן רעקלעך, כמעט אַלע, מיניסטאָרן און פויערים, אָן היט, מיט אומגעלומפּערטע קעגנשטאַנדן צונויפגעדריקט אין די פויסטן. נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די סיגנאַל־פייערן, וועלכע האָבן, אגב, נישט פונקציאָנירט, זענען איבער די גאַסן געפלויגן מיט אַ צוויי־הונדערט קילאָמעטערדיקע געשווינדקייט אויטאָס מיט איינזאַמע אָנפירערס. בכלל איז אַלץ געפלויגן. די פוסגייער, נישט באַמערקנדיק קיינעם און שטויסנדיק איינער דעם אַנדערן, נישט אַנטשולדיקנדיק זיך, זענען געלאָפן, ווי שדים. די טירן פון די הייזער, קאַבינעטן, שלאָפצימערס זענען געווען צעפּראַלט. די טירן פון קנייפּעס זענען געווען צעפּראַלט און ביז צען אַ זייגער איז קיין לעבעדיקער מענטש אַהין נישט אַריינגעקומען. דער, וואָס איז געגאַנגען אַ שמועס טון מיט זיין פריינט פון דער צווייטער גאַס, האָט באַגעגנט דעם פריינט ביים ראָג. די צוויי פריינט האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסל, און ביידע האָבן זיך ווילד צעשריען, קאַטעגאָריש, נישט וועלנדיק אויסהערן איינער דעם צווייטן, מיט איין און די זעלבע ווערטער: ,,הערט נאָר אויס גנעדיקער הער! איר זענט מיין געוועזענער פריינט, — איך ווייס אַלץ וועגן אייער פיינער אויפפירונג!... מיין פרוי״... די צוויי פריינט האָבן זיך אָנגעטפערט, ווי אַ ווידערקול. די צוויי פריינט האָבן לאַנג נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי רעדן. דעמאָלט האָבן די פריינט אָנגעהויבן קוקן איינער אויפן אַנדערן, פונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ערשט געכאַפּט. די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. זייערע אויגן זענען געוואָרן פוסט, אָט ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין ריין געוויסן. און זייערע אויגן זענען געוואָרן איין און די זעלביקע. זיי האָבן געשוויגן. שווייגנדיק, נישט געזעגנענדיק זיך, גלייך, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט, זענען זיי אַנטלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. עטלעכע טריט זענען זיי געלאָפן, אָט פונקט אַזוי ווי צו זייערע פיס זאָלן זיין צוגעבונדן געוויכטער. דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די געוויכטער און לייכטער גענומען לויפן. אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט, הגם דאָס איז געווען אַן אידיאָטיש נישט באַקוועמע צייט, האָבן המונים מענער געבראָכן די טיר פון די זאַגסן, גייסטלעכע־קאָנסיסטאָריעס, נאָ־

מאַר־קאַנטאָרן, ראַטהייזער — פאָדערנדיק אַ באַלדיקן גט. אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט מענער די סניי־פעס, און עס האָבן זיך שטיל געעפנט טירן פון די וויין־געשעפטן. די קרעמערס, און די שענקערס זענען נישט געווען. די קונדן זענען אַליין געקראָכן הינטער די טוּבענק, זיך אָנגעגאָסן גלעזער און קוואַרטירלעך, מיט עקל געשליידערט אויף די טוּבענק פראַנקן, שילינגען, פעזעס, דאָ־לאַרן, יענען, דראַכמעס, רופּיס, לירן, מאַרקן, דיאַנעס, קראָנען. די נאַכט איז קיינער, נאַטירלעך, נישט געשלאָפן. אַרום פינף אַזייגער פאַר־טאָג אײדער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן די מענער געפאָרשט די פרויען און פון זיי פאַרלאַנגט פּסיכאָלאָגישע דערקלערונגען, פּסיכאָ־אַנאַליטיש באַרעכטיקונגען פון דעם פאַראַט, פון דעם פאַלש זיין, פון דעם פאַרלייקענען, — און די מענער האָבן זיך טראַגיש געכאַפּט פאַר די קעפּ, זיך צוגעדריקט צו די ווענט, געריסן די קעלנער פון זייערע העמ־דער און שלאָפרעק, דראָענדיק בשעת־מעשה, מיט רעוואָלווערן זיך און די ווייבער. פונדעסטוועגן דאַרף מען באַמערקן, אַז קיין שום מאָרדן, קיין שום זעלבסטמאָרדן זענען אין דער דאָזיקער נאַכט אויפן גאַנצן ערד־קיילעך נישט פאָרגעקומען. קיין טיי, קיין קאַווע איז, נאַטירלעך, אין דעם פרימאָרגן נישט געגרייט געוואָרן, פונקט אַזוי איז קיינער צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען, ווייל קיינער האָט נישט געאַרבעט. אויספאָרשנדיק פּסי־כאָ־אַנאַליטיש די ווייבער, האָט זיך די מענטשלעכע מענטשהייט פאַרטיפט אין זיך, יעדער אינדיווידום באַזונדער. מען וואָלט זיך געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז דער סאָציאַלער צוזאַמענהאַנג, ווי אויך דער צוזאַמענהאַנג פון דער צייט, איז זיך צעפאַלן. די מענטשלעכע מענטשהייט האָט מחמת דעם פאַראַט פון די ווייבער, ווי אויך מחמת שיכּרות און שלאָפלאָזיקייט, אַרומגעוויקלט די קעפּ מיט נאַסע האַנטיכער און נעקרעכצט ווי פון צײן־ווייטאָג. דער ערד־קיילעך האָט זיך געדרייט אַרום זיין אַקס. און פונקט אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלוועלטלעכער קאַטאַקליזם, דאָס הייסט פּינקטלעך פינף אַ זייגער ביטאָג, איז פאָרגעקומען דער צווייטער קאַטאַקליזם. מיט קלאָרע אויגן, זאָל זיין, אַז די דאָזיקע אויגן זענען געווען רויט פון שיכּרות און שלאָפלאָזיקייט. מיט אַ שטיל קול האָבן די מענער אָנגעהויבן רעדן: „מאַריאַ, מאַרי, מערי, טעקלאַ, פיאָקלאַ, טאָרעקאָ, פאַטימאַ“, אויף אַלע שפּראַכן אַלע ווייבערישע נעמען פון גאָר דער וועלט, — „און איך מוז דיר אויך זאָגן דעם אמת... פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז די צאָל פון די פאַראַטן מצד די פרויען אויף

דער גאנצער וועלט, איז אריטמעטיש גלייך צו דער צאל פאראטן מצד די מענער, ווייל די פרויען פאראטן מיט מענער... אז איך בין נאך געווען א בחור, איך האב עס דיר נישט דערציילט, פאר דער חתונה״... עס האט זיך איבערגעחזרט דאס זעלבע, וואס עס איז מיט א מעת־לעת פריער געשען מיט די מענער, עס זענען בלויז געווען קלייניגע אפנויגן. דער חילוק איז באשטאנען אין דעם, וואס, אויב די מענער האבן זיך דאך געוואלט איינטיפן און אפילו געשטרעבט צו התבודדות, זענען די פרויען, ארייטזאגנדיק, וואס עס האט זיך נאר געלאזט די חברטאריטס, זיך צעלאפן צו זייערע מוטערס אהיים, אדער אוועקגעפארן צו אנדערע פרויען, פון וועלכע די מענער האבן זיי נישט פארכאטן. די פרויען האבן געשטרעבט זיך צו קאאפערירן. די פרויען האבן נישט געפאדערט פון זייערע מענער קיין פסיכאאנאליטישע עקזערכיסן. פונדעסטוועגן זענען זיי נישט געשלאפן און נישט געלאזט שלאפן די מענער. די גאנצע וועלט איז שוין נישט געשלאפן דעם צווייטן מעת־לעת, אויפן דריטן מעת־לעת איז דער עולם ־ קיילעך איינגעשלאפן. געשלאפן זענען אלע, געשלאפן איז מען אומעטום, אין די שטעט, אויף די פעלדער, אין די וועלדער, אויף די שיפן, אן די באנען און אויטאמאבילן, אין די אויפנאם־צימערן, אין די שלאפצימערן, אויף בעטן, אויף דער פארלאגע, אויפן גראז, אפילו אויף דעם האך. געשלאפן איז מען געשמאק און זיך אויפגעכאפט אינגאנצן אויסגערוטע. די מענער האבן א קוק געטון אויף די ווייבער, די ווייבער — אויף די מענער. סיי די, סיי יענע האבן פארשעמט, אבער שוין נישט צארטנדיק, אפגעקערט די בליקן. דער מענטש פון דער צווייטער גאס האט זיך שנעל אנגעטון און אוועק צו דער ארבעט. ער איז געגאנגען אויף דער גאס. ביים ראג האט ער באגעגנט דעם פריינט. א רגע זענען זיי ביידע געבליבן שטיין, ווי פארגליווערטע — און תיכף האבן זיי זיך א לאז געטון איינער צום צווייטן, העפלעך און פריינטלעך אויפהויבנדיק די היט. זיי האבן כיטרע געשמיכלט. זיי האבן איינער דעם אנדערן געזאגט איין און דאס זעלביקע: „נישט וואר, אז די מענטשהייט איז איצט אריינגעטרעטן אין א נייערע פון מאראל!״ אויפן ראג האט מען שוין פארקויפט עקסטרע אויסגאבעס פון די ציייטונגען. ליטעראטן, פילאזאפן און מאראליסטן האבן דעבאטירט די טעמע וועגן דער נייער ערע. די אוונט־צייטונגען זענען געווען פול מיט די סענסאציאנעלסטע ידיעות און האבן אפגעדרוקט דאס בילד פון א פראנצויזישער פרוי, א היפנאטיזארין, וועלכע האט מיט איר

היפנאָז־טאַלאַנט פּאַראַוואַכט דעם וועלט סאַטאַקליזם. אַנשטאָט דעם לייט־אַרטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו מיט דער דאָזיקער פּראַנצויזין:... „דער גרויסער געלערטער, די דאָזיקע פרוי־היפּנאָטיזאָרין, באַזיצט גענייאַלע פעאיקייטן, זי איז נאָך אַ יונגע און גענוג שיינע פרוי, און האָט מיט דער אומגעהייערער אָנשטרענגונג פונם ווילן געצוווּנגען די מענערישע און פרויאישע מענטשהייט אויסצוהערן און צו דערציילן איינס דאָס אַנדערע דעם סעקסועלן אמת מיט דער טיפסטער איבערציי־גונג, אַז דאָס וויסן דעם דאָזיקן נאַקעטן אמת וועט איבערבויען די מענטשלעכע מאָראַל, מאַכן אַ סוף צו דעם אינסטינקט פון אייפערן, אויס־קערן די איבערבלייבסן פון אייגנטום־רעכט אין דער ליבע, טויטן די פאַלשע סעקסועלע אייגנליבע און ברענגען דער מענטשהייט דאָס גליק”...

יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט געהערט סערגיי איוואַנאָוויטשעס דער־ציילונג און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. אַז סערגיי איוואַנאָ־וויטש האָט געענדיקט דערציילן, האָט יאַקאָוו אַנדרייעוויטש שטאַרק גע־לאַכט און געזאָגט:

— און אויף דעם פערטן טאָג זענען געווען נאָך צוויי ידיעות, וועל־כע זענען באַגרינדעט געוואָרן דורך די געלערטע לייט. ערשטנס, וועגן דעם, אַז די דאָזיקע היפּנאָטיזאָרין האָט געמאַכט די אַלוועלטלעכע ריי־ניקונג, ווייל זי איז געווען אין כעס אויף דעם מאַן, וועלכער האָט זי פאַראַטן. און, צווייטנס, איז אין דער אָוונט־אויסגאַבע געווען געשריבן, אַז די דאָזיקע היפּנאָטיזאָרין איז, אַ באַרוישטע פון דעם וועלט־רום, אוועקגעפאָרן אין דער שווייץ זיך אויסרוען, און דאָרט זענען זי באַפאַלן די פאַשיסטן און זי דערהרגעט, אַלס שטראָף, פאַר יענע לײדן, וואָס זיי זענען מיט זייערע נאַציאָנאַלע פרויען צוליב איר אויסגעשטאַנען!...

יאַקאָוו אַנדרייעוויטש און סערגיי איוואַנאָוויטש האָבן געהאַלטן אין איין לאַכן — יעדער האָט געלאַכט פון זיך אַליין.

און אויף צומאָרגנס האָט אַן אַעראָפּלאַן געטראָגן סערגיי איוואַנאָ־וויטשן איבער כאַרקאָוו, איבער ראָסטאָוו אויפן דאָן, איבער מיניעראַלניע וואָדי, איבער מאַכאַטש־קאַלו, איבער באַקו קיין טיפליס. אין טיפליס האָט ער זיך געדראַפּט דערוויסן דעם אדרעס פון דעם מיידל, וואָס האָט מיט דעם מאַגניט פון דער געשטאַלט פון דעם גאַנצן לעבן אָפּגעקלונגען אין מאָסקווער טעאַטער. דער אויטאָ איז געפאָרן אויף דעם באַרג־רוקן איבער דעם מיליטער־גרוזינישן וועג. מיט אַרבעקאָוון זענען מיטגעפאָרן מיציאַן טאַבידזע און שענגעלאַיאַ. אין אָוונט האָט שענגעלאַיאַ באַשטעלט

פערד אין דעם אַאול (דאָרף). גענעכטיקט האָט מען אויף דער סטאַציע קאַזבעק. אויף דעם באַרג־וועג קאַזבעק, נעבן באַרג קאַזבעק, אין אַ הויז, וווּ עס האָבן אַמאָל געוווינט די פעאָדאַלן, די קאַזבעקעס, און איינער פון זיי, אַלעקסאַנדער קאַזבעק, וואָס האָט געלעבט אין ניינטן יאָרהונדערט, איז געווען אַ גרויסער גרוזינישער שרייבער. דער חמימהדיקער טאָג האָט זיך אויף דעם באַרג־רוקן פאַרענדיקט מיט אַ פראָסט. דער באַרג קאַזבעק איז קאַיאָר, נישט פאַרשטעלט מיט וואָלקנס, אין אייביקן שניי, געשטאַנען נישט מער, ווי אַ קילאָמעטער ווייט. גאַנץ פרי האָט דער אויטאָ אַוועקגע־פירט אַרבעקאָוון מיט שענגעלאַיאַן ביז דעם אַאול קאָבי, — טיציאַן, דער לעגענדאַרער טאַמאַדאַ, איז געבליבן אויף דער סטאַציע קאַזבעק, ער האָט געדאַרפט קריגן אַ שאָפבאָק און צוגרייטן אויף פאַרנאַכט אַ שאַשליק און אַ סעודה. אין קאָבי האָבן זיך אַרבעקאָוו מיט שענגאַלאַיען איבערגעזעצט אויף פערד. אין קאָבי צעצווייגט זיך דער טערעק*), און צוויי טערעקס אַמפערן זיך, ווער עס זאָל הייסן דער גרויסער און ווער — דער קליינער טערעק. איינער פון די טערעקס פליסט אַוועק אין דעם באַרג־שפּאַלט טרוסאָ און דערקלייבט זיך צווישן די פעלזן ביז צו די אייזבערג. די זון האָט באַגאָסן די וועלט. די פערד זענען געגאַנגען אין דעם באַרג־שפּאַלט פאַזע דעם טערעק, אונטער די פעלזן און איבערן טערעק, כמעט ביז צו די שנייען. די פעלזן־מאַהינעס זענען געהאָנגען פון רעכטס און פון לינקס. די זון האָט געברענט די וועלט. דער הימל איז געלעגן לעבן די פערד אין די בערג. דער טערעק איז געפאַלן פון שוועל אויף שוועל. אין אייניקע ערטער זענען די שוועלן גרוי געוואָרן מיט די סטאַלאַקטיטן פון די מי־נעראַלן, וואָס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון די בערג־טיפענישן, דורך דעם טערעק צעלאָזטע, און זענען ווידער פאַרשטיינערט געוואָרן. ביי די נאַרזאַן־קוואַלן, וואָס פליסן אַרויס פון די שפּאַלטן, זענען געלעגן הער־נער פון אָקסן און שאָפבעק, כדי פאַרביי־גייער זאָלן קאָנען טרינקען. אין דער ברענעדיקער היץ איז די קאָכעדיקע קעלט פון דעם נאַרזאַן, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַסערשטאָף, געווען מחיה נפשות. הינטער דעם גערויש פון דעם טערעק, אויף די אומגעהייערע הויכקייטן, כמעט ביי די אייזבערג, האָט דער רוים צונויפגעשמידט די קאָסמישע שטילקייט. די בלויע שיין פון די הויכקייטן האָט צונויפגעמישט דעם שטח, און עס האָט זיך געדוכט, אַז קאַזבעק איז פּאַקטיש דאָ דאַנעבן. אין טרוסאָ איז געלעגן דער אוראַלט. צומאָל זענען די פערד געגאַנגען איבער שטעגן, ווען אין פוס

*) אַ טייך אין קאַווקאַז. באַמ. פון איבערז.

פון דעם רייטער האט זיך געריבן אין פעלז, און הינטער דער צוויטער־קני איז דער טערעק געפאלן פון אן אראפהאנג. אויף די פעלזן זענען געהאנגען זעלטענע אאולן, וועלכע זענען נאך פארבליבן פון דעם אוראלט ווו די וווינונגען פון דעם ווירטשאפטלעכן איינס איז געווען נישט בלויז א דירה און א שאפן־שטאל, נאר אויך א פעסטונג, וואס האט מיט זייער שטארקייט דערמאנט ארבעקאוון די דערפלעך פון די צפון־אמעריקאנישע אינדיאנער, ווו מען גייט אריבער פון הויף צו הויף אויף באוועגלעכע טרעפ, ווו עס מוזן אומבאדינגט זיין פארבארגענע ערטער און דורכגענג. ווו דער דאך פון דער סאקלע (הייזל, כאטע) איז די טעראסע פון דער צווייטער, ווו זיי זענען ארומגערינגלט מיט שטיין־געמויערטע ווענט, איבער וועלכע עס שטארצט ארויס א טורעם, וואס איז אי א שפייכלער, אי א פעסטונג פאר די אוראלטע מלחמות, געשלעגן און בלוטיקע מערדעריען צוליב משפחה־נקמה, אי דאס געבוירנלאנד פון לעגענדעס, אי אן ארט אויסצובאהאלטן זיך פון א שרפה. שענגעלאיא און ארבעקאוו זענען געקומען אין דעם אאול, וואס איז געלעגן אונטער די סאמע אייזבערג, נעבן די שנייען. די קאסמישע רחבות פון ליכט און קאסמישע שטילקייט זענען געלעגן איבער דעם אאול. זי, צוליב וועמען זיי זענען געקומען צופארן, איז נישט געווען אין אאול, זי איז אוועקגעגאנגען אויף יענער זייט אייזבארג אין די בערג. פארגרייטן האלץ. נאך איר האט אוועקגאלאפירט, רייטנדיק אן א זאטל א בארוועס פאסטוכל. פון דעם סאקלע־דאך ווו ארבעקאוו און שענגעלאיא זענען געלגען און זיך אפגערוט, האט מען געזען דעם אנהויב פון טערעק, וועלכער איז ארויסגעפלאסן פון אונטער די שנייען, און מען האט געזען די טאלן מיט גרינעם גראז, שיפועס און אראפהאנגען, דאס געבוירנלאנד פון באראנטא. איבער דעם אאול האט ארויסגעשטארצט א טורעם. אין אאול איז געווען פוסט, די מענטשן זענען אוועקגעגאנגען אויף די פאשע־לאנקעס און פעלדער, אויף די מאגערע פאסן גערשטן־פעלדער, וואס זענען געהאנגען אויף די פעלזן. אן הונדערט־יעריקער זקן, וועלכער האט נאך געדענקט יערמאלאוון,*) האט זיי געפירט איבער דעם אונטערערדישן גאנג פון זיין קלאן (געמיינדע); די אונטערערדישע גענג האבן געפירט צו דעם אאול־פלאץ, אין אינעווייניקסטן הויף אריין און אונטער דעם טורעם; אין אט די קעלערם האט זיך אויסבאהאלטן די בלוטיקע נקמה; איבער די קווארץ־טרעפ האט

*) א רוסישער גענעראל, איינער פון די, וואס האבן איינגענומען קאווקאז. באמ. פון איבערז.

זיך סערגיי איוואַנאָוויטש אויפגעהויבן אויפן שפּיץ-טורעם; ער איז געוועז איינער אַליין אין דער לופט און אין דער שטילקייט; די זון האָט אויסגעברענט דעם אַאול. אונטער דעם אַאול, אויף יענער זייט טייך, פון דעם וואַלד אויפן באַרג-שיפּוע האָט זיך באַוויזן אַ רייטער. ער איז מיטן וואַסער אַריבערגעפאָרן דעם טייך, זייער פּאָרזיכטיק, און דערנאָך מיטן פולן גאַלאָפּ, ווי דאָס פערד וואָלט געשוועבט איבער דער ערד, זיך אוועקגעטראָגן צו דעם אַאול. איבער די טרעפּלעך פון דער אַאול-גאַס איז דער רייטער, זיצנדיק שטאָלץ אויף דעם נישט געזאָטלטן פערד, געפאָרן טריט ביי טריט, דאָס איז זי געווען. זי איז געווען באָרוועס. אירץ הענט, דאָס געזיכט און באָרוועסע פיס זענען פון דער זון טונקעלער געוואָרן, אַזוי ווי איילבירטן-אייל. זי האָט נישט דערקענט סערגיי איוואַנאָוויטשן. זי איז אַריינגעגאַנגען אין סאַקלע זיך איבערטון און איז לאַנג פון דאָרט נישט אַרויסגעגאַנגען. די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. שענגעלאַיאַ און אַרבעקאָוו האָבן איר געזאָגט, אַז זיי זענען געקומען נאָך איר, אַז אויף קאַזבעק גרייט טיציאַן טאַבידזע אַ שאַפּבאַק, אַז די פערד זענען גרייט און מען מוז שוין פאָרן, כדי מען זאָל נישט דערפרוירן ווערן און דער שאָפער אין קאָבי זאָל אויך נישט דערפרוירן ווערן. קיין קאָבי איז געווען דרייסיק קילאָמעטער. זי איז באַלד געווען גרייט. די פערד זענען אַרויסגעפאָרנדיק פון דעם אַאול, אַוועק אין פולן גאַלאָפּ. שענגעלאַיאַ איז אוועקגעריטן ווייט פאָראויס. די נאַכט האָט אָבער איבערגעיאָגט די פערד. עס איז מיט אַמאָל געוואָרן טונקל, אין אָט דעם האַלבטאָגיקן לאַנד, ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו פלעגן רופן קאַווקאַז. און דעמאָלט האָט אַ סנאָל געטון אַ דונער, ווי אַ באַרג וואָלט אַראָפּגעפאַלן. דער שטורעם איז געווען ווייט, די בערג האָבן לאַנג געשליידערט איבער די פעלזן דאָס ווידערקול, און דאָס ווידערקול האָט איבערגעחזרט די דונערן. שענגעלאַיאַ האָט זיך אומגעקערט און איז צוגעפאָרן צו אַרבעקאָוון. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, צוהערנדיק זיך צו די בערג, פאָרט אַ באַרג-מענטש.

— מען דאַרף זיך צואיילן, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט זיין אַ שטורעם, אונטן וועלן זיך אַ לאָז טון שטראָמען, דער טערעק וועט זיך הויבן, מירן נישט באַוויזן צו קומען קיין קאָבי, עס קאָן נאָך זיין, אַז פעלזן וועלן זיך אָפּקרישלען.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז געזעסן אין זאָטל פיל ערגער פון איר, און פון שענגעלאַיאַן. שענגעלאַיאַ איז ווידער אוועקגעפלויגן פאָראויס. איר פערד און אַרבעקאָווס זענען געגאַנגען איינס נעבן אַנדערן, די טרעטערס

האָבן זיך אָפּט אָנגעקלאַפּט און געקלונגען. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט באַמערקט, אַז איר פערד איז איבער די אַראָפּהאַנג שטענדיק אַלעמאָל געגאַנגען ביים ברעג פון דעם אָפּגרונט. די פערד האָבן זיך געאײַלט. דער שטורעם האָט אָבער איבערגעיאָגט די פערד. עס האָבן ווידער געקנאַלט די דונערן, און מיט די דונערן האָבן זיך געשליידערט די בערג. און עס האָט אויפגעפלאַמט אַ בליץ. און אַרבעקאָוו האָט דאָס געזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, — דער בליץ האָט אויפגעפלאַמט נישט איבער אים, נאָר אונטער אים. דער שטורעם איז געווען אונטן. זיי זענען געווען איבער דעם שטורעם. איר טרעטער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין אַרבעקאָווס. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אין דער פינצטערניש און זיך אָנגערירט אין איר אַקסל. אין דער פינצטער איז סערגיי איוואַנאָוויטשעס פערד אַרויפגעפאָרן אויף דעם הינטן פון שענגעלאַיאַס פערד. שענגעלאַיאַ האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שטורעם. אונטן האָבן זיך געשלענגלט בליצן. די פאַספאָר־שיין און די פינצטערניש אונטן האָבן זיך געשפּאָלטן דורך די דונערן־קנאַלן און ווידערקולן. עס האָט זיך געדוכט, אַז די בערג וואַרפן זיך מיט פעלזן.

— אויפן מיליטער־גרוזינישן איז איצט אַ גאָס־רעגן, — האָט שענגעלאַיאַ געזאָגט, — עס וועט צעשווענקען די וועגן.

איבער די בערג, פון אויבן האָבן געברענט די שטערן. דער פראָסט פון דער שיטערער לופט איז אַריינגעדרונגען אין די ביינער. איבער דעם שטורעם, ביי די בערג־שפּיצן, האָבן מענטשן געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען אין דעם קאָסמאָס.

דער שטורעם איז געווען אונטן. די פערד זענען געגאַנגען טריט ביי טריט. ביים שיין פון די בליצן זענען באַלד פון רעכטס און פון לינקס, פון פאָרויס, פון הינטן, דערנעבן פון אויבן אַרויף, פון מיליטער־גרוזינישן וועג צו די אייזבערג, צום קאַזבעק אָנגעקראָכן וואָלקנס. זיי האָבן געאײַלט. זיי זענען געגאַנגען אייביקייט און גאַנצע המונים. זיי האָבן אַרומגעהילט די פערד מיט די נעפּלען און וואַרימקייט פון אונטן. וואָס אַמאָל זענען זיי געוואָרן מער. זיי האָבן אין זיך באַהאַלטן די פערד און די בערג. און פּלוצים, דאָ דערנעבן, גאָר נאָענט, אַ צען טריט פון דאַנען, האָט, צערייסנדיק די וואָלקנס, אַזוי, אַז די פערד האָבן זיך אַ ריס געטון אייטס צום צווייטן, צונויפּדריקנדיק אירע און אַרבעקאָווס קני, איינציייטיק זיך אויפגעריסן אַ בליץ און אַ דונער. דער בליץ האָט צעשניטן די פינצטערניש און אַ בלענדנדע שיין, און אַ צאַפּל פון דער שיין האָט אַ קנאַל געטון

אין אַ פּעלז. דער דונער האָט אונטערגעכאַפּט די שיין, אויפגעטרייסלט
די לופט, אַנטלאָפנדיק זיך אין איין פעלז, אין צווייטן, אין הונדערטסטן.
עס האָט זיך געדוכט, אַז די פעלזן צעשיטן זיך אין קלאַנגען אין אַ רגע
אַרום האָט ווידער אַ זעץ געטון אַ בליץ, אויפרייסנדיק זיך מיט אַ דונער.
עס האָט אַ גאָס געטון אַ רעגן, און בזו הרגע האָבן פון די פעלזן אַ שטראָם
געטון ריטשקעס, שטראָמען, וואַסערפאַלן. די דונערן און בליצן האָבן גע־
איילט צום קאַזבעק. די וואָלקנס זענען שוין געווען איבערן קאָפּ.

דער דונער איז געפאַלן פון אויבן. פון אונטער די וואָלקנס זענען
געפאַלן שטראָמען רעגן — אי פון הימל, אי פון די בערג. עס איז געווען
ערדיש דושנע. פון דעם הינטערוואָלקנדיקן קאָסמאָס האָבן זיך מענטשן
אומגעקערט צוריק אויף דער ערד. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט גע־
רעכנט, ווען ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער. אין גאָס רעגן זענען
זיי אָנגעקומען קיין קאַבי. עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט. דער אויטאָ־
מאָביל האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף זיי און, מורא האָבנדיק
די וועגן זאָלן נישט ווערן צעשווענקט, איז ער אָוועקגעפאָרן איבערנעכ־
טיקן אין קאַזבעק. די פּאַסטוך־סאַקלע, וווּ עס זענען געשלאָפן דער פּאַסטוך
מיט זיינע הינט און וווּ עס האָט געשמעקט מיט שאָף, — איז געוואָרן
דער נאַכטלעגער פאַר איר, פאַר שענגעלאַיאַן און אַרבעקאָוון. פאַרן שלאָף
האָבן זיי אונטערגעלענט זייער האַרץ מיט קאַבישן קעז. דאָס דאָזיקע
מיידל איז געוואָרן סערגיי איוואַנאָוויטשעס פרוי. קאַיאָר, ווען דאָס זינגען
פון די רוסישע סאָלאָווייען — אויך אין שטורעם — האָט געשמעקט
מיט מאַיגלעקעלעך, מיט פרישקייט מיט מונטערקייט, — איז אין פאַלעך,
אין דער כאַטע, הינטערן ווענטל, לעבן פאָטער געשמאַק געשלאָפן זיין
מערקווירדיקער זון. און נישט דער זון, נאָר די מוטער איז געוואָרן דער
מערקווירדיקער געשטאַלט־מאַגניט פונם גאַנצן לעבן, וואָס טאָר נישט
פּובליקירט ווערן, פון דעם מאַגניט, וואָס האָט צונויפגעפאָרט און אויס־
געשטעלט, גענעצמעסיק, אין פולקומע און קלאָרע פאָרמען אַלע אייזנ־
שטויבעלעך פון אַרבעקאָווס צען־יאָריקן לעבן. און טאַקע מחמת דער
דאָזיקער געזעצמעסיקייט האָבן מיט סערגיי איוואַנאָוויטשן אָנגעהויבן
לעבן זיינע עלטערע קינדער, אַריינבריינגענדיק אין שטוב די קאָמיונגעריי
און פּיאָנערעריי. און טאַקע מחמת דעם האָט זיך אין האַרץ, אין שטח,
אין דער צייט באַזעצט דאָס פולשטענדיקע געשטאַלט פון דער ליבע...

און טאַקע דעמאָלט אין קאַווקאַז, אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער־
רייזע איבער די בערג, אין טיפליס, אין אָריענט־האָטעל, האָט דער קאַיאָר

געטראַפן סערגיי איוואַנאָוויטשן אַ פריילעכן און אַפילו אַ קלוגעטשקן בײַם טיש, בײַם פּאַפּיר, בײַם מאָלן קרייזן, און בײַ אויסרעכענונגען. אין יענעם פרימאָרגן האָט סערגיי איוואַנאָוויטש נאָך אין שלאָף און אין גליק דערשפּירט דעם טויט — מיט אַ קאַלטן אייזיקן, אומזיניקן פּחד. אַלץ וועט בלייען, עס וועט לייכטן די זון, נייע שרייבערס וועלן שרייבן נייע לידער, און אָט דו, דײַן „איך", דײַן גורל, דײַנע געדאַנקען און געפילן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָרנישט, זיי וועלן פאַרשווינדן,— אָט דעם דאָזיקן אייזיקן געפיל קאָן מען מיט ווערטער־געפילן נישט איבערגעבן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם דאָזיקן זיניקן אומזין, — און אָט אויפן גרענעץ פון חלום און וואָר, ווען אין חלום איז פאַרבליבן די אימה, איז אין דעם באַוווסטזיין אויפגעקומען אַ פריילעכע און קלוגעטשקע פרייד. דאָס איז געווען אויסגעפינערײַ. אַרבעקאָווס שאַפערישער אַפּאַראַט — דער מאַגניט! — האָט געבראַכט צו דעם באַוווסטזיין אַ ידיעה:

— ס'איז דאָ, חבר קעלער! — ס'איז דאָ דער מיטל ווי אַזוי אויסצומײַדן דעם טויט! — ער איז דאָ!

סערגיי איוואַנאָוויטשן האָט זיך געדוכט, אַז ער מאַכט אַ וועלט־אַנטדעקונג. אַרבעקאָווס געזיכט איז, אַפּנים, געווען קינדעריש פריידעוודיק און כיטרע. דער פּחד פאַרן טויט איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. אַרבעקאָוו איז געזעסן בײַם טיש און געצייכנט קרייזן.

„אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה דרייט זיך דער ערד־קײַלעך אַרום זײַן אַקס... וואָס הייסט עס? — נאָך היינט מוז מען זיך דערוויסן— ווי גרויס איז עס דער ראַדיוס פון דעם ערד־קײַלעך?... — דעמאָלט וועט מען קאָנען אויסרעכענען מיט וואָס פאַראַ געשווינדקייט עס טראָגט זיך איבער דעם רוים, איבער דער קאָרדע, נו, לאָמיר אָנכאַפּן, מאָסקווע. אַ שטיינדל, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ שטריקל און עס דרייט דאָס אַ יאַטל מיט זײַן האַנט, האָט דאָך זײַן געשווינדקייט, — דאָס נעמלעכע אויך מאָסקווע, וואָס ליגט אויפן ברעג פון דעם ערד־ראַדיוס, דרייט זיך אויך אַזוי אַרום דער ערד־אַקס, פּונקט ווי דער שטיין אַרום דעם יאַטלס האַנט... מען דאַרף אויסרעכענען די ערד, מאָסקווע אויף דער ערד, אַרומקרייזנדיק זיך אַרום דער ערד־אַקס, ציילט אָפּ פיר און צוואַנציק שעה, — נו, אויב נעכטן צוועלף אַ זייגער בײַטאָג איז געווען דער זיבעטער, מוז אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום צוועלף אַ זייגער בײַטאָג זײַן דער אַכטער. מען דאַרף אויסרעכענען די געשווינדקייט פון דעם אַרומקרייז, וואָס

מאָסקווע מאַכט, און מען דאַרף קאָנסטרואירן אַן עראָפּלאַן, וואָס זאָל קאָנען פליען מיט וועלכער שנעלקייט מען וויל נאָר. אויב ער וועט פליען איבער מאָסקווע אויף מערב מיט דער געשווינדקייט, וואָס מאָסקווע פליט אַרום איר קאַלדרע, וועט ער אין פיר און צוואַנציק שעה דורכמאַכן דעם זעלבן וועג, וואָס מאָסקווע, דאָס הייסט ער וועט בלייבן איבער מאָסקווע. אויב ער וועט פליען אויף מזרח זייט, אַנטקעגן מאָסקווע, וועט ער באַגעגע־נען מאָסקווע אין צוועלף שעה אַרום. דאָס איז נאָך נישט קיין אַנטרעקונג. אויב דער עראָפּלאַן וועט אָבער פליען מיט אַ טאָפּלטער געשווינדקייט, ווי מאָסקווע דרייט זיך, איז, אויב ער וועט אַרויספליען היינט צוועלף אַזייגער צוזאַמען מיט מאָסקווע אויף מערב זייט, וועט דער אַעראָפּלאַן אין משך פון צוועלף שעה דורכפליען דעם זעלבן שטח, וואָס מאָסקווע פליט דורך אין פיר און צוואַנציק שעה. דער אַעראָפּלאַן וועט אָניאָגן מאָסקווע אויף מערב אין אַכט און פערציק שעה. די מענטשן אויף דער ערד וועלן שוין האָבן אָפּגעלעבט צוויי מעת־לעת, אָבער די מענטשן אויף דעם אַעראָפּלאַן וועלן אין אַט דער צייט האָבן אָפּגעלעבט בלויז פיר און צוואַנציק שעה. אויב דער אַעראָפּלאַן איז אַרויסגעפלויגן היינט, דעם זי־בעטן, צוועלף אַ זייגער בייטאָג, וועלן די מענטשן, וואָס האָבן פאַרבראַכט אויפן אַעראָפּלאַן איין מעת־לעת, גלייך קומען קיין מאָסקווע דעם ניינטן. די צייט, וואָס איז פאַרפליכטנדיק פאַר די, וואָס לעבן אין מאָסקווע, וואָס איז אַבסאָלוט פאַר די מאָסקווער, ווערט אויף אַזאַ אופן אַן און פאַר זיך נישט אַבסאָלוט. נו, און אויב דער אַעראָפּלאַן וועט פליען פיר מאָל אַזוי געשווינד ווי מאָסקווע דרייט זיך, וועלן די מענטשן אויפן אַעראָפּלאַן אין פיר און צוואַנציק שעה אָפּלעבן פיר מעת־לעת פון די מאָסקווערס לעבן. פון דעם זיבעטן וועלן זיי אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום אַריינ־פאַלן אין דעם עלפטן. אויב די מענטשן וועלן אַרויספליען פון מאָסקווע דעם ערשטן יאַנואַר נייצן הונדערט דריי און דרייסיק און וועלן פליען דריי חדשים, וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד דעם ערשטן יאַנואַר ניינצן הונדערט פיר און דרייסיק. נו, און אַז די געשווינדקייט פון דעם אַעראָפּלאַן וועט זיין אַכט מאָל, זעכצן מאָל, צוויי און דרייסיק מאָל געשווינ־דער פון מאָסקוועס פלי, — וועלן די מענטשן פון די פערציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַרברענגענדיק איין יאָר אין אַזאַ אַעראָ־פּלאַן — אין משך פון איין יאָר — אַריינפאַלן אין די פערציקער יאָרן פונם איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט!... קיין גרענעצן זענען נישטאָ!— דער מענטש קען אויסציען זיין לעבן אויף יאָרטויזנטער! — מען דאַרף

נאָר אויסבויען אַ געשווינדיקן עראָפּלאַן, און דער טויט וועט זיין אַן אָפּגעגאַרטער. די צייט איז נישט אַבסאָלוט. אויב די צייט איז ווידער נישט אַבסאָלוט, איז אפשר אַ פּלאַן אַ רוק צו טון די צייט אויף צוריק — ווייסט עס דער טייוול — מען דאַרף אַ באַרעכן טון, — גאַנץ מעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס לעבט איצט, קאָן אָפּלעבן גאַנצע יאָר־טויזנטער, אין דער זעלבער צייט, ווען די טיפליסער ביהגער האָבן קוים באַוויזן זיך אַרומצוואַשן און עפּעס איבערצוכאַפּן פאַר דער אַרבעט?... צו דעם וועט ווידער קאָנען העלפן דער עראָפּלאַן. ווי אַזוי זאָל מען אָנרופן אַזעלכע עראָפּלאַנען? — סטראַטאָספערישע? — קאָסמישע? — מען דאַרף אַ טראַכט טון!... לאָמיר זאָגן, אַז אַן עראָפּלאַן, וואָס פליט פיר מאָל גע־שווינדער פון מאָסקווע, וועט פליען קיין מזרח, אַנטקעגן מאָסקווע, אויך אַרויספליענדיק צוועלף אַזייגער בייטאָג. ער וועט באַגעגענען מאָסקווע אין זעקס שעה אַרום. ביי די מאָסקווער וועט ערשט זיין זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, און דער מענטש פון עראָפּלאַן האָט שוין געזען אי די נאַכט, אי דעם פרימאָרגן — אָדער, אַנדערש געזאָגט, ער האָט שוין אָפּגע־לעבט אַכצן שעה״...

סערגיי איוואַנאָוויטשעס אויסזען איז געווען זייער גוטמוטיק און אויפגעלייגט, און אפילו כיטרע. ער איז נישט געווען אַזאַ מאַדים אין חשבונען. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכע וויכטיקע אַנטדעקונג. ער האָט געצייכנט אויפן פּאַפּיר קרייזן, מאָסקווע און די עראָפּלאַן פליג, זיך באַמיט צו דערמאָנען די מאַטעמאַטיק, וואָס לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש, דער זעלביקער, וואָס — „בלייב אויף אַ האַלבע שעה אָן מיטאָג!״ — האָט געלערנט, ער האָט געטרונקען ווין, גע־רויכערט, ווידער געצייכנט קרייזן און געחשבונט די געשווינדקייט פון דעם פלי.

בייטאָג האָט מען אַרבעקאָוון געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם, וואָס איז שוין לאַנג אַנטדעקט, צו איינער פון די צווייטראַנגיקע פונקציעס פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. סערגיי איוואַנאָוויטשן האָט דאָס שוין נישט געאַרט: די צייט איז שוין נישט געווען אַבסאָלוט!

ביי דער נאָמענלאָזער אַזיערע, בשעת ער האָט דערציילט וועגן דער קאַטאַסטראָפע מיט „מאַקסימען״, האָט זיך אַרבעקאָוו דערמאָנט אין זיין אַנטדעקונג, אין די פרייעלעכע שעהן מיט דער בלייפעדער ביים פּאַפּיר. דער אומזין פון „מאַקסימס״־טויט, — צי דען וועט דער סטראַטאָספערע־צווישן־פּלאַנעט עראָפּלאַן, וועלכער וועט אויסגעבויט ווערן אין צען

יאָר אַרום, און עס איז קלאָר, אַז ער וועט אויסגעבויט ווערן אין פ. ס. ר. ר. — דער סטראַטאָספּערע־אַעראָפּלאַן, קעגן וועלכן „מאַקסימס" וועט אויסזען כּמעט ווי אַ הייל־אַוראַלטער זיידע, — צי דען וועט דער סטראַ־טאָספּערע־אַעראָפּלאַן נישט האָבן קיין דעציִדירנדיקע ווירקונג אויפן גורל פון דעם טערמין פון דעם מענטשנס טויט? — זאָל זיין, אַז דער מענטש, וואָס גייט צו צום אַעראָפּלאַן, טראַכט נאָך דערווייל וועגן טויט, — די מענטשן, וואָס זענען אומגעקומען אויף „מאַקסימען" האָבן געקעמפט פאַר דעם איבערבוי פון דעם מענטשנס טויט.

די געשיכטע פון דעם ערשטן אין רוסלאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט ראַט פון אַרבעטער דעפּוטאַטן.

די איצטיקע איוואַנאָווער אינדוסטריעלע געגנט האָט אַרומגענומען די ראַיאָנען פון וולאַדימיר און קירזשאַטש ביז אוגליטש און פּאָש־וואָלאָדאַרסק, און יאַראָסלאַוו, און קאָסטראָמאַ — ביז טשוכלאָמאַ און כאָליגאַליטש — ביז מאַקאַריעוו און סעמיאָנאָווסק. יעדער אָנגערופענער פּונקט פון אָט דעם מענטשלעכן ישוב איז אַ קאַפּיטל פון רוסישן לעבן און פון דער רוס. געשיכטע. דער וועג פון מאָסקווע קיין פּאַלעך גייט דורך וולאַדימיר און סוזדאַל קיין איוואַנאָוו. וולאַדימיר און סוזדאַל האָבן דענקמעלער פון דעם רוסישן צוועלפטן יאָרהונדערט, זיי זענען די עלטסטע רוסישע מקומות. אינמיטן פון דער דאָזיקער געגנט פליסט די וואָלגע. אויף די עקאָנאָמישע מאַפּעס זענען געדריכט באַצייכנט די ראַיאָנען פון דער פאַבריק - זאַוואָדישער אינדוסטריע, און אויפן ערשטן אָרט איז דאָ איוואַנאָוואָ, דאָס געוועזענע דאָרף איוואַנאָוואָ און דער כוטאָר וואָזנעסענסק.

דעם 26 מאַי 1935 איז געווען דער דרייסיק יעריקער יובל פון דעם איוואַנאָווער ראַט פון אַרבעטער דעפּוטאַטן.

און מיט דרייסיק יאָר מיט צוויי וואָכן צוריק איז די דעמאָלטדיקע איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, וועלכן מען האָט גערופן דער „רוסישער מאַנ־טשעסטער", געווען, דעם אמת געזאָגט, אַן עיר המקלט פון אָרעמשאַפט, פון שוואַרץ געוואָרענע מחמת אַלטקייט הילצערנע הייזקעס, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אויף אַ שטח פון זעקס וויאָרסט. זעלטן־ווו האָבן פון הינטער דער אביונישקייט זיך געהויבן געמויערטע הייזער פון סוחרים און לאַנגע קאָרפּוסן פון פאַבריקן. דער עיקר אָבער איז געווען שטרוי און בערוועגעס, פאַרשלומפּערטע הייזקעס און כאַלופּעס, דלות און אביונישקייט. אַ געוויינלעך דאָרף, — די זעלבע שענקען און דער זעלבער

אומבארינגטער טראקטיר מיט ריזיקע סאמאווארן אויף די שילדן. הינטער די הייזקעס און הינטער די פאבריקן פוטסע פלעצער. הינטער די פוסטע פלעצער — א וואלד.

אין שטאט האבן געוווינט סוחרים און פראלעטאריער. דער עלף און האלב-שעהדיקער ארבעטס-טאג האט זיך מיט די פייראנטן פארצויגן ביז א פופצן שעהדיקן. אין די בלייוויים אפטיילונגען און אין די פליסערייען פלעגן די ארבעטער באנוצן אלס קעגן-גיפט — ציבעלעס, ווייל די לופט איז דארט געווען אנגעזאפט מיט גיפטיקע גאזן און האט געווירקט, ווי דער שארפסטער סם. אין די טרוקן-האלעס האט מען געארבעט ביי א טעמפעראטור פון זעכציק גראד היץ און די ארבעטער האבן געארבעט נאקעטערהייט. ביי די פרעגער, וועלכע האבן געמוזט ארבעטן די רעליעפן מיט שטארקן, אזוי גערופענעם „צארישן" בראנפן, פלעגן ארויספאלן די ציין, — די לופט אין די פרעגערייען איז אויף אזויפיל געווען דורכגעזאפט מיט די אויסדאמפונגען פון אט דעם „צארישן" בראנפן, אז א צייטונג פלעגט אין צוויי שעה ארום ווערן געל ווי וואקס און זיך צעפאלן אויף פיץ פיצעלעך. ביי די וואש-מאשינען האט אן ארבעטער נישט געקאנט ארבעטן מער ווי צוויי יאר. אויף די קרעטאן פאבריקן האט אן ארבעטער פארדינט אין דורכשניט צען מיט א האלבן רובל א חודש, און אין די וועבערייען—דרייצן. אויפן ווינטער סעזאן האט מען די לוינען רעדוצירט. די ארבעטער פלעגן שטראפירט ווערן פאר „עזותדיקע רייד און מעשים", פאר „שלעכטער אויפפירונג", אבער „אלס שלעכטע אויפפירונג האט מען נישט גערעכנט, ווען די יונגע ארבעטערינס זענען געמעט געווען פארפליכטעט זיך אפצוגעבן די מייסטערס, די אנגעשטעלטע, און זייערע זין", שטויסנדיק זיי צו פראסטיטוציע. די דאזיקע שטראפן פלעגט מען אראפרעכענען פון די לוינען. ביי די פאבריקן זענען געווען פאבריק-טורמעס. לויט די אוראלטע טראדיציעס האבן אלע געהאט צונעמעניש. דעם סוהר-פאבריקאנט דערבעניעוו האט מען גערופן קאאוסטיק. די גראוויר-אפטיילונגען — סם. די ארבעטער-ראיאנען — יאמא, זאווערטיא, ריליכא. זיין ארבעטסלאז און הונגערן — ארבעטן ביי וועטראוו — גולאיעוון*). און די פויערישע כאלופעס — אין איין צימער — האבן געוווינט א מאן פופצן, מענער און פרויען, אלטע און

*) יאמאַ — אַ גרוב, זאַווערטיאַ — כף הקלע, ריליכאַ — מיאוסקייט, פאַרזעעניש, — וועטראָוו - גוליאַיעוו — אַ שפיל ווערט — ד. ה. וו דער ווינט הוליעט. באמ. פון איבערז.

יונגע, באוויבטע און נישט באוויבטע, געשלאָפן איז מען אויף נאַרעס און אויף דער ערד, אַלע צוזאַמען. אַ דריטל פון דער איוואַנאָווער באַפעלקערונג פלעגט שטאַרבן פון טובערקולאָז. לויט דער מלוכה סטאַטיסטיק, זענען אַכציק פּראָצענט רעקרוטן פון איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק פאַרבראַקירט געוואָרן מחמת שלאַבעריקייט.

דער מענטשלעכער גורל? — ,,סיי זומער, סיי ווינטער איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פעלצל און געטראָגן אויף די געלע שטיוול לעדערנע גלאַנציקע קאַלאָשן, געפוצט מיט פּאַסטע. אויף דעם לאַנגן, אויסגעצויגענעם האַלז, ווי ביי אַ גאַנז, האָט זיך געבאַמבלט אַ גרינער וואָלענער שאַליק מיט טופּעלעך; די ברעגעס, פאַרשמאָלצעוועטע, מיט פראַנזן, האָבן געדינט אַלס נאָז־טיכל, — דער פּרעגער פלעגט אין זיי אויסשנייצן די נאָז און נאָך יעדן הוסט אָפּגעווישט די גרויע ליפּן. דער פּרעגער האָט געאַרבעט להוט און מיט טויטע קללות. בשעת ער האָט געאַרבעט ביי דער פּרעס־מאַשין, האָט זיך די בלויע הויט אויף זיין דינעם האַלז אָנגעבלאָזן, דאָס געזיכט איז געוואָרן רויט, און די ברוינלעכע שפּרענקעלעך אויף די ליפּן זענען בלייך געוואָרן. הוסטנדיק און פּראַכנדיק פלעגט ער זיך אָנוואַלגן אויפן פּרעס, און עס האָט זיך געדוכט, אַז נישט מיטן פּרעס, נאָר מיט זיין קליינעם קערפּער, האָט ער אויסגעדריקט די אויזאָרן. נאָך יום־טוב איז ער איינמאָל אַריינגעקומען אין װאַרשטאַט, וואַקלענדיק זיך, האָט ער אָנגעשטעלט זיין פאַרגליווערטן בליק אויף דעם פּרעס און הייזעריק, נישט וועגנדיק זיך צו קיינעם, אַ זאָג געטון: ,,קבע — איך פאַר קיין מאָהילעוו — קבע... לאָמיר מאַכן אַ לחיים, לאָמיר זיך געזעגענען!'' — און האָט זיך צום ערשטן מאָל צעלאַכט, ער האָט געהאַט שוואַרצע שיטערע ציין. ער האָט געבעטן אַ גלעזל, ער זאָל אַראָפּלויפן אין דער מאָנאָפּאָלקע. אַז יענער איז צוריקגעקומען מיטן בראָנפן, האָט ער אויסגעטון פון דעם געלן שטיוול דעם גלאַנציקן קאַלאָש און אָנגעגאָסן אין אים, ווי אין אַ גלעזל, דעם בראָנפן און מכבד געווען די גראַווירער, וועלכע זענען געשטאַנען פאַרבליפטע און געשוויגן: ,,טרינק — זשאַלעווע נישט! אַלציינס שטאַרבט מען!'' — ער האָט אַראָפּגעריסן דעם גרינעם שאַליק פונם האַלז און, פאָכענדיק מיט אים איבערן וויבעריש קאָפּ, זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן. ער האָט זיך צעזונגען:

שטייט זי, שטייט זי אונזער שטאָט —
אין סאַמע מיטן בלאָטע —

,,ער האָט געוואָלט אָפּזינגען נאָך עפּעס אַ העזהריקס, אָבער אין

האָלז ביי אים האָט עפּעס אָנגעהויבן כאַרכלען און ער האָט פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט. פון צווישן די ציטערדיקע פינגער האָט, אַזוי ווי שוואַרצע רינגען, גענומען רינען דאָס בלוט גלייך אויף דער באָרד".

דער פרעגער איז געשטאָרבן.

די סוחרים? — די קאַפּיטאַליסטן? — קלאָר.

דער איוואַנאָווער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן איז געווען נישט נאָר דער ערשטער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אויף דער וועלט, נאָר ער איז אויך געווען אַ באָלשעוויסטישער ראַט, ווייל די איוואַנאָווער אַר־בעטער, ריינע פּראָלעטאַריער, האָבן, גאַנץ נאַטירלעך, געפונען די ריינע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי.

צוויי און זיבעציק טעג האָט געדויערט דער אַלגעמיינער שטרייק פון די איוואַנאָווער אַרבעטער און צוויי און זיבעציק טעג האָט געאַרבעט דער איוואַנאָווער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. דער שטרייק איז אויסגע־בראָכן דעם 25 מאַי. דעם 26 מאַי האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק דער ראַט און ער האָט באַוויזן זיך אוועקצושטעלן אין וואָזנעסענסקער כוטאָר אַלס סאָציאַליסטישע מלוכה אין דער רוסישער — ראַסייאַישער! — אימ־פּעריע — זיך אַזוי איינפונדעווען, אַז דער גובערנאַטאָר פלעגט בעטן ביים ראַט אַ דערלויבעניש אָפּצודרוקן זיינע באַפעלן און דער זעלבער גובער־נאַטאָר האָט געשריבן אין דעם אימפּערישן מיניסטעריום פון אינערלעכע ענינים וועגן נערוון — אַז ביי אים, הייסט עס „זענען דאָ סימפּטאָמען פון אַ האַרץ־קלאַפּונג און אַ נערוון־קרענק".

וואָס האָבן די אַרבעטער געפאָדערט? (און ווי אַזוי האָבן די אונ־טערנעמער געענטפערט?).

1) אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג (דער ענטפער פון די אונטערנע־מער: „קיין ענדערונג וועט נישט זיין, ווייל די פראַגע ווערט באַטראַכט דורך דער מלוכה").

3) אָפּשאַפן די פייראַנטן („אָפּשאַפן קאָן מען דאָס נישט).

5) דער מינימום פון דעם לוין פאַר ביידע געשלעכטער איז 20 רובל אַ חודש („עס קאָן נישט געמאָלט זיין").

7) אָפּלאָזן די פּרויען, וואָס דאַרפן געבוירן אויף צוויי וואָכן פאַר דער קימפּעט און אויף פיר וואָכן נאָך דער קימפּעט און זיי צאָלן זייערע שכירות („... ביז די פראַגע וועט נישט דערליידיקט ווערן דורך דער מלוכה").

8) איינאָרדענען קינדער־שטובן אויף די פאַבריקן („מיר האַלטן דאָס פאַר זייער שווער און אוממעגלעך").

14) אָפּשאַפן די רעוויזיעס („צום באַדויערן קאָן מען דאָס נישט אָפּשאַפן. רעווידירן די פּרויען קאָנען פרויען נופא״).

22) אָפּשאַפן די פאַבריק־פּאָליציי און די פאַבריק־טורמעס. („עס איז נישט אין אונזער קאָמפּעטענץ, ווייל עס איז פאָרויסגעזען דורך דעם געזעץ״).

23) די נאַטשאַלסטווע און דאָס מיליטער טאָרן זיך נישט אריינמישן אין דער צייט פון דעם שטרייק אין די אַרבעטער־ענינים, אַנישט קאָנען מיר נישט קאווירן פאַר די קאָנסעקווענצן. („עס איז נישט פון אונז אָפּהענגיק״).

24) דאָס רעכט פריי אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען און באַהאַנדלען אונזער לאַגע („עס איז נישט פון אונז אָפּהענגיק״).

25) איינאָרדענען אַרבעטער קאַסעס פון קענגזייטיקער הילף. („עס איז נישט״...).

26) לעגאַליזירן די יום־טובים פון ערשטן מאַי און נײַנצנטן פעברואַר. („דאָס פייערן דעם 19 פעברואַר און 1 מאַי איז מחמת דער גרויסער צאָל פּראַוואָסלאַוונע יום־טובים און צארישע גאַלא־טעג נישט געוואונטשן״).

„די נאַטשאַלסטווע און דאָס מיליטער טאָרן זיך נישט אַריינמישן״... בשעת דער ראַט פון די אַרבעטער דעפּוטאַטן האָט מודיע געווען דער מאַכט וועגן זיין עקזיסטענץ, האָט די מאַכט באַשטימט פאַר זיינע זיצונגען... די דאָרפס געמיינדע. אין דעם גורל פון דעם איוואַנאָוואָער ראַט איז אָלצדינג מערקווירדיק, — מערקווירדיק איז אויך דער פאַקט, וואָס אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דער דאָזיקער ראַט אַריין אַלס ראַט אויף דער טאַלקע. איצט די רויטע טאַלקע,— אַט אַזוי האָט געהייסן דער טייך נעבן איוואַנאָוואָ, אַ שטילער טייך, וואָס פליסט צווישן לאָנקעס פאַרביי אַ הויך־שטאַמיקן סאָסנע־וואַלד. דער ראַט האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אויפן ברעג פון דער טאַלקע אויף אַ לאָנקע און אונטער די רויטע שטאַמען פון די סאָסנעס. דער ראַט האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען, צוזאַמען מיט זיין אַרמיי, מיט דרייסיק טויזנט אַרבעטער, ווערנדיק פאַר די דאָזיקע אַרבעטער אַ „פרייער סאָציאַליסטישער אוניווערסיטעט״, ווי דאָס אינערןמיניסטעריום האָט אים אָנגערופן. אַלע איך דערפרי, ווען די סאָלאָווייען האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו זינגען און די נאַכט־נעפּלען האָבן ערשט אָנגעהויבן זיך צו צעזייען, זענען נעבן וועכטער־ביידל, אויף דער לאָנקע,

אויף דעם ברעג פון דער טאַלקע, פאַרגעקומען די פּלענומס פון דעם ראַט, ווו מען האָט באַהאַנדלט די לאַגע פון דעם שטרייק, די געשעענישן און די נייעסן פון דעם נעכטיקן טאָג און אויף היינטיקן טאָג. די פּלענומס האָבן זיך אַלעמאָל פאַרענדיקט מיט אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען מיט די ווײַלערס, ווען די דעפּוטאַטן זענען איינער נאָכן אַנדערן אַרויפגעקראָכן אויף דעם סמאָלע־פאַס, וואָס מען האָט געבראַכט פון שטאָט, און אָפּגע־געבן אַ באַריכט פאַר די טויזנטער שטרייקער וועגן דער לאַגע און די געשעענישן, וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעמער, וועגן די באַציאונגען מיט דער מאַכט, וועגן די קאָמוניקאַטן צום אינערן־מיניסטער און צו די ברידער־אַרבעטער. אָט דאָ האָט מען אויפגענומען און פון דאַנעט האָט מען געשיקט דעלעגאַציעס. אָט דאָ האָט מען גענייענט די קאָרעספּאָנדענץ פון דעם ראַט, די באַגריסונגען און די דראָונגען. דאָ איז אויך פאָרגעקומען דאָס פּראָלעטאַרישע געריכט. דאָ האָט מען אויך גע־טיילט דאָס געלט, וואָס מען האָט באַקומען פון די ברידער־אַרבעטער, — צען קאָפּיקעס פאַר אַ נישט פאַרהייראַטן שטרייקער און צו דרייסיק קאָ־פּיקעס פאַר פאַמיליע־מענטשן. נאָכדעם, ווי מען האָט פאַרענדיקט די אַלע ענינים, האָבן זיך שטענדיק געפונען רעדנער, וועלכע האָבן גערעדט וועגן אַלץ, וואָס די אַרבעטער האָבן געוואָלט וויסן. און די אַרבעטער האָבן געוואָלט וויסן אַלץ, און די רעדנער האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס ביי אונז און אויף דער גאַנצער וועלט, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן סאָציאַליזם, וועגן מאַרקסן און ענגעלסן, וועגן דאָבראָליובאָוון און טשערנישעווסקין, וועגן פּושקינען און גאָגאָלן. אַז די רעדנער און די צוהערער זענען מיד געוואָרן, האָבן די רעדנער און די צוהערער געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. נאָך די לידער האָבן די רעדנער ווידער גערעדט צוציענדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די שטריי־קערס צו דער מאַיעסטעטישקייט פון דריי און נײַנציקסטן, אַכט און פערציקסטן און איין און זיבעציקסטן יאָר פון דער פראַנצויזישער גע־שיכטע, צו די וועגן און שטעגן פון דער רוסישער געשיכטע, — צו די שאָסייען און דאָרפס־וועגן פון איוואַנאָווער געגנט, ווו די פאַבריקאַנטן זענען געוואָרן תּקיף און זיך אַרומגעוואָקסן מיט שטיינערנע פאַרקאַנעס, וועלכע זענען נישט שוואַכער פון די סוזדאַלער מאָנאַסטיר־ווענט, און די אַרבעטער האָבן זיך פאַרגראָבן אין דער אביונישקייט פון די איוואַ־נאָווער יאַמעס, זאַווערטיס און ריליכעס, וועגן שפּינען און פליגן, וועגן בעל גוף, וואָס ווערט געשטיצט דורך דער קאָזאַקישער נאַהייקע און דעם

דריואייניקן כוח. דאָס איז געווען אַ פריערער אוניווערסיטעט. עס זענען געווען מאַי און יוני, ווען דער אונט־שטערן באַגעגנט זיך מיטן מאָרגן־שטערן, ווען עס זינגען די סאָלאָווייען און עס וואַנדערן ביינאַכט אַרום איבער דער ערד די נעפּלען. אַ סך שטרייקערס זענען אויך ביינאַכט געבליבן ביי דער טאַלקאַ און דעמאָלט האָבן אונטער די ביימער געפּלאַקערט שייטערס פון די טאַבאָרס. אין דעם אַש פון די שייטערס האָבן די שטרייקערס געבראָטן קאַרטאָפל, זיי געגעסן מיט גראָב זאַלץ און — געוויס! געוויס! — דורך די נעפּלען, אין דער נאַכט געזען די וואונדער־שיינע צוקונפט, אויב נישט פאַר זיך איז פאַר זייערע קינדער און פאַר זייערע ברידער־אַרבעטער. דעמאָלט האָט מען געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, וואונדערשיינע לידער. גאַנץ פרי האָט מען פון דער אונטערערדי־שער דרוקעריי געבראַכט אויף דער טאַלקע די רעוואָלוציאָנערע צייטונג— „דער ביולעטין פון ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן". און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טאָג. דאָס איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער לאַגער מיט זיין אָנגעשריבענעם רעגולאַמין און מיט זיינע טראַדיציעס, וואָס זענען פאַרגעשריבן דורך דער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין. און אויב מען האָט אויף דעם עובר געווען, איז די העכסטע שטראָף געווען דאָס, וואָס דער שולדיקער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן פאַר זיינע חברים און זיי דער־ציילן וועגן זיין פאַרברעך.

„די נאַטשאַלסטוואָ און דאָס מיליטער טאָר זיך נישט אַריינמישן"..
געשטרייקט האָבן חוץ די וועבער, די כאַלופּניקעס פון די פּעאַראַלע „מאַנופאַקטורן", די הויז־אַרבעטערינס, די וועשינס, די קעלנער פון די רעסטאָראַנען און טראַקטירן, די אָנגעשטעלטע, די באַן־אַרבעטער, די דרוקער. צו איוואַנאָוואָ איז צוגעשטאַנען שויע, טייקאָוו, קאָכמאַ. צום ראַט זענען געקומען שליחים פון לעזשנעוו, ראָדניקאָוו, אָריעכאָוואָ־זויעווו. די פּויערים פון שויער קרייז האָבן זיך געווענדט צום ראַט מיט אַן אָנ־פראַגע — „ווי דאַרף מען אָפּנעמען די ערד און מאַכן אַ סוף צו די זעמסקע־נאַטשאַלניקעס?" פּויערים פון מוראָמער קרייז האָבן געשיקט שליחים, זיי זאָלן זיך אויסלערנען ביי די איוואַנאָווער אַרבעטער, ווי צו „מאַכן שטרייקן". דער דעלעגאַט פון איוואַנאָווער ראַט, דער חבר טע־רענטי איז געפאָרן קיין קאָסטראָמע אָרגאַניזירן דעם שטרייק פון די קאָסטראָמער אַרבעטער און ער האָט זיי אַרויסגעפירט, פּונקט אַזוי ווי אין איוואַנאָוואָ אויף דער טאַלקאַ, אויף דעם ברעג פון דעם טייכל קאָסטראָמקאַ. אין מאָסקווע, אין סאַראַטאָוו, אין יאַראָסלאַוו, אין ראָס־

שאָו אויפֿן דאָן האָט מען געזאַמלט געלט פֿאַר איוואַנאָוואָ, און די דאָר־
טיקע באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס וועגן די איוואַ־
נאָווער געשעענישן. דער ראַט האָט אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער־מיליציע און
קאַמפּס דרוזשינעס. דער ראַט האָט פֿאָרגעלייגט דעם גובערנאַטאָר, וואָס
איז צוליב די געשעענישן געקומען פֿון וולאַדימיר קיין איוואַנאָוואָ, צו
פֿאַרמאַכן אויף דער צייט פֿון שטרייק די בראַנפֿן־קראָמען, שענקען און
שפּיל־הייזער און דער גובערנאַטאָר האָט זיי פֿאַרמאַכט. די אַרבעטער
האָבן פּאַטרולירט די פֿאַבריקן. די פֿאַראָרדנונגען פֿון דעם ראַט זענען
פֿאַר די אַרבעטער געווען געזעצן, — וואָרום דעם גובערנאַטאָרס פֿאַר־
אָרדענונגען האָט מען געפֿאָלגט בלויז מיט דער ערלויבעניש פֿון דעם
ראַט. די פּאָליטישע פֿאָדערונגען האָט דער ראַט געשיקט צום אינערן־
מיניסטער דורך דעם גובערנאַטאָר, און דער גובערנאַטאָר האָט זיי אַוועק־
געשיקט. די שטאָט איז געווען אַ קריגס־לאַגער פֿון צוויי קלאַסן און יעדער
צד האָט געזוכט די געלעגנהייט צו פֿאַרמעסטן זיך מיט די כּוחות. די
פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך פֿאַראייניקט אין אַ „פֿאַרבאַנד". דורך דעם גו־
בערנאַטאָר האָבן זיי געפֿאָדערט מען זאָל צעשיקן די פּעסער פֿון די
שטרייקנדיקע אין זייערע געבווירנערטער, כּדי גלייך נאָך די פּעסער זאָל
מען מיטן עטאַפּ אַרויסשיקן די שטרייקערס. — דער ראַט האָט נישט
דערלויבט אָפּצושיקן די פּעסער. די פֿאַבריקאַנטן האָבן פֿאַרבאָטן אַרויס־
צוגעבן פּראָדוקטן פֿאַר די אַרבעטער פֿון די פֿאַבריק־קראָמען. — דער
ראַט האָט אַנולירט דעם דאָזיקן פֿאַרבאָט. די פֿאַבריקאַנטן האָבן געשריבן
און דעפּעשירט צום אינערן־מיניסטעריום, — דער איוואַנאָווער „בעל־
גוף" האָט נישט געזשאַלעוועט קיין טעלעגראַף־בלאַנקעטן:

„...די צאָל מיליטער קאָמאַ וואָס דער פּאָליציימייסטער האָט
אין זיין רשות קאָמאַ קלעקט נישט אויף איינצושטעלן רו און
אָרדענונג פּונקט. די שטאָט־איינוווינער ווענדן זיך צו אייער
עקסעלענץ מיט אַ דרינגנדער בקשה אונדז העלפֿן פּונקט דער
שטאָט דראָט אַ פּוילקאָמער פּאָגראָם און אין דער נאָענסטער
צוקונפֿט הונגער און רציחות פּונקט אַלע טאָג קומען פֿאָר פֿאַר־
זאַמלונגען נישט מכּח עקאָנאָמישער קאָמאַ נאָר מכּח פּאָליטישע
פֿראַגן פּונקט פּראָצעסיעס מיט פֿענער און מיט אומפֿאַרשעמטע
אויפֿשריפֿטן אויף זיי דריי פּונקטן אַנאַרכיע הערשט אומע־
טום אין דער פֿולער קראַפֿט דריי פּונקטן די שטאָט איינוווינער
פֿון איוואַנאָוואָ פֿאַרבונדציייכן וואָזנעסענסק לעבן אין פּחד און

אין שרעק פונקט די מאכט טוט גארנישט פונקט די אפיציעלע ידיעות קאמא אז די ארבעטער פירן זיך אויף רואיק קאמא איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן פונקט מיר בעטן זייער שטארק אייער עקסעלענץ איר זאלט אונז באשיצן פונקט א פולקאמע פאניק פונקט די איינוווינער אנטלויפן פון שטאט פונקט אונטערשריפטן"...

די אפיציעלע ראפארטן זענען געווען ריכטיקע: די ארבעטער־מיליץ האט נישט געלאזט „א הוליע טון" די שווארצע מאה. דער אינערן־מיניסטער האט פארארדנט דער מאכט — „ווירקן!" דער גובערנאטאר האט, ראפארטירנדיק דעם אינערן־מיניסטער און דעם זשאנדארן־שעף געשריבן, חוץ וועגן זיינע נערוון, אויך וועגן דעם, אז

„...ארעסטירן די הויפט־אנפירער איז אוממעגלעך צוליב דעם, וואס דער שטרייק איז ריכטיק ארגאניזירט"...

„...פאראויסזען דעם סוף פון דעם שטרייק איז אוממעגלעך מחמת דער איינגעשפארטקייט פון די צדדים".

„...די ארבעטער פארזאמלען זיך „אלע טאג" אויף דער טאלקא, בּאראטן זיך, באהאנדלען, הערן אויס זייערע רעדנער און דערוויסנדיק זיך וועגן זייערע באשלוסן, גייען זיי זיך רואיק פונאנדער. און אזוי טאג איין טאג אויס".

„... הגם אין שטאט איז פולקאם רואיק, הויבן אבער די פארזאמלונגען הינטערן שטאט אן צו טראגן א בפירוש אנטי־מלוכהשן כאראקטער, די ארבעטער־פארטיי, וואס פירט אן מיט דער באוועגונג, האלט אין איר האנט די מאסע".

„...איך בעט אומבאדינגט ארויסשיקן א פערזאן, וואס זאל האבן גרויסע פולמאכטן, וואס זאל קאנען פארייניקן די טעטיקייט פון אלע אמטן, איך בין דאס נישט בכוח...

„... פון דער צווייטער זייט, אויב מען וועט צעטרייבן די פארזאמלונגען, וועלן, זיכער, פארקומען רויבערייען און אונטערצינדונגען; די שטאט און די פעריפעריע וועט זיין אין געפאר; די ארבעטער־באוועגונג וועט דעמאלט טראגן א כאראקטער פון אן אפענעם בונט"...

„...די מיליטער־טיילן זענען שטארק נישט צופרידן מיט דעם, וואס זיי קומט אוים צו זיין די היטער פון ארדענונג, ווייל זיי זענען אפגעריסן געווארן פון זייערע אמתע פליכטן".

דער אינערן־מיניסטער האט פארארדנט דער מאכט —„ווירקן!"

און דעם 15־טן יוני האָבן די קאַזאַקן פונאַנדערגעקלעפּט אין איוואַ־נאָוואָ א באַפעל, אונטערגעשריבן פון וויצע גובערנאַטאָר, וואָס איז גע־ווען געדרוקט אין דער וולאַדימירער פּאָליציי־דרוקעריי:

„היות ווי אַלע טאָג דערגייען צו מיר ידיעות פון די אַר־בעטער גופא, אַז די פּערזאָנען, וואָס זאַמלען זיך אויפן ברעג פון דער טאַלקע, באַגרענעצן זיך נישט מיט באַהאַנדלען בלויז זייערע פאַבריק־ענינים און פאַר־נעמען זיך גאָר מיט פראַגן פון מלוכה־באַדייטונג, דערביי דער־לויבן זיך איינצלנע פּערזאָנען צו האַלטן בולט בונטאַרישע רע־דעס קעגן דער רעגירונג, געפין איך מער נישט פאַר נויטיק צו דערלאָזן גרויסע פאַרזאַמלונגען אויפן ברעג פון דער טאַלקאַ און אין אַנדערע הינטערשטאָטישע ערטער און וואָרן, אַז די שולדיקע אין עובר זיין אויף אָט דער פאַראָרדנונג, וועלן געצוונגע־צווינגן ווערן צו געזעצלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט".

עס איז געווען אין זוניקן פרימאָרגן פון 6־טן יוני. עס איז פאָרגע־קומען די זיצונג פון דעם ראַט. די אַרבעטער האָבן געשריבן א פּראָטעסט קעגן דעם באַפעל פון דעם וויצע־גובערנאַטאָר. נאָך פאַר קאַיאָר האָבן זיך אין דעם פרימאָרגן אַרום אַרבעטער־לאַגער אויסגעשטעלט קאָזאַקן, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פּאָליציימייסטער קאָזשעלאָווסקי. און אָן שום וואָרענונג, נאָך א סאַלווע פון ביקסן, מיט א הוקעריי און פייפעריי, וואָס איז געבליבן בירושה נאָך פון די טאָטערישע האָרדעס, מיט בלויזע שווערדן און נאַהייקעס, האָבן זיך די קאָזאַקן א לאָז געטון אויף די אַרבע־טער, אויף די אומבאַוואָפנטע. די קאָזאַקן האָבן געשאָסן אויף די אַנט־לויפנדיקע. קאָזשעלאָווסקי האָט אַרעסטירט דעם פּאָרזיצער און דעם סעקרעטאַר פון דעם ראַט. אויף דער לאָנקע ביים טייך און אין וואַלד זע־נען געלעגן צעבלוטיקטע מענטשן.

דער 23־טער פונקט פון די שטרייק־פאָדערונגען זאָגט: „די נאַטשאַל־סטווע און דאָס מיליטער טאָרן זיך נישט אַריינמישן אין דער צייט פון שטרייק אין די אַרבעטער־ענינים, אַנישט קאָנען מיר נישט קאַווירן פאַר די קאָנסעקווענצן".

און אין א שעה אַרום נאָך די צעשיסונגען זענען אין איוואַנאָוואָ פאַרניכטעט געוואָרן די טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע דראָטן, דער אַריינגאַנג אין שטאָט אַריין פון דער טאַלקאַ־זייט איז געווען פאַרשטעלט מיט באַריקאַדן, עס האָבן געברענט די סחורה־לאַגערן פון גאַנדורינס פאַבריק, עס זענען אויסגעזעצט געוואָרן די שויבן פון די קראָמען און

פון שטאַט־גאַלאָוואַס*) הויז. אַז די זון איז פאַרגאַנגען האָבן אויף אַ שטח פון צען קילאָמעטער אַרום איוואַנאָוואָ געפלאַקערט די זומער־רע־זידענצן פון די פאַבריקאַנטן. און ביינאַכט האָבן אַרבעטער־דרוזשינעס געשאָסן אויף די קאָזאַקן־פּאַטרולן און אויף דער פּאָליציי, פאַריאָגנדיק זיי אין די קאַזאַרמעס. אין דער זעלבער נאַכט זענען די פאַבריקאַנטן, איינציקע איבערגעטון, אַוועקגעפאָרן פון איוואַנאָוואָ קיין מאָסקווע, טע־לעגראַפירנדיק דעם גובערנאַטאָר און דעם אינערן־מיניסטער דורך די קאַליע געוואָרענע דראָטן, אַז קיין איוואַנאָוואָ וועלן זיי נישט צוריקקומען ביז עס וועט נישט איינגעשטעלט ווערן די „פולע געזעצלעכע אָרדנונג".
דער גובערנאַטאָר איז אָבער ביינאַכט צוזאַמען מיט אַן עסקאַדראָן קאָ־זאַקן אויך שטילערהייט אַנטלאָפן פון איוואַנאָוואָ.

דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן איז נישט אומגעקומען דורך דעם, וואָס עס זענען אַרעסטירט געוואָרן זיין פאָרזיצער און סעקרעטאַר. דער ראַט פון די אַרבעטער דעפּוטאַטן האָט זיך צוריק אומגעקערט אויף דער טאַלקאַ. די אַרבעטער האָבן צוריק אומגעקערט אויף דער טאַלקאַ און איינשטימיק באַשלאָסן:

— פאָרטזעצן דעם שטרייק,
— פאָדערן צו באַפרייען די אַרעסטירטע,
— פאָדערן אַ געריכט איבער קאָזשעלאָווסקין.

דער שטרייק האָט ווייטער געדויערט. די חברים זענען באַפרייט גע־וואָרן. דער גובערנאַטאָר האָט פון וולאַדימיר געבעטן אַ דערלויבעניש ביים ראַט צו פּובליקירן אין איוואַנאָוואָ זיין באַפעל וועגן דעם, אַז דער איוואַנאָוואָווער פּאָליציי־מייסטער קאָזשעלאָווסקי ווערט אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט. די אַרבעטער האָבן געזיגט, אַריבערשפּאַנענדיק איבער דעם בלוט אויף דער טאַלקאַ. פאַר דעם בלוט אויף דער טאַלקאַ האָבן די אַרבעטער געענטפערט מיט די שרפה־לאָנעס פון די פאַבריקאַנטישע זומער־פּאַלאַצן.

ווען דער ראַט פון די אַרבעטער דעפּוטאַטן האָבן זיך צום לעצטן מאָל פאַרזאַמלט אויף דער טאַלקאַ צוזאַמען מיט די אַרבעטער, כדי אָנ־צונעמען אַ באַשלוס וועגן ווידער צוטרעטן צו דער אַרבעט, האָט ער פאַר־ענדיקט זיין רעזאָלוציע מיט אָט די ווערטער:

„מיר, אָבער, צוטרעטנדיק ווידער צו אונזער שווערער האַרעוואַניע אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, וועלן זיך אָנהויבן

*) שטאָט־פּרעזידענט. באַמ. פון איב.

גרייטן צו אן אנדערן קאמף, צו א קאמף אן ערנסטן, אויף לעבן און טויט, פאר דער פרייהייט... און ווען עס וועט קומען די שעה, ווען דאס גאנצע פאלק וועט אויפשטיין מיט געווער אין האנט"...

דאס זענען נישט געווען קיין נבואה־רייד, נאר רייד פון טיפער אי־בערצייגונג.

דאס איז געווען מיט דרייסיק יאר צוריק, אין דעם האניק־חודש פון רויטע מארגנשטערנס און היישניט פון יוני 1905. דער ראט האט דעמאלט עקזיסטירט צוויי און זיבעציק טעג. נאך דעם פינפטן יאר זענען געגאנגען יארן פונם זיבעטן ביזן פערצנטן. דאס פינפטע יאר איז געווען א מארגנ־שטערן פאר דעם זיבעצנטן. דאס רוב, דאס רוב פון די, וואס זענען דע־מאלט געווען אויף דער טאלקא לעבן שוין איצט נישט, אבער טאלקא מיט איר ערשטן ראט פון ארבעטער דעפוטאטן און אויף דער גארער וועלט, די רויטע טאלקא האט דערמאנט ארבעטער מיט איר נאמענלאזע אזיערע פון די טויט־געדאנקען. ס'ארא לעבן, ס'ארא לעבן האט זיך דאס אנגע־הויבן אויף אט די ברעגעס!...

... לעבן! לעבן! — לעבן מונטער, פריילעך, מיט חברים, אין קא־לעקטיוו, אין קלאס, מיט ליבע און מיט קינדער... — דאס איז, אי ביי דער נאמענלאזער אזיערע, אי אין דער סאלאווי־מאיגלעקלדיסקער פאלעכער נאכט, וואס דארף נישט פובליקירט ווערן,—און לעבן בשום אופן נישט ווי דאס צופוס־גייען צו די קאלוזשעס פון טויט, נאר לעבן ווי די קאנ־סטרוקציע פון אן עראפלאן, לעבן אויף דעם אייזנבערעכער פון דער געשיכ־טע, לעבן אזוי, אז דאס לעבן זאל זיין דורכגעלעבט מיט די וואונדערלעכע געוויטערס פונם קלאס, פון דער רעוואלוציע, פון קינדער, פון ליבע!...

# קאפיטל ד־יי

אוּן דאָס לעבּן...

אַרבּעקאָוו איז געקומען קיין פּאַלעך אין דרייסיק יאָר אַרום נאָך טאַלקאַ, מיט איין מעת־לעת פריער, איידער עס האָט זיך געגרינדעט דער ראַט אויף דער טאַלקאַ, און איז אָפּגעווען אין פּאַלעך פּונקט אַזויפיל, וויפל עס האָט געדויערט טאַלקאַ, די טאַלקאַ־טעג. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געוווּסט, אַז דאָס לעבּן דאַרף זיין פּונקט אַזוי ווי די קונסט, — און ער איז געקומען צופאָרן אין דעם היימלאַנד פון דעם וווּנדערשיינעם.

ע פּ י ג ר אַ ף:

„...ווען עס וואָלט דערפינדן געוואָרן אַ שאַכמאַט־מאַשין, וואָלט די שאַך־קונסט פאַרשווּנדן".

פּאַלעך איז איצט טאַקע באַקאַנט דער וועלט אַלס קוואַל פון קונסט. די סכעמע פון זיין געשיכטע איז ממש פּאַראַדאָקסאַל מיט איר ווידער־שפּרוכן: אַ דאָרף פון איקאָנע־מאָלער, פון יחידים כּאַלופּניקעס, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן זינט דעם 19־טן יאָרהונדערט ביזן סאַמע אָקטאָבּער אין אַ „פּעאָדאַלער מאַנופאַקטור", וואָס האָט געאַרבעט פאַר די קאָנסערוואַטיווסטע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וואָס האָט געמאָלט איקאָנעס און אויסגעמאָלט קלויסטערס, וואָס איז שוין יאָר־הונ־דערטער אין אָט דעם פאַך, — אָט דאָס דאָזיקע דאָרף האָט, דוכט זיך, געמוזט אַרויסגעשליידערט ווערן דורך דעם זיבעצנטן יאָר נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט עס נישט געדאַרפט, נאָר אויך מחמת דעם שלעכטן אָנדענק. גלייך נאָך 1917 האָט דאָס דאָזיקע דאָרף אויפגעפלאַמט מיט אַ ווונדערלעכער קונסט. עס האָט זיך געדוכט, אַז פּאַלעך האָט זיך באַ־פעסטיקט אין אונזערע טעג מיט דעם באַווייז „פון דעם קעגנזעצלעכן", פון דעם אומזין. און אין דער באַרג־אַרץ אינדוסטריע און אין די כעמיש־אַנאַליטישע לאַבּאָראַטאָריעס ווייסט מען, אַז אין דעם טיגל פון נייע שמעלצונגען אָדער אין דער צעפאַלונג פון עלעמענטן אַנטשטייען אַמאָל

אַלס אָפּפּאַל גאַנץ אומגעריכטע קאָנגלאָמעראַטן, וועלכע קיינער האָט נישט דערוואַרט און נישט פאָראויסגעזען, און זענען אָבער געוואָרן נויטווענדיק, — אַזוי וואָלט מען אויך געקאָנט טראַכטן וועגן פּאַלעך. די פּראָדוקציע פון דעם דאָרף איז געוואָרן אַרויסגעשליידערט, ווייל מען האָט זיך נישט געניוויטיקט אין איר, אָבער די דאָרפס מענטשן זענען געבליבן אין דעם לעבן, די מייסטערשאַפט איז געבליבן אין זייערע אויגן און אין די פינגער, זייערע פינגער און לעבן האָבן זיך איבערגעבויט אין דעם טיגל פון דער רעוואָלוציע, — די פּאַלעכער האָבן גאָרנישט געטון, זייער זון־אויפגאַנג און זייער קונסט האָט זיי געבראַכט די עפּאָכע, — און ווער ווייס, צי דער ראָזיקער שאָך־צוג פון געדאַנק איז געווען אַ ריכטיקער פאַר פּאַלעך.

פּאַלעך איז געווען און איז אַ רוסיש דאָרף, וואָס האָט געלעבט מיט רוסלאַנדס געזעצן. פּאַלעך, וואָס האָט זייער פיל אָנגעוויזן אין זיינע יאָרהונדערטן, האָט פאָרט געבראַכט פון זיבעצנטן י.ה. ביז צום 17־טן יאָר די טראַדיציעס פון רובליאָוון, טשירינען און דיאָניסין. דער אומדערמידלעכער גאָליקאָוו, וועלכער שפּאַנט אין פּאַלעך איבער דער גאָליקאָוונאַס מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָט אָנשטאָט געאָרגי־פּאָבעראָנאָסיעץ (דער זיגער), וועלכער שטעכט אַ דראַקאָן, רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד, אויסגעמאָלט סעמיאָן מיכאַילאָוויטש בודיאָנען אויף אַ רויט פערד אין אַ בודיאָנעווקע, וואָס שטעכט די הידרע פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, — די מייסטערשאַפט און די טראַדיציעס פון אַנדריי רובליאָוו זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים. בודיאָני איז געוואָרן אַ מעשהלע, און אַ מעשהלע זענען צוזאַמען מיט בודיאָנען געוואָרן אונזערע טעג, עס איז אַנטשטאַנען די קונסט. דער אַקאַדעמישער און אַקאַדעמישסטער באַקאַנאָוו, וועלכער זיצט אַלע אויפדערנאַכט אויף אַ בענקעלע מיט זיין אייניקל נעבן זיין שטוב אויף דער באַקאַנאָוו גאַס, האָט אָנשטאָט גאָטס מוטער מיט יאָהאַנען אויסגעמאָלטביידע — אים און זי — אונטער אַ גאָלדענער זון, צווישן „קעמערלעך" פון די איקאָנעס פון פופצנטן יאָרהונדערט, אַרומגערינגלט מיט בלומען און ראָזע לעמעלעך און וואָלקנס, אָנרופנדיק די אַרבעט „דער ערשטער קוש", — די מייסטערשאַפט און די טראַדיציעס פון פּראָקאָפּי טשירין האָבן דעם קוש געמאַכט הייליק, עס איז אַנטשטאַנען די קונסט. דער פּאַרדינטער קונסט־טוער קאָטוכין האָט געמאָלט אַ זיצונג פון אַ דאָרפס ראַט מיט די עקספּאָזיציעס פון דעם הייליקן מאָלצייט... אַט די אַלע פעסטשטעלונגען זענען נישט ריכטיק פאַר פּאַלעך. ס'איז

נישט אמת, אַז פּאַלעך איז פאַרבליבן אין רובליאָווישע איקאָנע־קלויסטערישע טראַדיציעס. ס'איז נישט ריכטיק, אַז פּאַלעך איז איינגעשלאָסן אין דעם מעשהלע און אין דעם אַלטערטום, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעשהלע. ס'איז נישט ריכטיק, אַז פּאַלעך וועט שטאַרבן צוזאַמען מיט זיין עלטערן דור.

נעבן די וואַרשטאַטן פון דער פּאַלעכער קינסטלער־געזעלשאַפט געפינט זיך דער מוזיי פון דער פּאַלעכער קונסט. נעבן דעם מוזיי שטייט דער טעכניקום פון פּאַלעכער מאָלעריי. און בכלל גענומען איז פּאַלעך אַ רוסיש דאָרף, אין וועלכן עס וווינען געוויינלעך קינסטלער און קאָלווירטלער, און אייניקע קאָלווירטלער טרוימען צו ווערן און ווערן מאָלער, פונקט אזוי ווי אייניקע מאָלער טרוימען צו ווערן קאָלווירטלער. די פרויען פון דעם עלטערן דור קאָלווירטלער און מאָלער—זענען פון איין כאַראַקטער און איין און דערזעלביקער לאַגע, און די מאָלער רופן זייערע ווייבער „אוריאַדניקעס"*) מחמת אַ גאַנצע ריי אומשטענדן פון דעם מאָלערישן לעבנס־שטייגער, און וועלנדיק זיך אַרויסראַטעווען פון זיי, שטעלן די מאָלערס אַריין אין די הייזער ראַדיאָ־הילכערס, כדי די ווייבער זאָל נישט זיין אומעטיק. דאָס דאָרף פּאַלעך, וואָס באַשטייט פון צוויי גאַסן—די באַקאַנאַוו־גאַס און די גאַליקאָוו־גאַס, האָט זיינע פאָלקסטימלעכע צונעמענישן—„אין באַרג" (די באַקאַנאָוו־גאַס) „די סלאָבאָדע" (הינטער דעם טייך פּאַלעשקאַ, די גאַליקאָוו־גאַס), די אילינער סלאָבאָדע (קיינער האָט זי נאָך נישט אָנגערופן מיט קיין אַנדערן נאָמען),—און דאָס דאָרף, היינט אַ ראַיאָן־צענטער לכבוד די קינסטלער, באַשטייט מערסטנטייל פון פּשוטסטע רוסישע כאַטעס, מיט „הייפעלעך", גערטנער, שפּייכלערס און שייערן. דאָס דאָרף אונטערשיידט זיך בלויז פון די איבעריקע רוסישע דערפער דערמיט, וואָס אין יעדער פּאַלעכער כאַטע זענען די ווענט באַהאָנגען מיט בילדער און פּאָרטרעטן פון די פּאַלעכער מייסטערס. פונקט אזוי ווי די גאַסן האָבן זייערע צונעמענישן, אזוי האָבן אויך די מאָלערס אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך זייערע צונעמען. גאַליקאָוון רופט מען פּריים און איוואַן וואַסיליעוויטש מאַרקיטשעוון — איוואַן זאַבעלאָי.

ע פּ י ג ר אַ ף:

„.... וויסן — הייסט נאָך נישט קענען"...

*) אוריאַדניק — אַן אָרדנונגס היטער, אַ טיטל פון אַ רוסישן פּאָוויאַטאָוון פּאָליציי־עלטסטן. באַמ. פון איב.

אינדערפרי האָט אַלעקסאַנדראַ מיכאַאילאָוונאַ, די פרוי פון דעם מאָלער, דעם געוועזענעם פאַרוואַלטער פון דער מאָלעריי - ווירטשאַפט, איוואַן וואַסילעוויטש וואַקוראָוו (נישט דער, וואָס איז באַרימט און אָנער־קענט), וואָס האָט באַרדונגען סערגיי איוואַנאָוויטשן די גאַנצע שטוב און צוליב דעם, אַליין זיך איבערגעקליבן אויף דעם בוידעם, דערציילט:

— און אין סטאַדע ביי אונז טוט זיך עפּעס אויסטערלישעס, קיינמאָל האָט מען נאָך אַזוינס נישט געהערט, — דער ביק זויגט די קיען!

אינדערפרי זענען צו סערגיי איוואַנאָוויטשן געקומען די מאָלערס — פריינט דמיטרי ניקאָלאַיעווייטש בוטאָרין און פריינט אַלעקסיי איוואַנאָוויטש וואַטאַגין. מען איז אַוועק אין אַרטעל, דאָס הייסט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, צו דעם פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג און פריינט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש זובקאָוו. פריינט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש בוטאָרין, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין דער פאַרב פון זעכצנטן יאָרהונדערט פון דער רוסישער איקאָנע־מאָלעריי, וואָס איז מאָרגנע ענלעך צו די האָלענדער, וועלכער האָט געמאָלט „ביי דעם ים־בויגן שטייט אַ גרינער דעמב", און אויסגעמאָלט נעבן פּושקינען זיך אַליין אין געשטאַלט פון דעם קאָטער דעם געלערנטן, מיט דער גילדערנער קייט, מיט די גילדערנע ברילן, האָט געהאַט אַ צונאָמען — איליאַ פעדאָטאָוויטש. פריינט אַלעקסיי איוואַנאָוויטש וואַטאַגין, וועלכער האָט איבערגענומען און ליב באַקומען דאָס איקאָנע געמעל פון צוועלפטן יאָרהונדערט, די קאָלירן פון פופצנטן יאָרהונדערט און די אָרנאַמענטירונג פון זיבעצנטן, וועלכער האָט אויפגעהיט דעם פאַלעכער סטיל ביז קאָנסערוואַטיזם — האָט מען גערופן יערמאָליי דער יעגער, און אויך וואָלאָסיפעד. פריינט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש זובקאָוו, דער פאָרזיצער, דער הויפט - קריטיקער און טראַדיציע היטער פון דער געזעלשאַפט — האָט מען גערופן באַראָנע. די פריינט האָבן זיך אָפּגעשמועסט וועגן פיש־פאַנג.

— שאַ, — האָט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— קיין פּיפּס נישט, — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש געזאָגט.

— אַ פּינטעלע! — האָט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש געזאָגט.

ביז פיר אַ זייגער האָבן די מאָלערס געאַרבעט. פיר אַ זייגער האָבן זיך די חברים אַוועקגעלאָזט קיין דיאַגיליאָוו, אין דעם שכנותדיקן דאָרף צו דעם מאָלער־פילאָזאָף און פריינט ניקאָליי מיכאַלאָוויטש זינאָוויעוון, וועלכער איז אַוועקגעגאַנגען נאָך פריער צוצוגרייטן די נעץ. אויפן וועג קיין דיאַגיליאָוו האָט מען געזען פערד, וואָס זענען געווען ענלעך צו די

פערד אויף די גאַליקאַוויש - בוטאַרינייש רידיקיקישע געמעלן, מיט פונקט אַזעלכע קעפּ און פונקט אַזעלכע אויסגעבויגענע העלזער. פיש האָט מען געכאַפּט אויף דעם ליולעך, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַאיר און וואַסער - ליליעס. דער ליולעך איז נישט געווען גרעסער פון דער טאַלקאַ. די פיש - פאַנגער זענען געווען דער מאָלער, פּריינט ניקאָלאַי מיכײַלאָוויטש זינאָוויעוו, מיטן צונאָמען קוזמאַ סידאַראָוויטש, און דער פאַרגרייטער פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסילעוויטש מאַרקיטשעוו, דעם באַרימטן און פאַרדינטן איוואַנס א ברודער, מיטן צונאָמען אַלעקסאַנדער פּיסטאָן. דער ליולעך איז געפלאָסן צווישן שטילע לאַנקעס און בײַוועלדלעך צו דעם טונקעלן וואַלד. תּחילת האָבן זיך די מאָלער געהיט, אָבער דערנאָך זענען זיי אַריין אין דעם וואַסער מיט דעם גאַנצן אַנטון, געשלעפּט די נעץ, זי אַרויסגעשלעפּט און יעדעס מאָל אַרויסגענומען א קליין העכטל, א פּאָר אָקונדלעך, און אַמאָל גאָרנישט. קיין פיש האָבן זיך נישט געפאַנגען, אָבער דער האַזאַרד פון די מאָלערס איז נישט געוואָרן קלענער, און די פּיטש-נאַסע מאָלערס האָבן איבער דער נעץ, אויף דעם גרינעם ברעג פון טײַך, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַאיר און וואַסער-ליליעס, אויסגעזען, ווי אויטענטישע קאָפּיעס פון יענע דינפּיסיקע פישערס, וועלכע עס האָט געמאָלן דער לין, דער לידער־שרײַבער און פּאַלעבער פּראַנצויז, פּריינט איוואַן איוואַנאָוויטש זובקאָוו אין זײַן געשיכטע וועגן „פישער און פישעלע", ווי אויך פון א סך אַנ־דערע מײַסטערס. די מאָלערס האָבן געשלעפּט די נעץ צום טונקעלן וואַלד. די זון האָט זיך געזעצט און איז געוואָרן אי באַקאַנאָוויש, אי זובקאָ־וויש, אי זאַקוראָוויש. און בײַם טונקעלן וואַלד איז דער פישפאַנג פאַר־ענדיקט געוואָרן. דער גאַנצער פאַנג איז באַשטאַנען פון דריי העכטלעך, אַכט אָקונדלעך און א שטיקלעך פופצן פּלאָטעצעס. אונטער די סאָסנעס פון דעם טונקעלן וואַלד האָט מען געבראַכט א פּאַטעלניע, לײַן-אייל, ברויט, זויערע אוגערקעס — און, נאַטירלעך, בראָנפן. עס האָט זיך אָנ־געהויבן די סעודה לויטן פּרינציפּ פון די קריסטלעכע דריי ברויט. דעם אויבן-אָן, אַלס קאָמאַנדיר, האָט פאַרנומען דער פאַרגרייטער פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש מאַרקיטשעוו, פּיסטאָן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער איז א מענטש מיט א וווּנדערלעכן הומאָר און אַרטיסט פון דעם שניט און כאַראַקטער פון דעם פּאָלקס-אַרטיסט איוואַן מיכאַ־לאָוויטש מאָסקווין. ער האָט געשיקט די מאָלערס זיי זאָלן ברענגען טרוקענע צווייגן, און ער האָט צעליינט דעם שײַטער, און זיך גע־

נומען שאַבן די פיש, און געפּרעגלט די פיש האָט ער אויך בכבוד ובעצמו, אַרטיסטיש, אויף ליין־אייל מיט גראָב־זאַלץ. די זון האָט זיך שוין געזעצט, אין וואַלד האָט זיך אויסגעלאָשן דער גרינער דעמער. די נאַסע מאָלערס האָבן אויסגעטון די הויזן און די העמדער, און זיך פאַרוואַנדלט אין נאַקעטע הייליקע, און געטרוקנט די הויזן און די העמדער בײַם שײַטער. די פיש זענען פאַרטיק געוואָרן. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. דער וואַלד איז געוואָרן פינסטער. די פונקען פון דעם שײַטער זענען געפלויגן צו די בלייכע שטערן. די נאַכט איז געווען ענלעך און האָט איבערגעחזרט די נאַכט אויף דער נאָמענלאָזער אָזיערע. פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש האָט אָנגעגאָסן דעם ערשטן בעכער. די זינגער און פאָרזינגער זענען געווען ער און אַלעקסיי איוואַנאָוויטש וואַטאַגין, יערמאָלאַי. זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען:

„בעכערל, בעכערל, מײַן זילבערנס,

אויף גילדענעס טעצל אַוועקגעשטעלטס, —

ווער זאָל דאָס בעכערל טרינקען,

ווער זאָל דאָס בעכערל אויסטרינקען?“

די מאָלערס האָבן מכבד געווען איינס דאָס אַנדערע מיט בראָנפן און מיט לידער. די סאָסנעס און יאָדלעס אויפן ליכטיקן הימל האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי איבערגעקערטע און ווי אַלטע אויסגעקרומטע בוימער פונעם דעק פון בערענדייעווער ים. די געזיכטער און די נאַקעטע קערפּערס פון די מענטשן זענען געווען גרינלעך. מען האָט ווידער גענומען אַ קאַפּעטשקע, פון דעם טײַך האָט אָנגעהויבן קריכן דער נעפּל, דער אַלקאָהאָל האָט נאָך אומקלאָרער געמאַכט דעם מטושטשן אויסזען פון דעם טונקעלן וואַלד. פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש איז אַ באָרוועסער, אָן הויזן, אין אַ פּרעמדן מאַנטל, אַרויסגעגאַנגען אין מיטן לאָנקע נעבן שײַטער, ער האָט אַ פּאַך געטון מיט אַ קאַלינע־צווייגל, ווי מיט אַ טיכל, און אַ טענצל געטון. ער האָט אָנגעהויבן זינגען:

פונס וועלדל, דעם טונקעלן וועלדל

גייען, קומען צוויי יינגען.

די מאָלער האָבן אונטערגעכאַפּט:

אַי, ליולי, ליולי, צוויי יינגען.

די מאָלערס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ראָד, גענומען איינס דאָס אַנדערע פאַר די הענט, די מאָלערס האָבן געטאַנצט אין ראָד.

צוויי יינגען, צוויי בחורימלעך
האָרציקע, זיי גריסן זיך.
אַי, ליולי, ליולי, זיי גריסן זיך.

און שוין זיי שעלטן און קריגן זיך
פאַר אַ מיידעלע, אַ שיינינקע.
אַי, ליולי, ליולי, אַ שיינינקע.

א באַרוועסער, אָן די הויזן, האָט פריינט אַלעקסאַנדער געטאַנצט אין מיטן ראָד. ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ בייגעלע און זייער קאָמיש געפּאָכעט מיט דעם קאַלינע־צווייגל, — און פאַרענדיקט דאָס ליד ערנסט, טאַנצנדיק אינם ראָד מיט אַ קאַראַהאָד־ריטם, לייכט און וווּנדערשיין און גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז פּיסטאָן און גייט אָן הויזן. קיין פרויען זענען אין דער געזעלשאַפט נישט געווען. און געטאַנצט האָט ער צניעותדיק, כּמעט ווי אַ פרוי. אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש האָט אַ פּלעסקע געטון מיט די הענט און אָנגעהויבן טאַנצן.

מען האָט אָנגעהויבן אַ צווייט קאַראַהאָד־ליד:

אויף די גרינע פעלדער,
אויף די גרינע לאָנקעס,
אויף די גרינע לאָנקעס,
געגאַנגען שפּאַצירן בין איך,
געגאַנגען שפּאַצירן בין איך,
דעם אומעט פאַרלוירן האָב איך
דעם אומעט דאָרט פאַרלוירן.
צעזייט דעם טרויער האָב איך
איבער גרינע לאָנקעס
אויפגעגאַנגען מיין בענקשאַפט,
ווי גרינע גראָז איז זי.

דער וואַלד איז געשטאַנען מיט זיין אוראַלטקייט. דער שיטער האָט געוואָרפן פונקען אין הימל אַריין, געגרויבערט מיט נאָדל־צווייגן, פאַרטריבן די קאָמאַרעס, געפלאָנטערט דעם רויך מיט נעפּל, אַוועק אין דער פינסטערניש, און די בערעזע־דייעווישע ליקלעך פון די סאָסנעס און יאָד־

לעס, צו די וועלף און הירשן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אָט די וועל־דער. פּרינץ אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש זובקאָוו, דער פּאַרזיצער, אַ קריטיקער און אַ שטיקל איראָניקער, מיטן צונאָמען באַראַנע, ווי אויך ליטווינאָוו, איז געזעסן אויף אַן אומגעוואָלגערטער יאַדלע, גערויכערט מאַכאָרקע און געהוזקעט. ער האָט אָנגעהויבן זינגען אויף אַ קול, מען זאָל אים הערן:

פון טיפן, טיפן וואַלד
גייען גזלנימלעך אַרויס
אויף זייערע הענט די מעכטיקע
טראָגן אַ חברל זיי אַרויס.

דער כאָר כאַפּט אונטער:

אויף זייערע הענט די מעכטיקע
טראָגן אַ חברל זיי אַרויס.
די מיטה איז נישט קיין פּשוטע
פון ביקסן געמאַכט איז זי,
און פון שפּיזן שטאָלענע
צונויפגעלייגט איז זי.

די „גזלנימלעך" האָבן גענומען נאָך צו „קאַפּעטשקעס", מכבד זיי־ענדיק איינס דאָס אַנדערע מיטן לידעלע און מיט בראָנפן, סטאַטעטשנע און פּייערלעך. איבעררייסנדיק דאָס זינגען, זענען די מאָלערס געגאַנגען ברענגען צווייגלעך, דער שייטער האָט געוואָרפן דעם פלאַם און די פונ־קען ביז צו די ביומער־שפּיצן, ער האָט געקנאַקט און געשמעקט מיט ברע־נענדיקער סאָסנע. דאָס פייער פון אַ שייטער איז אַלעמאָל סודותדיק. די מאָלערס זענען געשטאַנען ביים שייטער. אין דעם שייטער זענען פאַר־ברענט געוואָרן די שפּיזן, די גזלנים און ריטערס פון הונדערטער מעשהס, וואָס זענען געמאָלט געוואָרן דורך די דאָזיקע מאָלערס. אין יוני באַגעגנט זיך דער אָוונטשטערן מיט דעם מאָרגנשטערן. עס איז געווען האַלבע נאַכט. און פּונקט האַלבע נאַכט האָט אָנגעהויבן זינגען דמיטרי ניקאָלאַ־יעוויטש בוטאָרין, ער האָט געזונגען סאָלאָ, מיט טרערן אין די אויגן און די חברים האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיין ליד. ער האָט געזונגען וועגן דעם, אַז —

אין קאַיאַר פון נעפּלדיקער יוגנט זיינער,
האָט ער מיט לייב און זעל אַ מיידל געליבט.

אין אירע אויגן איז דער בלויער הימל געווען, —
אויף איר געזיכט האָט געברענט דאָס פייער פון ליבע —
וואָס איז אין פאַרגלייך מיט איר דער מאַי־פרימאָרגן,
דו, לאָנקע, מיינע, גרינינקע!
דו, סטעפּ, דו גראָז סאַמעטנס!
קאַיאָר, אָוונט, נאַכט, דו כשופדיקע, —
שיין זענט איר, ווען זי איז נישטאָ,
ווען איך טייל מיט אייך די בענקשאַפט נאָך איר....
און איז זי דאָ — איז גלייך ווי איר וואָלט גאָרנישט געווען —
מיט איר איז דער ווינטער—אַ פרילינג, די נאַכט—העלער טאָג!
איכ׳ל שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס לעצטע מאָל,
ווען געזאָגט איך האָב: זיי מוחל, געליבטע דו מיין...

עס איז געווען קלאָר, אַז דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש ליגט אין דעם דאָ־זיקן ליד אַריין זיין גאַנץ האַרץ, און אפשר אויך דעם גורל זיינעם, — ער איז געווען אַ בחור און יעסענינעיש לירינש. געהערט האָט מען אים ערנסט, שטיל, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. דער שייטער האָט אויס־געבּרענט, עס האָבן בלויז נאָך געטליעט די דיקע צווייגן, וואָס מען האָט געוואָרפן אין פייער. אַ צען טריט פון דעם שייטער הינטער די פּאַסנעס און יאַרלעס, האָט געגרינט די נאַכט. דער נעפּל האָט געאָטעמט מיט קעלט, געשמעקט האָט דער וואַלד מיט סאָסנע־סמאָלע, מיט פּרעלע, מיט שוואָמען. די בוימער זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך און שטום. איבער־געוואָרפן זיך האָבן די נאַכט־פייגל אין וואַלד, און געזשומעט נעבן די בע־רעזעס האָבן די קאָמאַרעס.

עס האָט געטאָגט.

דאָס אַלץ, דער פיש־פאַנג, די נאַכט ביים שייטער, די קאַראַהאָדן, די לידער — דאָס אַלץ האָבן שוין הונדערטער מאָל געמאָלט סיי בוטאָ־רין, סיי באַקאַנאָוו, סיי זינאָוויעוו, סיי וואָקוראָוו, סיי קאָטוכין, סיי טשע־קוריקן, — די אַלע האָבן געמאָלן דאָס גינגאָלד פון שייטערס און זון־אויפגאַנגס, די פינסטערניש פון די וועלדער, גזלנים און ריטערס, דאָס גילדענע פישעלע און דאָס גילדענע הענדעלע, די פינסטערניש און דאָס גאָלד פון דער בענקשאַפט, וואָס איז ווי דאָס גרינע גראָז, דאָס שיינינקע מיידל, אַי, ליולי, ליולי, דאָס שיינינקע מיידל... קיין שיכורע זענען נישט געווען. עס זענען געווען גליקלעכע מענטשן.

בשעת מען איז געגאַנגען קיין דיאַגיליאָוו און פֿון דיאַגיליאָוו קיין פּאַלעך, האָט דמיטרי ניקאָלייעוויטש, מיטן צונאָמען איליאַ פּעאָראַטאָ־וויטש, געזאָגט:

— און אין טשערעדע בײַ אונדז, הערצײַלן די פֿרויען, זויגט דער בּיק די קיען — וואָס זאָגט איר נישט צו דעם!

מען האָט זיך אומגעקערט צום פּשוטן לעבן. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די ווײַבער.

— די „אוריאַדניקעס" וועלן זיך ווידער טשעפּען.

דער עפּיקורייער, מיט אַ באָרד, וואָס איז נאָך גרעסער פֿון טאָל־סטאָיס, דער אמתער ליבהאָבער פֿון דער נאַטור, דער דערצײלער פֿון דער פּאָעמע וועגן די „שײנקײטן פֿון דעם דאָרפֿס־לעבן", וועלכע ער האָט דערצײלט מיט אַלע פּיטשעווקעס, נאָכמאַכנדיק יעטוועדן מינדסטן קלאַנג, דער פּאַרטיי־מיטגליד, דער גרייז־גרויער יונגערמאַן, דער מאָלער, וואָס שרײַבט פּאָעמעס וועגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און די געשיכ־טע פֿון הערצענס פֿאַרשיקונג לויט הערצענס „געשעענעס און געדאַנקען", פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש טשעקורין, מיטן צונאָמעניש טאָפּאָר (האַק), האָט געזאָגט:

— עס איז זייער גוט אין אַזאַ פֿאַל אַ ראַדיאָ פֿאַר די פֿרויען, — זענען די מענער נישטאָ אין דער היים, איז כאָטש דאָ וועמען אויסצו־הערן און וואָס זיך אויסצולערנען, — זיי שטייען אויך נישט אָפּ פֿון דער צייט.

בײַ דעם אַריינגאַנג קיין פּאַלעך, האָט מען זיך געזעגנט, פֿרײַנטלעך זיך דריי מאָל צעקושט, און אָפּגעשמועסט, אַז די ווײַבער, דאָס הייסט די „אוריאַדניקעס", זאָלן נישט וויסן, ווו די מאָלער זענען געוועזן.

— שאַ! — האָט זיך סודותדיק אָנגערופֿן אַלעקסאַנדער איוואַנאָ־וויטש.

— קיין פּיפּס נישט! — האָט פּונקט אַזוי סודותדיק געענטפֿערט דמיטרי ניקאָלייעוויטש.

— אַ פּינטעלע! — האָט באַשטעטיקט אַלעקסיי איוואַנאָוויטש.

צומאָרגנס האָבן די מאָלערס געשמאַק געאַרבעט ביז פֿיר אַזייגער אין זייערע וואַרשטאַטן, בּיז מיטאָג מיט די שילערס, מיט די „סטו־דענטן", און נאָך מיטאָג, אויסבאַהאַלטנדיק און היטנדיק זיך איינער פֿון דעם אַנדערן, האָבן זיי געמאָלן זייערע וווּנדערלעכע זאַכן אויף לאַקיר און אונטער לאַקיר, געשאַפֿן גאָלד און פֿאַרבן מיט דעם צייגפֿינגער,

צעפּירט די פאַרבן אויף אַ גלעקל פון אַ הינער־איי, פאַלירט דאָס גאָלד און זילבער מיט אַ קוישן אָדער נאָך בעסער: מיט אַ היִנטישן אָדער וועלפישן צאָן, געמאָלט דורך פאַרגרעסער־גלעזער מיט פענזעלעך, וואָס זענען געווען נאָך דינער ווי אַ קאָמאַר־נאָז, — באַקלערט זייערע קאָמפּאָזיציעס און זיי אַרויסגעטראָגן אויפן לאַקיר.

דערנאָך האָבן זיי געליִענט די באַשטימונג פון דעם ראַטפאָלקאָם פון ר. ס. פ. ר. ר. וועגן איבערבויען דעם מאָלער־אַרטעל אין אַ מאָלער־געזעלשאַפט און וועגן אַ סובסידיע פון פופציק טויזנט רובל אויף פאַרפולקומען דעם מוזיי און די ביבליאָטעק. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

יעדער יום־טוב איז אין פאַלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזאַנג און אין אַ זילבערן כוסעלע, אויף אַ גילדן טעצעלע אַוועקגעשטעלטס. מען האָט געטרונקען און געגעסן אַכציק פּראָצענטיק שיטקע ברויט, מילך, האַרטע אייער, פּיס־גאַלאַרעטע, זויערע אוגערקעס און קרויט, קאַרטאָפל. דאָס איז בשום אופן נישט געווען קיין בייזוויליק אָנשיפּורן זיך. אַזוי טרינקט מען פון פרייד, צוליב פריילעכקייט, — אָט אַזוי האָבן, אפנים, געטרונקען די פלאַמאַנדער.

אין פאַלעך האָבן געלעבט פאַרחידושטע מענטשן, מאָלערס, וואָס זענען געווען פאַרגאַפט פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין לאַנד און מיט זיי אליין. פאַרחידושטע און יום־טובדיקע זענען אַרומגעגאַנגען זיידעס, וועלכע האָבן מחמת אַלטקייט זיך נישט באַטייליקט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און בלויז קריטיקירט, זיי האָבן אָבער, פונקט אַזוי ווי זינאָוויעווס פאָטער, אַ צוויי־און־אַכציק־יעריקער זקן, געקאָנט אויסטרינקען איין גלעזעלע בראָנפן און דאָס צווייטע, אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ, זיך צעשמייכלען און זיך אָנרופן: „זעסטו שוין, וואָס עס טוט זיך ס'איז דאָך אַ מחיה!...“ אַ פאַרגאַפטער איז אַרומגעגאַנגען דער עלטערער דור מייסטערס, די געוועזענע איקאָנע־מאָלערס, זעלנער פון דער וועלט־מלחמה, רויט־אַרמייער, וואָס זענען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זייער דורות־דיקער מחיה און איצט זענען זיי מאָלערס. אַ פאַרגאַפטער איז אַרומגעגאַנגען דער צווייטער דור מאָלערס — באַזשענאָוו, קאָורצעוו, טורין, סאַלאָנין, סאָלאָבאָנאָוו, באַראַנאָוו, וועלכע האָבן אין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר זיך געמאַטערט איבער דער פראַגע, וואָס עס איז בעסער — קונסט אָדער מאָטן פּוישן? נישט פאַרחידושט איז בלויז די יוגנט.

ס'איז אַ פאַקט, די פערד אין דעם דאָזיקן דאָרף זענען ענלעך צו די

גאַליציאַנישע פערד. ס׳איז אַ פאַקט, אַז די קאַלווירטלער אין דעם ראַזיש׳ן דאָרף ווערן קינסטלער, און אייניקע קינסטלער, דערהויפּט זייערע פרויען, טרוימען צו ווערן קאַלווירטלער. ס׳איז אַ פאַקט, אַז די היגע פרויען טראָגן אין יום־טוב און אינדערוואָכן בראָשן, וואָס זענען געמאָלט דורך זייערע מענער און ברידער, און אויף די בראָשן זענען אויסגעמאָלט הירשן און אינדן, לידער און מעשהלעך. דאָס סאַמע פאָפּולערסטע וואָרט, וואָס מען געברויכט דאָ, איז — קונסט. דריי־יעריקע קינדער שפּילן זיך דאָ אין — קונסט, זיי ווערן געבוירן מיט פינגער פון אַ מאָלער און פון געבוירן אָן קאָנען זיי שוין האַלטן אַ פּענזל.

מיט הונדערט יאָר צוריק און מיט דרייסיק יאָר צוריק זענען איי־ניקע פאַלעכער אַריין אין דער קונסט, און אַנדערע זענען פון איר אוועק — ווערנדיק קושנירעס, שוסטערס, שניידערס. פון לאַנדווירט־שאַפט איז קיין פּרנסה נישט געווען. אַריסטאַרך דידיקין, דער מאָלער, וואָס האָט אין זיינע לאַקיר־אַרבעטן אויף אַן אומגעוויינטלעכן אופן צונויפגעפּאָרט וורובעלן, די מיטלאַלטערלעכע פּערסער און מיקע־אַנדזשעלאָן, האָט געהאַט אַ פאָטער, וואָס איז געווען אַ פּויער און האָט געהונגערט; אַריסטאַרך דידיקין איז אַלס זעקס יעריק קינד אַוועק אויף דער לער, ער איז אַ האַלבער שריפטקענעוודיקער, צוואַנציק יאָר ביז דער רעוואָלוציע, ביזן אַרטעל — האָט ער געאַרבעט אַלס איקאָנע־מאָלער; דידיקינס קינדער — דריי זין — איינער איז אַ לערער, דער צווייטער אַ ערד־מעסטער, דער דריטער — אַ ראָטע־קאָמאַנדיר. טשע־קורין, אַ מענטש, וואָס קאָן קוים לייענען און שרייבן, אַ זון פון אַ איי־קאָנע־מאָלער, וועלכער האָט זיך געלערנט ביי אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, און זיינע זין — איינער איז אַ לערער, דער צווייטער — אַ פּאָלק־קאָמיסאַר, דער דריטער — אַן אינזשינער־טעכנאָלאָג און דער פערער־טער — אַ דאָקטאָר. בוטאָרין, אַ קוים־שריפטקענעוודיקער מענטש, אַ בחור און דער סאָליסט פון „קאַיאָר פון נעפּלדיקער יוגנט״, — זיינע צוויי פּלימעניצעס זענען לערערינס אין פּאַלעך, זיי ווינען מיט אים צוזאַמען און רופן אים מיט גרויס אָפּשיי פעטער.

אָט אַזוי איז עס ביי אַלע מאָלער. אָט אַזוי איז עס אין גאַנצן דאָרף.

דער פּאַטריאַרך סאַלאַפּין, דער עלטסטער איינוווינער אין פּאַלעך, אַ זקן, אַ ישיש, האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטשן:

— איר פרעגט, פאַרוואָס מיר האָבן פריער געמאָלט איקאָנעס? — צוליב פרנסה וועגן...

סאָלאָפּין האָט געוווּסט, אַז די מייסטערשאַפט פון איקאָנע־מאָלעריי האָט אין פּאַלעך עקזיסטירט אויך אין זיבעצנטן יאָרהונדערט און נאָך פריער, מער וועגן דעם האָט ער נישט געוווּסט. דערפאַר האָט ער שוין מער געוווּסט וועגן דעם, אַז פּאַלעך האָט געהערט צו די פּריצים בוטורלין און גריאַזנעוו, די פּריצים האָבן געהאַלטן די פּאַלעכער אויף זייער ערד און בײַ זיי גענומען צינזש, אָבער אין די ענינים פון איקאָנע־מאָלעריי האָבן זיי זיך נישט געמישט. די בורמיסטערס בײַ די בוטורלינס זענען געווען די משפחה סאַפּאָנאָוו, די פּעדאָלע הערשער אין פּאַלעך, די איקאָנע־פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעבויט געמויערטע הײַזער און פאַבריק־וואַרשטאַטן — קאַזאַרמעס פון דער פּאַלעכער איקאָנע־מאַנופאַקטור. סאָלאָפּין האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז פאַרשריבן אין די אַרכיוון. די פּריצים און גראַפן בוטורלינס האָבן געוווינט אין מאָסקווע. אין פּאַלעך האָבן געוווינט די סטאַראָסטעס און בורמיסטערס — די סאַפּאָנאָווס, די נאָגאָוויצינס, די וואָקוראָווס. די פּריצים בוטורלינס האָבן געשריבן צו די בורמיסטערס אין דאָרף אַרײַן „פאַראָרדענונגען”:

„...דעם סטאַראָסטע אונזערן דעם און דעם. בײַם באַקומען די דאָזיקע פאַראָרדענונג וואָלט איר געדאַרפט גוט אַכטונג געבן אויף אונזערע פּויערים און זיי האַלטן אַזוי, זיי זאָלן מורא האָבן... אויב צווישן אונזערע פּויערים וועט אַנטשטיין אַ סיכסוך אָדער אַ קריגערײַ, דאַרף מען אויפזוכן די שולדיקע און זיי מקיים פּסק זײַן — שמײַסן מיט בײַטשן, גאָרנישט אָנפרעגנדיק זיך בײַ אונז, און אונז נישט פאַרשאַפן קיין אומזיסטע קלאַפּאָטן”...

די בורמיסטערס האָבן געשמיסן, אַרעסטירט, געשמידט אין קייטן, געקנסעט מיט קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן, אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן.

„...די אײַנוווינער פון אָט דעם דערמאָנטן דאָרף איבן זיך מער אויס אין דער איקאָנע גריכישער מאָלערײַ, און די געמאָלטע איקאָנעס זייערע אין אַ גרויסער צאָל צעשיקן זיי אויף צו פאַרקויפן אין פאַרשידענע שטעט... אין דעם דאָרף קומט פאָר, אַ חוץ די וועכנטלעכע מערק אַלע מיטוואָך, אויך אַ יאָר־מאַרק אין סעפּטעמבער חודש, דעם פערצנטן...”

די פּאַלעכער האָבן געצאָלט די בורמיסטערס שטײַערן און צינזשן—

נאטור שטייער, קאפ און ערד שטייער, אפצאלן פאר מיידלעך, וואס זענען געווארן פוליעריק און פון אלמנות, אפצאלן פאר קויפן אויפן יאריד פערד. סאפאנאוו האט לויט דעם שטייער־רייסטער פון דער ערשטער העלפט פון יאנואר 1847 — באצאלט 55 רובל מיט 50 קאפיקעס און „פון אים גופא פאר דער טאכטער באקומען דעם אפצאל 2 רובל מיט 10 קאפיקעס״. די רעוואלוציע פון 1917 האט צוגענומען ביי סאפאנאוון זעקס מיליאן רובל. דאס האט סאלאפין נישט געוווסט. סאלאפין האט געדענקט, ווי א יאר פינף פאר אלעקסאנדער דעם צווייטנס רעפארמעס — האבן די פריצים בוטורלין זיך צעקריגט מיט די פריצים גריאזעוו, וועלכע זענען געווען קרובים און שטארק באפריינדעט און, נאכדעם ווי זיי האבן זיך צעקריגט, האבן זיי אפגעגרענעצט די פאלעכער גיטער זייערע, וואס זענען ביז דאן נישט געווען אפגעגרענעצט, אויף זייער א פרימיטיוון אופן: די דרום זייט איז אריבער צו בוטורלינען און די צפונדיקע — צו גריאזעוון: די פויערים, וועלכע זענען געווען צוגעשריבן און געהערט סיי צו בוטורלינען סיי צו גריאזעוון האבן גע־וווינט סיי פון דער רעכטער, סיי פון דער לינקער זייט; און כהרף־עין איז דורכגעפירט געווארן די צעטיילונג, און אין איין אויגנבליק זענען בוטורלינס פויערים אריינגעזעצט געווארן אין די כאטעס אויף דער רעכטער זייט, און גריאזעווס — אויף דער לינקער; אייניקע פויערים האט מען ארויסגעזעצט פון כאלופעס און אריינגעזעצט אין פיר־שטוביקע כאטעס, און אייניקע האט מען פון פיר שטוביקע כאטעס אריינגעזעצט אין כאלופעס. סאלאפין האט געוווסט, — סאלאפין האט אויף זיין שטייגער באנומען דעם באגריף „אויסלענדער״, און לויט זיין באנעמונג האט אן „אויסלענדער״ געהייסן יעדער איינער, וואס איז נישט געבוירן געווארן און וווינט נישט אין פאלעך, — סאלאפין האט געדענקט ווי אין די זיבעציקער יארן איז קיין פאלעך געקומען צו פארן א „אויסלענדער״ דער גענעראל פילימאנאוו צו דינגען מייסטערס, אויסמיידנדיק סאפאנאוון, אויף צו רעסטאווירן די גראנאוויטער פאלאטע, און ער האט דאס איבערגעגעבן דעם מייסטער בעלאאוסאוו, און בעלאאוסאוו איז פון דעמלט אן געווארן רייך און געווארן סאפאנאווס קאנקורענט.

סאפאנאוו איז געווען עלטער און שטארק קאנסערוואטיוו, ער האט געהאלטן פון דעם „אלטן סטיל״, פון דעם ביזאנטיש־נאווגאראד־סוזדאל־יאראסלאווער סטיל. בעלאאוסאוו איז געווען רירעוודיקער, יינ־

גער, נישט אזא אויטאָריטעט און נישט אזא גביר, און האָט דעריבער מער געהאַלטן פון דעם „פּריאַזשער*) סטיל", פון די אייראָפּעאישע השפּעות, וואָס האָבן געהאַט אַ גרעסערן אָפּגאַנג. סיי סאַפּאָנאָוו, סיי בעלאָאוסאָוו, די זיידעס, די פּאָטערס און די אייניקלעך, זענען כּמעט געווען אַמעראַצים, אָבער זייער פּאַך האָבן זיי געקענט פּערפעקט, זיי האָבן געקאָנט די רוסישע איקאָנע, אירע עפּאָכעס און סטילן, אין דעם געביט זענען זיי געווען די איינציקע און אומפּאַרבייטלעכע עקספּערטן פאַר קאָנטראַקאָוון און זאַבעלינען. די זיידעס, די פּאָטערס און די איי־ניקלעך זענען, נאָכמאַכנדיק די איוואַנאָוווער פאַבריקאַנטן, געגאַנגען אָנגעטון אין פּאָדיאָווקעס, געגעסן פּיראָגעס און געטרונקען בראָנפן; רויט־נעזיקע, זענען זיי אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד אָנגעמען באַשטעלונגען, אָבער ווינען האָבן זיי געוווינט אין פּאַלעך, אין גע־מויערטע הייזער מיט הינט פאַר די טויערן און מיט אויסגעכאָליעטע געליבטע. איין און איינציקער פון זיי, דער יינגסטער סאַפּאָנאָוו, האָט, זייענדיק אַן אַמאָרעץ גמור, פאַר כאַבאַר באַקומען אַן אַטעסטאַט פון אַ פּאָלקס־לערער, כּדי ער זאָל נישט דאַרפן גיין דינען אין מיליטער. ער האָט אין דאָרף קראַסנאָיע אויפגעבויט אַ שול און געדונגען אַ לערער, וואָס זאָל לערנען אָנשטאָט אים, און ער האָט זיך דאָרט געריכנט בלויז אַלס פּאַרוואַלטער. די סאַפּאָנאָווס האָבן געהאַט דעם טיטל פון „ערנ־בירגער לדור דורות" און „ליפעראַנטן פון קייזערלעכן הויף" און מחמת דעם זענען ביי זיי אויף די מויערן און אויף די וואַרשטאַטן געווען אויפגעהאָנגען גרויסע באַגילדטע צווייקעפּיקע אָדלערס, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסרופן דרך־ארץ און שרעק. דער אָקטאָבער 1917 האָט ביי די סאַפּאָנאָווס צוגענומען זעקס מיליאָן רובל, וואָס זענען געווען אָנגעזאַמלט פון איקאָנע־מאָלעריי און דעריביי האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די אַמעראַצישע סאַפּאָנאָווס זענען געווען גאָר גרויסע למדנים אין הלכות קאַפּיטאַליזם און געהאַלטן זייערע מיליאָנען נישט בלויז אין די רוסישע, נאָר אויך אין די לאָנדאָנער, פּאַריזער און בער־לינער בענק.

און די אַלע איצטיקע מאָלערס, דער עלטערער דור, אָנהויבנדיק

---

*) פּריאַזש — אַ פּראָווינץ, אונטער דעם נאָמען האָט מען גע־רופן אַלץ, וואָס האָט געשטאַמט פון אויסלאַנד, דער עיקר פון אייראָפּע. באַמ. פון איב.

פון דעם זעכציק־יעריקן באַקאַנאָוון, האָבן אַדורכגעמאַכט איין און די זעלביקע שול ביי סאַפּאָנאָוון, און בעלאָאוסאָוון, אַט דער ראָזיקער פאַרחידושטער, מערקווירדיקער, און חוץ אַלעמען, מערקווירדיק געזונטער דור. יעדן איינציקן פון זיי האָט די מוטער אַ ניין־יעריקן געבראַכט צום באַלעבאָס פאַלן צו די פיס, און—מיט אַ פּעקל לעקעכלעך—אָפּגעפירט צום אויפזעער.

דער אויפזעער האָט צעטיילט דעם לעקעך צווישן די איבעריקע בחורימלעך, און דאָס יאַטל איז געוואָרן אַ לערן־יינגל. זומער פון פינף פאַרטאָג ביז צען ביינאַכט, און זומער פון זיבן אַזייגער אינדערפרי, אָבער אויך ביז צען ביינאַכט, האָט דאָס יינגל, זייענדיק צוגעבונדן צום מייסטער, זיך געלערנט. די ערשטע לעקציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער שילער האָט געדאַרפט צייכענען „גאָטס הענטעלע“, דערנאָך דאָס זעלבע הענטעלע מיט אַ פינגער, דערנאָך דאָסזעלבע הענטעלע מיט אַ קאַנטשיק (דער סימבאָל פונם לימוד!). מען האָט זיך געלערנט צעפירן אייער און זיך געלערנט „שאַפן“ פאַרבן. מען האָט שטודירט דאָס בוך „בעצעטאַלאַ“. אויסלערנענדיק צייכענען מיט אַ בלייפען און קאָפּירן, איז מען אַריבער צום מאָלן מיט פאַרבן. דאָס מאָלן איקאָנעס איז געווען סטאַנדאַריזירט און צעגלידערט. די מייסטערס זענען געווען צעטיילט אויף געזיכטס־מאָלער און ביז געזיכטס־מאָלער, אויף לעווקאַזירער און פּרעגער, דאָס הייסט, אַז איניקע מייסטערס האָבן געקענט צוגרייטן די ברעטלעך פאַר די איקאָנעס, די צווייטע — מאָלן „געזיכטער“, די דריטע — מאָלן די מלבושים פון די הייליקע און די ערטער, ווו זיי געפינען זיך — די ערד מיט די אומבאַדינגטע איקאָנע־בערגעלעך, די קלויסטער־געביידעס, די הימלען, די וואָלקנס און דעם ים, — די פערטע —- די פּרעגער — האָבן אַרומגערעמט די איקאָנע מיט גאָלד. און דאָס יינגעלע האָט זיך געלערנט צו זיין אַ געזיכטס־מאָלער, אַ ביז געזיכטס־מאָלער און אַ פּרעגער. דאָס יינגעלע האָט זיך גאָר איינגיכן דערוווסט, אַז גאָטס מוטערס זענען פאַראַן דריי הונדערט דרייסיק — „גענעזונדיקער קוואַל“, „דריי הענטיקע“, „אומגעריכטע פרייד“, „נישט וועלקנדיקע בלום“, „ביי־העלפערין ביים געבורט“, „ווייכמאַכערין פון בייזע הערצער“ (פיר ווייכמאַרינס, פיר פאַרשיידענע געזיכטער) — כמעט פונקט אַזאַ צאָל ספּאַסן ביז דעם „ספּאַס מיט דער נאַסער באָרד“. דאָס יינגעלע האָט זיך באַלד דערוווסט דורך די קלעפּ פון דעם קאַנטשיק, וואָס די באַגאָמאַזן האָבן אויסגעמאָלט ביי דער דריטער לעקציע און דער אויפזעער האָט שטענדיק געטראָגן אין בוזעם,

אַז יעדע גאַטס מוטער און יעדן ספּאַס מוז מען געבוי און זאָרגעוודיק קאַפּירן, וואָרום יעדער אָפּנויג פון דעם הייליקן סטאַנדאַרט איז גאָט־לעסטערונג. דאָס ייִנגעלע האָט געוויזן זיין אַרבעט דעם מייסטער, יעדן שבת פלעגט דער אויפזעער דורכקוקן די אַרבעט פון די ייִנגלעך — עס איז געווען אַ „פּאַרהערעניש" — און דאָס ייִנגעלע האָט געוווסט, אַז קוים וועט דער אויפזעער אַוועקלייגן זיין אַרבעט אין אַ זייט, און זי תּיכּף נישט צוריקגעבן, וועט ער כאַפּן שמייז, — ווי די זאַך מאַכט זיך, פלעגן די ייִנגלעך יעדן שבת אָנטון נאָך אַ פּאָר הויזן און אין די הויזן פאַרשטעקן דעם פאַרטוך, כּדי לייכטער איבערצוטראָגן די שמייז. דאָס ייִנגעלע האָט געוווסט, אַז אין יוני חודש וועט אים דער אויפזעער, אָנשטאָט מאָלן געטער, שיקן אין וואַלד אַריין קלייבן פּאָזיאָמקעס, שוואַרצע יאַגעדעס, מאַלינעס פון דעם באַלעבאָס וועגן; אַז בשעתן היי־שניט וועט ער שאַרן היי; אַז שפּעטער וועט ער פיטערן דעם באַ־לעבאָס גענז, לויפן נאָך בראָנפן פאַר די מייסטערס, רוימען די וואַר־שטאַטן. און אַזוי וועט זיך דאָס ציען זעקס יאָר. אָבער אין משך פון אָט די זעקס יאָר האָט דאָס ייִנגעלע געזען טויזנטער געמעלן, ביזאַנטי־שע, רוסישע, נאָוואָגאָראָדער, יאַראָסלאַווער, פריאַזשער, ער האָט זיך אָנגעזען מיט פאַרבן פון צוועלפטן, פערצנטן, זעכצנטן, אכצנטן יאָר־הונדערט, געזען קאָמפּאָזיציעס פון איינער פון די מערקווירדיקסטע קונסטן פון דער מענטשהייט, זאָל זיין פון אַ געשטאַרבענער אָבער פון אַ וווּנדערשיינער אין איר אָפּשטאַם ביז היינט־צו־טאָג, — דאָס ייִנגע־לע האָט זיך אויסגעלערנט זיי צו זען און דורך זיי זען די קעגנשטאַנדן אויף דער וועלט; דאָס ייִנגעלע האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן פאַרבן און די געזעצן פון די פאַרבן פון צוועלפטן, פופצנטן, זיבעצנטן, יאָר־הונדערט; דאָס ייִנגעלע האָט דערקענט דאָס געמעל און די קאָמפּאָזיציע פון אָט די יאָרהונדערטער; דאָס ייִנגעלע האָט זיך דערוווסט וועגן די געזעצן פון דער פאַרקערטער פּערספּעקטיוו, וועגן דעם „סעקרעט" פון דער איקאָנע־מאָלערישער וווּנדערלעכקייט; דאָס ייִנגעלע האָט דראָ־בערט די קענטעניש, די מייסטערשאַפט אין דער אוראַלטסטער קונסט, וועלכע איז אין אַלטערטום געקומען אין באַרירונג מיט די אור־קוואַלן פון דער פאָלקס־קונסט. דאָס ייִנגל האָט אָבער געלעבט אין אַ קאָ־לעקטיוו, און לויט דעם געזעץ פון דער ווירקונג, וואָס איז גלייך צו דער סעגנווירקונג, האָט ער אויף דער פּעאָדאַלער מאַנופאַקטור אין זיך דער־צויגן קאָלעקטיוויסטישע געפילן; דאָס ייִנגל האָט געזען די פּעאָדאַלע

אביונישקייט און זיך דערוווסט, אַז נאָר דורך זיין מי און האָרעוואַניע
וועט ער אָפּלעבן זיינע יאָרן. ווי דאָס יינגל האָט זיך אָבער דערוווסט,
אַז גאָטס־מוטערס זענען פֿאַראַן דריי הונדערט דרייסיק, ווי נאָר ער
האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן געטער, זעענדיק ווי אַזוי זיי ווערן געמאַכט,
אָנהערנדיק זיך מיט מעשׂהס און געשיכטעס וועגן פּאָפּעס און מאָנאַכן,
— האָט דאָס יינגל שוין נישט געגלויבט אין דעם פּראַוואָסלאַווונעם
גאָט.

און צום סוף פון זעקסטן יאָר האָט דער באַלעבאָס געגעבן דעם
שילער אַ לעוואָקאַזירט ברעטל; דער שילער, אויב ער איז געווען אַ בייז־
געזיכט־מאָלער, האָט אויפגעמאָלט אויף דעם ברעטל אַ הייליקן אָדער
הייליקע, ווי אים איז געפעלן; דאָס געזיכט און די פּרעגונג האָבן שוין
געמאַכט אַנדערע מייסטערס; די דאָזיקע איקאָנע האָט געהייסן אַ „סיום־
איקאָנע"; זי איז געבליבן דאָס אייגנטום פון דעם שילער, זי איז געווען
דער עקזאַמען, מיט איר האָט דער באַלעבאָס געבענטשט דעם שילער.
און דעמלט האָט דער באַלעבאָס „באַוויליקט" דעם שילער מיט שׂכי־
רות — צען אָדער פופצן רובל אַ יאָר, און אַמאָל האָט ער אים „גע־
האַלטן" פאַר אַ בלין אָדער פאַר אַ האָן.

דער שילער איז געוואָרן אַ מייסטער און געמאָלט ביי סאַפּאָנאָוון
אָדער ביי בעלאַאוסאָוון — ווינטער אין די איקאָנע־פאַבריקן — „צו־
ליב אונזער פּרנסה", ווי עס האָט דאָס אָנגערופן דער פּאַטריאַרך סאַ־
לאַפּין, — און זומער־לעב איז ער געפאָרן „אויף גאַסטראָלן" מאָלן
מאָנאַסטירן און סאָבאָרן — הונדערטער מאָנאַסטירן און סאָבאָרן —
אין מאָסקווע, אין וולאַדימיר, אין קימרי, אין מוראָם, אין קאָסטראָמאַ,
אין סאַמאַראַ, אין סאַראָוו, אין ביסק, אין טאָמסק, אין קיעווער פּע־
טשערסקער לאַווּרע, אין טראָיצע־סערגיעווסקער לאַווּרע, אין איפּאַ־
טיעווער מאָנאַסטיר (אין דעם מאָנאַסטיר, פון וועלכן די ראָמאַנאָוו־
דינאַסטיע איז געקומען אויף דעם רוסישן טראָן און וועלכע האָט פאַר־
ענדיקט איר עקזיסטענץ אין סווערדלאָווסק, אין קעלער פון דעם איפּאַ־
טיעוו־פּאַלאַץ), דאָס הייסט, דורך מאָנאַסטירן און מאָנאַסטירישן שטיי־
גער האָבן די איקאָנע־מאָלער באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן לעבן, און
וועגן רוסלאַנד, וואָס האָט געצוווּנגען נישט צו גלויבן נישט אין גאָט,
נישט אין טייוול.

דאָס זענען געווען באַלעמלאָכעס, וואַנדערנדיקע כאַלופּניקעס,

וועמעס האַנדוועריק עס איז געווען, פּונקט אַזוי ווי בײַ די רימערס לעדער, די איקאָנע.

די דאָזיקע מלאָכה איז דורך די אַמעראַצײַשע סאַפּאָנאָווס און דורך דעם געלערנטסטן קאָנדראַקאָוון אַרײַנגעדרונגען אין דעם אוספּענסקי־סאָבאָר אין דעם מאָסקווער קרעמל, אין דער גראַנאָוויטער פּאַלאַטע, ביזן טראָן פון וולאַדימיר מאָנאָמאַך, ביז די אימפּערישע און אימפּע־ראַטאָרישע זײַלן און רעליקוויעס.

די דאָזיקע מלאָכה האָט געלערנט וואַסנעצאָוון און נעסטעראָוון.

אומקערנדיק זיך אַהיים, ווי זייערע מוטערס און פרויען האָבן גע־פירט אַ פּויערישע ווירטשאַפט, און פאַר וועמען די איקאָנע־מלאָכה איז בלויז געווען אַ מין צוגאָב, — די מייסטערס האָבן געלעבט ווי אַלע וואַנדערנדיקע כאַלופּניקעס „צוליב פּרנסה", — האָבן זיי זיך נישט פאַרגלייכט נישט מיט קאָנדראַקאָוון, נישט מיט וואַסנעצאָוון נישט מיט נעסטעראָוון, מיטן אויסנאַם פון אייניקע, וועלכע עס האָט „געלאָקט" די שפּיל פון פאַרבן", לויט גאַליקאָווס אויסדרוק. די מייסטערס האָבן אַפילו דעם מינדסטן פאַרדאַכט נישט געהאַט וועגן דעם וויסן און קענטעניש, וואָס זיי האָבן באַזיצט. עס איז זיי גאַר נישט אײַנגעפאַלן, אַז וואַסנעצאָוו, נעסטעראָוו און דער אַקאַדעמיקער כאַרלאַמאָוו וואָלטן זיך בײַ זיי געדאַרפט לערנען.

די מייסטערס האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די צווייקעפּיקע באַגילדטע אָדלערס פון דעם „הויף־בירגער פון זיין מאַיעס־טעט" און פון די סאַפּאָנאָוו־בעלאָאוסאָווישע איקאָנע־פאַבריקן. זיי האָבן געקאָנט אוועקגיין פון סאַפּאָנאָוון צו בעלאָאוסאָוון און ווידער זיך אומ־קערן, און גאָר. זיי האָבן געלעבט אין דער „צונג־מלאָכה", דאָס הייסט אין דער מלאָכה פון מסירות און שפּיאָנעריי מצד די אויפזעער. די מייסטערס זענען געווען נאָמענלאָז, זיי האָבן זיך נישט אונטערגעשריבן אויף זייערע בילדער, — אַנשטאָט זיי האָט זיך אונטערגעשריבן דער „הויף־בירגער"...

און ערגעץ־וואו אין די קעלערס אָדער אין וואַלד, אָדער אונטער אַ שייער געפינט זיך אַ מערקווירדיקער פאַלעכער אוצר, וועלכער וואָלט איצט געווען אַ וואונדערלעך געווינס פאַר דעם פאַלעכער מוזיי — נײַן פּוד רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע ליטעראַטור פון 1905, דאָס אייגנ־טום פון דעם העמלטיק; פאַלעכער אומלעגאַלן רעוואָלוציאָנערן קרײַזל. אין דעם דאָזיקן קרײַז האָבן זיך באַטייליקט די איקאָנע־מאָלער, די

איצטיקע פאַרדינסטפולע קונסט־טוער, די פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסי־ליעוויטש קאַטיכין און איוואַן וואַסיליעוויטש מאַרקיטשעוו, דער דירעקטאָר פון דעם מאָסקווער סיליקאַטן־אינסטיטוט, אַלעקסאַנדער ניקיטיטש וויצין, אַ מיטגליד פון וציק, דער פּאַלעכער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דעם קינסטלער־אַרטעל, דער מאָלער און פּריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש טשעקורין און זיין ברודער אַלעקסיי, די ברידער זובקאָוו, דער פּאָרזיצער אַלעקסאַנ־דער און דער ליז, פּאָעט און פראַנצויז איוואַן, איוואַן קאָלעסאָוו, אַ באַל־שעוויק און מאָלער, וועלכער האָט אַלס מתנה פאַר דעם קאָנגרעס צו פאַרשפּרייטן די קולטור אילוסטרירט די „גאַוורילאַדע", סאַלאַפּין, כאָכ־לאָוו, מיכאיל קאָמאַראָוו, סווינצאָוו, קאָרין (איינער פון די, וועלכע זענען באַרימט אין מאָסקווע אַלס מאָלער) און אַנדערע, ביז אַ דרייסיק מאַן.

זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די וועלדער, כדי זיך צו לערנען. אין בעלאָאוסאָוום וואַרשטאַט האָבן זיי זיך זעלבסט באַשטייערט מיט צוויי פּראָצענט פון דעם לוין און אויסגעשריבן צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

אַלעקסאַנדער זובקאָוו און אַלעקסאַנדער קאָטוכין האָבן, זייענדיק אויף גאַסטראָל־אַרבעט אין סאַמאַרער קרייז, אין דאָרף מוסאָרקי, באַ־האַלטן אונטער דעם קלויסטער־קופּאָל ביקס פון רעוואָלוציאָנערן און גענומען אַנטייל, ווען די פּויערים האָבן אַרויסגעיאָגט דעם פּאָפּ, אַ הויל־נאַקעטן, פון דעם דאָרף.

סאַפּאָנאָוו האָט פון זיינע וואַרשטאַטן אַרויסגעטריבן אַ מאַן פער־ציק אַרבעטער, די פענסטער האָט ער פאַרקראַטעוועט מיט אייזערנע קראַטן און פון דעמאָלט אָן אויך איינגעשטעלט אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. אָנהויב זמן, דעם צענטן אָקטאָבער, ווען מען הויבט אָן צו אַרבעטן ביים לאָמפּ אין די וואַרשטאַטן, פלעגן לויט דער טראַדיציע איז אַט דעם אויפדערנאַכט די מייסטערס צוזאַמען מיט דעם באַלעבאָס, מיט בעלאָאוסאָוון, פאַראַוועז אַ סעודה, — און אַט אויף אַזאַ סעודה האָבן זיך די מייסטערס אָפּגעזאָגט צו טרינקען מיטן באַלעבאָס, און אים צוליב יום־טוב מכבד געווען מיט אַ פאָדערונג פון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אַ נייעם טאַריף, און אַז די וואַרשטאַטן זאָלן אויפרוימען ספּעציעלע רוימערס (אַנשטאַט די שילערס, וואָס פלעגן דאָס טון), — בעלאָאוסאָוו האָט געקרעכצט און געפּראַכט איבער די צוגעגרייטע מאכלים און געטראַנקען, זיך געמאַכט האַרץ און דאָס געוואָלט אָפּ־

פטרן מיט א הלצה, ער האָט אָבער געמוזט איינגיין אויף א צען שעה־דיקן אַרבעטס־טאָג און אויף ספּעציעלע רוימערס און ער האָט אפילו מסכּים. געווען אויסצושרייבן פאַר דעם וואַרשטאַט איינציקע זשורנאַלן.

בשעת מען האָט געהייליקט דעם ניי־רעסטאַווירטן איקאָנאָסטאָס אין דעם פאַלעכער קלויסטער, וואָס בעלאָאוסאָוו האָט אים געמאַכט אויף צעפּיקעניש סאַפּאָנאָוון, פּונקט אין דער שעה פון דער הייליקונג האָבן זיך אויף אַלע פאַלעכער פאַרקאַנעס באַוויזן קאַריקאַטורן, וואָס די פאַלעכער האָבן נאָך פון פריער געהאַט צוגעגרייט, מיט די שרעקלעכע צורות פון בעלאָאוסאָוון, סאַפּאָנאָוון און גובערנאַטאָר לעאָנטיעוו, טאָקע פון דעם זעלבן גובערנאַטאָר, וואָס האָט געהאַט האַרץ־קלאַפּעניש צוליב דער רויטער טאַלקא. פּרינץ דמיטרי בוטאָרין, דער מאַן פון קאַיאַר פון דער פאַרנעפּלטער יוגנט און פלאַמאַנדער, דעמלט נאָך א יאַטל, איז א באַרוועסער אַרומגעלאָפן איבערן דאָרף מיט פּראָקלאַמאַציעס. אין יענער נאַכט, ווען די באַלעבאַטים, דער גובערנאַטאָר, דער קלער און דער פּריסטאַוו האָבן געטרונקען און געהוליעט, האָט אין קאַראַוואַיקאָווער קעלער געאַרבעט א שאַפּיראָגראַף. סאַלאַפּין און לאַפּין האָבן געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס לכבוד דעם קלויסטער־יום־טוב. מיט אָט די פּראָקלאַמאַציעס איז דאָס געלאָפן דער באַרוועסער בוטאָרין. מיכאַיל קאַמאַראָוו האָט אין דער נאַכט, מיט א עמערל פאַרב אין האַנט, געהיט די נאַכט־פינצטערניש. אויף דעם אָקאָרשט געהייליקטן קלויסטער האָט ער אָנגע־שריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „נידער מיט די בלוט־זויגערס, די פּאַ־פּעס!", אויף דעם טויער פון בעלאָאוסאָוס הויז, ווו עס האָט זיך גע־לאָזט ווילגיין דער גובערנאַטאָר און אין איינוועגס אויך אונטער סאַ־פּאָנאָווס באַגילדטע צווייקעפּיקע אָדלערס, האָט ער אָנגעשריבן: „נידער מיט די עקספּלאָאַטאַטאָרן!" אויף דער מאָנאָפּאָל־קראָם האָט ער אָנ־געשריבן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" — די שפּורן פון דער פאַרב, וואָס האָט אַראָפּגעקאַפּעט פון דעם עמערל, האָבן גאַנץ פריי געבראַכט דעם איספּראַווניק גלייך צו קאַמאַראָוון אין שטוב אַריין. מיכאַיל איז אַרעסטירט געוואָרן, די פּאָליציי האָט אים אין טורמע גע־ממיתט ביז ער האָט אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט. מען האָט אים פאַרמשפּט אויף דריי יאָר, ער איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז, און איז געשטאָרבן. אין טורמע האָט ער געמאָלט א בילד, — א פאַר־ווונדעטער אין האַרץ הויבט אויף דעם שלאַבעריק געוואָרענעם קאָפּ אנטקעגן א וואַנדרער, דער וואַנדרער דערלאַנגט דעם פאַרוווּנדעטן

אַ פֿלאַש וואַסער, נעבן דעם וואַנדערער שטייט אַ הכנעדיק איזל, און אַרום איז אַ מדבר. קאַמאַראַוו איז געשטאָרבן פֿון טובערקולאָז. דאָס דאָזיקע בילד הענגט אויף אַ בכבודיקן אָרט ביים פּריינט איוואַן איוואַ־נאָוויטש זובקאָוו.

ביז היינט צו טאָג אַמפּערן זיך די פאַרגאַפּטע מאָלער צי מיכאַיל וואַסיליעוויטש פּרוגזע איז יאָ געקומען צי גישט געקומען קיין פֿאַלעך אויף אַן אונטערערדישער פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג. אייניקע טענהן, אַז ער איז יאָ געקומען. און אַנדערע, אַז ער האָט געזאָלט קומען, נאָר ער האָט נישט באַוויזן. וואָס שייך ווידער דעם חבר גראַטשעוו, דעם סעקרעטאַר פֿון טאַלקער אַרבעטער־ראַט, — איז ער אין פֿאַלעך יאָ געווען.

און איטלעכס מאָל, ווען דאָס כוסעלע פֿאַרציט זיך ביז איבער האַלבע נאַכט און מען כאַפּט אַריין אַ טענצל, דערמאָנענדיק זיך די פֿאַר־גאַפּטע מאָלער אין פינפטן יאָר און ווילן זיך עקשנותדיק פאָרט דער־מאָנען, וווהין האָט זיך פאָרט אַהינגעטון דער אוצר, ווו האָט אים פאָרט באַהאַלטן דער ביבליאָטעקאַר ניקאָלאַי לאַפּין, — אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען זאָל געפֿונען דעם אוצר, אים איבערלייענען, זיך דערמאָנען אין די יונגנט־יאָרן, די מונטערקייט און פרייִדיקע האַרץ־קלאַפּעניש, בשעת מען האָט דאָס ערשטע מאָל געלייענט דעם דאָזיקן אוצר. און אַלעקסאַנדער זובקאָוו האָט שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געפירט אַ טייל פֿון דעם דאָזיקן אוצר פֿון סאַמאַרע:

—...אין ריאַזאַן האָט מען אויפֿן וואָקזאַל רעווידירט דעם באַ־גאַזש. אַז עס איז געקומען צו אונז, האָט דעם באַלעבאָס זון געוויזן די דאָקומענטן, אין וועלכע עס איז געווען געשריבן, אַז מיר פֿאָרן פֿון דעם און דעם דאָרף, ווו מיר האָבן געמאָלט דעם קלויסטער, און אַז אונזער באַגאַזש באַשטייט פֿון פאַרב, גאָלד און הייליקע ביכער. דעם באַלעבאָס זון האָט גאָרנישט חושד געווען, וואָס ער פירט. מען האָט אונז נישט רעווידירט. און די גאַנצע ליטעראַטור האָבן מיר געבראַכט אין אָרדענונג, און ווי נאָר איך בין געקומען האָב איך זי אָפּגעגעבן אין אונזער ביבליאָטעק... אָט ווי עס איז געווען!...

דער באַגאַמאַז און פרעגער אַלעקסאַנדער ניקיטיטש וויצין איז זינט דעם פינפטן יאָר געבליבן אין דער פּאַרטיי, אַלס אומלעגאַלער און איז אויך געזעסן אין טורמע. וואָראָנאָוו האָט אויסגעמיטן פאַלעך, ווייל אין דער פאַלעכער גמינע־קאַנצעלאַריע איז געלעגן אַ „געשריפטס" מען זאָל תּיכּף

ומיר אַרעסטירן און צושטעלן וווהין מען דאַרף דעם אַנטלאָפענעם „קאַטאָרזשאַן". אין זיבעצנטן יאָר האָט ער שוין צוזאַמען מיט פרונזען אָרגאַניזירט די רויטע גוואַרדיע — — —

און הינטער דעם פינפטן יאָר, הינטער פאַלעך, האָט מען אין טויזנטער סאַבאָרן און מאָנאַסטירן, מענערישע און פרויאישע, אין די לאַווורעס, אין טראָאיצע, אין קיעוו, אין ניקאָלאָגאָרי, אין נאָוואָדעוויטשער, מאָסקווער מאָנאַסטיר — „צוליב פרנסה" געמאָלט דריי הונדערט דרייסיק גאָטס־מוטערס און ספּאַסן, גאָט צבאותן און הייליקן גייסט, אַפּאָסטאָלן, הייליקע און הייליקער. עס פאַרשטייט זיך, אַז די איקאָנע־מאָלער האָבן צוזאַמען מיט די מאָנאַכן אויסגעצייכנט געקאָנט די רעליגעזע קיך, און מיט קיין שום זאַך האָט מען זיי נישט געקאָנט איבעראַשן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די איקאָנע־מאָלער האָבן געטרונקען צוזאַמען מיט די מאָנאַכן און זיך פאַמאַקעוועט מיט די כלעריי געטראַנקען און געזאָגט מבינות, וועלכער געטראַנק איז בעסער, און ווערנדיק בגילופן האָט מען אָנגעהויבן „אַפּנהאַרציק" רעדן וועגן גע־שעפט און וועגן „ווייבער". דאָס געשעפט איז ביי די מאָנאַכן די גאָטעסדינסטן, די מופתים, די מאָשטשעס. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז אַ באַגאָמאַז האָט געטרונקען בראָנפן צוזאַמען מיט אַ יעראָמאָנאַך צוליב פאַרשידנאַרטיקייט אין אַ הייליקער הייל, אנשטאַט אַ טיש האָבן זיי אַוועקגעשטעלט די טרומנע מיט די הייליקע מאָשטשעס, און, ווערנדיק בגילופן, האָבן זיי אויפגעמאַכט די טרומנע און דאָרטן חוץ אנדערע זאַכן געפינען פּודעלעך פון שפּראָטן און לידיקע פלעשער, וועלכע זענען זיכער איבערגעלאָזט געוואָרן דורך אַנדערע שיכורים. און די „ווייבער" — אויף דער היימישער פאָלקס־שפּראַך האָט מען די מאָנאַכן נישט גערופן פּאַפּנוטי אָדער וואַראַכיל, נאָר — אָגערס. איידער מען איז אַריינגעגאַנגען צו אַ מאָנאַך אין צעלע אַריין, האָט מען געדאַרפט זאָגן אַ שפּרוך פון אַ תפלה — און קוים האָט דער מאָנאַך פון אינעווייניק נישט געענטפערט „אמן!" — האָט מען צו אים נישט געטאָרט אַריינגיין: אָדער ער איז אַ שיכור, אָדער ער איז מיט אַ „באַבע". די מאָנאַכישע פרויען האָבן געוווינט נישט ווייט פון דעם מאָנאַסטיר. די סוהרטעס און באַלעבאַטישע ווייבער פלעגן קומען צופאָרן אין מאָנאַסטיר הנאה צו האָבן פון גאָט און פון דעם מאָנאַך. אייניקע האָט מען פאַרפירט „אין גאָטס נאָמען", אייניקע פאַרנאַרט צו זיך אין די צעלעס — און פיל האָט מען פשוט פאַרגוואַלטיקט. אין פאַלעך איז

געווען אַ מייסטער שישקין, איוואַן דמיטריעוויטש, אַ זעלטענער אי־
קאָנע־מאָלער; מען האָט אים אַנגאַזשירט אין דער טראָיצע ־ סערגיעוו־
סקער לאַווּרע אין די לאַוורישע איקאָנע וואַרשטאַטן אַלס מייסטער און
לערער; ער איז אַריבערגעפאָרן אין דער לאַוורע צוזאַמען מיט דער פאַ־
מיליע; זיין ניין־יאָריק מיידעלע איז איינמאָל געגאַנגען אין דער לאַוורע־
בעקעריי נאָך ברויט און די מאָנאַכן האָבן זי פאַרגוואַלטיקט. די מאָ־
נאַכן פלעגן שפּילן אין אַזעלכע שפּילן, וואָס מען קאָן גאָר אויף דעם
פּאַפּיר נישט ברענגען. פון שיכּרות, פון זאַטקייט, פון ליידיקגיין,
פלעגן זיי זיך איבערטון אין די צעלעס אין ווייבערישע מאַיטקעס און
שפּילן די ראָל פון „קאָקאָטקעס”. די פרויען־מנישקעס פלעגט מען
רופן „גאָטס חזירמלעך”. דער גורל פון דער פרוי איז אפילו לויט די
דעמלטיקע טראַדיציעס אין מאָנאַסטיר אויך געווען שווערער און ביטע־
רער, ווי דער מענערישער — אויב דאָס רוב מאָנאַכן זענען געגאַנגען
אין מאָנאַסטיר אַריין אויף אומזיסטע קעסט מחמת פוילקייט, מחמת
שלים־מזלדיקייט און מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט, — אַלנפאַלס זענען
זיי אַליין געגאַנגען און קיינער האָט זיי דערצו נישט גענויט, — זענען
כּמעט אַלע פרויען געוואָרן פאַרשיקט אין די מאָנאַסטירן דורך אַנדערע
מענטשן, מחמת דעם, וואָס דער פאָטער האָט אַ נדר געטון, מחמת דעם,
וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן די געזעלשאַפט, מחמת פיין אוןליידן,
וואָס אַנדערע האָבן זיי פאַרשאַפט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט מען,
ווי מען האָט מיר אין פאַלעך דערציילט, די מנישקעס געמוזט מאַנס
זיין. די איקאָנע־מאָלערס האָבן זיך פאַרליבט אין די יונגע מנישקעס,
די יונגע מנישקעס האָבן זיך פאַרליבט אין די איקאָנע־מאָלערס. דורך
די זקנות פלעגן זיי אַריבערשיקן מתנות פאַר די איקאָנע־מאָלערס ביי־
טעלעך פון קאַרעלן, סערוועטקעלעך, טאַבאַק־זעקעלעך און צעטעלעך.
דורך די זעלבע זקנות פלעגן די איקאָנע־מאָלערס זיי צוריקשיקן ליידער
מיט אויסגעמאָלטע פרויען־קעפּלעך און זיך געבעטן רחמים זיי זאָלן
זיך זען מיט זיי, כאָטש אויף אַ מינוטקעלע קומען אויף דעם צמענטער
אָדער אין וועלדל, זיי זאָלן כאָטש איין רגעלע קענען זעטיקן זייער אויג.
און קוים איז אַ מנישקע געקומען אין וואַלד אַריין אויף אַ ראַנדקע,
האָט מען זי געדאַרפט מאַנס זיין, — „פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן
אַ נדר געטון צו זיין גאָטס ־ כּלה און קיינמאָל מיט ווערטער נישט
מסכּים זיין, און אָן ווערטער זענען זיי זייער צופרידן”. די מנישקעס
האָבן געשמעקט מיט ווייראַך, די מנישקעס פלעגן קומען
אין וועלדל, — און דאָס צווייטע, דאָס דריטע מאָל האָבן

די איקאָנע־מאָלערישע נעזער פּעסטגעשטעלט, אַז צו דעם ווייזוך־ריח איז נאָך צוגעקומען דער ריח פון אָדעקאָלאָן, — די איקאָנע־מאָלערס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דעם זעלביקן ריח האָט מען געבראַכט פון זייערע וועגן. די איקאָנע־מאָלערס האָבן נישט פאַרשטאַנען די פּאַרקריפּלטקייט פון דעם מענטשנס געפּאַלנקייט!...

אין פּאַלעך האָט געוווינט אַ איקאָנע־מאָלער שישקין, איוואַן דמיטריעוויטש, אַ זעלטענער מייסטער; מען האָט אים אַנגאַזשירט אין די טראָיצע־סערגייעווסקער לאַווּרע וואַרשטאַטן פון איקאָנע־מאָלעריי; מען האָט ביי אים מאַנס געווען אַ מיידעלע; עס זענען געווען עדות; ער האָט זיך געמישפּעט מיט די מאָנאַכן און מיט דער לאַווּרע, — און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר דער שולדיקער, די גאַנצע יע־ראַרכיע האָט אים פאַרמשפּט און אַרויסגעטריבן פון דער לאַווּרע אויף שאַנד און הונגער. וועגן דעם האָבן די איקאָנע־מאָלער אויסגעצייכנט גוט געוווּסט. פונדעסטוועגן ווייזט זיך אַרויס, איז אין דער קיעווער־פּעטשערסקער לאַווּרע געווען, חוץ היילן מיט מאַשטשעס, וואָס זענען געווען צוטריטלעך פאַר די באַזוכער, און חוץ די טאַנץ־היילן אויך אַן עקזעקוציע הייל; אין דער דאָזיקער הייל האָט מען געפּייניקט די ווי־דערשפּעניקע, צווישן זיי אויך מאָנאַכן, צווישן זיי אויך פרויען, צווישן זיי אויך קינדער, זיי געפּייניקט אויף כלערליי מיטלאַלטערלעכע אופנים, געברענט די נעגל, געטריפט וואַסער אויפן קאָפּ, געדרייט אויף אַ ראָד וכהנה; אייניקע זענען יאָרנלאַנג אָפּגעזעסן צוגעשמידט צו אַ קייט אין אָט דער הייל; און צוגעשמידטע דאָרטן געשטאָרבן; דער באָדן פון די ביי־דניעפּר בערג, אין וועלכע עס געפינען זיך אָט די היילן, האָט אַן אייגנשאַפט צו מומיעזירן מענטשלעכע קערפּערס, צו דער דאָזיקער עקזעקוציע־הייל זענען אָבער חוצדעם אויך געווען צוגעשטעלט ספּעציאַ־ליסטן אויף צו מאַכן מומיעס; אין דער דאָזיקער הייל האָט מען מומיע־זירט די קערפּערס פון יענע מענער און פרויען, וועלכע זענען טאַקע אין אָט דער הייל פאַרפּייניקט געוואָרן: די מומיעס זענען געווען באַ־שטימט אויף מאַשטשעס. די איקאָנע־מאָלער האָבן וועגן דעם אויסגע־צייכנט גוט געוווּסט!... זייער מלאכה איז געווען אַ קלויסטער, אַ מאָ־נאַסטיר־מלאכה.

זייער מלאכה איז דורך די אַמעראַצישע סאַפּאַנאַוועס, דורך דעם געלערנטן קאָנדאַקאָוון און געלערנטן זאַבעלין, אַריינגעדרונגען צו די זיילן פון דער אימפּעריע.

זייער מלאכה האָט געלערנט וואַסנעצאָוון און נעסטעראָוון.

דאָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין שייכות מיט די איקאָנע־מאָלער, זיי זענען געווען נאָכמענלאָז. די איקאָנע מאָלער האָבן געוווסט, אַז סאַ־פּאָנאָוו, די לאַוורעס, די אימפּעריע, זענען איינס און דאָס זעלביקע, זיילן, מיט וועלכע מען טאָר זיך נישט משפּטן, ווי עס האָט זיך געמישפּט איוואַן דמיטריעוויטש שישקין, פון וועלכע מען דאַרף באַהאַלטן די אוצרות, פּונקט אַזוי ווי עס האָט באַהאַלטן דעם ביבליאָטעק אוצר, דעם אוצר פון פינפטן יאָר, דער חבר לאַפּין.

עפּיגראַף:

„...און קאַפּאַבלאַנקאַ קאָן זיכער מער שאַכמאַט־כללים פון אַ יינגן שאַכמאַטיסט, — אי צוליב דעם, ער זאָל זיך קענען באַנוצן מיט זיי, אי צוליב דעם, כדי זיי צוצעשטערן..."

אַמאָל האָט מען אין פּאַלעך געטרונקען, געטרונקען אכזריותדיק און ווילד, ווי עס האָבן נאָר געקענט טרינקען רוסן און רוסישע כאַלופּ־ניקעס. אין פּאַלעך האָט מען אָבער געטרונקען מער, ווי אין טולע, ווייל די פּאַלעכער זענען געווען פּאַרסאַמט דורך דער „פּאַרבן - שפּיל" און האָבן נישט געגלויבט נישט אין גאָט, נישט אין טייוול, נישט אין מזל, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. דאָס איז געווען אַ בייזע שיכּרות. אין פּאַלעך איז אַפילו ארומגעגאַנגען אַ שפּריכוואָרט: „אַז וועסט אַרבעטן, וועסטו פאַרזאַמען זיך אָנצושיכּורן".

דער אומדערמידלעכער און פּאַרגאַפטער גאָליקאָוו האָט געשריבן אין דער „פּאַלעכער טריבונע":

„אונזערע טאַטעס, זיידעס און עלטער זיידעס האָבן דאָס גאַנצע לעבן געמאָלט איקאָנעס און מיט זייערע מאָלערייען באַצירט די קלויסטערס. די פּענזלען און די פאַרבן זענען אי־בערגעגאַנגען פון דור צו דור. די איקאָנע־מאָלעריי איז פאַר דער מערהייט פון אונז געווען, ווי מען זאָגט, דאָס טרוקן שטיקל ברויט. דאָס אַרבעטן אויף באַשטעלונג האָט באַגרענעצט אונזערע קינסטלערישע אַספּיראַציעס. אין משך פון אַ גאַנץ לעבן האָט מען געמוזט מאָלן איין און דעם זעלביקן „ניקאָלאַי דעם בעל־מופת". אריינלייגן אין דעם געזיכט פון דעם הייליקן עפּעס וואָס אייגנס, — האָט מען באַטראַכט פאַר גאָטס לעסטערונג. די אַרבעט איז רעדוצירט געוואָרן ביז אַ טראַפּאַ־רעט, אָן שום קינסטלערישער איניציאַטיוו. אמת, צווישן אונז זענען געווען אַזעלכע, וועמען די פאַרבן - שפּיל האָט

אַרויסגעפּירט איבער די גרענעצן פון איקאָנעס און קלויס־טערס. אַט די באַגייסטערטע קינסטלער האָט מען געהאַלטן פאַר שלים־מזלס. זייענדיק פאַרביטערט צוליב זייער אומפעיקייט און ווערנדיק פון קיינעם נישט געשטיצט, האָבן זיי זייער ביטערע מערכה געפירט פאַרגיסן מיט בראַנפן און זיי זענען געוואָרן שיכורים...״

אַזאַ מין שיכּרות איז שוין נישטאָ מער אין פּאַלעך.

אין דער צייט פון די אַדלערס פון דעם „דור־דורותדיקן ערנבירגער און הויף ליפעראַנט פון זיין מאַיעסטעט״, אין דער צייט פון סאַפּאָנאָוון, דעם געוועזענעם פּעדאַלן בורמיסטער ביים פריץ בוטורלין, אין דער צייט פון די זיילן פון דער אימפעריע זענען די האַלב־געטלעכע האַלב־פּראָלעטאַריער, אָדער געוואָרן שיכּורים, אָדער ווערנדיק פאַרכאַפּט דורך דער פאַרבן־שפּיל, האָבן זיי אַנגעהויבן טרוימען וועגן מאַכן אַ קאַריערע, ווי סאַפּאָנאָוו, רייך ווערן און ווערן אַליין אַ באַלעבאָס, — אַט אַזוי זענען אַנטשטאַנען, אַרויפגעשוומען, ווי מען פלעגט דעמאָלט זאָגן, די קאָראָווייקאָווס, די פּאַרילאָווס, די סאָלאָאוטינס. אָבער די אַמעראַצישע סאַפּאָנאָווס, וועלכע האָבן גאָר נישט אַמעראַצעסדיק געהאַלטן זייערע קאַפּיטאַלן אין ליאָנער קרעדיט, און אין לאָנדאָן־סיטי־באַנק, האָבן געקאָנט די מלאכה צו געבן אַט די, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ, ווי עס באַדאַרף צו זיין איבערן קאָפּ, אַז זיי זאָלן ווידער ווערן גאָרנישט מיט נישט, נעלמים, און דערנאָך זיך נעמען צום בראָנפן.

און די רוסישע געשיכטע איז געקומען אין זיבעצנטן יאָר.

דער פאַרגאַפּטער גאָליקאָוו האָט געשריבן אין דער „פּאַלעכער טריבונע״:

„...מיר, קינסטלער איקאָנע־מאָלער, האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע... זייער פיל האָבן אַ מאָך געטון מיט דער האַנט אויף דעם קינסטלער־פאַך און געהאַלטן, אַז ער איז שוין עליו השלום אויף אייביק. איך האָב אָבער נישט געגלויבט אין דעם און אָפט געטראַכט: „צי קאָנען מיר־טאַקע, מיר מיט אונזערע פּענזעלעך און פאַרבן, נישט זיין נוצלעך פאַר דער אַרבעטער־מאַכט?״ און אַט האָב איך מיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן, זיך צוקוקן. די ראַטן־מאַכט ענדערט זייער אַ סך זאַכן. די בורזשויען זעצט זי איין אין טורמעס, זייער פאַר־

מעגן קאָנפיסקירט זי, און די קינסטלער־מוזייען טשעפּעט זי נישט. און דאָ זע איך נאָך, אַז עס באַווייזן זיך נייע פּלאַקאַטן און בילדער. בין איך געקומען צום אויספיר, אַז די קונסט איז ביי דער אַרבעטער מאַכט אַ בכבודיקע זאַך. אָבער ווו עס איז אונזער אָרט אין דער רעוואָלוציע, האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פעסטשטעלן"...

גאָליקאָוו האָט געמאָלט דעקאָראַציעס און שויע און קינעשמע. באַקאַנאָוו, די זובקאָווס, זינאָוויעוו, — האָבן געאַקערט ערד, בוטאָרין איז געווען פּאָרזיצער פון אָרעמשאַפט־קאָמיטעט און פאַר קאַרטאָפל געמאָלט פּאָרטרעטן אין די אַרומיקע דערפער. טשעקורין איז געוואָרן אַ טשעסלער און האָט געמאָלט פּאָרטרעטן. וואַטאַגין האָט געדינט אַלס אָפּ־וועגער אויף דער פערמער אייזנבאַן־ליניע. אַלעקסאַנדער זובקאָוו איז געווען אין דער עסטרייכישער געפאַנגענשאַפט. גאָליקאָוו איז געווען אין דער רויטער גוואַרדיע און אַרמיי. אין דער אימפּעראַטאָרישער אַרמיי זענען אַלע געווען.

און קיינער קאָן זיך גאָרנישט דערמאָנען, צי דאָס איז געווען אין דעצעמבער ניינצן הונדערט צוויי און צוואַנציק, צי אין יאַנואַר ניינצן הונדערט דריי און צוואַנציק, ווען דער פאַרגאַפּטער גאָליקאָוו האָט אין מאָסקווע, זוכנדיק אַרבעט, דערזען אין דעם כאַלופּניקעס - מוזיי די פּע־דאָסקינער לאַקירן, די מאָלערייען אויף פּאַפּיע־מאַשע, אויף קעסטלעך.

„האָט זיך אָנגעקלאַמערט מיין געדאַנק אין די אָ פּודעלעך.

און איך קלער מיר — אָט ווען אונזערע פּאַלעכער, וואָלטן גע־קענט מאַכן אַזעלכע זאַכעלעך, אַלע וואָלטן געווען זאַט און אויפגעהערט צו זיפצן און צו קרעכצן! — האָבן מיר, איך מיט מיין חבר, אויפגעזוכט דעם מוזיי - פאַרוואַלטער און פאַר־פירט מיט אים אַ שמועס וועגן רוי־מאַטעריאַל אויף אַ פּראָבע. ווען ער האָט זיך אָבער דערוווסט, אַז מיר זענען געוועזענע באָגאָמאַזן, האָט ער מיט אונז אפילו נישט געוואָלט רעדן!"

גאָליקאָווס פריינט האָט געהאַט אַ פאָטאָגראַפיש וואַנעלע פון פּאַפּיע־מאַשע. גאָליקאָוו האָט אָפּגעשניטן די קאַנטן פון אָט דעם וואַנעלע און אויף דעם דעקל אויסגעמאָלט מיט גאָלד און זילבער פאַרשידענע חיות און פייגל. גאָליקאָוו האָט אַוועקגעטראָגן אָט דאָס דעקל אין מוזיי אַריין, אָט אין דעם מוזיי, וואָס געפינט זיך אין מאָסקווע אויף לעאָנטיעווסקע געסל. גאָליקאָווס מייסטערשאַפט האָט אַראָפּגעשיינט פון דעם דעקל פון

דעם פאָטאָגראַפישן וואַנעלע — מיט מייסטערשאַפט, מיט שיינקייט, מיט קענטעניש. דאָס דאָזיקע דעקל ווערט איצט געהיט אין מוזיי, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דאָס דאָזיקע דעקל איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם פּאַלעכער קינסטלער־אַרטעל, וועמעס פינף מיטגלידער, און גאָליקאָוו בתוכם, טראָגן דעם טיטול פון פאַרדינסטפולע קונסט־טוער פון ראַטנ־פאַרבאַנד. דאָס דאָזיקע דעקל האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם פּאַ־לעכער מוזיי, וווּ עס הענגען די לויב־שיינען און באַשטעטיקונגען וועגן גאָלדענע מעדאַלן פון דעם גאַנצן ערד ־ קיילעך. דאָס דאָזיקע דעקל האָט דעם דרייצנטן מערץ נייַנצן הונדערט דריי און דרייסיק געבראַכט אויף דער וועלט דעם צען־יאָריקן יובילײ פון דער פּאַלעכער קונסט. וואָרום די פּאַלעכער האָבן אין דער ווירקלעכקייט אין אָט די צען יאָר פון דער רעוואָלוציע פון זיבעצנטן יאָר אויפגעטון פיל מער פאַר דער קונסט, ווי אין משך פון דריי יאָרהונדערטער זינט דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט.

אין די טעג פון דעם פּאַלעכער יובילײ האָט מען אין מאָסקווע נישט געקאָנט קריגן קיין בילעט קיין איוואַנאָוואָ און קיין שויע. די וואַגאָנעס פון די צוגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קונסט ־ קלובן. אויף די וואָקזאַלן אין איוואַנאָוואָ און שויע זענען געהאָנגען פּלאַקאַטן, וועלכע האָבן באַגריסט די דעלעגאַטן, ביי די וואָקזאַלן האָבן געוואַרט אויטאָ־מאָבילן און אויטאָבוסן, וועלכע זענען געפאָרן איבער דעם שאָסיי, וואָס מען האָט ספּעציעל געבויט פאַר פּאַלעך, — קיין פּאַלעך, וואָס איז לכבוד דעם יובילײ געוואָרן אַ ראַיאָן־צענטער. אין דעם שטאָט־דאָרף זענען אַראָפּגעקומען עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן, דער טעלעגראַף האָט געבראַכט עטלעכע הונדערט באַגריסונגען. די פייערלעכע זיצונג האָט געעפנט דער פּאָלקס ־ קאָמיסאַר בובנאָוו. עס איז געווען אַ העל בלויער זוניקער און שנייאיקער טאָג פון אויסערגעוויינלעכער פּאָלקס־שמחה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פּראַקטיקן טאָג גלייך און געדויערט צוויי מעת־לעת, און צוויי מעת לעת דורכאַנאַנד האָבן זיך מענטשן נישט געלייגט שלאָפן. חוץ די צוגעפאָרענע געסט מיט דער באַן, זענען אויף דעם יום־טוב געקומען אויף שליטנס און צופוס די אַרומיקע דערפער. פון גאַנץ פרי אָן זענען איבער דעם דאָרף געפלויגן דריי אַעראָפּלאַנען, וועל־כע האָבן צום אָנהויב פונאַנדערגעוואָרפן דעם ערשטן נומער פון דער „פּאַלעכער טריבונע", און דערנאָך אויפגעהויבן אין דער לופטן די באַ־רימטע פּאַלעכער. אין דאָרף האָבן געשפּילט בלאָז־אָרקעסטערס. בשעת די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער דער סלאָבאָדע, וועלכע

מען האָט אין יענעם טאָג אַ נאָמען געגעבן גאַליקאָוו־גאַס, זענען די אַרומיקע שיערס איינגעפאַלן מחמת דער שווערער משא פון הונדערטער פיס פון קינד און קייט. די קאַרוסעלן האָבן אומזיסט געהוידעט די קינדער. די סטראַנאַנעס האָבן געטיילט ביכער און נאַשעריי. אויפן פּלאַץ אונטער די אַעראָפּלאַנען זענען פאַרגעקומען פערד־געיעגן, און דער עולם האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון די פערד פון דער מאַיראָקאָווער סאָלווירטישער פערד־פּערמע. די רעגירונג האָט באַגריסט די יובילאַרן און מודיע געווען, אַז עס זענען אַסיגנירט געוואָרן הונדערט טויזנט רובל אויף דער אָרגאַניזאַציע פון אַ טעכניקום. די געגנט־רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז אויב ערשט מיט אַ חודש צוריק איז פאַלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ ראַיאָן־דאָרף אין אַ ראַיאָן־צענטער, אויב ביז פאַראַיאָרן הארבסט האָט מען קיין פאַלעך געקאָנט פאָרן נאָר מיט אַן אַלטפּרענקישן וואָגן, — וועט אין צוויי יאָר אַרום פאַלעך זיין אַן אמתע סאָציאַליסטישע שטאָט. דער גאַנצער יום־טוב און די פייערלעכע זיצונג איז טראַנסמיטירט דורך דעם מאָסקווער ראַדיאָ איבער דער גאַנצער וועלט. און עס איז געווען אַ באַל גלייכצייטיק אין צוויי הייזער, ווו דאָס בוסעלע האָט זיך צוגויפגעמישט אי מיט אויסלענדישע וויינען אי מיטן דזשאַז, וואָס מען האָט צום ערשטן מאָל געהערט אין פאַלעך.

צוויי מעת־לעת כסדר האָט דאָס פאַרגאַפּטע דאָרף פאַלעך קיין אויג נישט צוגעטון!...

אַ גאַנצן טאָג זענען אַנדריי סערגייעוויטש בובנאָוו, איוואַן פּעטראָוויטש נאָסאָוו און סערגיי פּעטראָוויטש אַגייעוו געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געווען ביי אַלע מאָלער, און די מאָלער האָבן זיי מכבד געווען מיט גאַלאַרעטקעס, מיט געזייערטע שוואָמען, מיט טיי, פּיראָגעס און איינגעמאַכטס.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער שטענדיק אומדערמידלעכער און פאַרגאַפּטער גאָליקאָוו, אַרומגערינגלט מיט ווייב און קינדער, געהאַלטן אין איין רעדן. זיינע שוואַרצע, פאַרחידושטע אויגן זענען אַרומגעלאָפן איבער די באַלקנס און אונטער די טישן, זענען געבליבן שטעקן אין די מוראַדיקע וואָנסן, זיך אָנגעפילט מיט נאַאיוויקייט און געהיימנישפולקייט, — דער אָטעם האָט געשטערט די ווערטער, די ווערטער האָבן צוגעהאָלפן די אויגן און די הענט, — און ער האָט גערעדט און קיינעם נישט געהערט:

— דער גאָניאַלער פּושקין און, געוויינלעך, דער גאָניאַלער גאָלי־

קאָוו... גאַליקאָוו, דאָס הייסט איך, הגם מען רופט מיך פּריס, בין איך אַזוי ווי אַ ריאַבּינקע אין פעלד. אין האַרבסט איז די ריאַבּינקע רויט, די בלעטער זענען געל געוואָרן און אין דעם גאַנצן וואַלד איז אַ רחבות און אַ שטילקייט פּונקט אַזוי ווי ביי דעם געניאַלן פּושקינען. געוויס איז נע־קראַסאָוו אויך געניאַל. גאַליקאָוו, דאָס הייסט איך, נעמט אַ בוקעט פעלד־בלומען, קוקט אויף אים און מאָלט זיינע שלאַכטן, דעריבער זענען די פערד ביי גאַליקאָוון רויטע, ווי נעגעלעך, אָדער אַזוי ווי קאָרנבלומען, — און עס באַקומט זיך אַ בוקעט פון דעם לעבן... און קינדער האָט גאַליקאָוו זיבן און אין גאַנצן הויז איז אפילו נישטאָ קיין איין בעט, און איך, דאָס הייסט גאַליקאָוו, בין אַזוי ווי אַ ריאַבּינקע אין פעלד!...

פון דעם יובּיליי איז אין פאַלעך געבליבן דער מוזיי פון פאַלעכער אַרבעטן. מיט רויטן אימפּעט טראָגן זיך איבער דעם מוזיי די העלבלויע און רויטע גאַליקאָווישע פערד. די געגנט־רעגירונג האָט גאַליקאָוון געגעבן ניין בעטן און די אַנטשפּרעכנדיקע צאָל קאָלדרעס, ליילעכער, האַנטעכער, טישן און שטולן, — גאַליקאָווס כאַטע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל פון אַן אומגעוויינטלעכן אויסזען. די געגנט־רעגירונג האָט ערב דעם יובּיליי געשיקט קיין פאַלעך נאָך גאַליקאָוון אַן אויטאָ, כּדי צו ברענגען גאַליקאָוון קיין איוואַנאָוואָ צום שניידער, אַז גאַליקאָוו זאָל האָבן אַ נייעם אַנצוג; אַז דער אויטאָ איז צום צווייטן מאָל געקומען נאָך גאַליקאָוון, ער זאָל פאָרן מעסטן, איז גאַליקאָוו נישט געפאָרן, דער־קלערנדיק, אַז „מען זאָל, הייסט עס, נעמען אַן אַנדערן און אויף אים פּאַסן, און איך האָב קיין צייט נישט, איך בין פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים״... דעם אַנצוג האָט מען פונדעסטוועגן אויפגענייט — און גאַלי־קאָוו האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ פּאָר געשמירטע שטיוול צו אים. שטענדיק וועט איר טרעפן נעבן גאַליקאָוון זיין פרוי. אַלעמאָל איז גאַליקאָוו מיט זיינע קינדער. אין קיין שום רעדע פאַרגעסט ער נישט אין זיי, אין זיין פרוי און קינדער, — אַ זעלטענער פאַמיליע־מענטש. אַז גאַליקאָוו אַרבעט, אַרבעט ער מעת־לעתן דורכאַנאַנד. אַז גאַליקאָוו באַקומט צוקער פון דער־אַרטעל קראָם, שיט ער נישט אין די גלעזער, ער קאָן זיך נישט אַריינ־לאָזן אין קליינינקייטן, נאָר ער שיט אים אַן גלייך אין סאַמאָוואַר אַריין און טרינקט טיי צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע. זיבן מאָל האָט די געזעלשאַפט געקויפט פאַר גאַליקאָוון אַ קו, און זיבן מאָל האָט זיך אויסגעלאָזט איינס און דאָס זעלבע, נעמלעך: אַז די קו איז דערעסן גע־

ווארן גאַליקאָוו און זיין פרוי, האָט ער געקווילעט די קו, און זיבן טעג דורכאַנאַנד איז געגאַנגען א רויך פון גאַליקאָווס קוימען, ווארום די גאַליקאָווס האָבן געגעסן דאָס פלייש. גאַליקאָוו האָט אַזוי געשריבן וועגן זיך:

„...הוליאַנקע, קאַראַהאָד, טאַנץ. די ווירטואָזקייט בשעתן טאַנץ פון א יונג אָדער א מויד. ערגעץ ווייט־ווייט א האַרמאָשקע. איך זאַפּ אין זיך איין די אָפּהילכן: וואָס פּאַ־א שטימונג. דאָס ארויסטרייבן די בהמות — אינדערפרי, אין־אווונט, דעם פּאַסטוכס שפּילן אויפן האָרן. דער מאַרל. פיש־פאַנג. א שיכּורע קאָמפּאַניע, איך אין איר. פון שטימונג קייקלען זיך טרערן. קינדער שפּילן. די אָרעמקייט פון אמתע אָרעמעלייט, אָדער נישט פון די, וואָס מאַכן זיך. ווינטער אָוונט, ווען דאָס ווייב זינגט. דערהויפּט א סך טראַיקעס*). איך האָב ליב צו מאָלן וווילערישע „טראַיקעס". איך הויב אפילו אָן צו צייכענען א געמעל, ווען דאָס ווייב זינגט: אָט טראָגט זיך א טראַיקע א וווילערישע איבערן וועג, דעם גלאַטן. איך האָב זייער פיל געמאָלט שלאַכטן, ווייל איך אַליין האָב זיך באַטייליקט אין שלאַכטן, און, זעענדיק קאַוואַלעריע־אַטאַקעס און שלאַכטן, שריפות פון שטעט, דעם גרויל פון די היימלאָזע, פון קינדער, פון זקנים — האָב איך אַלץ געמאָלט".

דער פאַרחידושטער גאַליקאָוו, איז, געוויינלעך, א חידושלעכער. אין כּוזיי איז אונטער די גלעזערנע שויבן צונויפגעזאַמלט זיין „וואָרט וועגן איגאָרס פולק" — פערד און שלאַכטן. פון וואַנעט נעמט זיך דאָס צו א מענטשן אַזא אימפּעטיקע ענערגיע פון פאַרבן און ענערגיע פון באַוועגונג? — זאָל זיין אַז פון דער איקאָנע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט זענען געבליבן די „בערגעלעך", די „לופטיקייט" און די „פּאַלאַץ־מאָלעריי", פון יאַראָסלאַוונאַס קלאָג ליד, — איז דאָס דאָך מאַטיסעס א ברודער!... אָבער ווי אַזוי האָט דאָ גאַליקאָוו אונטערגעקוקט מיקל אַנדזשעלאָן? — און דאָ איז דאָך אויך פאַראַן ראַפאַעל? — אָבער ווי קומט אַהער א קאָפּיע „ניוואַ"**), וואָס גאַליקאָוו האָט דאָס איבערגע־

---

*) דריי־געשפּאַן. שטאַרק פּאָפּולער ביי די רוסן. באַמ. פון איב.

**) א פּאָפּולערער ריין־אילוסטרירטער רוסישער וואָכנבלאַט. באַמ. פון איב.

מאָלט מיט פאַרבן ביז געניאַלישקייט!? — צי איז דאָ דען אומבאַדינגט נויטיק דאָס געזעץ וועגן פּלאַגיאַט? — דער סיוזשעט איז שטענדיק ביי עמעצן גענומען אָדער, אפשר, איז דאָס בלויז אַזאַ טראַדיציע פון העפלעכ־קייט און בילדונג — אַ פאַרזיכערונג, אַז דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן לויט פושקינען, לויט באַיאַנען אָדער לויטן ליד? — דאָס איז אַן אויס־ערגעוויינלעכער קאָנסערוואַטיזם, אַזאַ אויסערגעוויינלעכער, אַז צוליב זיך אַליין, ד. ה. צוליב דעם קאָנסערוואַטיזם, צעשטערט ער אַלע געזעצן? ניין, געווים איז דאָס נישט רובלעוו, נישט אַנדזשעלאָ, און ווער שמועסט נאָך ראַפּאַעל, און מאַטיס אַוודאי און אַוודאי נישט. דאָס איז גאַליקאָוו, וועלכער איז אַליין פאַר זיך, וועלכער האָט אַליין פאַר זיך געשריבן די געזעצן. ס'אַרא ערנסטע און זאַכלעכע פיזיאָנאָמיעס זענען דאָס ביי גאַ־ליקאָווס פערד!...

עפּיגראַף:

„...און דער אַקטיאָר, וואָס קרייט ווי אַ האָן רופט אַרויס התפעלות ביי די קינדער, אָבער, אַז די קינדער דערוויסן זיך, אַז קרייען קרייט נישט דער אַקטיאָר, נאָר דער אמתער האָן ביים אַקטיאָר אונטערן טיש — ווילן די קינדער פיינט באַקומען דעם אַקטיאָר, ווייל דער אַקטיאָר האָט אָפּגענאַרט די קונסט"...

גאַליקאָוו איז אָבער נישט קיין אַקאַדעמיקער ,און קיין לערער אוודאי נישט. ווען מען זאָל גאַליקאָוון צעגלידערן אויף עלעמענטן, וועט די „ניוואַ" פאַרשטעלן אי רובלעוון, אי ראַפּאַעלן. און אין פאַלעכער מוזיי איז פאַראַן אַן אַקאַדעמיקער, בעסער געזאָגט, אַן אַקאַדעמיסט — פּאַוועל ילוואָוויטש פאַרילאָוו; ביי פאַרילאָוון איז גאָרנישט נישט געבליבן פון דער רוסישער איקאָנע, עס איז ביי אים אַפילו נישטאָ דער סקאַר־באָווער נוסח; ער איז אַ „פּריאַזשער"; ער מאָלט לערמאָנטאָוום דעמאָן; און ער איז אַ ברודער פון די אַקאַדעמיקער יעגאָראָוו און מאָלער; ער איז אינגאַנצן רעאַל, אָט אַזוי ווי עס האָבן דעם רעאַליזם פאַרשטאַנען די אַקאַדעמיסטן; די געזעצן פון איבערנעמען זענען אים באַקאַנט, נאָר ער מיידט זיי אויס; די עלעמענטן פון דער מאָלעריי האָט ער שטודירט; און פאַרילאָוו איז אָלעאָגראַפיש, ער דערמאָנט — נישט פאַלעך, נאָר לוקוטינען, אויסער מאָלערן און יעגאָראָוון.

אין פאַלעכער מוזיי גייען די שפּירונגען פון די צוגרווינטן פון יאָר־

הונדערטן און זייער אימפּעט, און קענטעניש, און באַגייסטערן זיך מיט טאַלענטן, בשום אופן נישט בלויז פון איוואַן גאַליקאָוון. דער פאַרדינסטפולער באַקאַנאָוו, זינאָוויעוו, וואַטאַגין — זענען די ענציקלאָפּעדיסטן, די היטער פון פּאַלעכער „סטיל" און טראַדיציעס פון רובלעוון. פּריאַזינען, אושאַקאָוון און טשירינען, די קענער פון די גרעניצן פון דער רוסישער איקאָנע־מאָלעריי זינט ביזאַנץ; באַקאַנאָוו און וואַטאַגין מאָלן אַ „דעמאָנסטראַציע"; באַקאַנאָ מאָלט „די אינדוסטריאַליזאַציע פון דער דאָרפס־ווירטשאַפט". וואַטאַגין מאָלט דאָס באַגעגענען די טשעליוסקינצעס אין וולאַדיוואָסטאָק; און זינאָוויעוו מאָלט „די געשיכטע פון דער ערד" פונם קאָסמאָס, פונם מאָמאַנט ביז היינט צו טאָג, ער מאָלט דעם מאָסקווער האַפן; און איבער די לאַקירן פון אָט די ענציקלאָפּעדיסטן איז דורכגעגאַנגען די איקאָנע־מאָלערישע קענטעניש פון עלפטן יאָרהונדערט, פון אַנדריי און ווסעוואָלאָד באָגאָלובסקיס צייטן אָן. באַקאַנאָוו פּאַראַיניקט די „פּריאַזשער" מאָלעריי מיט די נאָווגאָראָדער. דער פאַרדינסטפולער וואַקוראָוו האָט אין זיך פאַראייניקט דעם פופצנטן איקאָנע־מאָלערישן יאָרהונדערט מיט ווּרובעלן. אָבער ווּרובעל, און מיקל אַנדזשעלאָ, און די פּערסן — זענען ביי אַריסטאַרך דידיקענען אַלצאיינס, צי פון ביזאַנץ קיין פּערסיע, צו פון פּערסיע דורך ביזאַנץ קיין ראַסיי, — אָבער פּערסן זענען אין פּאַלעכער מוזיי פאַראַן זייער פיל, און דער פאַרדינסטפולער קאָטוכין האָט פלוצים אין פּאַלעך רעסטאַווּרירט און מחיה מתים געווען די מיטלאַלטערישע פּערסישע מיניאַטור — דעם זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט. און כאַזאָוו איז אַ גרעסערער פּערס פון קאָטוכינען. און הינטער פּערסיע — צענטראַל־אַזיע, אינדיע, כינע, יאָרהונדערטן. אָבער אין דעם זעלבן מוזיי איז דער פאַרדינסטפולער מאַרקיטשעוו — אי פּערוודזשינאָ, אי דער גאָר יונגער ראַפאַעל, ביז אַטען. און טאַקע דאָ געפינט זיך ווידער דער רויטלעך־ברוינלעכער, טרוקענער, פלאַמאַנדער בוטאָרין. און דאָ געפינט זיך אויך דער מאָלערישסטער אַוואַן זובקאָוו, אַ פּראַנצויז, קלאָד לאָררען, פראַהאָנאַר, — דער טאָן, דער שטח, די לופט, — הגם זובקאָוו גופא האָט נישט געזען נישט לאָררענען און נישט פראַהאָנאַרן און איז איבערצייגט, אַז קיין בעסערס פון ראַפאַעלן איז גאָר נישטאָ, און ראַפאַעלן האָט ער בלויז געזען אויף אַ פאָטאָגראַפיע!...

יין, די איקאָנע, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן דורך דעם „בירגער־ליפעראַנט", איז צעקלאַפּט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך, פון איר איז זייער

ווייניק געבליבן, — פון איר איז געבוירן געוואָרן לאַסיר און גאַלר. דער צווייטער דור, — באַזשענאָוו, קאָורצעוו, טורין, סאַלאָנין, סאַלאַ־באַגאָוו, באַראַנאָוו, — זיי זענען שוין נישט נאָר ענלעך צו אַן איקאָנע, נאָר זיי זענען שוין אפילו נישט ענלעך צום עלטערן דור, — דאָס זענען: דער גראַפיקער באַזשענאָוו, דער אויסטראַכטער און סטיליסט קאָורצעוו, די מאָלערס באַראַנאָוו און טורין, דערביי איז טורין אי מאַליאַווין, אי כמעט אַ מאָדערנער פראַנצויז.

ווי עס ווייזט זיך ארויס האָבן די רוסישע איקאָנע־מאָלערס פון זינט ביזאַנץ, זיך באַנוצט מיט אַזאַ אַרט, וועלכן די פראַנצויזישע עקסטרעם־לינקסטע האָבן מיט דרייסיק יאָר צוריק געפּריידיקט אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון די אַנטדעקונגען אין דער מאָלעריי. אין רוסלאַנד האָבן זיך מיט דעם באַנוצט נאָמענלאָזע מאָלערס — מיט דעם געזעץ פון פאַרקערטער פערספּעקטיוו; אין פאַלעכער מוזיי איז פאַראַן אַן אַרבעט — די יינגערע גענעראַציע — באַראַנאָווס, וואָס איז געמאָלט פון פּושקינען: „קאַווקאַז איז אונטער מיר". זי איז טאַקע באמת געמאָלט פון פּושקי־נען, — לויט די געזעצן פון פאַרקערטער פערספּעקטיוו, — דאָס הייסט, אַז דער מאָלער האָט אויף זיינע קוואַדראַט־סענטימעטערס פון דעם לאַ־סיר געשאַפן די פערספּעקטיוו, בשעת די האַנדלונג וויקלט זיך פונאַנדער און ווערט באַוויזן פון פּושקינען, ווען דער, וואָס קוקט, זעט נישט פּוש־קינען אין דער פערספּעקטיוו אויפן שפּיץ - באַרג און איבער די וואָלקנס, נאָר ווען די פערספּעקטיוו, און די וואָלקנס, און די בערג ווערן געזען פון פּושקינען. סאָלאָנין דער יונגערער האָט געמאָלט פיגוראַס־חתונה; די קאָלאָנאַדע — דער פּופּצנטער יאָרהונדערט, פלאָרענץ, פּאַצים קאַ־פּעלע, דער מייסטער ברונעלעסקי; די אָרנאַמענטירונג פון די זיילן — פראַנקרייך פון אַכצנטן יאָרהונדערט; די פיגורן פון די מוזיקאַנטן — וואַטאָ; די כאַראַקטערן, קאָסטיומען, די הויבן און היט אויף די קעפּ — פראַנצויזן און פלאַמאַנדער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, דערהויפּט וואַן־דעיק; סאָלאָנין האָט געגנישטערט אין די ביכער!

אין מוזיי געפינט זיך אַ קאָפּיע פון אַ איקאָנע פון זיבעצנטן יאָר־הונדערט, געמאָלט פון דעם פאַרדינסטפולן באַקאַנאָוון, — די הייליקע באָריס און גליעב; אין מוזיי געפינט זיך אַן אָריגינעלע איקאָנע פון אַכצנטן יאָרהונדערט; אין מוזיי איז דאָ די אַרבעט פון דעם פאַרדינסט־פולן קאָטוכין — דאָס מעשהלע וועגן דעם קייסער סאַלטאַן; באָריס און גליעב זענען נישט בלויז געווען אויף די צוויי איקאָנעס פונעם זי־

בעצנטן און אכצנטן יאָרהונדערט. נאָר איינער פון זיי האָט זיך באַוויזן אויף דעם פּערסישן לאַקיר פונם מייסטער קאַטוכין — אַלס קיסער דאַראַן.

ניין, די איקאָנעס פון דעם „בירגער־ליפּעראַנט" איז דורך דער רעוואָלוציע און דורך די פּאַלעכער צעקלאַפּט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך, צעשפּרייט געוואָרן מיט ווינט דורך די פּאַלעכער פעלד, און נישט נאָך דורך די גאַליקאָווישע. ביי סאַפּאָנאָוון האָבן געאַרבעט נאָמענלאָזע „באַ־לעמעלאָכעס". אויף יעדער לאַקיר, וואָס געפינט זיך אין דעם מוזיי, וואָס איז געמאָלט געוואָרן דורך די אַרטעל־חברים, וועלכע אַרבעטן אין אַ קאָלעקטיוו און נישט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג, זענען מיט גאָלד אונטערגעשריבן די נעמען פון די מאָלער. און אומבאַדינגט אין אויך מיט גאָלד מוז שטיין „פּ א ל ע ך", ווייל דאָס איז טאַקע דער קאָ־לעקטיווער פּאַלעך און אָט דער פּאַלעך, אָט די קאָלעקטיווע מאָלעריי־שול, וואָס, — זאָל זיין, אַז דאָ האָבן גענעכטיקט רובלעוו און ווירובעל, מאָלער און פּראָהאָנטאַר, די פּערסן און ראַפּאַעל, זאָל זיין, אַז פון־גאַלי־קאָווס וועגן זענען נישט געשריבן די געזעצן וועגן פּלאַגיאַט, — וועסט מיט קיין זאַך אין דער וועלט נישט פאַרגלייכן, אָט די שול, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די לעצטע צען יאָר אויף די חורבות פון די פּאַ־לעכער יאָרהונדערטן, פון יענער נאָמענלאָזע, וועלכע דער פּריץ בוטו־לין האָט געהייסן האַלטן „אין מורא און אין שרעק", און זיי מקיים פּסק זיין — „שמייסן מיט בייטשן", וועלכע האָבן זיך אין 1905 גע־גרייט צום 1917.

ע פּ י ג ר אַ ף:

„.... ווען די שאַך מאַשין..."

אין פּאַלעך וווינט אַ חידושלעך פאָלק, וואָס מאָלט אויף לאַקיר, אויף קוואַדראַט־סענטימעטערס לאַקיר, מיט אוראַלטע פאַרבן און אומ־באַדינגט מיט גאָלד, און פּאָלירט מיט אַ קוישן, אָדער נאָך בעסער מיט אַ הינטישן אָדער וועלפישן צאָן, און דערביי זענען דער לאַקיר און דאָס גאָלד געוואָרן די עלעמענטן פון דעם פּאַלעכער „סטיל".

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט זיך נעבן פּאַלעך באַזעצט דער מאָלער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש כאַרלאַמאָוו. וויקטאָר וואַסנעצאָוס אַ חבר, אַ מענטש מיט דעם טיטל אַקאַדעמיקער פון דער אימפּעראַטאָרישער רוסי־שער קונסט. פינף קילאָמעטער פון פּאַלעך האָט ער זיך אויסגעבויט אַן

אטעליע. געענדיקט די סאנקט - פעטערבורגער מאלעריי - אקאדעמיע, האט דער מאלער ,א גלחס א זון, באשטימט זיין גורל, פונקט אזוי ווי זיין חבר וואסנעצאוו, — מאלן קלויסטערס. און ער האט געמאלן קלויס־טערס. לויט זיינע סקיצן האט מען געמאכט די מאזאיק פון ,,תחית המתים אויפן בלוט'', א קלויסטער, וועלכן מען האט געשטעלט אויפן ארט, ווו אלעקסאנדער דער צווייטער איז דערמארדעט געווארן. ער האט געמאלן דעם ווארשעווער רוסישן סאבאר, פאר וואס ער האט באקומען דעם טיטול אקאדעמיקער. געענדיקט די אקאדעמיע, האט ער געקאנט מאלן און האט געמאלט, און מאלט נאך עד היום פארטרעטן — איצט פארטרעטן פון די אנפירער פון איוואנאווער געגנט, פון אגייעוון, נאר־סאוון. א מענטש מיט אן אקאדעמישער מאלעריי־בילדונג, מיט גרויסע רייזעס איבער דער וועלט, מיט גרויסע קענטשאפט אין דער געשיכטע פון דער מאלעריי אויף דער גאנצער וועלט און ביי אונז, אן אינטעליגענט. האט ער דרייסיק יאר אפגעלעבט נעבן פאלעך, ער האט געמאלן קלויי־סטער־פרעסקן, געמאלט קלויסטערס, דאס הייסט ער האט געטון דאס זעלביקע, וואס עס האבן געטון די פאלעכער. דעם ווארשעווער סאבאר האבן די פאליאקן צעשטערט, זיי האבן דעם דאזיקן סימבאל פון דער־רוסישער אימפעראטארישער פארקנעכטונג פון פוילן, מיט רעכט און געזעצמעסיק, צעשטערט. דער קלויסטער ,,תחית המתים אויפן בלוט'' רופט ביי די רוסן ארויס א ווידערהגעפיל. כארלאמאוו איז שוין איצט אין די זיבעציקער, די בעסטע יארן פון דעם דאזיקן קינסטלער מיט גרויס מאלערישן וויסן, ליגן איצט אויפן מיסט־קאסטן פון דער עפאכע. ער האט זיך איצט צוריק אומגעקערט צו די זעלבע פארטרעטן, וועלכע מען האט אים געלערנט אין דער מאלעריי־אקאדעמיע מיט פופציק יאר צוריק, צו די ,,אקאדעמישע'' פארטרעטן, צו אט דער האלב־נויטיקער זאך און האלב נויטיקער מייסטערשאפט, הגם זיי זענען זייער און זייער אקאדע־מיש. די קונסט פון דער רעוואלוציע האט פארגעסן אין כארלאמאוון, וואס וווינט פינף קילאמעטער נעבן פאלעך, אין דעם מענטשן, וועלכער האט זיך אומגעקערט צו דעם, מיט וואס ער האט אנגעהויבן. ער איז זייער איינזאם, כארלאמאוו. זיין הויז, וואס האט זיך אינעווייניק מיט גארנישט נישט געענדערט פאר די לעצטע דרייסיק יאר, שימלט אין דעם פארק. אין זיין אומגעהייער גרויסער אטעליע שטייען ביי די ווענט גרויסע ליוונטן מיט קלויסטער־געמעלן, יעזוס, גאט דער פאטער, גאט די מוטער. כארלאמאוו ווייסט — מיט דרייסיק יאר צוריק האט ער זיך באזעצט נעבן

פאַלעך, כּדי זיך צו לערנען בּיי פאַלעך. ער, דער אַקאַדעמיקער. ער האָט זיך געלערנט בּיי פאַלעך, ער ווייסט, אַז אָט די אַלע רויטאַרמייער, אַר־בּעטער, פּאַסטוכער, קאָלווירטלער, דאָראָגנעס, פּושקין אויף די מיניאַטורן פון די פּאַלעכער, וואָס האָבּן זיך באוויזן דאָן, ווען די פּאַלעכער האָבּן אויף פּיצ־פּיצעלעך צעשמעטערט די איקאָנע און די איקאָנעמאַלערישע געזעצן, זענען אַנאַטאָמיש אָמעראַציש ביז גאָר, ווען דער רייטער איז פּלו־צים צווייטמאָל העכער פון דעם פערד, און דער טויער פון פּאַלאַץ איז צוויי מאָל נידעריקער פון דעם פערד, — און ער, דער אַקאַדעמיקער, ווייסט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אויסלערנען בּיי די פּאַלעכער. ער ווייסט נישט ווי דאָס איז געשען, וואָס די פּאַלעכער האָבּן זיך צעבּליט מיטן גאָלד פון דער קונסט, — ער האָט דאָך מיט דער פּאָלקאָמסטער געלערנטקייט און וויסן געמאָלט איקאָנעס, טאָקע די זעלביקע, וועלכע קיינער וויל איצט אויף זיי נישט קוקן. כּאַרלאַמאָוו האָט ווירקלעך אַי־בּערגעחזרט דאָס מעשהלע וועגן פישער און פישעלע, וואָס זובקאָוו האָט געמאָלט, און איז געבּליבּן בּיי דער צעבּראָכענער קאַריטע פון זיין יוגנט, בּשעת פון די זעלבּע איקאָנעס, צו וועלכע כּאַרלאַמאָוו איז צוגעגאַנגען מיט בּילדונג, זענען די אומגעבּילדעטע פּאַלעכער אוועקגעגאַנגען און זענען געוואָרן פאַרדינסטפולע מענער פונם ראַטנפאַרבּאַנד. בּאַקאַנאָוו, גאָליקאָוו, וואַקוראָוו, קאָטוכין און מאַרקיטשעוו, וואַדער, די פאַר־דינסטפולע, וועלכע זענען געקומען אין דער סאָוועטישער קונסט פון אונטער די הורבּות פון דער איקאָנע־מאָלעריי און זענען פריער פאַר אַלץ בּאַרימט מיט זייער ק ע נ ע ן, זענען אין דער ווירקלעכקייט קנאַפּ־געבּילדעט. די דאָזיקע פאַרדינסטפולע זענען בּיז דער רעוואָלוציע געווען „געזיכטס־מאָלער" און „בּיז־געזיכטס־מאָלער", דאָס הייסט, אַז איינינקע האָבּן געקענט מאָלן פּנימער און נישט געקענט מאָלן דאָס איבּעריקע, און אַנדערע האָבּן געקענט מאָלן דאָס איבּעריקע און נישט געקענט מאָלן קיין „פּנימער".

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דער פּאַלעכער אַרטעל איז שוין גע־ווען בּאַרימט און עס איז וועגן אים שוין געווען אַ גאַנצע ליטעראַטור, איז קיין פּאַלעך געקומען די טאָכטער פון אַ מאָלער און קונסט־קריטי־קער לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מאַנטעל. זי איז אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר און ערשט וואָס געהאַט געענדיקט ראָבּערגס קונסט־שול אין מאָסקווע. זי האָט געבּעטן מען זאָל זי אָננעמען אַלס שילערין אין אַרטעל. מען האָט זי צוגענומען און געהייסן זיך לערנען, ווי עס לער־

נען זיך איצט די מייסטערס־קינדער אין טעכניקום, — מען האט איך באשטימט אויף דער לער צו א „מייסטער”, צו דעם בעסטן — צו איוואן מיכאלאָוויטש באָסאַגאָוון. זי האָט געהאט אן אָפּמאַך מיט דעם אַרטעל — צוויי יאָר האָט זי געמוזט זיך לערנען און דערנאָך נישט ווינציקער פון צוויי יאָר אָפּאַרבעטן אין אַרטעל. זי איז געווען א זעלטן פּעאיקע, — נישט אין צוויי יאָר, נאָר אין א יאָר ארום איז זי אָנגענו־מען געוואָרן אלס מיטגליד פון אַרטעל, אלס גלייכבארעכטיקטער מייס־טער. זי איז געקומען „נעמען” פּאלעך, פּונקט אזוי ווי כאַרלאַמאָוו, זי, א טאָכטער פון א קונסט־קענער. זי האָט נישט געקאָנט ווערן קיין חבר אין אַרטעל, ווייל זי האָט זיך נישט געקענט איינלעבן מיט דעם חברישן לעבנס־שטייגער און מיט די טראַדיציעס. זי האָט געמוזט אַרויס פון דעם אַרטעל. זי איז אָבער נישט אַוועק פון פּאַלעך. אין פּאַלעך האָט געוווינט און וווינט א ריז און א סטאָליאַר קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש סאָלאָנין, אן עטלעכע און זעכציק יעריקער ריז און פילאָזאָף, א האַלב־געבילדעטער ביכער־פרעסער, שטענדיק א באָרוועס־ער, מיט א צעשפּילעט העמד אויף דער האָריקער ברוסט, מיט א נישט צוגערעכטער גריווע גרויע האָר; ער אָנערקענט נישט, אז מען קאָן זיך וואַשן אין א שיסל, און סיי זומער סיי ווינטער וואַשט ער זיך ביים טייכל פּאַלעשקע — ווינטער אין אייז־לאָך און אומבאַדינגט אָן א היטל און באָרוועס. ער האָט געהאט א פרוי. לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מאַנטעל האָט זיך פאַרליבט אין אים, און ער האָט זיך אויך פאַרליבט אין איר. האָבן זיי חתונה געהאט. ער איז אוועק פון זיין אַלטער פרוי. איינמאָל אין א זוניקן פרימאָרגן האָבן די פּאַלעכער געזען, ווי דער באָרוועסער סאָלאָנין, און הינטער אים מאַנטעל, אויך א באָרוועסע, מיט די שיך אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, — זענען אוועק צופוס קיין מאָסקווע. בערך א יאָר צייט זענען זיי אין פּאַלעך נישט געווען. דערנאָך זענען זיי צוריקגעקומען און געדונגען א כאַטע, וואָס איז גע־שטאַנען ליידיק. סאָלאָנין האָט זיך געמשפּט מיט זיין אַלטער פרוי, מען האָט אים צוגעמשפּט א קו. לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געבוירן א קינד, א מיידעלע. און איצט ערציט זי דאָס קינד אין פּאַלעך און פּאַ־שעט די קו. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש כאַרלאַמאָוו האַלט, אז סאָלאָנין האָט פאַרהיפּנאָטיזירט לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונען, זיין אַלטן פריינט און קאָלעגע, דעם קינסטלער אַלעקסאַנדער מאַנטעלס טאָכטער. לידיאַ אַלעק־סאַנדראָוונאַ ליבט איר מאַן באַגייסטערט און נחתדיק. זי מיינט, אז זי

איז גליקלעך. זי וואָלט אָבער געווען גאָר גליקלעך, ווען זי קערט זיך אום צוריק אין ארטעל, ווו מען נעמט זי נישט אָן און מען וועט זי, אפנים, נישט אָננעמען, ווייל דער ארטעל האָט זיינע טראַדיציעס און זיין אַמביציע, וועלכע לידיא אַלעקסאַנדראָווגאַ מאַנטעל האָט איינמאָל גע־בראָכן. לידיא אַלעקסאַנדראָווגאַ גלויבט, אַז זי וועט מאָלן, ווען דאָס קינד וועט אַנטוויינט ווערן, — און זי וועט מאָלן אַזוי, ווי עס מאָלן די פּאַלעכער. זי מיינט, אַז די פּאַלעכער קונסט האָט איר אין אַ גרעסערער מאָס, איידער באַקאַנזאָוו, געלערנט איר מאָן, דער סטאָליאַר און פּאַלע־כער איינוווינער סאָלאָנין, מאַכנדיק זי פאַר אַ פּאַלעכערין. זי האָט נישט גענומען פּאַלעך. פּאַלעך האָט זי גענומען. אַ שיינע פרוי, אַ יונגע, אַן אינטעליגענטקע — אונטערשיידט זיך לידיא אַלעקסאַנדראָווגאַ מיט גאָרנישט פון די פּאַלעכער פרויען, נישט מיט דעם אָנטון, און אפילו נישט מיט דער מאַניר פון ריידן, פונקט אַזוי ווי זיי האַלט זי דאָס קינד אויף די הענט, און פונקט אַזוי פּאַשעט זי די קו.

די פּאַלעכער מייסטער האָבן זייער ליב דעם שרייבער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זאַרודין. זאַרודין איז פּאַרליבט אין פּאַלעך. זאַרודין איז אַ מיטגליד פון דער שרייבער־בריגאַדע, וואָס באַדינט פּאַלעך. זאַרו־דין איז אַ שטענדיקער גאַסט אויף די פּאַלעכער יובילייען און שמחות. עס איז געווען אין יום־טוב פון איינער פון די פּאַלעכער געערטעגישן— דאָס איבערגעבן די שריפט פון ציק וועגן דעם, אַז גאָליקאָוו און באַ־קאַנזאָוו ווערן אָנערקענט אַלס פּאַרדינסטפולע. און עס איז געווען אַן אַלאַרטעליש בוסעלע פון גרוים פּאַטאָס, פון גרויסע פייערונגען און שפּעט־בייִנאַכטיקער שעה. פון יענער זייט וואַרשטאַטן זענען געווען פרעסט, און אין וואַרשטאַט אין דער וואַרעם האָבן זיך געשמאָלצן די הערצער, זיך „צע־לאָזט" אַזוי, ווי גאָלד. די מאָלער זענען געקומען מיט זייערע פרויען. און יעדע פרוי איז געקומען מיט אַ בראָש אויפן האַלז. מען האָט גע־האַלטן רעדעס, שיכורע, ווי דאָס זילבערנע בוסעלע. און נחת־דיק האָט געערט זאַרודין, וואָס איז פּאַרליבט אין פּאַלעך. ער האָט געערט וווּנ־דערלעך. זיינע ווערטער און זיין געדאַנק, פּאַרלויפנדיק איינס דאָס אַנדערע, האָבן געשווימט מיט זון און זענען געווען אין דער מדרגה פון אַט די לידער, וועלכע מען האָט געזונגען ביי דער סעודה און ביים בוסעלע. וואָרום זאַרודין איז טאַקע געווען וווּנדערלעך אויף אָט דעם אָוונט, און וווּנדערשיין זענען געווען זיינע רייד, וואָס זענען ענלעך צו אַ ליד. און אָט איז אין מיטן שטוב אַרויסגעגאַנגען אַ פּאַלעכערין, און

זי האָט זיך געווענדט צו זאַרודינען, באַגייסטערט און הויך, אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן און דאָס באַרעכטיקן, זי האָט אים געזאָגט, אַז שוין זעקס יאָר איז זי אַן אַלמנה און האַלט בכבוד דעם נאָמען פון איר מאַן דעם מאָלער, דעם וווּנדערלעכן פּריינט פון איר יוגנט, — און ווי אַ ליד, אַזוי ווי דער אָנדענק פון איר מאַן האָט גערעדט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זאַרודין, אויפוועקנדיק און אויפברויזנדיק איר האַרץ, און זי פאַרבעט, זי רופט אים ניקאָלאַיושקען, פון גאַנצן האַרצן, צו זיך אין כאַטע. זי האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר זאַרודינען. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש איז רויט געוואָרן, ווי אַ מאָן־בלום, דאָס לשון האָט זיך ביי אים אָפּגענומען. זי האָט געוואַרט. זי האָט זיך נאָך אַמאָל טיף פאַר־נויגט פאַר זאַרודינען און בשעת מעשה מיט ווירדע, צניעותדיק און פשוט געזאָגט:

— קאָנסט נישט, ניקאָלאַיושקאָ? — זאָג — שעם זיך נישט, איך וועל זיך נישט באַליידיקן. איך האָב דיך מיטן גאַנצן האַרצן גערופן, און אויב נישט מיטן גאַנצן האַרצן האָרף איך נישט, ניקאָלאַיושקאָ!

און זי האָט אָנגעהויבן זינגען מיט פרייד און לייד צוזאַמען:

איבערן ים, ים דעם בלויען...

אַלע האָבן זי געהערט, און אַלע, סיי מענער, סיי פרויען, האָבן אונטערגעכאַפּט:

שווימט אַ שוואַן, אַ שוואַן אַ ווייסער...

די צונעמענישן, וואָס די פּאַלעכער געבן איינס דאָס אַנדערע, זע־נען נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין. פּריינט דמיטרי בוטאָרין, האָט מען אַ נאָמען געגעבן איליאַ פּעדאָטאָוויטש. געווען איז אין פּאַלעך איינער איליאַ פּעדאָטאָוויטש, אַ מייסטער צו גראָבן ברונעמער. אין גאַנץ פּאַלעך און אין דער אומגעגנט האָט ער געגראָבן ברונעמער. און ער וואָלט זיכער נישט געבליבן אין זיכרון פון די פּאַלעכער, און ווער שמועסט נאָך אָנצורופן מיט זיין נאָמען דעם וווּנדערלעכן מאָלער און וווּנדערלעכן מענטש: בוטאָרינען, ווען אָט דער איליאַ פּעדאָטאָוויטש זאָל איינמאָל, שוין אויף דער עלטער, אויסגראָבנדיק דעם לעצטן ברו־נעם זיינעם, זיך נישט אָנשיכורן און אָנהויבן שפּייען אין אָט דעם ברונעם. און נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס ער האָט פאַרשאַלטן זיין גורל — בוטאָרין שעלט אים גאָרנישט, — נאָר דאָס, וואָס ער האָט געשפּיגן אין ברונעם, עובר זייענדיק אויף דעם אמת: „שפּיי נישט אַ ן ברונעם, דאָס וואַסער וועט נאָך צונוץ קומען״. דער באמת וווּנדערלע־

נער מאָלער און וואונדערלעכער מענטש פון קאַיאָר פון נעפּלדיקער יוגנט, דער ליריקער, און נישט גייציקער דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש בוטאָרין — זשאַלעוועט נישט זיין לעבן, זיין מי און האָרעוואַניע, זיין קוגסט: „איך שפּיי דערויף!" ער איז פאַרבליבן אַ בחור, הגם ער האָט געקענט פיין חתונה האָבן, און קען דאָס נאָך איצט אויך, אפילו מיט דעם שענסטן און פיינסטן מיידל פון דאָרף. בלייבנדיק אַ בחור, האָט ער זייער אַ סך געאַרבעט, דערצויגן ביי זיך נישט זיינע אייגענע קינדער, נאָר זיינע פּלימעניצעס. בשעת די פאַלעכער האָבן זיך געזאָרגט וועגן דעם הירשגיט, צי דאָס היי וועט קלעקן, און געשאַרפט די קאָסעס, גרייטנדיק זיך צום שניט, האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש זיך גאָרנישט געזאָרגט, זיך נישט געגרייט צום שניט און גאָר געטראַכט אויסצונוצן דעם היישניט אורלויב אויף צו מאָלן פושקינס באַלדאַ. לויט די פאַלעכער טראַדיציעס איז דאָס נישט שיין, אַז אַזאַ מייסטער זאָל זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט. בוטאָרין „שפּייט דערויף" — און דעריבער טאַקע הייסט ער איליאַ פּעדראָטאָווויטש. די אייגענע אַרבעט דאַרף מען שאַנעווען און אָפּשאַצן, דאָס אייגענע לעבן דאַרף מען ווי ווייט מעגלעך שאַפן און איינאָרדענען ווי געהעריק און אַרבעטן עקשנותדיק ביז דער עלטער. דער צווייטער בחור און פאַרדינסטפולער אין פאַלעך, איוואַן וואַסיליעוויטש מאַרקיטשעוו, צו אים קאָן מען קיין טענות נישט האָבן. ער אַליין איז אין אָרדענונג. דאָס הויז זיינס איז אין אָרדענונג, פאַרן הויז אין גערטנדל וואַקסן בלומען, פּיאָנען, געאָרגיעס און אַסטרעס; ער נייט צו גאַסט און מען קומט צו אים צו גאַסט, אַלץ איז אין אָרדענונג; ער איז אַ פאַרדינסטפולער, ער אַרבעט; די ווייבערשע עסקים זיינע זענען אַ סוד; און דער צונאָמען זיינער איז אַ גוטברודערישער, אַ ווילערישער — איוואַן זאַבעלאַי. די פאַלעכער קאָנען האָרעווען און שאַנעווען ריכטיקע טאַטן, וואָס בויען דאָס לעבן.

מיט צען יאָר צוריק האָט זיך דער אַרטעל אָנגעהויבן קבצנותדיק — די אַרטעל־מיטגלידער האָבן זיך באַשטייערט צו צוויי רובל מיטגלידס־אָפּצאָל און צו צען רובל אַ פּאַי. די אַרטעל־מיטגלידער האָבן נישט געקענט מאַכן נישט קיין פּאַפּיע־מאַשע, און נישט לאַקירן. אַנשטאָט דעם שפּאָטישן נאָמען „באָגאָמאַז" האָט מען זיי איצט מיט נאָך אַ גרעסערן חוזק אָנגעהויבן רופן „פּודלעניקעס". די אַרטעל־מיטגלידער איז געווען זייער ענג און זיי האָבן געהונגערט. זיי האָבן געאַרבעט, זיך געלערנט, קאַליע געמאַכט, זיך ווידער געלערנט, און עקזיסטירט מיט אַ הונדערט־

רובלריקן „סאפיטאל״. און עס איז געווען, און עס איז ביז היינט נאך דא א ארטעל־מיטגליד, אלעקסאנדער איוואנאוויטש בלאכין, א שטיל מענטשל, א טרוימער, א גוטער מייסטער. אויף יעדער אלגעמיינער פאר־זאמלונג טרעט איצט אלעקסאנדער איוואנאוויטש בלאכין ארויס מיט איין און דער זעלבער רעדע:

— זייט מיר מוחל, חברים — זאגט ער — איך בין שולדיק און איך בעט אייך, זייט מיר מוחל!... שטעלט מיר ווידער אויף דעם סטאזש!...

בשעת עס איז אנטשטאנען דער ארטעל, בשעת די ארטעל־מיטגלי־דער האבן עקשנותדיק געארבעט און זיך געלערנט, געגרייזט, ווייטער געלערנט און אונטערגעהונגערט, איז ביי אלעקסאנדער איוואנאוויטשן אוועקגעפאלן א פערד און ער איז אוועקגעפארן קיין מאסקווע אויף לייכטערע ארבעט. אלס נישט ארבעטנדיקער איז ער פון דעם ארטעל ארויס. מען האט אים ווידער אנגענומען, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פאלעך און דער ארטעל איז שוין געשטאנען אויף די פיס. ער איז שוין אבער געווען א פשוטער מייסטער און נישט קיין גרינדער. מא־טעריעל גיט דער סטאזש בלאכינען גארנישט, — עס ווילט זיך אים אבער צוריק באקומען דעם סטאזש, ווייל עס גייט אים אין צוריק אויפשטעלן זיין כבוד.

בארלאמאוו האט דרייסיק יאר געלעבט נעבן פאלעך. גאליקאוו איז בשום אופן נישט קיין קלאסיקער און בשום אופן נישט דער מוסטער פאר פאלעך. אין פאלעכער מוזיי ליגן די ארבעטן פון פאוועל פארילאוו, ער איז ביז גאר רעאל, עס זענען אים באקאנט אלע געזעצן און אופנים פון דער מאלעריי, און פונדעסטוועגן איז ער גאנץ אפט אלעגאראפיש; און נישט בלויז ער, נאר אויך פיל אנדערע, און אפילו גאליקאוו, ווען זיי גייען אוועק פונם גאלד אויפן לאקיר, פונם „סטיל״, ווי זיי זאגן, פאלן זיי אריין אין אלעגאראפיע און אין פרימיטיוו. דער פארזיצער פונם ארטעל און דער קריטיקער אעלקסאנדער איוואנאוויטש זובקאוו זאגט דעמלט:

— עס איז נישט מייסטעריש געמאכט.

נעבן דעם ארכיטעקטור ־ פרעסקישן מוזיי — נעבן דעם צווייטן פאלעכער מוזיי איז פאראן א קבר. אויף דער מצבה אן עפיטאפיע:

„אין פינצטערן קבר רוט די מאלערס א פריינט און ראט־געבער,

ווי וואָלט ער דיך אַרומגענומען, ווי שטאָלץ געווען וואָלט ער מיט דיר!"

דאָס איז דער קבר פון דעם שרייבער יעפים וויכרעוו. דער ערשטער, וואָס האָט אין דרוק־פאָרם דערציילט וועגן פּאַלעך, איז געווען דער איוואַנאָווער פּראָלעטאַריער, דער פּאַרטיי־מיטגליד יעפים. זיין גאַנצע שריפטשטעלערישע טעטיקייט און פאַרבונדן מיט פּאַלעך. אָן יעפימס שריפטשטעלערישער טעטיקייט וואָלט פּאַלעך נישט געווען דאָס, וואָס ער איז. אַליין אַ שויער, דערצויגן און אויסגעוואַקסן אין איוואַנאָווע, אַ קינד פון שטרענגע וועבער, אַ פּראָלעטאַריער, אַ ראַבפאַקאָוויעץ, געבוירן אין 1901 און אַלס נייגצן־יעריקער בחור אריין אין דער פּאַרטיי, — האָט ער דורך די שויער און איוואַנאָווער וועבער געשאַפן דעם באַגריף פון אַ פּראָלעטאַרישן ריטער, ווערנדיק אַליין דער ריטער פון פּאַלעך. יעפים איז געשטאָרבן דעם 2־טן יאַנואַר 1935. ער איז געפאָרן פון מאָסקווע קיין פּאַלעך אָרגאַניזירן דעם יובילײ, דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן, און פאַרנדיק צוריק קיין מאָסקווע, איז ער אין שויע, געשטאָרבן. מקבר געווען האָט מען אים אין פּאַלעך. אין יעפימס טאָגבוך איז פאַרבליבן אָט די באַמערקונג:

„...אויף דער גרענעץ פון פּאַלעך — איז די יוגנט. איך האָב זיך געגרייט צו פּאַלעך צוועלף יאָר. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך אים געזוכט, כאָטש ער האָט זיך געפונען גאָר נאָענט, — אינגאַנצן דרייסיק קילאָמעטער פון דער שטאָט שויע, וווּ איך בין געוואַקסן און מיין יוגנט פאַרבראַכט, כדי אים צו געפינען, האָב איך געמוזט דורכמאַכן טויזנטער קילאָמעטער, דורכגיין דורך דעם געוויש פון דעם בירגער־קריג, הונגער אויף די בופאָרס און מיט דער ביקס אין דער האַנט זיך באַוויזן אין בורזשואַזע הייזער. צוזאַמען מיט מיין לאַנד האָב איך זיך געטראָגן צו דער צוקונפט. איך האָב געמוזט שרייבן הונדערטער שלעכטע פּאָעמעס. איך האָב זיי געריסן און געפליקט. איך בין געווען בייז און אויפגעטראָגן. און דורכגייענדיק דורך אַלע נסיונות פון דער יוגנט, דורך איר גרענעץ, האָב איך געפונען אָט דאָס וווּנדער איבער וווּנדער לאַנד"...

## עפּיגראַף:

„...און קאַפּאַבלאַנקאַ ווײַ, געוויס, מער..."

די פּאַלעבער קאָנען אַרבעטן, קאָנען עפּעס טון. אין משך פון יאָרהונדערטן האָבן די פּאַלעבער געמאָלט אויף ברעטלעך, אויף דורכגעפּעצטע לעווקאַסן. גאַליקאָוו האָט געבראַכט אין קוסטאַרן־מוזיי א דעקל פון א פּאַטאָגראַפיש־וואַנעלע, פּאַפּיע־מאַשע, לאַקיר. דאָס איז געווען אַן אַנטדעקונג, אָבער פון דער אַנטדעקונג ביז צו דעם אָנהויב פון דעם אַרטעל זענען נאָך געווען אַ סך שטערונגען און שטרויכלונגען. די פּאַלעכער האָבן נישט געקענט מאַכן נישט קיין פּאַפּיע־מאַשע, נישט קיין לאַקיר — פריער פאַר אַלץ לאַקיר, אָט דעם לאַקיר, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערגעץ אין די אוראַלטע צײַטן אין כינע אָדער אינדיע, פון דאָרטן איז ער אַריבער קיין פּערסיע און קיין יאַפּאַן, און קיין רוסלאַנד צו לוקוטינען איז ער שוין געקומען פון אייראָפּע, סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט. דער אַרטעל האָט זיך אָנגעהויבן קבצניש — מיט צוויי רובל מיטגלידס־אָפּצאָל און צען רובל אַלס פּאַי. דורך דעם קוסטאַרן־מוזיי האָט דער אַרטעל באַקומען דעם פּעדאָסקינער האַלב־פאַבריקאַט, און דער דאָזיקער האַלב־פאַבריקאַט איז ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן טאַקע קיין פּעדאָסקינאָ אויף אָפּצופּאָלירן אים, — אמתע „פּודעלניקעס".

בשעת דער אַרטעל האָט אַליין אָנגעהויבן מאַכן פּאַפּיע־מאַשע און לאַקיר, האָט זיך בײַ אים אָנגעהויבן א גאַנצע עפּאָפּיי פון זוכן די קענטעניש און „סעקרעטן", אַן עפּאָפּיי, וואָס האָט געדויערט ביזן יאָר נײַנצן הונדערט דרײַ און דרײַסיק, כמעט א יאָר־צענדלינג.

דער ערשטער, וואָס איז געפאָרן קיין פּעדאָסקינאָ אויסגעפינען די „סעקרעטן", איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פונם אַרטעל דער איצטיקער פאַרדינסטפולער פריינט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש קאָטוכין, דער לעצטער איז געפאָרן דער לאַקירער און פריינט מיכאַיל איוואַנאָוויטש בלאָכין.

די ערשטע „סעקרעטן" האָט אַרויסגעפירט קאָטוכין; ער האָט געזען פון וואָס מען מאַכט פּאַפּיע־מאַשע, ער האָט געזען די פרעסן, ושאָמעס און שלעכער; אונטער פּאַלעך האָט ער געפינען דעם פילייער גרונט", ווי מען רופט דאָס ליים, מיט וועלכן די פּעדאָסקינער שפּאַקלירן די פּאַפּיע־מאַשע, דאָס ליים ברענגט מען פון אונטער מאָסקווע, נעבן פילײַ; קאָטוכין האָט געבראַכט פון די פּעדאָסקינער אַ זאַפּאַס לאַקיר;

דער דערפינדער, דער סטאָליאַר און פּריינט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש באַבאַנאָוו האָט דערפונדן פאַר דעם אַרטעל אַ פּרעס־געשטעל; אַ סך בראָנפן האָט קאָטוכין געמוזט שטעלן ביז ער האָט אַרויסבאַקומען ביי די פּעדראָסקינער די נומערן פון די טעקטורן — נומער צוואַנציק און פערציק „פינלענדער"; די אַרטעל־מיטגלידער זענען באַגאַנגען אייזן פעלער נאָכן אַנדערן, זיי האָבן געטרוקנט, נישט דערטרוקנט, איבערגעטרוקנט, צעראַצט, פאַרבּרענט, קאַליע געמאַכט מאַטעריאַלן, טעקטור, אייל, לאַקיר, — געשטודירט דאָס דורכזאַפּן די פּאַפּיע־מאַשע מיט אייל, דאָס צונויפקלעפּן, דאָס טרוקענען, דאָס אונטערבראָטן, די שפּאַקלירונג, דאָס רייניקן, דאָס פאַרבן — און לאַקירונג. דער אויטאָדידאַקט און דערפינדער מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש באַבאַנאָוו איז ממש געווען אַ זשעני, — ער האָט זיך אינגיכן אויסגעלערנט צו מאַכן בלעריי פּאַסאָנען, שאַכטעלעך און פּודעלעך און זיי זענען געווען פעסטער, שענער און באַקוועמער פון די פּעדראָסקינער.

אָבער לאַקירן, האָבן די פּעדראָסקינער לאַקירט בעסער.

און עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די זאַפּאַסן לאַקיר, וואָס קאָטוכין האָט אַמאָל געבראַכט פון די פּעדראָסקינער.

מען האָט געקריגן נייעם לאַקיר אין מאָסקווע, מען האָט פּאָלירט,— דער לאַקיר האָט נישט געטריקנט אָדער איז איבערגעטרוקנט געוואָרן, זיך געקנייטשט, געפּלאַצט, געבליאַקעוועט, געל געוואָרן, טונקל געמאַכט די פאַרבן, און איינמאָל האָט מען דעם אַרטעל אומגעקערט אַ פּראָדוקציע אויף פּופּציק טויזנט רובל — פּופּציק טויזנט! — ווייל דער לאַקיר האָט זיך צעשמאָלצן, זיך געקלעפּט צו די פינגער, מוטנע געמאַכט דאָס געמעל. אין יענער צייט האָט דער אַלקאָאָפּעראַטיווער פּראָדוציראַט געשיקט קיין פּאַלעך דעם פּריינט איוואַן איוואַנאָוויטש וואַסיליעווסקי, דעם איצטיקן וויצע־דירעקטאָר פון דעם פּאַלעכער מוזיי. אויף פּאַלעך האָט זיך אָנגערוקט אַ כמאַרע, וואָס האָט צונישט געמאַכט זיין גאַנצע קונסט, — דער מאַנגל אין לאַקיר, און די שלעכטע לאַקירונג. איוואַן איוואַנאָוויטש וואַסיליעווסקי און דער פּאָרזיצער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש זובקאָוו האָבן זיך גענומען זוכן לאַקיר און אים פּאַבריצירן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „סעקרעטן" פון די לאַקירן באַשטייען אין די אופנים, ווי אַזוי מען קאָכט אים. די פּעדראָסקינער האָבן געזאָגט, אַז קיין „סעקרעטן" באַזיצן זיי נישט און זיי אַרבעטן שוין

מיט די לעצטע זאַפּאַסן פון מאַמאַנטאָוים רעצעפּט נומער ניין און דריי־סיק, דעם זעלבן לאַקיר, וואָס איז געווען און איז אויסגעגאַנגען אין פּאַלעך, און מאַמאָנטאָווס רעצעפּטן זענען צוזאַמען מיט מאַמאָנטאָוון פאַרלוירן געגאַנגען בשעת דער רעוואָלוציע.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אין זאַגאָרסק דערטאַפּט איינעם אַ מאָ־נאָך אַפּאָניאַ, אָדער אַלעקסיי געאָרגיעוויטש, וועלכער האָט כּלומרשט געקאָכט לאַקיר פאַר דער טראָיצע־סערגיעווסקער לאַווראַ און קאָן די „סעקרעטן״. אַפּאָניאַ האָט געזאָגט, — יאָ, ער קען, — און געקאָכט דעם לאַקיר צום אָנהויב אויף בוימל, און דערנאָך אויף מאַנאַייל. אַ מאָל צוואַנציק איז איוואַן איוואַנאָוויטש געפאָרן צו אַפּאָניאַן, — אַ מאָל צוואַנציק האָט מען אין פּאַלעך פּרובירט אַפּאָניאַס לאַקיר און קאַליע געמאַכט די אַרבעטן. ביז מען האָט זיך מיט גרויס פאַרדרוס גע־מוזט אָפּזאָגן פון אָט דעם אַפּאָניאַן.

דער מאָלער ריבניקאָוו, דער רעסטאַווראַטאָר פון דער טרעטיאַקאָ־ווער גאַלעריע, האָט געראָטן איוואַן איוואַנאָוויטשן ער זאָל זיך ווענדן צו דער וויסנשאַפט — צום לאַקירן און פאַרבן אינסטיטוט, ער האָט אים באַקאַנט מיט דעם וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פון דעם אינסטיטוט, מיטן חבר אוראַנאָוו. אוראַנאָוו האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן גענומען צו דער אַרבעט. אוראַנאָוו מיט איוואַן איוואַנאָוויטשן האָבן געקאָכט דעם לאַקיר אין אינסטיטוט אויף קאָפּאַלעס, דאָס הייסט, אויף סמאָלע פון טראָפּישע געוויקסן, אויף די מוזיי־עקספּאָנאַטן פון דעם אינסטיטוט, לויט די רעצעפּטן, וואָס מען האָט אַרויסגעליִענט ביי די כינעזער, דאָס הייסט, זיי האָבן געקאָכט לויט דער וויסנשאַפט. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרנוצט די מוזיי־זאַפּאַסן פון קאָנגאָ. קאַאורי, מאַניל, סערלידי, — טראָפּישע סמאָלעס; די קאָפּאַלעס האָבן זיך איבערגעקאָכט מיטן בוימל אָדער זענען גאָר פאַרגליווערט געוואָרן, אָפּהענגיק פון דער טעמפּעראַ־טור פון דעם בוימל אָדער פון דער סמאָלע; אוראַנאָוו גופא האָט זיך פונסניי געלערנט אויף דעם קאָכן. ענדלעך האָט מען אָפּגעקאָכט פינף קילאָ לאַקיר. מיט דעם לאַקיר איז מען געפאָרן קיין פּאַלעך.

מען האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוּוואַרעמען פונם פראָסט, און מען איז שוין געווען אין וואַרשטאַט אויסצופּרוּוון דעם לאַקיר. מען האָט אָפּגעלאַקירט. און ווי נאָר מען האָט קוים באַוויזן אַריינצולייגן אין טרוקן־אויוון, איז דער לאַקיר געוואָרן באַדעקט, אַזוי ווי פראָסט אויף די שויבן, מיט גאַנצע בינטן, — עס האָט זיך גאָרנישט נישט באַ־

קומען. מען האָט אָנגעהויבן עקספּערימענטעווען אויפן אָרט. אויף צעלאַכעס דער וויסנשאַפט האָט מען אין לאַקיר אַריינגעשאָטן קאָבאַלט־סיקאַטיוו, — דער לאַקיר האָט זיך געהאַלטן. ער האָט אָבער טונקעלער געמאַכט די פאַרבן.

עס איז נישט געגאַנגען.

דער גאַנצער אַרטעל איז איבערגעלעגן אין דעם לאַקיר־וואַרשטאַט און געהאַלטן אין איין קלערן און טראַכטן. איינמאָל, ווען דעם עולם האָט אַלץ נאָך געמאַטערט דער געדאַנק, האָט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש געבראַכט אַ לאַקיר־פּושקע פון די פריערדיקע זאַפּאַסן, נאָך אַ מאַמאָנטאָווישע, וואָס מען האָט געבראַכט פון די פּעדראָסקינער; אויף דער באַנקע איז געשטאַנען דער נומער פונם לאַקיר — פערציק, און נישט נײַן און דרײַסיק, דאָס הייסט, אַז די פּעדראָסקינער האָבן אָפּגענאַרט, טענהנדיק, אַז זיי אַרבעטן מיט נומער נײַן און דרײַסיק.

אוראַנאָוו האָט וועגן דעם לאַקיר נר. 39 גאָרנישט געוווּסט. מיט דער אַלטער פּושקע, אין וועלכער עס זענען נאָך געבליבן עטלעכע טראָפּנס לאַקיר, וואָס איז צוגעטרוקנט געוואָרן צו דעם דעק, זענען אוראַנאָוו מיט איוואַן איוואַנאָוויטש תּיכּף אַוועק קיין מאָסקווע, אין אינסטיטוט, דאָרט מאַכן אַ כעמישן אַנאַליז פון אָט דעם לאַקיר. דער אַנאַליז האָט כּמעט גאָרנישט געגעבן, חוץ דעם, וואָס דער געהיימנישפולער לאַקיר איז געקאָכט נישט אויף קאָפּאַלע־מאַניל, נאָר אויף קאָפּאַלע־קאָאורי.

האָט מען אָנגעהויבן צו קאָכן אויף קאָאורי. געקאָכט האָט דער גאַנצער לאַק־צעך פון דעם אינסטיטוט. אוראַנאָוו מיט איוואַן איוואַנאָוויטש זענען נעכט נישט געשלאָפן — און דער סוף איז געווען — אַרויסגעוואָרפן, עס האָט זיך גאָרנישט באַקומען.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן מאַמאָנטאָווס מענטשן, מען האָט געפונען דעם ענגלענדער, מיסטער אַננעט, וועלכער האָט ביי מאַמאָנטאָוון געשמאָלצן די קאָפּאַלעס, אַננעט האָט דעם רעצעפּט נישט געוווּסט. ער האָט אָבער געוווּסט די „סעקרעטן" פון קאָכן. מען איז אַוועק אין די אַרכיוון, מען האָט איבערגענישטערט אַלע אַרכיוון, און געפינען דעם רעצעפּט, — קאָאורי פּליוס קאָכעדיקער לײַן־אייל (אָבער בשום אופן נישט בוימל!) פּליוס דאַמאַרע (דאָס הייסט מינעראַל־סמאָלע!) פּליוס טערפּענטין אייל.

מען האָט געקאָכט. מען האָט אָפּגעקאָכט דעם גאַנצן מוזיי — מען האָט אָבער געקאָכט אָן דעם מיסטער אַננעט.

מען איז ווידער געפאָרן קיין פאַלעך.

דער לאַקיר האָט אויפגעהערט „זיך קניטשן“, די אויבערפלאַך איז געווען גלאַט, ער האָט אָבער געלאָשן די פאַרבן און נישט גע־גלאַנצט.

מען איז ווידער אוועקגעפלויגן קיין מאָסקווע — צום מיסטער אננעט. אננעט האָט געזאָגט, אַז מען האָט נישט ריכטיק געקאָכט, אָן דעם „סעקרעט“, און זיך אונטערגענומען אַליין צו קאָכן. מען האָט גע־קריגן א ליצענזיע אויף קאַפּאַל־קאָאורי און דאַמאַרא. איוואַן איוואַנאָ־וויטש איז אוועקגעפאָרן קיין וואָלאָגדע נאָך טערפּענטין. פון אויסלאַנד איז אָנגעקומען א פּעקל, — קיין דאַמאַרא האָט מען נישט געשיקט, — האָט מען אָנגעהויבן זוכן דאַמאַרא איבער גאַנץ רוסלאַנד און געפונען אונטער מסטערי, אין א פאַרוואָרפענעם לאַקיר־זאַוואָד. מען האָט גע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם מאָסקווער לאַקיר־ און פאַרבן־זאַוואָד, דער זאַוואָד האָט געפאָדערט מען זאָל אים צושטעלן מעש פאַר דעם קעסל. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אונטערגענומען צו קריגן מעש, און האָט געקריגן דאָס מעש. מען האָט זיך גענומען צום קאָכן. פאַר דעם, ווי מען האָט אָנגעהויבן קאָכן האָט מיסטער אננעט אָנגעוואָרפן א שרעק, — ער האָט מודיע געווען, אַז דער לאַקיר וועט דאַרפן שטייען צען יאָר, אַז דער לאַקיר ווערט „צייטיק“ ערשט נאָכדעם, ווי ער איז זיך גוט אויס־געשטאַנען, — דערנאָך האָט ער באַרואיקט, אַז ער, הייסט עס, קאָן נאָך איין „סעקרעט“, ווי אַזוי מען קאָן דאָס אויסמיידן.

עס איז דאָ לאַקיר!

נישטאָ מער קיין לאַקיר־„סעקרעטן“ נישט ביי מאַמאָנטאָוון, נישט ביים מיסטער אננעט, נישט ביי די פּעדראָסקינער, נישט אין גאַנץ פ. ס. ר. ר. בכלל! — פּאַלעך האָט אַרויסדראָביוועט אַלע קאָפּאַלעס, אי קאָאורי, אי מאַניל, אי קאָנגאָ, אי דאַמאַרא. איוואַן איוואַנאָוויטש איז געוואָרן נישט קיין ערגערער כעמיקער, ווי אוראַנאָוו. פּאַלעך האָט גע־מאַכט א לאַקיר־אַנטדעקונג, וואָס האָט נישט קיין קנאַפּערן באַדייט, ווי זיין קונסט.

אָבער די פּאָלירונג, די פּאָלירונג איז ביי די פּעדראָסקינער בעסער!

דער לאַקיר האָט שוין נישט געלאָשן, זיך נישט „געקנייטשט“, אָבער ביי די פּאַלעכער איז נישט געווען אָט די דימענטדיקע אויבער־פלאַך, ווי ביי די פּעדראָסקינער. און דער לאַקיר האָט שוין בכלל אָנגע־הויבן דראָען סיי פּעדראָסקינאָ, סיי מסטערי.. די מסטערער און פּעדראָס־

קינער האָט פאַרלאַנגט לאַקיר ביי די פּאַלעכער. די פּאַלעכער האָבן גע־געבן מיט אַ געוויסער כוונה, — זיי האָבן געוואָלט זען, ווי אַזוי דער דאָזיקער לאַקיר וועט גלאַנצן ביי די פּערדאָסקינער. מען האָט דערי־נאָך פאַרגלייכט. — אונזערע חלשן, און זייערע שרייען אויף אַלע קולות, — ווי עס האָט דאָס פעסטגעשטעלט מיכאַיל איוואַנאָוויטש בלאַ־כין, דער פּאַלעכער פּאָלירער. עס איז געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג, — דער „סעקרעט" איז נישט אין דעם לאַקיר, נאָר אין דער פּאָלירונג. די פּע־דאָסקינער האָבן געוווסט עפּעס אַזוינס, וואָס די פּאַלעכער האָבן נישט געוווסט.

אין יענער צייט -- אין 1932 — איז אין מאָסקווע געווען אַן אויסשטעלונג פון דעם רוסישן לאַקיר. פון די פּאַלעכער, פּערדאָסקינער, און מסטערער; און אויף אָט דער אויסשטעלונג איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּראָדוקציע־באַראַטונג. דעם רעפּעראַט וועגן לאַקיר האָט גע־לייענט אוראַנאָוו, — די פּערדאָסקינער האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אָבער אויף דער פראַגע וועגן די אופנים, ווי אַזוי עס ווערט פּאָלירט, האָבן די פּערדאָסקינער נישט געענטפערט אפילו מיט קיין איין וואָרט, זיי האָבן געדרייכערט, געשמייכלט אין די וואָנסן, און דעם „סעקרעט" נישט אַרויסגעגעבן.

און דעמלט האָט זיך צום ענין גענומען אַלעקסאַנדער זובקאָוו, דער פּאָרזיצער. ער האָט דערמאָנט „וואָס אַלטע און פרומע לייט האָבן גע־הייסן". ער האָט גערופן די פּאַרוואַלטונג, און די פּאַרוואַלטונג האָט געשיקט דעם פּאָלירער מיכאַיל איוואַנאָוויטש בלאָכין „אין אַ וויסנ־שאַפטלעכער שליחות", ווי עס שטייט געשריבן אין פּראָטאָקאָל, — קיין פּערדאָסקינאָ, כדי מיכאַיל איוואַנאָוויטש זאָל זיך דערוויסן און דערלער־נען דעם „סעקרעט" און געגעבן האָט מען אים דרייהונדערט זעכציק רובל מיט אַ בפירושן אָנזאָג, קיין געלט זאָל ער נישט זשאַלעווען, ער מעג גאַנץ פּערדאָסקינאָ אָנשיכורן, אָבער דעם „סעקרעט" מוז ער אַרויס־לקחענען.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש דערציילט וועגן זיין שליחות:

— בין איך עס געקומען קיין פּערדאָסקינאָ און גלייך אַוועק אין דער פּאַרוואַלטונג, צום פּאָרזיצער, און וויז מיינע דאָקומענטן. זאָגט ער מיר: „גוט, באַקוק די פּראָדוקציע", — און פירט מיך אַריין אין וואַר־שטאַט און באַקענט מיך מיטן מייסטער איליאַ איוואַנאָוויטש. דער מייסטער קוקט אויף מיר ביז, ווי אַ וואָלף. און ווי נאָר דער פּאָרזיצער

איז אַרויסגעגאַנגען, מאַכט ער צו מיר: „מיר קאָנען שוין די פֿאַלעבער שווינדלער, איר קומט דאָך צו אונז נאָר עפּעס אויסקוקען!" איך קוק, ווי ער אַרבעט, אָבער ער אַרבעט גאָרנישט און האַלט אין איין באַקוקן מיך. איך פֿאַרדריכער, נעמט ער ביי מיר אַ פּאַפּיראָס און פֿאַררויכערט אויך. איך גיי אַרויס פֿון וואַרשטאַט — נעמט ער זיך גלייך צו דער אַרבעט. איך קום צוריק אַריין — קוקט ער שוין ווידער אויף מיר, זידלט זיך, אָדער ער פֿאַרריכערט און רופֿט זיך קיין וואָרט נישט אָן. אָט אַזוי זענען מיר אַ גאַנצינקן טאָג אָפּגעזעסן. דעם אַנדערן טאָג קום איך צוגיין און רופֿ זיך אָן: „נו, לאָמיר אַרבעטן אויף צוויי פּראָדוקציעס — איך האָב מיינע לאַקירן געבראַכט, לאָמיר פּרובירן!" און ער ענטפֿערט מיר: — „וואָס דאַרף איך פּרובירן, אַז איך האָב שוין זעקס און פֿערציק יאָר פּרובירט". „און טרינקט איר?" — פֿרעג איך. „מיר זענען אַרבעטער, — זאָגט ער, און פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט טרינקען, זאָל נאָר זיין געלט". —„מיט געלט וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן, — מאַך איך, — ווו איז דאָ דער מאַגאַזין?" זאָגט ער: „דער מאַגאַזין איז דאָ דערנעבן, אָבער דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דעם מאַגאַזין האָט מען איינגעזעצט פֿאַר גנבה, און דער מאַגאַזין איז איצט געשלאָסן מחמת דעם, וואָס מען קאָנטראָלירט אים, — מען מוז דערווייַבער גיין אַ דריי וויאָרסט פֿון דאַנען". — איך בין געגאַנגען, געקויפֿט פֿיר ליטער — צוצובייסן האָב איך נאָך געבראַכט פֿון מאָסקווע. צוריקוועגס האָב איך צו דריי ליטער צוגעבונדן שטריקלעך צו די העלדזלעך און זיי אַראָפּגעלאָזט אין טייכל, זיי באַהאַלטן, און מיטן פֿערטן זיך געלאָזט גיין צו איליאַ איוואַנאָוויטש. — „נו, האָסט געטראָפֿן, האָסט געבראַכט?" — „געבראַכט, — ענטפֿער איך. — „נו, אויסגעצייכנט, ווי באַלד אַזוי וועלן מיר אַביסל דערקוויקן דאָס האַרץ — ער האָט אַרויסגענומען אַ גלאָז, — זיי דו דער באַלעבאָס און גיס אָן!" איך האָב אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז. — „לאָמיר זיין געזונט" — מאַכט ער און האָט אויסגעטרונקען. איך האָב אים נאָך אַ גלאָז אָנגעגאָסן, ער האָט ווידער אויסגעטרונקען, אַ רגע געשוויגן, אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער, זיך אויפֿגעהויבן, אָנגעטון דאָס היטל און געזאָגט: — „נו, צום ווידערזען!" — און איז אַוועקגעגאַנגען. אָט האָסטו דיר דעם „סעקרעט"!... בין איך אַוועק צום ווירטשאַפֿטס-פֿאַרוואַלטער, אַרויסגענומען פֿון טייכל דעם צווייטן ליטער, און בין מכבד דעם ווירטשאַפֿטס-פֿאַרוואַלטער אַ גאַנצן אָוונט, זענען צו אים געקומען געסט, רופֿ איך זיך אָן: „איך וועל זיך

אראָפּכאַפּן און ברענגען נאָך בראָנפּן". — פרעגט ער מיך: — ווו ווּעסטו איצט קריגן בראָנפּן?". — זאָג איך: — „איך האָב אָנגעגרייט, עס זאָל קלעקן". — נעם איך ארויס דעם דריטן ליטער פונם טייכל, מיר טרינקען, און איך פאַרפיר אַ שמועס וועגן ענין, — מאַכט ער צו מיר: „ניין, זונעלע מיינס, מיר האָבן זיך יאָרנלאַנג געלערנט, און דו ווילסט עס אין איין ווּאָך דערגיין, עס וועט פון דעם גאָרנישט זיין! עס שטעקט אין דעם אַ סעקרעט אזא, און דיר וועל איך אים נישט אויס־זאָגן!"...

מיכאיל איוואַנאָוויטש איז אַוועק צום טייכל נאָך דעם לעצטן ליטער. אינדרויסן איז פינצטער און ער הערט, אַזוי ווי אָקסן וואָלטן אין וואַסער געפּראַכט און געכראָפּעט: צוויי פּעדאָסקינער זענען געקראָכן אין וואַסער אָן די הויזן, איינער פון זיי — אַ גאַסט, וואָס איז געווען ביי דעם ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער, — זיי האָבן געזוכט בלאָכינס בראָנפן; זיי האָבן אַפּנים נאָכגעשפּיאָנירט, ווו ער באַהאַלט אים און געהאַלטן אין איין אונטערטוקען זיך און זוכן. גאַנץ פרי האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש בלאָכין ווידער געקויפט פיר ליטער, דריי פון זיי ווידער באַהאַלטן אין וואַסער, און מיט איינעם זיך געלאָזט צו איליאַ איוואַנאָוויטשן אין ווּאַרשטאַט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געטרונקען, זיך גוט אָנגעשיכּורט אָבער קיין האַנט אין קאַלט וואַסער האָט מען נישט אריינגעטון; און דער סעקרעט איז נישטאָ. אינאָוונט — דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער. דעם דריטן טאָג איז איליאַ איוואַנאָוויטש אינגאַנצן נישט געקומען צו דער אַרבעט און דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער איז אויך ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. דריי טעג דורכאַנאַנד זענען דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער מיט איליאַ איוואַנאָוויטשן געלאָפן פון בלאָכינען, — די פּעדאָסקינער האָבן זיך דערשראָקן פאַר בלאָכינס בראָנפן. און סוף וואָך — האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן, נישט געקאָנט בייקומען דעם נסיון, זיך ווידער אָנגעשיכּורט, און דער שיכּורער איליאַ איוואַנאָוויטש האָט ארויסגעגעבן דעם „סעקרעט". ער האָט געזאָגט:

— איר, פּאַלעכער, ווען דער לאַקיר טריקנט אויס, איר רייבט דאָך מיט אַ טוך מיט אַ פּעמזע, און פון דעם מוזן פאַרט בלייבן ראַצעלעך, און רייבן דאַרף מען גאָר מיט טריפּעלקעס. און חוצדעם, איר, פּאַלעכער, נעמט דאָך די פּעמזע און רייבט זי אָן מיט חלב, און די טרייפּעלקעס — נישט די פּעמזע, — דאַרף מען גאָר אָנרייבן מיט בוימל. אָט דאָס איז דער גאַנצער „סעקרעט"... עך, איר נאַראָנים, וואָס איר זענט!...

צומאָרגנס האָט זיך מיכאַאיל זשיוואַנאָוויטש געפּאַקט אין וועג אַריין, צוריק קיין פּאַלעך, פון דער וויסנשאַפטלעכער שליחות. דער „סעקרעט" איז געפונען געוואָרן: מען האָט געדאַרפט פּאָלירן מיט טריפּעלקעס און דורכרייבן נישט מיט חלב, נאָר מיט בוימל. דער „סעקרעט" איז געפונען געוואָרן און — דערמיט אַליין — פאַרניכטעט געוואָרן.

אין פ. ס. ר. ר. איז דאָ דער בעסטער לאַקיר און די מיטלען ווי אַמ־בעסטן צו פּאָלירן, וואָס האָבן פאַרניכטעט די „סעקרעטן" און זענען געשאַפן געוואָרן דורך די פּאַלעכער, דורך אַן עפּאָפּייע, וואָס האָט זיך געצויגן כמעט צען יאָר.

און דער לאַקיר —

דער לאַקיר איז געבוירן געוואָרן ערגעץ ווו אין אינדיע אָדער אין כינע, מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, פון גיפּטיקע גראָזן און סמאָלעס, וואָס זענען אַזוי שטאַרק, ווי טויזנטער יאָרן, און אין יאַפּאַן האָט מען ביז דער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, פון דעם לאַקיר געמאַכט כלי־זיין, פּיילן און שילדן; אויף די דאָזיקע לאַקירן און אונטער די לאַקירן האָבן די כינעזער געמאָלן זייערע בילדער, וועלכע האָבן געלעבט טויזנטער יאָרן. דעם לאַקיר האָט מען אין כינע אַרויפגעלייגט אויף

אָנהויב צווייטן יאָרטויזנט פון קריסטוסעס געבורט איז דער לאַקיר פון אַזיע ־ מזרח געקומען קיין איראַן, קיין פּערסיע, — און אין פּערסיע איז דער לאַקיר אַרויף אויף פּאַפּיע ־ מאַשע. אין זעכצנטן יאָר־הונדערט זענען די פּאַפּיע־מאַשע און די לאַקירן אַראָפּגעקומען קיין אייראָפּע, פריער קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך, און דערנאָך, אָנהויב אַכצנטן יאָרהונדערט, — קיין דייטשלאַנד, קיין ברוינשווייג. אין יאָר 1795 האָט דער סוחר קאָראָבאָוו אַראָפּגעבראַכט פון ברוינשווייג אַט דעם פּאַפּיע־מאַשע צו זיך קיין פּעדאָסקינאָ, אונטער מאָסקווע. דעם סוחר קאָראָבאָווס איידעם, דער סוחר לוקוטין, האָט געגרינדעט אַ לאַקיר־מאַנופאַקטור, וועלכע האָט זיך אין נייַנצן הונדערט זיבעצן פאַרוואַנדלט אין דעם פּעדאָסקינער אַרטעל. דער לאַקיר האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט אין משך פון יאָרהונדערטער. פון כינע דורך פּערסיע און אייראָפּע איז ער אָנגעקומען קיין פּאַלעך, און פאַרניכטעט אין פּאַלעך אַלע זיינע „סעקרעטן".

אין ערגעץ נישט, אויף גאָר דער וועלט, אַ חוץ אין פּאַלעך, באַנוצט מען נישט די איקאָנעמאָלערישע, אייל־פאַרבן אויפן לאַקיר; נישט ביי די פּעדאָסקינער, נישט אין אייראָפּע, נישט אין פּערסיע, (נישט אין כינע,

נישט אין יאפאן נוצט מען נישט די פארבן, די איין־און־איינציקע אויף דער גאנצער וועלט פארבן אויפן לאקיר, וואס מאכן דעם פאלעכער לאקיר פאר איין און איינציק אויף דער גארער וועלט. אליין פאר זיך גענומען זענען די דאזיקע פארבן נישט ניי; די אוראלטע מאלעריי האט זיך מיט זיי פולקום באנוצט; די מאדערנע מאלעריי האט זיי אבער אוועקגע־שטעלט אין א זייט און זיי לחלוטין אנגעווירן; פאלעך האט זיי מחיה־מתים געווען אויף אזא אופן, ווי קיינער נאך אויף דער גאנצער וועלט.

לאקיר — פארב — ג א ל ד. פונקט אזוי ווי דעם לאקיר, אזוי האבן די פאלעכער פונסניי געפונען דאס גאלד. די אוראלטע איקאנע האט באנוצט „אינאקאפ אויף אסיסט״; אסיסט — דאס איז קליי, גע־קאכט אויף קנאבל־זאפט; מיטן אסיסט האט מען געצייכנט דעם ארנא־מענט; דאס טרוקענע גאלד האט מען צעריבן; מען האט צעקנעטן א שטיקל ווייך שווארץ־ברויט; מיט דעם ווייכן שטיקל ברויט האט מען גענומען דאס צעריבענע גאלד; דאס גאלד האט זיך צוגעקלעבט צום אסיסט; דער אסיסט האט זיך אויסגעטרוקנט; אט אזוי זענען אנטשטא־נען די גאלד־ארנאמענטן. די פאלעכער האבן אנגעהויבן מיט דעם „איקאנאפ אויף אסיסט״ און זיך באלד פון אים אפגעזאגט, ווייל ער איז געווען צו גראב פאר דער מיניאטור, וווּ אפטמאל קומט אויס ארויפ־צולייגן דאס גאלד אזוי, אז מען זאל דאס בלויז קענען זען דורך א פאר־גרעסער גלאז. זיי צ ע פ י ר ן דאס גאלד (און זילבער), ז י י צ ע פ י ר ן ד א ס, פונקט אזוי ווי פארב, אויף אסיסט, אויף קליי, — און זיי האבן אויף אן אומגעווינטלעכן אופן צוריק אויפגעלעבט דעם קוישן, אדער נאך בעסער דעם הינטישן אדער וועלפישן צאן.

פאלעך האט געקענט און קאן הארעווען. פאלעך האט געמוזט זייער א סך זוכן. עס האט זייער פיל אויפגעטון, אט דאס פארגאפטע פאלעך. יעדן פופצנטן און דרייסיקסטן קלייבט זיך צונויף די קאמיסיע. ארום טיש אין פארוואלטונגס־צימער פון דעם ארטעל זעצן זיך די עלטסטע, פארזיצער איז זובקאוו, סעקרעטאר — בוטארין, זייער פייערלעך. אלעק־סאנדער איוואנאוויטש נעמט ארויס פון קאסטן איין מיניאטור נאך דער אנדערער, לויט דער ריי נאך, די ארטעל־פראדוקציע פאר צוויי וואכן. די קאמיסיע־מיטגלידער באטראכטן יעדע זאך, זיפצן און שווייגן.

— נו, חברים, ווי איז אייער מיינונג? — פרעגט זובקאוו.

— וואס פארא באמערקונגען זאל איך שרייבן? — פרעגט בוטארין.

— דאס פיסל איז ביי דעם געמאכט, גיט אליין א קוק, — זאגט

וואַטאַגין, זיפּצט אָפּ און בייגט אויס דעם קאָפּ אין אַ זייט. — ווען מען מאָלט לויטן סטיל נאָך קאָן מען אָפּטרעטן פון דער אַנאַטאָמיע, אָבער דאָ איז זייער ווייניק סטיל פאַראַן, יאָ...

— יאָ, עס איז נישט רעאַל, — רופט זיך אָן דער אויפריכטיקסטער באַקאַנאָוו, — זייער ווייניק רעאַלקייט... און דאָס גאָלד איז אויך נישט ווי געהעריק אַרויפגעלייגט... איך בין פאַר דעם ערשטן סאָרט.

סאָרטן זענען, הוץ די אינדיווידועלע אָפּשאַצונגען, פאַראַן זעקס— „א'‚ „ב'‚ „ג'‚ ערשטער; צווייטער און דריטער; די סאָרטן ווערן אָפּגעשאַצט לויט די סענטימעטערס — דער סאָרט „אַ'' — צען רובל פאַר אַ סענטימעטער, דער דריטער — צוויי רובל מיט דרייסיק קאָפּיקעס.

— נישט מייסטעריש, הייסט עס? — פרעגט זובקאָוו. — צו באַגילדט?

— וואָס פאַרא באַמערקונג זאָל איך שרייבן? — פרעגט בוטאָרין.

— שרייב — עס פעלט רעאַלקייט פון סטיל, דער יונג איילט זיך,— זאָגט טשעקורין, — ער איילט זיך און דער מייסטער איז גאָר נישט קיין שלעכטער מייסטער.

— און דאָס דאָזיקע פּיסל שטעל אויך אַריין. יאָ, — זאָגט וואַטאַגין. זיי זענען זייער שטרענג, די עלטסטע, און די פּראָטאָקאָלן, וואָס בוטאָרין שרייבט, זאָגן:

„.... קאָדינאַ אָ. מ. 3־טער סאָרט. ביים פערד זענען די טלאָען זייער גרויס.''

„.... בעלזאַוסאָוו ל. אי. 2־טער סאָרט. פאַרשטעלן מיט דער קאַרעטע די האַנט מיט דעם פּיסטיל''.

„.... דושין פּ. מ. אומקערן אויף איבערצואַרבעטן, די קאָמיסיע לייגט פאַר נישט צו כאַלטורען (טאַנדרעטעווען)''.

„.... פאַליקאָן וו. מ. 3־טער סאָרט. פאַרריכטן דעם קאָפּ ביים קייסערס זון. די קאָמיסיע לייגט פאָר נישט פאַרמינערן די טעמפּן''.

„.... קאָראָוואַנין יע. אַ. דעם ערשטן פּלאַן פאַרגרעסערן אנטקעגן דעם הינטערשטן. דאָס קאָרן איז נישט גוט, איבעראַכן. די אָרנאַמענטן זענען אויף אַלע פּיצעלעך אַלצאיינע. מען דאַרף, זיי זאָלן זיין פאַרשידנאַרטיק''.

„.... קאָטוכין וו. וו. „ג''. ביי קאָטשייען קלענער מאַכן דעם פּוס''.

„... באַקאַנאָוו א. ג. 1־טער סאָרט. לענגער מאַכן די רויִ־
טע קו, ביי דער גרינגער באַוויַזן די פּיס".

„... יערעמין וו. א בפּירושער פּעלער — דער יונג זיצט
אין שיפל מיט א פוס אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אריין".

„...כאַבלאָוו א. אין לאַקיר איז אַרויף שטויב. איר קענט
מאָלן זאַכן פון א בעסערער קוואַליטעט".

„... ליזגיקאָוו אי. ק. טעמאַטיק מיט מאָדרן נוצט נישט
אויס פאַר דער מאָלעריי".

„... מאַלאַכאָוו מ. אומקערן אויף איבערצואַרבעטן —
צושטעלן צו דער שטול א פיסל — אויך דעם אָנלען פון דער
שטול ריכטיקער איבערמאָלן".

„... פערשין אי. א. די פרוי איז צו ווייט אָפּגערוקט,
דערפאַר איז דער זשעסט פון אַרומנעמען זייער נישט נאַטיר־
לעך".

„... כאַבלאָוו נ. מ. „ג". עס פילט זיך א פאַרבעסערונג
אין דער קאָמפּאָזיציע און א זאַרגעוודיקייט".

עפּיגראַף:

„... הוליאַנקע, קאַראַהאָד, טאַנץ. די ווירטואָזקייט בשעתן
טאַנץ פון דעם יונג אָדער פון דער מויד... א שיכּורע קאָמפּאַ־
ניע, איך און איריי...

איוו. גאַליקאָוו

דעם 6־טן יולי, אום שבת, איז אין דיאַגיליאָוו געווען א קלויסטער־
יום־טוב פון דער וולאַדימירער גאָטס מוטער. דעם זיבעטן איז אין
קראַסנאָיע אויך געווען א קלויסטער־יום־טוב. עס זענען שוין צייטיק
געוואָרן פּאָזיעמקעס און שוואַרצע יאַגעדעס. עס האָבן געבליט די קאָ־ן
בלימלעך און דער קלעווער. דער באַגייסטערטער עולם האָט זיך שוין
געגרייט צום היי־שניט. און דעם פינפטן זענען פון קאַווקאַז, פון אַרמע־
ניע צוריקגעקומען די עלטסטע און השובסטע, פאַרדינסטפולסטע פריינט
קאָטוכין, מאַרקיטשעוו און וואַסורין, וועלכע זענען געפאָרן צו גאַסט צו
דעם אַרמענישן שרייבער־פאַרבאַנד. זיי זענען געווען אויף דער אָזיערע
סעוואַן (וועלכע וועט גאָר בקרוב פאַרשווינדן, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין
ניע זיבן אָזיערעס, וואָס זאָל באַוואַסערן גאַנץ זאַקאַווקאַזיע) זיי האָבן

פאַרבראַכט אין ערי־וואַן, אויף דער בויונג און אין די קאָלווירטן און דערנאָך צוויי וואָכן דורכאַנאַנד אָפּגעזעסן אין עטשמיאַדזין, אין דער עטשמיאַדזינער ביבליאָטעק, גריבלענדיק זיך אין די כּתב־ידן פון עלפטן, צוועלפטן און דרייצנטן אַרמענישע יאָרהונדערטן. זיי האָבן קאָפּירט די באַצירונגען, טיטול־אותיות און אילוסטראַציעס פון די דאָזיקע כּתב־ידן. זיי האָבן געבראַכט מערקווירדיקע זאַכן, וווּנדערלעכע. פון וועלכע קיינער האָט נישט געוווּסט, אַפילו די אַרמענישע מאָלער אויך נישט,—מערקווירדיקע געמעלן, קאָלירן און פאַרבן, אומגעוויינטלעכע, געוואַגטסטע קאָמפּאָזיציעס פריטיק, דעם 5־טן האָבן זיך די פאַרדיגסט־פולע געפּאַרעט אין באָד. שבת דריי אַ זייגער האָט זיך דער אַרטעל אָוועקגעלאָזט קיין דאַגיליאָוואַ, צו די פריינט דעם פילאָזאָף זינאָוויעוו און צום אַמאַטאָר פון דער שיינקייט פון דעם דאָרפס־לעבן טשעקורינען.

און אויב די פאַלעכער האָבן געקאָנט אַרויסטראָגן פון דער נאַכט פון יאָרהונדערטער ביז דעם זיבעצנטן יאָר אויף דער העלער שיין דעם נייעם לאַקיר, פאַרב און גאָלד פון זייערע מיניאַטורן, האָט דאָס וווּנדער איבער וווּנדער פאָלק פון דאָרטן אויך געבראַכט אַ נייע שמחה, וואָס איז פונקט אַזוי קאָנסערוואַטיוו, ווי גאַליקאָווס לידער. אויב אַלע טאָג נאָך פיר אַ זייגער איז געווען אַ זילבערן כּוסעלע, איז דאָס געווען אַ כּוס פון שטוינונג, אָבער נישט פון בייזער און בייזוויליקער שכּרות. אפנים, אַז אַזוי האָבן אויך געלעבט און געטרונקען די פלאַמאַנדער אין די בעסטע ציטן זייערע. אָט אַזוי טרינקען די גרוזינער. ביי די פאַלעכער זענען גאָרנישטאָ קיין שיכּורים און שיכּורע סקאַנדאַלן. דאָס העכסטע, וואָס קאָן טרעפן, איז, אַז אַ פאַלעכער זאָל זיין אַביסל „בגליפון". די פאַלעכער כּוסה איז, פאַראייניקט מיטן געזאַנג און אַרבעט, זי איז אַרויס פון דער שיכּרות, פונקט אַזוי ווי די לעווקאַסן פון די איקאָנעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין דעם לאַקיר פון דעם מעשהלע.

צו טשעקורינען און צו זינאָוויעוון זענען אויף יום־טוב פון די רוסישע וועגן אַראָפּגעקומען זייערע קינדער. מען האָט געטרונקען און געזונגען. די גאַנצע חברותא איז זיך געגאַנגען באָדן אין ליולעך. אויפן גאַס האָט זיך אַ דריי געטון אַ קאַראַהאָד — אַ טעאַטראַלע עבודה, זעלבסטפאַרשטענדלעך. אין דעם קאַראַהאָד זענען געגאַנגען אַקטיאָרן און אַקטריסעס שפּילנדיק אינם ליד און אינם לעבן, ווי אַ ליד. געעפנט דעם קאַראַהאָד האָט די יוגנט, אָט די, וואָס איז נישט פאַרוווּנדערט — משׂג־קורינס מיליטערישער זון מיטן ראָמב אויפן לאַץ, זינאָוויעוס טאָכטער די

לערערין, אינזשינירן, לערער, וועג־מייסטערס, טעכנאָלאָגן, דאָקטוירים, אגראָנאָמען, פּלאַנירער, פּאָרשוללערערינס, און אַ מענגע „סטודענטן״— און קודם־כּל פון פעלאַכער מאַלעריי־טעכניקום. טשעקורינס מיליטערישער זון האָט „געשפּילט״ דעם חתן. דער דאָזיקער שוין גאָרנישט פאַרגאַפטער עולם, מיידן און יונגען, אויסגעפּוצטע און לויט די יאָרן זייער סטאַטעטשנע האָבן קאַראַהאָד־ מעסיק געזונגען העליש רויטע און בלאָס־בלויע לידער:

גיי איך מיר שפּאַצירן אין קאַראַהאָד אַרום
העזעלע ווייסינקער!...
זוך איך מיר און קלייב מיר אַ שווער אויס אַ רייכן
העזעלע ווייסינקער!...
געפונען האָב איך אַ שווער אַ רייכינקן,
העזעלע ווייסינקער!...
...גיי איך מיר שפּאַצירן אין קאַראַהאָד אַרום
העזעלע ווייסינקער!...
זוך איך מיר און קלייב מיר אַ שוויגער אויס אַ רייכע
העזעלע ווייסינקער!...
געפונען האָב איך מיר אַ שוויגער אַ רייכינקע
העזעלע ווייסינקער!...

די „שוויגער און דער איידעם״ זענען, צופרידענע און פאַררויטלטע אַרויסגעטרעטן אין מיטן ראָד, אויפגענומען דורכן עולם מיט שמייכעלעך, און האָבן זיך געלאָזט שוועבן אַרום ראָד ווי פּאַוועס, אַקטיאָרן. דערנאָך זענען אַרויסגערופענע דורך געזאַנג, אַרויסגעגאַנגען אין מיטן ראָד, אַקטיאָרן, דער „שוואָגער״ און די „שוועגערין״ און צופרידענע, פאַררויטלטע זיך אויך געלאָזט ווי פּאַוועס, און אָנגעהויבן שפּילן. דערנאָך איז אויך אַרויסגעגאַנגען די „כּלה״ — די פּאַרוואַלטערין פון די פּאָלעכער יאַסלעס.

געפונען האָב איך מיר, אויסגעזוכט אַ רייכע כּלה
אַ כּלה, העזעלע!...
זיי זשע מיר מיין כּלהשי, און איך דיין מאַן!...
וועל איך זיין, העזעלע!...

דערנאָך קומט די אָפּרעכענונג —

דאָס גאַנצע ביר אויסגעטרונקען, און דעם שווער אין פּיסק אַריין!
אַלע פּיראָגעס אויפגעגעסן, די שוויגער גוט צעבאָיקערט!
גוט זיך אָנגערויטן אויפן פּערד, דעם שוואָגער דורכגעטריבן!
העזעלע ווייסינקער!...

און דער יונגער שוועגערין, אַ טייער מתּנהלע,
אַ טייער מתּנהלע — מיט אַ זיידן קאָנטשיקל
העזעלע ווייסינקער!...

אָך ווי גוט איז מיר און וויל, איינער אַליין געבליבן
אַליין געבליבן מיט מיין ווייבעלע יונגינקער, אַליין —
העזעלע ווייסינקער!...

דער דאָקטאָר טשעקורין, דער חתן, איז געגאַנגען שטאָלץ און אומ־אָפּהענגיק, צוטענצלענדיק, און נעבן אים איז געגאַנגען די כּלה, די פּאַר־וואַלטערין פון די פּאַלעבער יאַסלעס, א צופרידענע און א געלאַסענע פון פּאַרשעמטקייט. די אַרטיסטן האָבן געשפּילט מיט זייער גאַנצן טאַלענט, נישט זשאַלעוועדיק קיין מי און געלעכטער. און די באַצירונגען און די קליידער אויף די מיידלעך און דער קאַראַהאָד גופא זענען אַ סך מאָל גע־מאָלט געוואָרן סיי פון באַקאַנאָון, סיי פון וואַטאַגינען, סיי פון זינאָ־וויעוון, סיי פון טשעקורינען, סיי פון גאַליקאָוון. קיין שיכּורים זענען נישט געווען. דער קאַראַהאָד איז אויסגעוואָקסן ביז א מאַן צוויי־הונדערט, ביז א מיסטעריע פון אַלע קאָלירן, אַלע פאַרבן. עס האָבן זיך משמח געווען די האַרמאָנקעס, דאָס געזאַנג, די אַקטיאָרן־שפּיל. דער פאַר־זיצער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן — ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין א טאַנץ אין מיטן ראָד. און עס האָט געהאַלטן רעדעס דער אַמאַטאָר אַריינצוכאַפּן א רעדע.

— חברים, — האָט ער איבעראַשט אָנגעהויבן, — וואָס טוט זיך דאָ!... — ס'אַהאַ ימים־טובים מיר האָבן דאָס, איר פאַרשטייט?! ערשטנס, האָבן מיר היינט דעם יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע און אויך דער יום־טוב פון קאָאָפּעראַציע...

— ... און דריטנס — פון דער וולאַדימירער! — האָט בוטאָר'ן געמאַכט א צווישנרוף.

זובקאָוו האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט, גלייך, ווי ער הערט נישט.

— ערשטנס, די קאָנסטיטוציע, חברים, צווייטנס, די קאָאָפּעראַציע,

און דריטנס, חברים, גיט נאָר א קוק, וואָס עס טוט זיך, איר פאַרשטייט? אין א יום־טוב אין דיאַגיליאָוואַ...

— אויף דער וולאַדימירער.... — האָט בוטאָרין זיך ווידער אָנגערופן.

זובקאָוו האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט, גלייך ווי ער הערט נישט.

— ... דריטנס, חברים, וואָס עס טוט זיך, איר פאַרשטייט?! — אויף דעם יום־טוב אין דיאַגיליאָוואַ זענען געקומען צוויי פּאַסאַזשיר־אויטאָס, און איינער פון זיי געהער צו אונז, דאָס הייסט צו דעם מאַלער־אַרטעל פון אוראַלטער מאָלעריי. און דאָס איז אונזער פאַרדינטער פּראָלעטאַרישער יום־טוב... און פערטנס...

— ...די וולאַדימירער... — האָט זיך בוטאָרין ווידער אָנגערופן.

— מיטקאַ, לאָז געמאַך, צו אַלדע רוחות! און פערטנס, און דער סאַמע עיקר, חברים, איר פאַרשטייט!? — עס זענען געקומען צופאָרן אונזערע פריינט, די פאַרדינסטפולע קונסט טוער מאַרקיטשעוו און קאָטוכין פון זייער וויסנשאַפטלעכער נסיעה, פון קאַווקאַז!.. איר פאַרשטייט, דאָס איז דאָך אונזער אַלגעמיינע שמחה, איצט איז שוין נישט, ווי אין סאַפּיאַנאָווס צייטן, ווען מיר פלעגן פאָרן מאַלעווען געטער אין די קלויסטערס, ניין, איצט זענען שוין אונזערע חברים געפאָרן פאַר דער וויסנשאַפט קיין אַרמעניע, זיי זענען געזעסן אין אַטש... אין יעטשמיאַדזין איבער דער אַרמענישער קונסט פון עלפטן יאָרהונדערט, וווּ קיינער איז נאָך ביז איצט נישט געזעסן. און אויסער דער קאָנסטיטוציע, איז דאָס אונזער גרעסטער יום־טוב...

— ... און די וולאַדימירער...

— מיטקאַ, לאָז, צו אַלדע טייוול, געמאַך מיט דעם וולאַדימערער נעפל!... און איך לייג פאָר, חברים, מיר זאָלן אַלע אָפּזינגען דאָס כּוסעלע לכּבוד אונזערע פאַרדינסטפולע חברים!...

דער עלטערער דור פּאַלעכער זענען זעלטן געזונטע מענטשן, זעכציקיעריקע זעען אויס ווי פינפאונפערציקיעריקע. קאָטוכין און מאַרקיטשעוו, צוויי פריינט, זענען ריזן, זייערע צונעמענישן אַדמיראַל, איוואַן זאַבעלאַי זענען די בעסטע עדות. אויף דעם יום־טוב זענען זיי געקומען אין שטרויענע סאַפּעליושן, אויפן קאַווקאַזער שטייגער, נאָך נישט אײַנגעגאַנצן אויסגערוט און צו זיך געקומען פון דער רייזע, האָבן זיי זיך תּחילת געהאַלטן סטאַטעטשנע און צוריקגעהאַלטן. אָבער דערנאָך האָבן זיי זיך

צעשמאָלצן אין קאראהאָד און צווישן דער יוגנט, צווישן די מיידן און יונגען, אַליין יונגע, ווי די יוגנט, זענען זיי געבליבן שטעקן אין דער נאַכט, זיך צעשמאָלצן אין דער נאַכט און יוגנט.

דעם זיבעטן האָט מען געאַרבעט ביז פיר, און פיר אַ זייגער איז מען בראש מיט קאַטוכינגען, מאַרקיטשעוון און בוטאָרינען אַוועק קיין קראַסנאַיע — אַוועק אין אַ פאַרשיידנפאַרביקער, קאָליר־שפּילעוודיקער קאַראַהאָד־עבודה. ווידער האָבן דאָקטוירים, אַגראָנאָמען, אינזשינערן און סטודענטן — דאָס הייסט די פאַלעכער יוגנט — געפּראַוועט די מיסטעריע און געזונגען:

אַז דער שיינער וואַניאַ
איז מיטן ערשטן שניי געגאַן —
נישט מיטן וועג איז ער געגאַנגען —
נאָר דורך אַ פרעמדן גאָרטן!

דעם אַכטן האָט דער אומבאַגרייפלעכער עולם געאַרבעט און גערוט אין דערהיים. דעם ניינטן נאָך דער אַרבעט, איז מען פיר אַ זייגער ביי־טאָג, אַוועק אין וואַלד. צו די פיר סאָסנעס — צו דעם זעלבן אָרט, וווּ מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט דאָס אונ־טערערדישע רעוואָלוציאָנערע קרייזל. און געגאַנגען זענען אַהין די, וואָס זענען געבליבן לעבן פון יענעם קרייזל. מע האָט מיט זיך מיטגענומען בראָנפן, מען האָט מיט זיך מיטגענומען שאָפּן־פלייש. די קאַוקאַזער האָבן אויפן שייטער געבראָטן אַ ניי — פאַר פאַלעך — געריכט — קאַוקאַזער שאַשליק.

און עס איז געפונען געוואָרן דער אוצר! — עס איז געפונען גע־וואָרן דאָס אָרט, וווּ מען האָט באַגראָבן די ביבליאָטעק פון דעם פאַלעכער קרייזל: באַגראָבן האָט די ביבליאָטעק נישט דער ביבליאָטעקאַר ניקאָלאַי לאַפּין, נאָר אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש מאַרקיטשעוו, מיטן צונאָמען פּיסטאָן, דער ערשטער פאַלעכער און מערקווירדיקער סאַטירישער קאַ־ראַהאָד־אַרטיסט. די ביבליאָטעק ליגט באַגראָבן נעבן איוואַן וואַסיליע־וויטשעס מאַרקיטשעווס הויז, נעבן איוואַן זאַבעלאָס הויז, אַנטקעגן דעם דריטן פענסטער אין דעם געסל.

מען האָט דערמאָנט דעם אוצר און יעדערער האָט פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן דרייסיק יאָר זכרונות. די גרויסע סאָסנעס זענען ווירקלעך

ריזיק, הונדערטיעריקע, און מיט זייערע קרוינען שפּאַרן זיי הויך אַרויס פון דעם וואַלד. פון דעם אויסגעהאַקטן וואַלד אַרום זיי האָט געשמעקט מיט ווינט און מיט פּאַזיאָמקעס. די זון האָט זיך געזעצט הינטער דעם וואַלד לויט די פּרינציפּן פון דער פּאַלעכער מאָלעריי.

און די יוגנט האָט סיי דעם פּינפטן, סיי דעם זעקסטן, סיי דעם זיבעטן יולי, נאָך די קאַראַהאָדן, געטראָגן איבער די פעלדער, איבער דעם לינדן יולעך און דער פּאַלעשקע שפּליטערס פון לידער. געלעכטערס, סוֹשן, מיסטעריעס, צערטלעריען, — זי האָט זיי אויסבאַהאַלטן אין דער פינצ־טערניש, צעבויטנדיק די פינסטערניש מיט שמחה, און זיי פונאַנדער־געטראָגן איבער די כאַטעס, ווען די באַקאַנאָווישע זון איז אויפגעגאַנגען. די לימודים אין דעם פּאַלעכער טעכניקום האָבן זיך געענדיקט, די עקזאַ־מענס זענען פאַרביי. פרילינג ניינצן הונדערט פינף און דרייסיק איז גע־ווען דער ערשטער אַרויסלאָז פון דעם טעכניקום, איינציייטיק מיט דעם ערשטן אַרויסלאָז פון די סאָוויעטישע צען־יאָריקע שולן, — דער ער־שטער אַרויסלאָז פון פּאַלעכער געבילדעטע מאָלער, וואָס האָבן געקענט שרייבן און לייענען, געקאַנט די רוסישע געשיכטע און די פּאָליטלערע. און אויב עס איז אַ גוואַלטיקער אונטערשייד צווישן דער לערע, וואָס אַרבעקאָוו דער פּאָטער און זון האָבן דורכגעמאַכט, איז דער אונטער־שייד צווישן דער לערע, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט איוואַן איוואַנאָוויטש זובקאָוו און זיין טאָכטער טאַמאַרע, איוואַן איוואַנאָוויטש גאָליקאָוו און זיין זון יורי, מאָלערס — נאָך גרעסער, נאָך אַ סך, אַ סך גרעסער. עס האָבן אויפגעבליט די מאַיגלעקלעך און קאַלינעס, עס האָבן געבליט די ווייסע וואַלד־פיאָלן, רומיאַנעק, מענטע, שטשאַוו, קלעווער. אַלע פרי־מאָרגן האָט זיך איבער דעם קאָרן פּלוצים אויפגעהויבן אַ רויכעלע, עס איז אָן אַ ווינט געפלויגן איבער דעם קאָרן, — דאָס איז געפלויגן דער שטויב פון דעם קאָרן־בליעכץ, עס האָט זיך באַשטויבט. באַפרוכפּערט די תבואה. עס האָבן געבליט די לייגען. פאַרטאָג און דריי אַ זייגער בייי־טאָג האָט געשפּילט דער האָרן פון דעם פּאַסטוך, צונויפרופנדיק די סטאַ־דע, די פּאַלעשקע און דער לולעך האָבן געקלונגען מיט קינדערשע און ווייבערשע קולות פון די באָרנדיקע, וועלכע האָבן אונטערגעטונקט זייערע לייבער אין דעם שאָטנדיקן גריינס אונטער די סאָסנעס און אָלשינעס, וואָס הענגען אַראָפּ איבער דער פּאַלעשקע. נעכט דורכ־אַנאַנד האָבן געקלונגען געזאַנגען, געזיפּצט, געאָכצעט האַרמאָניקעס, איך דער פינצטערניש אויף די פעלדער, אין די הייפלעך אונטער די ביימער, ביים הויז פון סאָצקולטור האָבן זיך צעפּליעסקעט פּרוויאישע געלעכטער־

לעך. עס האָבן זיך געשאַפן נאַכט־מיסטעריעס. און די זון איז אויפגע־גאַנגען. אין פּאַלעך האָט יעדע פרוי אין עלטער, וואָס די נאַטור באַשטימט פאַר געבורט, אומבאַדינגט א קינד אויף די הענט, און דאָס צווייטע קינד ציט די מוטער ביים קליידל. יעדער מאַלער האָט א מענגע קינדער, און אפילו ביים בחור בוטאָרין לויפט אויך אַרום א טעכטערל. פון גע־בוירן אָן קאָנען די פּאַלעכער קינדער האַלטן א פּענזל אין האַנט, פון געבוירן אָן האַלטנדיק דעם באַרוף פונם מענטשן צו זיין א מאָלער.

און די זון איז אויפגעגאַנגען.

און דער אומבאַגרייפלעכער גאַליקאָוו האָט פּאַרנאָטירט:

„... און נישט נאָר אונז און אונזערע קינדער, נייע־ט אפילו אונזערע פרויען קאָנסטו אויך געבן א פּענזל אין האַנט. זיי לערנען זיך איצט אויך אין אונזער טעכניקום. מיר האָבן געפונען אונזער אָרט אין דער רעוואָלוציע. אונזער לעבן ווערט שיין. פונקט אזוי ווי אונזערע בילדער און קעסטעלעך. די רע־וואָלוציע האָט אונזער נודנע, שטאַמפּאַרטיקע אַרבעט פּאַר־וואַנדלט אין א גרויסער, פרייער שאַפונג. עס זענען שוין נישטאָ קיין באַגייסטערטע קינסטלער. — שיכּורים. זיי זענען געוואָרן די בעסטע מייסטערס, און מען באַשיינקט זיי מיטן טיטול פּאַרדינסטפולע קונסט־טוער"...

און די זון איז אויפגעגאַנגען...

פון די יאָרהונדערטער פון זיין פּאַר היסטאָריע, פון הינטער דעם אָקטאָבער, האָט פּאַלעך און אונזער אָנגעכמורעטן, קריגערישן, פּראָ־לעטאַרישן יאָרהונדערט אַרויסגעקוקט מיט שמחה, מיט פרייד, מיט פּאָעזיע; מיט קענטעניש, — מיטן מעשהלע. וואָרום טאַקע באמת, דריי־הונדערט קילאָמעטער פון מאָסקווע, דרייסיק קילאָמעטער פון דער באַן, לעבן נישט איינס נישט צוויי נאָר עטלעכע צענדליק קינסטלער, מיט הונדערט צוואַנציק תּלמידים, מיט ריזיקע וואַרשטאַטן, מיט א מלוכה־מוזיי, וועלכע זענען פּאַראייניקט אין אַן אַרטעל, אין יענער קאָלעקטי־ווער אַרבעט, וועלכע אַנטוויקלט די אינדיווידואַליטעטן, אין יענער גע־זעלשאַפט פון אינדיווידואַליטעטן, וועלכע שאַפט אַ שול, און גלייכצייטיק איז די אַרבעט אין דער דאָזיקער שול געבויט פונקט אויף אזא אופן, ווי אין בעלינים און ראַפאַעלס ציטן, ווען די גרויסע מייסטערס האָבן געהאַט גרויסע תּלמידים. די דאָזיקע שול, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך רעוואָלוציע, וואָס האָט ווידער אויפגעלעבט נישט בלויז די רוסישע קונסט,

נאָר זי האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די קולטור פון די דאָזיקע חברים איז אויך עמפּינדלעך פאַר דער קונסט פון דער גאָרער וועלט, אָט די דאָזיקע שול איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פון אונזער הײַנט־צײַטיקייט.

אינדערפרי גייען די מייסטערס צו דער אַרבעט, אין די וואַרשטאַטן. בײַ די פענצטער — טישן, בײַ די טישן — מאָלערס. אַרום יעדן טיש פון אַ באַרימטן זיצן פיר־פינף שילערס. די מייסטערס זיצן אין די אונטער־שטע העמדער, מיט אַראָפּגעלאָזטע שלעקעס, צומאָל באָרוועס, אין צימער שמעקט מיט מאַכאָרקע. די צעפירטע פאַרבן אויף אַ גלעכל פון אַן איי — העלבלוי, אָכרע, כראָן, אומרע, באַקאַן רויטער און גרינער — זענען פונאַנדערגעגאָסן אין הילצערנע לעפל, בײַ וועלכע עס זענען אָפּ־געשניטן די שטולן, די פענזלען, וועלכע זענען פון האָר פון אַ האָזן־עק, זענען אַליין געמאַכטע. נעבן דעם גאָלד און זילבער ליגן די הינטישע און וועלפישע ציין. דאָרט וווּ די אַרבעט איז נישט צוטרעטלעך פאַרן אויג, באַנוצט מען אַ פאַרגרעסער גלאָז. די שילער קוקן זיך צו צו יעדער באַוועגונג פון דעם מייסטער, ווי אַזוי ער לייגט אַ גאָלדענעם בליק אויפן אויג, אָדער ווי אַזוי ער מאָלט, — ווי אַזוי ער פאַרדרייט אַ „הינטיש־פּיס" מאַכאָרקע, פאַרוויכערט, פאַרזשמורעט אַן אויג און קוקט זיך לאַנג־זאַם אײַן אין זײַן קאָמפּאָזיציע, ווי אַזוי ער הייבט אָן פאַרטראַכטער־הייט צו זינגען: — „ע־עך, אין ש־בת"... דער מייסטער טענהט אָפּט צו די שילערס, צו די מיידלעך און ייִנגלעך, צוקוקנדיק זיך און באַ־טראַכטנדיק זייער אַרבעט. — „גיב נאָר אַ קוק, וואָס עס טוט זיך דאָס בײַ דיר, — קאָשטשייס פּוס איז דאָך גרעסער פון אים אַליין, און זײַן גרינע קו איז נאָך קלענער — ווי אַזוי מאַכסטו דאָס דײַן קאָמפּאָזיציע?— פון וועלכער פּערספּעקטיוו מאָלסטו דאָס, אַנו, באַווײַז... פאַרבעסער די גענויאיקייט".... דער מייסטער נעמט אַ צײַטונג, פון וועלכער עס זענען אַראָפּגעפּליקט די ברעגעס אויף „הינטישע פּיסלעך", און הייבט אויף אײ־אָן צו צייכענען די פאַלעכער געזעצן וועגן פּערספּעקטיוו און אַנאַטאָמיע. די שילערס לייגן זיך אָן אויף דעם מייסטערס אַקסל, כּדי מען זאָל בע־סער קענען זען. — „נו, גיב אַ קוק, דו זעסט — אָט דאָס — יאָ, איז אַ קאָמפּאָזיציע. האָסט פאַרשטאַנען? — אין דער קאָמפּאָזיציע מוז אומ־באַדינגט זײַן אַזאַ מין אָרט, וווּ עס זאָל זיך גלײַך וואַרפן אין די אויגן, אַז דאָס אויג זאָל האָבן אויף וואָס צו קוקן, דאָס איז — יאָ... מאָל ווײַטער..." — די מייסטערס פאַרטראַכטן זייערע קאָמפּאָזיציע און פאַר־צייכענען זיי אויפן פּאַפּיר, אָפטמאָל אויף אַ שטיקל צײַטונג־פּאַפּיר, און

פֿון דאָרטן טראָגן זיי דאָס אַריבער אויפֿן לאַקיר, שוין אָן אַ בלייפֿען־צייכענונג. אָנצייכנענדיק דאָס געמעל מיט ווייסער פֿאַרב, אויף וועלכער עס וועלן שוין שפּעטער אַרויפֿגעלייגט ווערן, אַלע פֿאַלעכער פֿאַרבן אין גאָלד. די אויסגעמאָלטע זאַכן שטעלן די פֿאַלעכער אַוועק אויף דער זון, ווייל די פֿאַלעכער פֿאַרבן ווערן, להיפוך צו אַלע פֿאַרבן בכלל, פֿון דער זון ליכטיקער און פֿולוואָרטיקער און ווערן טונקעלער אין דער טונקלקייט. נאָך דער זון גייען די אויסגעמאָלטע זאַכן, נאָך פֿאַר דער ערשטער פּאָלירונג און פֿאַר דעם, ווי מען לייגט אַרויף דאָס גאָלד, און די הויכע טעמפּעראַטורן פֿון די טרוקן־אויוונס. אין די צימערן איז שטיל, עס שמעקט מיט מאַכאָרקע, אָפטמאָל דערהערט זיך אַ געזאַנג, וואָס מען זינגט אינדערשטיל, פֿאַרטראַכטערהייט. מענטשן אַרבעטן. און אַזוי ביז פֿיר אַ זייגער פֿאַרנאַכט.

# ק א פ י ט ל   פ י ר

די זון איז אויפגעגאנגען. קאיאר האט דער פאסטוך געשפילט אויפן האָרן. די „אוריאדניקעס", דאס הייסט, די פרויען פון די מאָלערס האבן אין די הייפלעך געמאָלקן די קי און זיי געטריבן צו דעם ארכיטעקטור־פרעסקישן — צווייטן פאלעכער מוזיי, דאס הייסט צום ליקווידירטן קלויסטער, וואס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א מוזיי. דער פאסטוך האט געטריבן די קי, יאלעווקעס און שאף אויף דער פאשע. די פרויען, באַרוועסע, אָפגעקילטע אין טוי און אין פרימאָרגן־קעלט, האבן זיך אויף א ווײַלע צוגעשפארט אין בעט נעבן זייערע ווארעמע מענער, און זענען אויפגעשטאנען מיט א שעה פריער פאר די מענער, כדי אָנצוטראָגן וואסער, צוגרייטן טיי פאר דעם מאן, אים אָפבאקן א פלעצל. די מענער זענען אויסגעגאנגען אין די ווארשטאטן. ביי די ווײַבער זענען געבליבן די קינדער און די שטוב, די קיך, דער מיטאָג, דאס וועש, דער הויף. דער קעלער, די באָד, די הינער, קלייניקייטן, א חוץ די געזעלשאפטלעכע ארבעטן — דאס אויסיעטן די קאָלעקטיווע פעלדער, באגיסן די קאָלעקטיווע גערטנער א. ד. גל.

די מענער האבן געלעבט פארגאפטע און מיט דער קונסט, און די פרויען — איין און איינציקער אלעקסיי איוואנאָוויטש וואטאגין, וועלכער האט ווײַניקער געטרונקען פון אלע מאָלער, פלעגט, זייענדיק „בני־לופין", אָנבייגן אין א זייט דעם קאָפ און לירייש א זאג טאָן: — „אט מיין אנדרעוונא, דאס איז א מענטש, איך רוף זיך אָן צו איר: אנדרעוו־נא, עס חלשט מיר א טרונק, און זי פרעגט, וואס דיר געבן זיסן אָדער געווײַנלעכן?..." —

די פרויען האט מען געהאלטן פאר „אוריאדניקעס". אלעקסאנדרא מיכאילאָוונא, די פרוי פון א מאָלער און סערגיי איוואנאָוויטשעס באלע־באסטע, וועלכע האט פארדונגען די גאנצע שטוב און אליין האט זי זיך איבערגעקליבן אויפן בוידעם, האט געהיימנישפול דערציילט:

— און ביי אונז אין סטאדע איז עפעס נישט גלאטיק, זינט איך

לעב האָט איך אַזוינס נישט געהערט, — דער אָקס זויגט ביי די קי די מילך אויס!...

— און אויף וואָס איז דער פּאַסטוך? — האָט זיך דער באַלעבאָס איוואַן וואַסיליעוויטש, מיטן צונאָמען קאַלבאַסקין, אָנגערופן. — דאָס דינגען אונזערע פּרויען אַזעלכע פּאַסטוכער, — האָט ער גלאַט אין דער וועלט אַריין אַ בורטשע געטון, — ווי באַלד דער פּאַסטוך שפּילט נוט אויפן האָרן, הייסט עס, אַז ער איז אַ גוטער פּאַסטוך, און אַכטונג געבן אויף דער סטאַדע דאַרף ער שוין נישט, אַבי ער שפּילט אויף זיין פּייפל...

— הייסט עס, אַז דער פּאַסטוך שפּילט דאָס פון אונזערט וועגן אויפן פּייפל?...

— נעוויס פון אייער פאַרגעניגן וועגן, פון אייער הנאה וועגן!...

— וויבאַלד אַזוי שטיי דו אויף דריי אַזייגער פּאַרטאָג מעלקן די קי, — און שעפּ דו דעם פאַרגעניגן.

— דאָס איז נישט מיין פליכט.

— נעוויס איז דאָס נישט דיין פליכט! דיינע — איז ליטערעס צו טרינקען און מיט די שילערינס צו פאַרבּרענגען... ווו ביסטו נעכטן געווען, נו. ווו ?

— איך בין מיט די חברים... איך האָב געמוזט... און דערצו נאָך זענען די פאַרדינגסטפּולע צוריקגעקומען פון דער רייזע...

— און ווער פון אייך האָט ניורקא קאַרינאַן בלומען אָנגעריסן?

— וואָס דיר פאַלט איין. דאָס איז גלאַט אַזוי זיך, וויניק מיסט וואַקסט דאָס אונטער די פּיס...

— יאָ, יאָ, שוין איינמאָל מיסט וואַקסט דאָס אונטער די מיידנס פּיס...

די פאַלעכער מענער זענען זעלטן נעזונטע מענטשן, און קיין שום זאַך נעמט זיי נישט. און אַלע זענען פאַעטן. און די פרויען...

אַלעקסאַנדרא מיכאַיאָלאָוונאַ איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרטון אין איר אַרבעט און זאָרגן און קיינער האָט זי נישט באַמערקט. זי האָט געשפּייזט די מענטשן און בהמות. זי האָט געוואַשן די פּאַדלאָגעס אין שטוב, אויס־געקערט אַרום הויז און געיעט איר גאָרטן, צוויי בייטן טרוסקאַווקעס, צוויי בייטן פּאָמידאָרן, צוויי בייטן ציבעלעס און קנאָבל. יעדן קאַיאָר, אַ שעה, איידער עס כאַפּט זיך אויף דער הערשער, פלעגט זי גיין אין וואַלד אַריין נאָך יאַגדעס און שוואָמען. געפּליקט די הינער, אַוועקגעזעצט די קוואָקעס און צוזאַמען מיט די קוואָקעס אויסגעפירט די הינדעלעך. פּאַרטאָג און דריי אַזייגער ביימאָג, פלעגט דער פּאַסטוך שפּילן אויף זיין

האַרן און צונויפֿרופֿן די סטאַדע. איינס אַזייגער בײַטאָג און אַכט אין אָוונט פֿלעגט דער פּאַסטוך ברענגען צו פֿירן די סטאַדע. אויפֿן סאָוויעטן־פּלאַץ, אויף דער באַקאַנאָוו און גאַליקאָוו־נאַס האָט די סטאַדע אויפֿגע־הויבן אַ שטויב, די קו האָבן געמעקעט, און די שאָף, די נאַרישסטע באַ־שעפֿענישן, האָבן געבעקעט, — און אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע „אוריאַדניקעס" געשפּאַנט אין שטויב, פֿונ־אַנדערפֿלאַנטערנדיק די קעלבישע און שאָפֿישע נאַרישקייט אויף דידי־קינישע, באַקאַנאָווישע, וואָקוראָווישע איינגטומס. מען האָט געדאַרפֿט מעלקן די קי. מען האָט געדאַרפֿט אָנטראָגן וואַסער און באַגיסן די בייטן. מען האָט געדאַרפֿט צוגרייטן דאָס נאַכטעסן...

בשעת אין פֿאַלעך האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָלווירט, איז דער גאַנ־צער מאָלער ־ אַרטעל אַרײַנגעטרעטן אין אים. דערנאָך איז דער אַרטעל אַרויסגעטרעטן פֿונם קאָלווירט, אַלס אינדוסטריעלע, און נישט לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונג. און אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ האָט געטענהט צו סערגיי איוואַנאָוויטשן:

— אין קאָלווירט איז, מיין איך, בעסער, ווי אין אַרטעל. זיי האָבן אַלץ אין זייער קונסט און ווידעראַמאָל קונסט, און מיר ווייסן, וואָס עס איז אַזוינס זייער קונסט. יעדן אָוונט איז מען בגילופֿינדיק און יעדער פֿון זיי האָט זיך זיין סימפּאַטיע, און ווו פּאַקן זיי אַזויפֿיל!... און מיר — גרייט פֿאַר זיי, קאָך פֿאַר זיי. איך וועל דאָס נישט זאָגן אויף באַקאַנאָוון אָדער זובקאָוון, אויף קאָטוכינען און מאַרקיטשעוון,—זיי פֿאַרדינען גוט, און ס'קלעקט זיי אויף אַלעמען. אָבער מײַנער אָחער עמיצער אַנדערש, — אין קאָלווירט וואָלטן מיר מער פֿאַרדינט. און אין קאָלווירט איז אַ קאָנט־ראָל פֿאַראַן, האָרטן פֿאַרדינען די פֿרויען מער פֿון די מענער, דאָרט זעט מען, ווער וועמען עס שפּייזט, און דאָ — קונסט און ווידער קונסט, און מיר, זיץ אינדערהיים, וואַרט אויפֿן מאַן און קיינער שאַצט נישט אָפּ דיין אַרבעט. זיי האָבן אונז אַ נאָמען געגעבן „אוריאַדניקעס", און דאָס, וואָס מיר לעבן און האָרפֿן לעבן מיט זיי, דאָס האָבן זיי גאָר פֿאַר־געסן... ניין, אין קאָלווירט איז בעסער, איך וואָלט דאָרט מער פֿון אים אַרבעטס־טעג געהאַט. און וואָס שייך די קינדער, לערנען זיך די קינדער פֿון די קאָלווירטניקעס אין די זיבן־יאָר שולן פּונקט אַזוי ווי אונזערע...

סערגיי פּעטראָוויטש אַגייעוו האָט איינמאָל געזאָגט:

— מיר שענקען אונזערע ראַיקאָמען און ראַיסאָוועטן אויטאָמאָ־בילן, — אין אַ יאָר אַרום וועט די גאַנצע געגנט האָבן אויטאָבוסן.

פון פאַלעך קיין פעסטיאַסי און קיין יוזשע איז דאָ אַן אויטאָ־וועג. וואַסילי וואַסיליעוויטש זימין, דער פאַלעכער „וואָיעוואָדע“, דער פאָרזיצער פון פאַלעכער ראַיאָויספּירקאָם, בויט, פונקט אַזוי ווי נאַנסען אין דער אַרקטיק, אויטאָ־וועגן אין זיינע פּעריפעריעס, צו די קאָלווירטן און צו דעם קאָלווירטישן ליין. די קאָלווירטלער פירן זאַמד און זשוויר און פירן איבער דאָס ליים פון די וועג־גריבער. די מיידלעך אַרבעטן מיט די לאָפּעטעס און באַגלייטן דעם חבר זימין מיט הלצהלעך, — זעט נאָר דעם אויטאָ־יעדר*), הייסט עס!... פונדעסטוועגן פעלן נישט קיין גריבער אויף די וועגן. איינמאָל האָט סערגיי איוואַנאָוויטש, נאַכדעם, ווי ער האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט צוליב די גריבער, זיך אויסגעזעצט אויף אַ טראַנשייע פון אַ נייעם וועג, אונטער די סאָסנעס, נעבן די קאָלווירטלער מיט די פורן, מחמת דער היץ האָבן די קאָלווירטניקעס געפּיטערט זייערע פערד. די פערד זענען פון קאָפּ ביזן ווידל און אונטערן בויך נעוועץ אַרומגעבונדן מיט צווייגלעך פון בערעזעס, ריאַבינעס און אָסינעס, כדי צו פאַרהיטן זיי פון די פליגן, און האָבן אויסגעזען אַזוי ווי באַוועגלעכע ביידלעך. די קאָלווירטלער האָבן אויפן שייטער געבראָטן קאַרטאָפל. די לופט האָט געשמעקט מיט סאָסנע־סמאָלע, וואָס האָט זיך צעשמאָלצן פון דער היץ.

— דער איקאָנע־מאָלער בעלאָאוסאָוו, ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ באַלעבעסל פאַר זיך נאָך דער גראַנאָוויטער פּאַלאַטע, האָט סאַפּאָנאָוון אויף צעפּיקעניש אָפּגערעמאָנטירט דעם איקאָנאָסטאַס און גענומען ביים גלח אַ שריפטלעכן דאָקומענט, אַז דאָס האָט ער אַליין טאַקע רעמאָנטירט, און נישט סאַפּאָנאָוו, זיין קאָנקורענט. און אָט נעמען סאַפּאָנאָוו און בעלאָאוסאָוו און טוען אַ שטאַרב, און באַגעגענען זיך אין גהינום, ביידע צוזאַמען. פרעגט סאַפּאָנאָוו בעלאָאוסאָוון: „ווי געשיקט זיך דאָס, אַז דו מיט דעם דאָקומענט, וווּ עס שטייט שוואַרץ אויף ווייס, אַז דאָס האָסטו דעם איקאָנאָסטאַס געמאַכט, זאָלסט גאָר זיין אין גהינום?“ — ענטפערט אים בעלאָאוסאָוו: — „דער מלאך, דער צוויגן־זון, וואָס האָט מיך פון דער ערד באַגלייט, האָט בלויז געקענט לייענען אויף לאַטיין. קיין רוסיש האָט ער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, אַן עם־הארץ אויף רוסיש, און האָט נישט איבערגעלייענט, דער טיוול, דעם דאָקומענט!“

---

*) אַ שפּיל־וואָרט: אויטאָ־פּאָרער און אויטאָ־פּרעסער, ווי דאַרמאָיעד — פּאַראַזיט, אומזיסטער פרעסער.

— און אַט איז אויף דעם טײַך לוך געפאָרן אויף אַ שיפֿל אַ װיסנ־שאַפֿטלעכער מאַן, פֿרעגט ער דעם איבערפֿירער: „די װיסנשאַפֿט־כעמיע קענסטו?“ — „ניין, — ענטפֿערט דער איבערפֿירער,—איך קען נישט“. דער װיסנשאַפֿטלעכער מאַן האָט אַזש אָנגעהויבן שאָקלען מיט דעם קאָפּ פֿון האַרצװייטיק, און דער איבערפֿירער האָט זיך שטאַרק פֿאַרשעמט פֿאַר זײַן נישט געבילדעטקייט. און פּלוצים אין סאַמע ברען פֿון אַט די װיסנשאַפֿטלעכע געשפּרעכן, נעמט דאָס שיפֿל און גיט זיך אַ קער איבער. דער איבערפֿירער פֿרעגט: — „און שווימען קאָנסטו, פּריץ, פּראָפֿע־סאָר?“ — „ניין“, — ענטפֿערט דער װיסנשאַפֿטלעכער פּריץ. — „נו, װיבאַלד אַזוי װעל איך מוזן ראַטעװען דײַן װיסנשאַפֿטלעך לעבן, דו זאָלסט, חלילה, נישט דערטרונקען װערן“.

די קאָלװירטלער זענען געװען באַקאַנטע, פֿאַלעכער, די צװיי ברי־דער ראָמאַן און יעפֿים אַרכיפּאָװיטשעס. נעבן ראָמאַן אַרכיפּאָװיטשן איז ביים שיטער געלעגן װערעסאַיעװס „כתבים פֿון אַ דאָקטאָר“. בײדע זענען זיי אַמאָל געװען איקאָנע־מאָלער. איינער פֿון זיי האָט צוזאַמען מיט בוטאָרינען געאַרבעט אין פּאַלעכער אַרטמשאַפֿט־קאָמיטעט, דער צװייטער האָט געדינט אין שויע ביי װיציינען, אין איזאָליאַטאָר. צום שיטער איז צוגעטאַנגען יעפֿים אַרכיפּאָװיטשעס טאָכטער, אַ קאָמוניסטקע, זי האָט געפֿרעגט סערגיי איװאַנאָװיטשן:

— יעסענינען, װען ער האָט געלעבט, האָט איר געזען? — ער און מאַיאַקאָװסקי געפֿעלן מיר...

עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז איר באַליבטסטער שרייבער איז — דיקענס.

ראָמאַן אַרכיפּאָװיטש האָט דערציילט:

— מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, האָט מען איינגעפֿירט אַט די קאַרטאָפֿל, און פֿאַר דעם, מיט פֿופֿציק יאָר פֿריער, האָט מען זיי אויך איינגעפֿירט אין פֿראַנקרייך. די פֿראַנצויזן האָבן דאָס אַזוי געטון: אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון זייער לאַנד האָבן זיי פֿאַרזייט קאַרטאָפֿל אויף די פֿעלדער און דאָרט אױעקגעשטעלט גרע־נאַדירן און אָנגעזאָגט די גרענאַדירן — זיי זאָלן קוקן דורך די פֿינגער. פֿאַרבייגייענדיקע פּויערים פֿרעגן: — „װאָס איז דאָ פֿאַרזעצט?“, — און די גרענאַדירן ענטפֿערן: — „עס איז דאָ פֿאַרזייט אַ מאכל־מלכים, שפּייז פֿאַרן קעניגלעכן טיש, װאָס װאַקסט אין װייטע, פֿון יענער זייט

ימיקע לענדער, און היימן הייסט דאָס ערד־עפּל, אָדער קאַרטאָפּליע". — די פּויערים האָבן אָנגעהויבן צו גנבענען דעם „מאכל־מלכים", כּדי צו פּאַרזוכן, וואָס דער קייסער עסט, — און עס פּאַרזעצט בײַ זיך... בײַ אונדז איז דאָס צוגעגאַנגען אַ קאַפּעטשקע אַנדערש. ניקאָלאַי דער ערשטער האָט פּונאַנדערגעשיקט די קאַרטאָפּל צו די גובערנאַטאָרן, די גובערנאַטאָרן צו די איספּראַווניקעס, די איספּראַווניקעס צו די אוריאַדניקעס, און די אוריאַדניקעס — צום פּויער: — פּאַרזײַ, דו צוויגן־קאָטער, און באַלבע נישט! קיינער האָט פון די דאָזיקע קאַרטאָפּל גאָרנישט נישט געוווּסט, און פאַרשטאַנען האָט מען דאָס אַזוי, אַז קוים האָט זיך דער קייסער אַליין צו דעם גענומען, הייסט עס, אַז קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען. און אָט זענען צוליב דעם אויסגעבראָכן די אַזוי־גערופענע קאַרטאָפּל־בונטן. קאַרטאָפּל האָט געהייסן טייוולס־זוימען, סם. די פּאָפּעס האָבן געפּראַוועט תּפילות אין די קלויסטערס. מענטשן זענען צוליב די קאַרטאָפּל אומגעקומען אויף קידוש השם. מײַן זיידע האָט דערציילט, אַז צוליב די קאַרטאָפּל האָט ער געקראָגן אַהיינגעציילט אין ווי רופט מען עס!... און איצט וועל איך אײַך פרעגן? — אָט זאָל מען נעמען און מיר פאַרבאָטן צו פּאַרזעצן קאַרטאָפּל, וואָס וואָלט איך אָן קאַרטאָפּל געטון?

— ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — אָט טראַג איך איצט דעם פּעלץ, וואָס האָט פריער געהערט צו דעם בירגער און ליפעראַנט פון זײַן מאַיעסטעט... פריער האָבן מיר די באַלעגופים אַנטבאַלעגופעוועט און נישט באַמערקט, ווי בײַ אונדז אַליין זענען די מוחות אויסגעוואָרצלט געוואָרן, — איך וועל דיר וועגן דעם שפּעטער דערציילן, דאָס הייסט וועגן די אויסגעוואָרצלטע מוחות...

(ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס דערציילונג וועגן די אויסגעוואָרצלטע מוחות ווערט שפּעטער דערציילט).

— אָט איז בײַ אונדז געווען דער צען־יעריקער יובילײ פון די פּודעלעך־מאַכער. און אָט איז אויסגעפאַלן דער קאָלווירט־יום־טוב פון דער נערעטעניש. וואָס איז דאָ צו דערציילן? — מען איז אַרויס אויפן פעלד, זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן לײַן, פאַרבעטן די שכנים אויף דער שמחה און אַסיגנירט פופצן טויזנט רובל אויף דער סעודה. און מען מוז דאָ דערציילן וועגן דעם געפּעס. בײַ סאָפּאָגאָוון זענען אויך געווען שמחות, און אָט ווען מען האָט אים אַנטבאַלעגופעוועט, זענען פון אים געבליבן פאַרשיידענע געפּעסן פאַר פיש און פאַר געגנז, זופּן־וואַזעס אויף גאַנצע צוויי עמער, טאַצן, פּאָלומעשקעס, און ווער האָט זיי געדאַרפט? אָבער אינם

קאלווירט זענען זיי אונז ערשט צונויף געקומען. העכט האבן מיר געקויפט
ביי דעם גאנגאלער פיש־ארטעל, — וועגן דארף גאגאלי אויפן לוך, האט
איר געהערט? — א באריםמט דארף! — העכט האבן מיר געקויפט,
אזעלכע גרויסע, אז סאפאנאוו האט זיי אפילו אין חלום נישט געזען.
צונויפגעפארן איז מען זיך פארנאכט צו, די אויטאמאבילן האבן מיט
זייערע אויגן די פערד געשראקן, פון אומעטום זענען געפארן געסט. די
מאידאקאווער פערד־פערמע האט געשיקט אירע לויף־פערד אויף טשע־
קאוועס. געפראוועט די סעודה האט מען אין גאנצן הויז פון דער סאצ־
קולטור, אין די אמאליקע סאפאנאווישע ווארשטאטן, ווייסט דאך... הונ־
דערט פופציק געסט זענען געווען — פארזיצערס פון דארפראטן און
קאלווירטן, בריגאדירן, און דערנאך אונזער קאלווירט אין פולן קאמ־
פלעט, פון קליין ביז גרויס, — געסט זענען געגאנגען, געפארן, א גאנצע
נאכט האט מען געהוליעט. נו, מסתמא ווייסטו דערפון, אז יעדן מענטשן
רוכט זיך, אז זיין ארבעט איז דער סאמע עיקר, ממש א היסטארישע
געשעעניש. נו, אזוי איז דאס אויך אין א גענעלשאפט, אן דעם האט קיין
זאך קיין זין נישט. נו, איז האט מען גערעדט, — מען האט געהאלטן
טאקע אמתע מלוכה־רעדעס, און געשריבן בריוו מיט באגריסונגען —
צום חבר נאסאוו און צום חבר אגייעוו. מיר האבן געצווונגען אלע אונ־
זערע שכנים זיי זאלן אפגעבן א באריכט וועגן זייער ארבעט, — דאס
הייסט, מיר האבן אין אונזער יום־טוב געוואלט הערן ווי עס האלט ביי
זיי און ווי נייען די געשעפטן אין זייערע קאלווירטן, וועגן זייערע דע־
גרייכונגען און דורכפאלן, אז אלץ זאל ארויסקומען, אזוי ווי בוימל
אויפן וואסער. און מיר האבן אויך אפגעגעבן דין וחשבון. עס האט זיך
באקומען א מין רייניקונג. איך זאג דיר — נישט קיין פשוטע מענטשן,
נאר העלדן אין מלוכהשן זינען פון ווארט. א באלאלייקע־ארקעסטער
האט אונטער אקאמפאנימענט פון א קלאוויר געשפילט ביז דריי אזייגער
פארטאג. אלע פארזיצערס האט מען מכבד געווען מיט א כוסעלע. גע־
ווייגטלעך, האט מען געטרונקען. די זקנות, זיי האבן אויך געטאנצט מיט
אונז. קיין שיכורים זענען נישט געווען. און מיט רעדעס — באמערק
דאס דיר — זענען מערסטנס פרויען ארויסגעטרעטן, זיי האבן געהאט
מער ארבעטסטעג, זיי נעמען איבער די מאכט, ביי זיי האט דערוואכט דער
ווילן צו הערשן...

— פון דעצעמבער אן ביזן פארזיי בין איך געווען געדונגען דורכן
קאלווירט אויף גראבן דעם קאנאל פון דער גרויסער וואלגע... דארט

אויפן קאַנאַל האָב איך אויך באַגעגנט אַנטאָן איוואַנאָוויטשן... נו, מיר זענען אָהינגעקומען פונקט צו אַזאַ אַרבעט, ווי איצט, אויפן וועג, דאָס הייסט פירן ערד, נאָר נישט פאַר דעם וועג, נייערט פאַרן קאַנאַל... מיר גראָבן, מיר פירן. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר פון דער מעשה. געאַרבעט האָבן דאָרט — נו, מיר, קאָלווירטלער, אַרבעטער, רויט־אַרמייער, אינזשינערן, און חוצדעם — אַרעסטאַנטן. און אַלץ איז ביי אונז געווען צעטיילט אויף בריגאַדעס — קאָמיוגיסטישע בריגאַדעס, בריגאַדעס פון סימפּאַטיקער, אָט אַזעלכע, למשל, ווי איך. עס זענען אויך געווען בריגאַדעס פון אַרעסטאַנטן און פון דער שפּאַנע. און עס איז געווען אָן איבערגייענדיקע רויטע פאָן, — דאָס הייסט, אַזאַ פאָן, וואָס גייט איבער צו דער בעסטער בריגאַדע. בשעת איך בין אָנגעקומען איז די פאָן געווען ביי די קאָמיוגיסטן. און מיטאַמאָל זעען מיר, אַז אויף אונזער פאַרצעלע שפּאַרט און שפּאַרט פאַראויס אַ בריגאַדע פון פאַרשיקטע. און איך טראַכט מיר: — וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — דער קאַנאַל וועט דאָך געגראָבן קענען זייער רעזשים, דאָס גאַנצע לאַנד לעבט דאָך קעגן זייער ווילן... און אָט האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיט זייער בריגאַדיר און איך פרעג אים: „זאָג מיר, איך בעט דיך, ביסטו טאַקע ווירקלעך געוואָרן אַ קאָמוניסט? — וואָס שפּאַרסטו אַזוי מיט דיין בריגאַדע? צו וואָס האַרפּסטו די רויטע פאָן?” ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, פאַררויכערט, און זיך אָנגערופן: — „ניין, מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן,— זאָל זיך דאָס רעדל איבערדרייען... דאָס רעדל קאָן זיך אָבער שוין נישט צוריקדרייען, — און פאַרוואָס אַרבעטן מיר אַזוי? — ווייל מיר ווילן לעבן אין אָט דער אָרדענונג, ווי אַלע... מיר ווילן לעבן מיט אַלעמען צוזאַמען און געניסן פון די סאָוועטישע געזעצן, און חוץ מיט אַרבעט קאָנען מיר זיך אין ערגעץ נישט רירן!”... האָסט פאַרשטאַנען, סערגיי איוואַנאָוויטש, צי ניין?...

מען האָט פאַררויכערט. ראָמאַן און יעפים אַרכיפּאָוויטש האָבן אויפגעגעסן די קאַרטאָפל און איינגעשפּאַנט די פערד. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די גריבער און צו דעם אויטאָ. עס איז שוין געווען נאָכמיטאָג, די היץ איז געפאַלן. ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערמאָנט וועגן טייך לוך און דעם דאָרף גאָגאָליכע. אַרבעקאָוו האָט דאָס דאָרף געזען, ער איז אָבער דאָרט, אין דעם דאָזיקן באַרימטן דאָרף, נישט געווען. דער לוך פליסט איבער זומפּן, צווישן אַייר, און ער איז אויף אַזויפיל פאַרוואַקסן מיט אַייר, אַזוי אַרומגעצוימט מיט

זומפּן, אַז מען קאָן בשום אופן נישט צוקומען צו זיין מיט, — ער פליסט אַזוי, אַז עס האַלטן זיך אין אים אויף צוויי קילאָריקע קאָרעסן. די אינטווינער פון די דערבייאיקע דערפער קאָנען זיך אפילו נישט באָדן אין לוך, ווייל צוליבן זומפּ קאָן מען נישט צוקומען צום וואַסער. און אין מיט פון דעם לוך, אין יענעם אָרט, וווּ דער לוך גיסט זיך צונויף מיט דעם ליולעך, געפינט זיך דאָס אינזל גאַגאַליכע, און אויפן אינזל — דער קאַלווירט גאַגאַליכע. פון מערץ ביז סוף נאָוועמבער, און אָפטמאָל אפילו ביז העלפט דעצעמבער, קאָן מען קיין גאַגאַליכע נישט צוקומען און נישט צופאָרן, — און נישט יעדער וועט אפילו וואָגן צוזשיפן זיך אהין אויף אַ שיפל, ווייל מען האַרף וויסן ווי אַזוי זיך נישט צו פאַר־בלאָנדזשען צווישן אַאיר און נישט איינזינקען אין זומפּ. באַרימט איז גאַגאַליכע חוץ מיט איר ליין אויך מיט איר פישער־אַרטעל און מיט אירע יעגערס, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט, פאַראיאָרן ווינטער דערהרגעט זיבן הירשן. און נאָך איז זי באַרימט מיט אירע קאָמערעס און יאָגערעס. און נאָך איז זי באַרימט — מיט אירע גרוילי־קע מסורות. קיין גאַגאַליכע קאָן מען צוקומען נאָר אין ווינטער אויף אַ שליטן, ווען דאָס וואַסער און דער זומפּ ווערן גוט פאַרפרוירן. געפאָרן קיין גאַגאַליכע איז סערגיי איוואַנאָוויטש מיט וואַסילי וואַסיליעוויטש זימינען, וועלכער האָט קאָנטראָלירט דעם ליין און די דאָרפראַטן. זיי זענען געווען צוגאַסט ביים פאָרזיצער פון דעם יאַקאָוולעווער דאָרפראַט, ביי קירא איוואַנאָוונאַ ביטשקאָוואַ, וועלכע האָט אַרויסגעפירט איר דאָרפראַט בשעתן פרילינג־פאַרזיי אויפן רויטן טאָוול, די אלמנה און מוטער פון דריי קינדער, וואָס לערנען זיך פונקט אַזוי ווי די קינדער די מאַלערס. וואַסילי וואַסיליעוויטש האָט געשמועסט מיט קירא אי־וואַנאָוונאַ וועגן קאָלווירט־ענינים, וועגן קאָלווירטלער און אינדיווידועלע ווירטשאַפטן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — (לויט דעם פאָלעכער ראַיאָן), — אַז ביי אינדיווידועלע ווירטשאַפטן זענען געבליבן בלויז די, וועלכע קלייבן זיך בכלל אוועקצוואַרפן די לאַנדווירטשאַפט און פאַר־לאָזן דאָס דאָרף, געפינענדיק פאַר זיך אַ פּאַסיקערע אַרבעט אין איוואַ־נאָווא, אין מאָסקווע, אין סטאַלינסק, אין די שטעט, אין די פאַבריקן; עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן בכלל נישט פאַרגלייכן די אַר־בעט פון אַ קאָלווירטלער מיט דער אַרבעט פון אַן אינדיווידועלן ווירט־שאַפטלער — ווייל דער קאָלווירטלער אַרבעט אי קלוגער, אי פּראָדוק־טיווער, אי בעסער...

ראָמאַן ארכיפּאָוויטש האָט דערמאָנט וועגן דער שטאָט אוגליטש,— וואָסקרעסען־ (?)

וואָסקוראָוו, קאָטוכין און מאַרקיטשעוו זענען געווען אויף דער אָזיערע סעוואַן. די אָזיערע סעוואַן וועט ווערן אַראָפּגעלאָזט פון די בערג, זי וועט זיך פונאַנדערחגיסן איבער אַרמעניע מיט נייע זיבן אָזיערעס, באַוואַסערנדיק די אַרמענישע מדבּריות און געבן עלעקטרי־ענערגיע דער גאַנצער זאַקאַווקאַזער פעדעראַציע. און אוגליטש...

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אין פּאַלעך באַקומען אַ בריוו — פון דעם רעסטאָווראַטאָר פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו, וואָס איז געפאָרן פון מאָסקווע קיין סוזדאַל.

„הויכגעאַכפערטער סערגיי איוואַנאָוויטש!...

איך האָב דעם כּבוד אייך מודיע צו זיין, אַז אייער צוזויפגעלייגטער טריפּטיק, די איקאָנע פון דער הייליקער גאָטס מוטער, איז דורך מיר רעסטאַווירט און אָפּגעטראָגן געוואָרן צו אייך אַ היים. די איקאָנע, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז פון יאַראָסלאַווער מאָלעריי און נאָכדעם, ווי איך האָב זי אָפּגערייניקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, געהערט זי צום סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט. איך ווייס נישט, צי איר, סערגיי איוואַנאָוויטש, האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז איר ווינט גאָרנישט ווייט פון יענעם אָרט, וווּ סוף זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך גראָד אָפּגעשפּילט איינע פון די סאַמע געהיימנישפולסטע זייטלעך פון אונזער געשיכטע. איך האָב דאָ אין זין די שטאָט אוגליטש און די הריגה פון דעם הייליקן צאַרעוויטש דמיטרי, וואָס איז דאָרט געשען. צי איז אונזער איקאָנע אַמאָל נישט געמאָלט געוואָרן אין יענע גרוליק־מאַיעסטעטישע צייטן?... איך דערמאָן דאָ וועגן אוגליטש דערפאַר, ווייל אין די בלעטער האָב איך געלייענט, אַז די דאָזיקע אוראַלטע שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן בשעתן בויען די גרויסע וואָלגע. איך בעט אייך, הויכגעאַכפערטער סערגיי איוואַנאָוויטש, מיר צושיקן דאָס געלט, וואָס קומט מיר פאַר דער רעסטאַווראַציע, ווייל עס איז מיך באַפאַלן אַ גרויסע תּשוקה אומבאַדינגט אַראָפּצופאָרן קיין אוגליטש און זיך פאַרנויגן פאַר דער מאַיעסטעטישער אַלטקייט זיינער׳׳...

די טויזנט־יעריקע וואָלגע, דער לידער־טייך, וועט פאַרפלייצן די שטאָט פון מאָרדן, די שטאָט פון די סאַמע טונקלסטע זייטן פון דער רוסישער געשיכטע, וווּ מען האָט יאָ געהרגעט, און וווּ מען האָט נישט געהרגעט דעם צאַרעוויטש דמיטרי, ווייל ווער ווייס צי עס איז יאָ געווען,

צי עס איז נישט געווען דער צאַרעוויטש דמיטרי גריגאָרי אָטרעפּיעוו — און זאָל די זינגענדיקע וואָלגע פאַרפּלייצן אַט די רוסישע פּאַרמעטן!...

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געוווינט אין פּאַלעך, כּדי זיך אָפּצורוען, מיט פּריינט־מאָלער, מיט ווייב און קינד. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צו־זאַמען מיט זיין זון און מיט דער זון. ער איז געגאַנגען און געפּאָרן אין די אַרומיקע פעלדער און וועלדער. אין די וואַסער־קריגלעך און מילך־טעפּ־לעך האָט ער אָנגעשטעלט גאַנצע בעזעמער בלומען און דער ריח זייערער האָט פאַרוואַנדלט די שטוב אין א וואַלד־בײדל און מחיהדיק שווער גע־מאַכט דעם קאָפּ מיט זייערע ריחות. פון אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַן האָט ער זיך דערוווסט די סאַמע פּשוטסטע דאָרפס־נייעסן, וועלכע האָבן פאַר איר אַן אינטערעס, — אַז דעם שכנס קו איז אַריין אין צווייטן שכנס גאָרטן און פון אים א תל געמאַכט, — אַז פאָרסיק — דער הונט — האָט א גאַנצע נאַכט געבילט, מען איז, אפשר, ביינאַכט געקראָכן אין גאָרטן נאָך טרוסקאַווקעס, אָדער א פּאָרל האָט זיך פאַרקליבן אין סאָד אַריין, אַז מען האָט געבראַכט זייער שיינע יאַגעדעס, אַז צו סאָלאָפּינען איז געקומען צוגאַסט אַן איניקל. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך צוגע־קוקט צום זון, צו דעם, ווי אַזוי עס וואַקסט דאָס מענטשעלע, דער קינפּ־טיקער בירגער פון דער אָנקלאַסן־געזעלשאַפט, — ווי אַזוי עס האָבן זיך ביי אים אויסגעשניטן און אויסגעוואַקסן צוויי ציינדלעך, ווי אַזוי ער עסט קיסעל און שמירט זיך אויס ביז איבער די ברעמען, — ווי אַזוי ער געוויינט זיך צו צום טעפּל; — ווי אַזוי ער האָט תּחילת אַרויסגע־רעדט „אַפּ‟, דערנאָך „פּאַ‟ און מיטאַמאָל בפירוש געזאָגט „פּאַפּאַ!‟,— ווי אַזוי ער רופט א קאַץ „קיך‟ און די הינער „קיך‟, און די קו „קיך‟ און פּלוצים האָט ער די קו גערופן „מו‟, און אין צוויי טעג אַרום אַרויס־גערעדט „אַם‟, דערנאָך „מאַ‟ און צום סוף פּשוט „מאַמאַ!‟ — ווי אַזוי ער איז פריער געשטאַנען, אָנהאַלטנדיק זיך מיט בײדע הענטלעך, מורא האָבנדיק פאַר דעם שטח אונטער זיך, ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגע־הויבן האַלטן מיט איין הענטל, — ווי איינמאָל האָט ער פּלוצים ביידע הענט אָפּגעלאָזט, נעבן א סטויג היי, און נעמענדיק אין האַנט א שטרוי־על, האָט ער נישט באַמערקט, אַז ער שטייט אויף די אייגענע פיסלעך; און באַמערקנדיק דאָס, איז ער געוואָרן איבערראַשט, זיך דערשראָקן און זיך דערפרייט צוליב דער גרויסער מערקווירדיקער אַנטדעקונג, וואָס איז פאַר אים געווען נישט קלענער, ווי די אים נישט באַוווסטע אַנטדעקונג פון אַמעריקע, פאַר דער אַנטדעקונג, אַז ער קאָן אויך שטיין אויף די

איגענע פיס!.. — ווי אזוי די מוטער פלעגט אין די גרינע אויפהער־נארישן זינגען איבער דעם ווייסן בעטעלע אויף איר לייבלעכער שפראך:

איאוו נאנא, ווארדא נאנא,
איאוו נאנא נאא... —
פיילעכל שלאף, רויזעלע שלאף,
פיילעכל שלאף, שלאף... —

ווי אזוי דער זון האט צוגעהאלפן זינגען זיין מוטער, פארשלעפערנדיק זיך אליין, ער האט שטילערהייט געמורמלט: „איעוו־א־א!”... ליבע דאס איז דאס פילן דאס לעבן, ווי די וועלט, און די וועלט, ווי דאס לעבן. די ליבע דרינגט דורך אלץ, דעם צימער, די לופט, דאס קלייד, די בלומען, דעם טיש, דאס פארהענגל. ליבע — דאס איז נאך מער, ווי דאס אנען ז'עם פאלעכער מוזיי...

הינטער פאלעך, הינטער דער פאלעשקע, האט דער גרינער וואלדזאוואדי געשמעקט מיט סאסנע. הינטער זאוואדי איז געוואקסן דער קוראשעווער וואלד, מען האט אים אויסגעהאקט, און עס האבן דארט אימפעטיק געבליט און דערנאך צייטיק געווארן פאזיעמקעס, אט די זיססטע פרוכט, וואס איז אויך קוים־קוים ביטערלעך, אזוי ווי די ליבע. נאך דער גאליקאור־גאס, אויפן וועג קיין פאדאלינא, אדער אבאלענסקאיע, איז געווען א ברעזע וועלדל, און אונטער די ברעזעס זענען געוואקסן פיילעכלעך, פארנאכטלעך פלעגן צווישן די ברעזעס ארומפויזן נעפלען, און דאס וועלדל האט געשמעקט מיט ברעזע־ביטערקייט, וואס איז אזוי זיס, אזוי ווי א קוש פארטאג, אזוי ווי די הענטעלעך פון אן אכט־חדשימדיקן זון אויף דעם פאטערס האלז. דער דיאגיליאוור־בערעזדייאשער וואלד האט געשמעקט מיט פייכטער ביטערקייט און עס האבן דארט ארומגעוואנדערט הירשן...

די מאלערס פלעגן אריינקומען זיצן אביסל ביים גאניקל, רויכערן, שמועסן, — באהאנדלען, וואס מען זאל מארגן נאך דער ארבעט טון, און געמענהט, אז מען מוז אומבאדינגט זיין אין קוזנעטשיכע אויף דער מאסן־הוליאנקע, ווייל עס איז דארטן דא אן אלטע וואסער־מיל, א טיפער טייך און מען הוליעט דארטן אויף דער הרעבליע, און טאקע דארט, אויף דער הרעבליע, גייט מען דאס דעם קאראהאד.

אלע מיטוואך פלעגט זיין א מארק. דאס גאנצע דארף, צי מען האט געדארפט, צי נישט, פלעגט שוין פינף אזייגער פארטאג, ארומשפאנען איבער דעם מארק, מענער און פרויען, דער ארטעל און קאלווירטלער־,

פאַרדינסטפּולע און נישט פאַרדינסטפּולע, פלעגן זיך באַגריסן, שמועסן, זיך געזעגענען און זיך ווידער באַגעגענען, געקויפט און נישט געקויפט: מען האָט פאַרקויפט מילך, פּוטער, סמעטענע, אייער, יאַגדעס, חזיר־פלייש, שאָפן־פלייש, קעלבערנס. די מאָלערס האָבן גיכער געהאַלטן, אַז קויפן זאָל מען פלייש נאָר „אויף די פּיס", דאָס הייסט, זיי פלעגן זיך צונויפלייגן און קויפן אַ ביקל, אַ חזיר אָדער אַ שאָף. און טאַקע דאָ נישט ווייט פון מאַרק האָבן די שותּפים געשאָכטן. געווייגן און געטיילט די חלקים פון דעם געקויפטן; און אַמאָל האָט מען „באַנוצט די פּיס־לעך", טאַקע די זעלבע, פון וועלכע מען וועט מאַכן די טראַדיציאָנעלע פּיס־גאַלאַרעטע.

שבת, פאַר דער באָד, פלעגט קומען פריינט אַלעקסיי איוואַנאָוויטש וואַטאַגין מיט אַ גאָלמעסער און מאַשינקע; אין מיטן סאָד, נעבן דער באָד, פלעגט ער דעם קליענט אַ האַלב־נאַקעטען אײַנועקזעצן אויף אַן אָפּ־געהאַקטן שטאַם און אונטערשערן, אָפּראַזירן ווי אַ געניטער פריזירער. דער זונטאָג האָט שטענדיק געקלונגען מיט געזאַנג. דער פאַלעכער מוזיי איז געווען דאָ דערנעבן, די גאַס אַריבערצוגיין...

אַז מען שלאָפט אין דעם ריח פון בלומען און אין דער דושנעקייט פון צימערן, ווען די פענסטער זענען פאַרמאַכט צוליב די קאָמערעס, — עס דוכט זיך, אַז דער שלאָף און די חלומות זענען דעמאָלט דורכגעזאַפּט מיט ריחות, — איז דער חלום אומבאַגרענעצט, — אַזוי ווי די בייטאָ־גיקע וואָר פון דעם היינט, פון דעם רעאַלן, וואָס איז געווען נעכטן, וואָס איז געווען פאַרצעניאָרן, וואָס איז געווען איידער דו ביסט נאָך געבוירן געוואָרן (און קיינער געדענקט דאָך נישט יענע צייט, ווען ער איז נאָך נישט געווען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין), — אין דער נאַכט און אין די ריחות פון די בלומען האָט זיך די וואָר צונויפ־געמישט מיט דעם חלום, בויענדיק חלום־קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זענען נישט ווייניקער קאָמפּליצירט פון די קאָמפּאָזיציעס פון די פאַלעכער מיי־סטער, וועלכע זענען געפאַרבט מיט וועלט, מיט רוים, מיט דאַטן און צייט...

## ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס דערציילונג וועגן אויסגעוואָרצלטע מוהות

עפּיגראַף:

„... אונזער שטרענגער, קריגעריִשער פּראָלעטאַרישער יאָרהונדערט... מיט קענטעניש, מיט דעם מעשהלעי׳...

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געהערט ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס דערציילונג אין דעם טאָג, ווען ער האָט באַקומען פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאָלאַשניקאָוס בריוו.

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— דו האָסט זייער ריכטיק באַמערקט, אַז ביי דער עלטער אָרדענונג האָבן אַלע געטרוימט, און אויב נישט אַלע, איז זייער פיל, — צו ווערן אַ סאַפּאַנאָוו, צו ווערן רייך, אַן אייגנטימער, אַ באַלעבאָס פאַר זיך און פאַר די מייסטערס, — מען האָט געטרוימט רייך צו ווערן. עס איז דעמאָלט אַזאַ אָרדענונג געווען, און איך וועל דיר דערציילן וועגן אויסגעוואָרצלטע מוהות און וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט מיך געוואָלט הרגענען. געבוירן געוואָרן זענען מיר, מיט אַנטאָנען, צוזאַמען אין דער סלאָבאָדע, די איצטיקע גאָליקאָוו גאַס, מיט זיבן און פופציק יאָר צוריק. אַ יאָר האָבן מיר זיך געלערנט לייענען און שרייבן, און דערנאָך זענען מיר אוועק אין וואַרשטאַט צו סאַפּאַנאָוון, געלערנט האָבן מיר זיך זעקס יאָר. —

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געטראַכט, הערנדיק ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשן:

„... ענדע פון די אַכציקער, אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן, די עפּאָכע פון די „קליינע געשעפטן", טשעכאָוו און די אָקאָרשט אײנגעפירטע זעמסקי נאַטשאַלניקעס. פּאַלעך. איקאָנע־מאָלער. בראָנפן. אַ כאַטע, קאַיאָר, אַן אויוון. דאָס קינעלע איז ערשט נאָר וואָס פאַרביטן געוואָרן דורך דעם נאַפט, וועלכן מען האָט דעמאָלט גערופן „פּאַטאָגען". אַן ערדענע וואַש־שיסל. ברויט, איינגעטונקען אין קוואַס, ציבעלעס. דעם פּאַטערס פּוישן (טוך־שטיוול). דאָס יינגעלע לויפט איבער דעם טיפּסטן, פּאַרטאַג־בלויען שניי. אין וואַרשטאַט שמעקט מיט אייל און מיט מאַכאָרקע. אין וואַרשטאַט איז פינסטער און אימהדיק. די האַנט פון יעדן מייסטער קאָן לייטזעליקן און שטראָפן—שלאָגן. אין דרויסן אויף די ווענט—ריזיקע, באַגילדטע אָדלערס. די ערשטע לעקציע — קריסטוסעס געזיכט. דאָס דריטע יאָר — „בעצאַטאַלע"... ווען מען זאָל אוועקזעצן אויף דער דאָזיקער „בעצאַטאַלע" אָט דעם פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאָלאַשניקאָוו..."

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— געענדיקט די לער האָבן מיר צוזאַמען, אין איין יאָר, יעדערער פון אונז איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע זעכצן יאָר, מיר האָבן אויסגעמאָלט צו אַן „עקזאַמען"-איקאָנע, און סאַפּאָנאָוו האָט אונז באַשטימט צו פופצן רובל שכירות, געאַרבעט האָבן מיר ביי אים נישט אין איין וואַרשטאַט, נאָר אין דער ציגעלניע, געקנעטן ליים אָנשטאָט איקאָנעס צו מאָלן. אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן סעזאָן. און אין האַרבסט איז צו אונז געקומען צוגאַסט דער פעטער פּלאַטאָן אַפאַ־ניאַסיעוויטש. דער פעטער אונזערער, מוז איך דיר זאָגן, איז אַוועק פון סאַפּאָנאָוון — ער האָט געאַרבעט ביי דעם באַלעבאָס פאַנקרישעוון, אין מאָסקווע. פאַנקרישעוו איז אויך אַן אונזעריקער, אַ פּאַלעכער, אָבער נישט אַזאַ גרויסער פאַבריקאַנט, ווי סאַפּאָנאָוו. האָט זיך דער פעטער אָנגערופן: — „וואָס איז פאַר אַ תכלית, אַז די יאַטן זאָלן קנעטן ליים ביי סאַפּאָנאָוון? איך וועל זיי בעסער איינאָרדענען ביי פאַנקרישעוון",— און זיך אונטערגענומען אונז צו באַשטאַטן. אַרויסגעטאָגן זענען מיר דריי בייגאַכט, דער פעטער, איך און דער לעבנסלענגלעכער פריינט און מערדער מיינער אַנטאָן איוואַנאָוויטש. דאָס איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך ניקאָלע און פון פאַרנאַכט אָן איז געוואָרן אַ שרעקלעכע זאַווערוכע. די מוטערס האָבן אונז אַרויסבאַגלייט ביז קראַסנאָיע. געגאַנגען צופוס זענען מיר ביז שויע, דרייסיק וויאָרסט. די זאַכן אונזערע האָבן מיר געהאַט אין אַ זעקל, אַ פּאָר אָניטשעס, אַ העמד, אַ קעמעלע, שטיוול אויף צו פאַרביטן די פּויש, רעטשענע פּלעצלעך און קאַרטאָפל־פּירע אַ מתּנה פון די מוטערס, און אַלץ, — קיין גאַטקעס איז אונז נאָך דערמאָלט נישט געקומען. דער שניי קלעפּט די אויגן, דער ווינט קריכט אין די ביינער אַריין, דער שניי אונטער די פיס איז אַזוי ווי טרוקן זאַמד. דער פעטער אונזערער, פּלאַטאָן אַפאַנאַסיעוויטש, האָט אין אָוונט, ביים געזעגענען זיך מיט די עלטערן, גענומען אַ קאַפּעטשקע און דערנאָך נאָך אַ קאַפּעטשקע, עס איז אים באַפאַלן אַ שרעק און ער טענהט: — „וועלף זאָלן אונז, חלילה, נישט באַפאַלן" — און, מען הערט, ווי דער פעטער ציטערט. די נאַכט האָט זיך אויסגעלאָשן, עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, און מיר גייען אַלץ און גייען, פּונקט אַזוי ווי וועלף, איינער נאָך דעם אַנ־דערן, און עס דוכט זיך, אַז עס וואָיען טאַקע וועלף... איך וועל דיר זאָגן, סערגיי איוואַנאָוויטש, וועגן זיך, ווערליק איך פאַרשטיי, איז גאָר

קיין בעסערס און אָנגענעמערס נישטאָ, ווי ווען אַ מענטש באַגעגנט אַ מענטשן, — געקומען קיין שויע, זענען מיר אַוועק אין אַ טראַקטיר, שויע האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען, געווען איבער־ראַשט פון די אומגעהייער גרויסע הייזער, — און אין טראַקטיר האָב איך מענטשלעכע רייד געהערט, און זיי זענען מיר געווען וואַרעמער פון וואַרעם. און וועגן יענער נאַכט האָב איך איצט דערמאָנט, ווייל עד היום האָב איך מורא פאַר וועלף און פאַר יעדן וואָלפישן מין, — און ס'איז גאָר נישטאָ פאַר מיר קיין בעסערס און אָנגענעמערס ווי צו טרעפן זיך מיט אַ מענטשן, פאַר אַ מענטשן האָב איך נישט קיין מורא, און האָב ליב דעם מענטשן, און אַנטאָן האָט פאַר אַ מענטשן מורא געהאַט און אים נישט ליב געהאַט, ווי איך פאַרשטיי דאָס איצט... מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין צוג, אויך דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבן, אין וואַגאָן דריטע קלאַס, און נאָך דעם דאַרף האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פירשטלעכן פּאַלאַץ — נאָך אונזער דאָרף, נאָך אונזער כאַטע, וווּ איך האָב געוווינט אויפן אויוון, און אונטערן אויוון — די הינער, און הינטערן אויוון — אַ קעלבל און חזירימלעך, איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען פענסטער אָן ראַמען און — אַז ווענט זאָלן זיך אויפהויבן. און אין מאָסקווע האָב איך מיר גלייך דעם ערשטן טאָג אין דער ציוויליזאַציע — די מאָרדע צע־קלאַפּט. דער פעטער אונזערער, פלאַטאָן אַפּאַנאַסיעוויטש, האָט אונז אוועקגעפירט צום באַלעבאָס, צו פּאַנקרישעוון און אונז איבערגעגעבן־פערט אין זיינע הענט. פּאַנקרישעוו האָט אונז באַשטימט צו אַכט רובל אַ חודש מיט זיינע קעסט און אונז געגעבן דריי טעג אורלויב, כדי מיר זאָלן באַקוקן מאָסקווע. אַ לאַנדסמאַן האָט אונז אַוועקגעפירט צו פיליפּאָוון אין צוקערניע — מען האָט געוווסט, וווּהין צו פירן! דעם דאָזיקן מוזיי דאַרף מען פאַרשטיין. געלעבט האָבן מיר אין דאָרף, הגם אויך מיט איקאָנעס, אָבער דאָך ביי ברויט און ביי בהמות, ביי מעל, ביי מילך, ביי פוטער, שלעכטע, אָבער פאָרט פויערים, — און אָט זענען מיר אַריינגעפאַלן צו פיליפּאָוון, איך, — דער איצטיקער קאָלווירטלער, אָבער דעמאָלטיקער מוזשיק, — אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף די כּל־מיני געבעקסן, אויף די פלעצלעך, אויף די קעז־קוכנס, אויף די צוקער־בייגל, אויף די קרעם־טשאַסטעס און נאַפּאָלעאָנקעס, נישט אויסצורעכע־נען, — און איך, — דער מוזשיק, האָב נישט דערקענט נישט דאָס פעטס, נישט די פוטער, נישט דאָס מעל, דאָס מוטערל!... געווען זענען

מיר זאַלבעדריט, געפירט האָט אונז אַ בחורל, עטוואָס עלטער פון אונז, בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ מיניסטער, מיט גאָלדענע שליפעס, און געעפנט די טיר פאַר די ארונים. אפנים, אַז דער מיניסטער האָט באַמערקט, ווי מיר שטייען פאַרבליפטע, און אויף אונז אַ ברוגז געטון, דער לאַנדסמאַן האָט אַ געשריי געטון: — „אַנטלויף!" — און איך אין הווילע שרעק לאָז מיך לויפן פון דעם מיניסטער גלייך צו מענטשן, און מענטשן זענען געווען אַ סך. איך טו אַ קוק, איינער, זייער ענלעך צו מיר לויפט גלייך מיט מיר, איך וויל אים אויסמיידן — און צוויי וואָכן בין איך אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרלאָפן, צעקלאַפט פּנים — איך בין, פאַרשטייסטו מיך, אַרויף אויפן שפּיגל אַנשטאָט צו מענטשן, צו וועלכע איך בין געלאָפן, זיך די מאָרדע צעקלאַפט אין דער ציוויליזאַציע. ביז דעמאָלט האָב איך דאָך קיין אַנונג נישט געהאַט און קיינמאָל נישט געהערט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע שפּיגלען.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געטראַכט, הערנדיק ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשן:

„... יאָ, פון פּאַלעך ביז מאָסקווע... פּאַלעך, וואָס האָט צונויפגעפּלאָנטערט דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט מיט דעם פעאָדאַלן דאָרף. דאָס אייגנטום פון די גרעפן בוטורלינס, וואָס איז דערהויבן און צעשטערט געוואָרן דורך דעם סאַפּאָנאָווישן און פּאַנקרישעווישן קאַפּיטאַליזם... אַ זעכצן־יעריק דאָרפס־יינגל — און מאָסקווע. עס קאָן גרייַלעך זיין, אַז פאַר דעם יינגל וואָלט נישט געווען קיין גרעסערע איבעראַשונג, ווען אָנשטאָט מאָסקווע זאָל עס אים פאַרטראָגן קיין ניו־יאָרק. ווירקלעך, דער שפּיגל פון דער פיליפּאָוויטשער ציוויליזאַציע האָט אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקייט גאָר נישט אַזוי, ווי ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט זי געזען... אָבער פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו וואָלט זיך אויף אַ האָר נישט פאַרלוירן נעבן פיליפּאָווס קוילישטשן".

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— מענטשן האָבן דעמאָלט געחלומט וועגן רייכקייט. רייכקייט איז געווען דאָס אייניציקע ליכט אין פענסטער. רייכקייט — ביסטו זאַט. רייכקייט — ביסטו באַקליידט און באַשוכט. רייכקייט — איז מען פון דיר אָפּהענגיק. רייכקייט — דאָס איז מאַכט. די איקאָנע־מאָלער בײַ פּאַנקרישעוון האָבן, געוויינלעך, אַלע געטראַכט וועגן רייכקייט און געקראָכן אַהין, ווי אַ פיש אין אַ נעץ, — און האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם — האָט מען אָנגעהויבן שיכּורן. און רייכקייט, וועל איך דיר, סערגיי

איוואַנאָוויטש, זאָגן, איז, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט, אַ נישט געכאַפּ־טער איז קיין גנב נישט, און חרפּה איז נישט קיין רויך, די אויגן וועט זי נישט אויסעסן, און מיט ערלעכער פּראַצע וועסטו זיך נישט בויען קיין פּאַלאַצן, — נו, און פון פאַרנוויגן זיך טוט דער האַלז נישט וויי, — נאַציאָנאַל ־ פּראַוואָסלאַווישע שפּריכווערטער... און דעם אמת געזאָגט, איז דאָך יעדער פאַלעכער דורך דעם זעמסקי נאַטשעלניק און דורך סאַ־פּאַנאָוון אַזוי אויסגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס פערד איז אים אָפּטמאָל טייערער געווען, ווי דאָס אייגענע ווייב, טייערער פונם זון, דערהויפּט נאָך, ווען דער זון איז נאָך אַ מינדעריעריקער און נישט קיין געשמיסע־נער, — פאַר איין געשלאָגענעם גיט מען צוויי נישט געשלאָגענע. פאַר־וואָס זענען מיר דעמאָלט, זעכצניעריק, שוין געפאָרן קיין מאָסקווע? — מען פלעגט דעמאָלט זאָגן — „אויס נויט” אַרבעט דער מוזשיק, און ריכטיקער וואָלט געווען, ווען מען זאָגט, — אויס הונגער. אַגב איז דאָס וואָרט מוזשיק פאַר דעם פויער, און ווער שמועסט נאָך איצט פאַרן קאָל־ווירטלער זייער אַ מיאוס וואָרט. וואָרום טאַקע באמת — פון ערלעכער פּראַצע וועסטו זיך נישט בויען קיין שטיינערנע פּאַלאַצן, — פון וואַ־נען האָט זיך סאַפּאַנאָוו גענומען? — פון בורמיסטעריי, — ער האָט אָפּגענאַרט דעם פּריץ אויפן חשבון פון די מוזשיקעס, און די מוזשיקעס אויפן חשבון פונם פּריץ!... — און ווען דו הערסט די אַלע געשיכטעס וועגן רייכקייט, איז — דער האָט אַ סוחר צונעדריקט, יענער האָט אַן אַלמנה באַשווינדלט, דער האָט אָפּגענאַרט, יענער האָט באַגזלט, און דער — האָט באַגנבעט!... און אַלץ איז מיט גאָט צוגעדעקט און מיט אונזערע איקאָנעס, און ווי אַזוי איקאָנעס ווערן געמאַכט, ווייסן מיר גאַנץ גוט, מיר אַליין מאַלן זיי. אין די ביכער שרייבט מען, אַז דער קאַ־פּיטאַליזם האָט די ערשטע צייט געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל — אין אונ־זערע צייטן האָבן מיר דאָס נישט געזען, דאָס איז געווען פאַר אונז, איידער מיר זענען געבוירן געוואָרן. אַן אַלטער מייסטער טרינקט, ווערט וואָכ אַ טאָג אַלץ אַ גרעסערער קבצן — הייסט עס, אַז ער איז אַ שלים־מזל, ער איז אַליין שולדיק. אַ מענטש ווערט רייך — הייסט עס אַ פיינער מענטש, אַ בריה. און דאָס, וואָס ער איז אַ גנב, אַ שווינדלער, דאָס האָט מען אים מוחל געווען. און דער סאַמע עיקר איז די פינסטערניש, — אָך, ס'איז אַ פינסטערניש, — פאַר דער נאַז זעט מען גאָרנישט און מען פאַרשטייט גאָרנישט, און דערוויסן זיך, דערגיין עפּעס איז אוממעגלעך! — דאָס, וואָס אונזער מאַכט האָט גרינטלעך אויפגעטון, איז דאָס, וואָס

זי האָט אויפגעבונדן די אויגן, און אויב נישט איך, וועט שוין מיין זון פון אַלץ וויסן, אַלץ דערגיין. וואָס עס וועט זיך אים נאָר גלוסטן. די יוגנט וויל שטענדיק אַלץ וויסן, אָבער מיר... הייסט עס, אַז מיר האָבן געוווינט, געמאַלט ביי פּאַנקרישעווו אין וואַרשטאַט, ביי דער ראַנאַ־זשעסקער זאַסטאַווע.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געטראַכט, הערנדיק ראָמאַן אַרכיפּאָ־וויטשן:

„...ראַ־סס־יי!... פּאַוועל פּאַוולאָוויטש!..״

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— פּאַר אונזערס אַ מענטשן איז דער וועג, ווי איך האָב דערמאַלט מיט מיין פינצטערן שכל פאַרשטאַנען, געווען, ווי אין דעם מעשהלע, — וועסטו רעכטס פאָרן — וועסטו אומקומען, וועסטו לינקס — וועסטו אויך אומקומען. איך דערצייל דיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, נישט ווען אנטאָגנען, נאָר וועגן זיך, ווי אַזוי מען האָט מיר, און נישט אים, די אויגן און דעם מוח אויסגעוואָרצלט. אַ מייסטער בין איך געווען אַ מיטל־מעסיקער, און מיין אַרבעט איז געווען אַ מיטלמעסיקע. איך האָב בלויז מיינס אָפּגעאַרבעט — און גאָר. די רעוואָלוציע, אגב, איז נישט אַליין געקומען, נאָר געמאַכט האָבן זי מענטשן, פּראָלעטאַריער. אויב מען זאָל דאָס מעשהלע איבערדרייען איז — וועסטו פאָרן רעכטס — וועסטו פאַרפאָרן צו רייכקייט, צו סאַפּאָגנאָוו און פּאַנקרישעוון, וועסטו לינקס — צו דער רעוואָלוציע, און איך, דער פּאַלעכער באָגאָמאַז מיט אַ פּויע־רישן פּאַס אויף איין יאָר, האָב מיר געלעבט אינמיטן, פון יענער זייט שטיין בין איך נישט געפאָרן. איך האָב ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך, ליב געהאַט לידער, באַזוכט אַ זונטאָג־שול, נו, און האָב געלעבט. איצט וועל איך דערציילן וועגן אַנטאָנען, וועגן מיין מערדער. חתונות פלעגן דערמאָלט פאָרקומען בלויז אין באַשטימטע ציטן, מען האָט, הייסט עס, פאַרטיילט די אַרבעטס־קראַפט. די רייכסטע חתונות פלעגן פאָרקומען ערב פּאָקראָוו און גלייך נאָך ווייַנאַכטן, מיר האָבן חתונה געהאַט אין מיטן זומער, און חתונה געהאַט אין איין טאָג, ווייל דער גלח איז געווען פאַרנומען מיט היי־שניט. און באַלד נאָך דער חתונה האָבן זיך אָנגע־צייכנט אונזערע מיט אַנטאָן איוואַנאָוויטשעס לעבנס־וועגן. אַנטאָן פלעגט טענהן צו מיר — „עס וועט פון דיר קיין לייט נישט זיין, ראָמאַן, וועסט אָפּלעבן דיין ביסל יאָרן מיט גאָרנישט, דו האָלסט אַלץ אין איין קאָכען און כיכען, און ס׳לעבן נוצטו נישט אויס!״—איך בין ווירקלעך געווען אַ פריי־

לעבער יונג, און בין געווען א גרויסער לץ, און שטיקל שייגעץ אויך מחמת יונגשאפט, — און אפטמאל האב איך אפילו געטראכט, אז אנטאן איוואנאוויטש איז פולקאם געדעכט. איך האב ליב געהאט א בלאט־ציטונג איבערלייענען, ליב געהאט צו גיין אין טעאטער, דערהויפט צום זיידע קארש, — נו, און אין יעגאראוום טראקטיר, אויף אבאטנע, ווו עס שטייט איצט א וואלקנקראצער, האב איך אויך ליב געהאט אריינצופאלן הערן דעם ארגל. געווען איז ביי אונז א זעלבסטבילדונג־קרייזל, מארקי־טשעוו און איוואן זינאוויעוו פלעגן דאס אויך באזוכן, — די פאלעכער יוגנט פלעגט זיך צונויפליגן, אראפנעבן א פראצענט פון דעם לוין, גע־קויפט ביכער און שטילערהייט דער באלעבאס זאל נישט זען, צוזאמען געלייענט. אנטאן איוואנאוויטש האט זיך נישט באטייליקט אין אט דעם קרייזל, — נאר דעם אמת מוז מען זאגן, — ער פלעגט מיך אפט דעקן פאר דעם באלעבאס, אנישט וואלט איך גלייך ארויסגעפלויגן. בשעת מיר האבן חתונה געהאט האבן מיר שוין געהאט דרייסיק רובל א חודש, נאר נישט קיין שלעכטער לוין לויט דעם דעמלטיקן געלט. חתונה האבן האט לויט דעם דעמלטיקן שטייגער באטייט — חתונה געהאט — געווארן א סטאטעק. און איך בין קיין סטאטעק נישט געווארן. אנטאן האט זיין ווייבל געלאזט אין דארף, און איך האב מיינע מיט זיך מיטגענומען, גע־דונגען א צימערל בשכנות מיט אונזער ווארשטאט, — „זאל זי, האב איך מיר געטראכט, לעבן מיט מיר, זאל זי אויך הנאה האבן!"... מיר באפן זיך אינדערפרי אויף אין אונזער קעמערל — און מיר לאכן, עס איז אונז פריילעך. אין ווארשטאט פלעגן מיר קומען זעקס אזייגער גאנץ פרי, — ביי אנטאן איוואנאוויטשן זענען די פארבן שוין צוגעגרייט, אלץ איז ווי עס באדארף צו זיין, און ביי מיר זענען די פארבן — אזוי זיך, נו, און די אהבעט — אויכעט. איך זינג מיר צו. אין א יאר נאך דער חתונה באקום איך נאך אלץ די זעלביקע דרייסיק רובל, און אנטאן איוואנאוויטש — פינף און דרייסיק. ווי נאר איך נעם אפ די קלינגערס, בין איך שוין נישטא אין ווארשטאט, איך זאג נאר אן אנטאנען, — „אויב דער באלעבאס, הייסט עס, וועט אריינקומען, איז אזוי און אזוי, הייסט עס, ערשט וואס אט די רגע איז ער ארויסגעגאנגען, אינדרויסן אפנים ארויסגעגאנגען", — און איך נעם מיר מיין פלוניתטע און אהער־אהין, — דעמלט האט זיך ערשט באוויזן דער קינא, און איך קוק מיר מענטשעלעך. אנטאן איוואנאוויטש — זיצט. איך זאל זאגן וועגן אים — א קארגער — קאן איך נישט. ער איז געווען א פינקטלעכע־

אַלץ איז בײַ אים געװען אין אָרדענונג, אָבער קײן איבעריקן צענערל װעט ער נישט אויסגעבן. און אַט האָבן זיך באַװיזן קינדערלעך. מײַנע זענען בײַ מיר, מיט מיר אין מאָסקװע, און אַנטאָן איװאַנאָװיטשעס — אין דאָרף אויף דער פרײַער לופט... אין פינף יאָר אַרום, װי מיר האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן בײַ פּאַנקרישעװן, האָט אַנטאָן איװאַנאָװיטש זיך אויסגעבויט אַ נײַ הויז אין דאָרף, אַ צװײ־צימערדיק הויז, מיט געשניצטע באַפּוצונגען, — אין זיבן יאָר אַרום האָט ער געקויפט אַ באַגאָראָדער קעלבל פון באַרימטן רויטן מין בהמות, געקויפט אַ האַלב־ראַסאָװע לאָשעקל. אויף יום־טוב איז זײַן װײַב געקומען צו פאָרן קײן מאָסקװע, זי איז אײַנגעשטאַנען בײַ מיר,—אַ פּאַװע, אַ שטאָטישער מאַנטל מיט אַ פוקסן־קאָלנער. און בײַ מיר, זינט די עלטערן זענען מיר געשטאָרבן, שטײט די כאַטע אַ פאַרהאַמערטע, אַט װי די עלטערן האָבן זי אויסגעבויט. און בײַ מיר, אַט אין דעם טוכענעם מלבושל, װאָס מײַן פרוי האָט געקריגן אַלס אויסשטײַער, שפּאַצירט זי נאָך אַלץ אַרום אין מאָסקװע, גײט אין דעם מיט מיר צוזאַמען אויף דער גאַלעריע צו דעם זײדן קאָרש. סײַדן דאָס, װאָס מײַן פרוי האָט זיך אויסגעלערנט לײענען און שרײַבן און לײענט באַגלײַך מיט מיר אַ צײַטונג...

אַרבעקאָװס דור האָט שוין נישט געטראָפן רוסלאַנד פון פאַר דעם פינפטן יאָר, רוסלאַנד פון דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישן אויפשװונג, פון דעם אײַזנבאַן און זאַװאָדן בוי, פון דער לעצטער צעפּוילונגס־סטאַדיע פון די פעאָדאַלן, װעלכע האָבן זיך צעקלאַפּט אין פינפטן יאָר און אין צוסימע, — פון דער עפּאָכע, װען עס האָט זיך געצײַטיקט דאָס פינפטע יאָר, װען עס האָבן זיך געשטאַרקט די שטראָמען פון דעם פּראָלעטאַרישן באַװוסטזײַן, זוכנדיק זײער װעג צו דער רויטער טאָלקע און צו דער רויטער פּרעסניע נאָך העט־העט פריער פאַר טאָלקע און פאַר פּרעסניע, װען סײַ ראָמאַן אַרכיפּאָװיטש, סײַ אַנטאָן איװאַנאָװיטש האָבן װירקלעך געלעבט אין דער שטאָק־פינצטערניש פונעם באַװוסטזײַן, יעדערער אויף זײַן שטײגער, לויט זײַן פאַרשטאַנד, — דער דאָזיקער ראָמאַן אַרכיפּאָװיטש, איז אַ מעטנטש פון געסל פון דער געשיכטע. פאַר אַרבעקאָװס דור איז די דאָזיקע עפּאָכע אַדורך דורך זײער קינדהײט.

ראָמאַן אַרכיפּאָװיטש דערצײלט:

— איך האָב ליב געהאַט מענטשן, און מענטשן האָבן מיך ליב געהאַט, — װיפל גוטע מענטשן זענען דאָס פאַרבײַ מיר דורכגעגאַנגען!...

— און אַט אַנטאָן איז גראָד געװען מײַן לעבנס־לענגלעכער מיטגײער.

אייגנליבע האָב איך געהאַט. און איך בין מיך מודה — אַז אָפּטמאָל האָב איך מקנא געווען אַנטאָן איוואַנאָוויטשן. איך האָב דאָך געזען, ווי ער וואַקסט, און ווי אַלע אַכטן אים דערפאַר. נו, איך האָב אויך געווּסט, אַז ער אַרבעט אויך פאַר אַנדערע מיט דעם באַלעבאָס פאַרבן, און גאָלד פון וואַרשטאַט האָט מען דורך אים אויך געקענט קריגן, אין זעלטענע, טייערע פאַרבן אויך, — דאָס אַלץ איז דאָך געווען דעם באַלעבאָס, און ווער איז דעם באַלעבאָס קיין שונא נישט?... אָט אַזעלכע, ווי איך, איז דוכט זיך גאַנץ פאַלעך געווען, סיי די וואַקוראָווס, סיי די מאַרקיטשעווס, סיי די קאָטוכינס, סיי די זובקאָווס, די גאַנצע דעמלטיקע יוגנט, — און אַנטאָן — ער איינער — בויגט און בויגט זיין ליניע, — און אָט איידער וועסט זיך אומקוקן, פאַרנויגט ער זיך טיף פאַר דעם באַלעבאָס און זאָגט: „מיר האַנקען אייך אונטערטעניקסט, הייסט עס, האָט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט, פון היינט אָן עפן איך מיר אַן אייגן געשעפט!”... — אגב, האָט אַנטאָן איוואַנאָוויטש געהאַט גאָר אַנדערע פּלענער, ער האָט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט. ער האָט גאָר אינגאַנצן געוואָלט אָוועקוואַרפן דאָס איקאָנע־געשעפט: — „איך וויל נישט, זאָגט ער, זיך פאַרנעמען מיט שווינדלעריי, און ווילן וויל איך פון קיינעם נישט זיין אָפּהענגיק. איך וויל זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך, — אָט ווי איך וועל נאָר אָנזאַמלען אַ געוויסע סומע געלט, וועל איך מיר ביי זיך אין פאַלעך, אויפן ברעג פון חער פאַלעשקע אויפשטעלן אַ אייל־פאַבריקל, ברענגען אין אָרדענונג מיין לאַנדווירטשאַפט און ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך”. אַמאָל, אַז איך פלעג מיך פונאַנדערשמועסן מיט אים, האָב איך אויך אָנגעהויבן צו טרוימען, — אַז אַ הויז וועל איך האָבן אין דער סלאָבאָדע, און מיין פערד וועט זיין אַ שענערס. אַ בעסערס פון אַנטאָנס, — וואָס הייסט, איך בין דען אַן ערגערער מייסטער פון אים, און קאָן איך דען נישט פונקט אַזוי ווי ער מאָלן פאַרשיידענע איקאָנעס? — אינאָוונט רוף איך זיך אָן צו מיין פּימען, — „וועק מיך אויף איידער עס וועט נאָך אָנהויבן טאָגן, מען דאַרף ווערן אַ לייט. קום אַריין מיטאָג־צייט אין וואַרשטאַט, אַריין, ווען אַלע וועלן זיין אויף מיטאָג, וועל איך דיר געבן אַ פאַרגרייט ברעטל, פאַרבן, אינאָוונט וועל איך מאָלן אינדערהיים, — פרילינג וועסטו פאָרן אין דאָרף אַריין, מען דאַרף אָנהויבן שפּאָרן, ווי אַנטאָן!” — און איך אַרבעט, נישט אויסגלייכנדיק דעם רוקן, ביז עס הויבט אָן שווינדלען אין די אויגן, און אויפן דריטן טאָג פאַרטראַכט איך זיך, — אויף וועלכע קלאָג דאַרף איך דאָס

א פערד, אז איך וועל גאר אין מאסקווע?! און פאר וואס זאל איך דאס אין מיינע יונגע יארן אפסומען אן פימען?! — עס ווערט מיר טרויעריק אויפן הארצן, איך הויב אן צו טרינקען, בין אויך מכבד אנטאן איוואַ־נאָוויטשן און אלץ בלייבט ווי געווען... מען דארף זאגן, אז דאס פינפטע יאר האט מיר צוגעהאלפן, ווי אויך אונזער זעלבסט־בילדונגס־קרייזל. אנטאן איוואנאָוויטש האט דאס פינפטע יאר אויסגעמיטן, דאס ארומגע־גאנגען מיט א זייטיס וועגל, און איך בין געווען מיט אלעמען. מיט חב־רים. איר געדענקסט, געווען אזא ביכעלע „שפינען און פליגן" — איך האב דאס אמאל צוואנציק איבערגעלייענט, — א טייער ביכעלע!... עס איז אויסגעבראכן דער רוסיש־יאפאנישער קריג, דערנאך די רעוואלוציע, מיר דערווייסן זיך, אז אין פאלעך האט מען סאפאנאוון און קאראוואי־סאוון אונטערגעצונדן. עס איז דעמלט געווען שרעקלעך און פריילעך, — אט אויף אזא קראפט, ווי דער קייסער, האבן די ארבעטער די האנט אויפגעהויבן, און איך בין נאך דעמלט נישט ארויס פון די דארף־וויסעלעך. מיטן גאנצן הארצן האב איך געוואלט העלפן דער רעוואלו־ציע, — אבער ווי אזוי? — דאס האב איך נישט געוווסט. דער צאר האט די רעוואלוציע צעקוועטשט, אין מאסקווע האבן די רעוואלוציע דער־שטיקט די סעמיאנאָווצעס, — און איך האב זיך פארטאיעט, ווי אלע. „נו, ווי באלד דו האסט געזיגט צוזאמען מיט די סאפאנאוונס און פאנ־קריטשעווס, — איז דיין אויבערהאנט, אבער פון דעם איז נאך נישט געדרונגען, אז דו ביסט גערעכט, און דאס הייסט נאך נישט, אז איך מוז ארבעטן אויף פאנקרישעוון מיט אלע מיינע כוחות, און נאך מער פאר־שטארקן זיין מאכט איבער אונז, זאל ער גיין צו אלדע טייוול!" — איך האב איך, סערגיי איוואנאָוויטש, געזאגט, אז ביי מיר איז עס געווען ווי אין דעם מעשהלע — ווערסטו אויף רעסטס פארן — ווערסטו צו פאנקרי־שעוון ארייגפאלן, און וויבאלד לינקס — אין דער רעוואלוציע. פון יענער זייט שטיין בין איך נישט ווייט פארפארן, איך בין נאך דעמלט פון די דארף־וויקעלעך נישט ארויס. און די זובקאָווס, מארקיטשעווס, כאכ־לאָווס ווידער זענען געווען געבילדעטער, אויפגעקלערטער פון מיר, ווייל איך בין דעמאלט געווען א פינסטערער, אומוויסנדיקער מענטש!... און אנטאן — ער ארבעט, האפט, באמיט זיך, פון דעם מעשהלע שטיין האט ער זיך פארנומען אויף רעכטס, פון דער רעוואלוציע האט ער נישט גע־האלטן — „עס איז נישט קיין ענין, פלעגט ער טענהן, ווילסטו גוט לעבן, טא ארבעט, קיינער שטערט דיר נישט, און אז ווערסט רייך ווערן,

וועלן דיר אַלע אָפּגעבן כּבוד!" -- אַרבעט! — אָבער ווי אַזוי אַרבעט מען, אַז עס זאָל זיך צו מיר צוריק אומקערן מיין אַרבעט, איך זאָל גע־ניסן פון מיין האַרעוואַניע, און נישט רייך מאַכן פּאַנקרישעוון?! און אַז איך הויב ווענגן דעם אָן טראַכטן מוז איך מיר אַ פּלעשעלע קויפן. מיר ביידע זענען מיר קליידער־מאָלער, ביז געזיבעטס־מאָלער געווען, אָט אַזוי ווי שניידער, די הייליקע אין קליידער אָנגעטון, אַן אומעט, אַן אָפּקומעניש, נישט קיין אַרבעט, און אַרבעטן אַרבעטן מיר אויף דער פינצטערניש און אומוויסנקייט פון פאָלק און פאַר אַ געמיינעם שווינדל. נאָך דעם פינפטן יאָר איז געקומען די רעאַקציע, אַלץ איז שטיל געוואָרן, דער קייסער איז ווידער אין די פערדן און פייערט זיין דרייהונדערטיעריקן יובילײ. אַרום דעם דרייצן הונדערט דרייצנטן יאָר, אַרום דעם דריי הונדערט יעריקן יובילײ פון די ראָמאַנאָווס, האָבן מיר, איקאָנע־מאָלער, געהאַט אַ שלל אַר־בעט. אויף דריי יאָר פאָרויס האָט מען דאָך אויסגעשטעלט דעם מאַרשרוט, ווו דער צאַר וועט אַלץ זיין, און אומעטום, אויף אָט דעם גאַנצן מאַרשרוט האָט מען אָפּגעפּרישט, איבערגעמאָלט די קלויסטערס, אין מאָסקווע, אין קאָסטראָמע, אין סוזדאַל, אין ניזשני נאָווגאָראָד. אַנטאָן איוואַנאָוויטש פלעגט פאָרן אויף אָט די אַרבעטן אַלס אויפזעער און האָט דערביי געמאַכט די קאָפּיקע... — פרילינג 1914 האָט ער אין פאַלעך אויפגעשטעלט אַן אייל־פאַבריקל, געוואָרן אַ מענטש, אַלע חנפענען אים און געבן אים אָפּ כּבוד. און איך בין נאָך אַלץ אין מאָסקווע, מיין פרויס מאַנטל האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעטראָגן, די קינדער זענען אונגעטער־געוואַקסן, מען דאַרף זיי לערנען, די מיילער שווייגן אויך נישט, צו קאָרשן האָב איך שוין אויפגעהערט צו גיין. די צענערלעך האָט מען גע־מוזט אוועקגעבן די קינדער אויף העפטן, אויף בלייפעדערס, מען האָט געמוזט אָנהויבן שפּאָרן....

דאָס האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געוווּסט. דאָס אַלץ וואָלט געווען פולקאָם קלאָר, ווען דאָס זאָל געווען טרעפן מיט אַן עפּאָכע צוריק, ווען עס וואָלט נישט געווען די רעוואָלוציע. אַנטאָן וואָלט זיך געהאַט זיין אייל־פאַבריקל. ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש וואָלט ערגעץ געלעגן אין אַ קבר אויף ראַגאָזשסקער צמענטער, און אפשר וואָלט ער גאָר געוואָרן אַ שכּור. געבן אים וואָלט מען אויך געלייגט זיין פרוי. אין מאָסקווע וואָלטן פאַרבליבן דריי בחורים, קאָן זיין, איקאָנע־מאָלערס, און, אפשר, פשוטע פורמאַנעס, און, אפשר, אַרבעטער פון גוזשאָווס פאַבריק. דאָס איז געווען אַ מחיה־בזויה, אַ נישט ערלעכע אַרבעט, אָט דאָס איקאָנע־

מאַלעריי. די מענטשן האָבן, נאַטירלעך, נישט געהאַלטן פון זייער פאַך. און דאָס איז דאָס גרוילעקסטע — נישט האַלטן פון דער אייגענער אַר־בעט, נישט האַלטן פון דעם אייגענעם לעבן. ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט געלעבט אַבי איבערצוקומען. און אַנטאָן — עס איז געווען דער דריי־הונדערט־יעריקער יובילײ פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, דער יום־טוב פון דער אימפּעריע! אַנטאָן האָט געמאָלט קלויסטערס אויפן גאַנצן וועג פון דער אימפּעריע פון דעם איפּאַטיעווער מאַנאַסטיר ביז מאָסקווע. אַנ־טאָן איז געווען אין דעם רעזשים. און פון אַנטאָנען האָט מען, נאַטיר־לעך, געהאַלטן. ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשן וואָלט מען באַערדיקט אַט אַזוי, ווי ער האָט געלעבט, אַבי איבערגעקומען, דער ציילעם אויף זיין קבר וואָלט אין משך פון צוויי יאָר פאַרפוילט געוואָרן און ס'וואָלט, כנהוג, פון אַלץ קיין זכר נישט געבליבן. אָבער דאָס לעבן, ווען אַ מענטש איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ פּלאַטווע, אָדער אַ רויגל פון אַ פּלאַטווע אין דעם שטראָם פון דער „אימפּעריע".

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— אין פערצנטן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. אין פופצנטן האָט מען אונז, מענטשן מיט בערד, ווייסע בילעטניקעס, גענומען אין הונדערט צוויי און פערציקסטן פוסנייער רעזערוו־פּולק, מלחמה צו האַלטן פאַר דעם קייזער. אין דער אַרמיי בין איך שוין פאַרבליבן פון דעם פופצנטן ביז איבערן צוואַנציקסטן יאָר. פון דער צאַרישער אַרמיי בין איך אַריבער אין דער רויטער, אַלס פּריוואָליקער, הגם איך בין געווען אַן אומפּאַרטייאישער. און ווען איך בין אין האַרבסט ניינצנהונדערט צוואַנ־ציק, אַ פאַרוואונדעטער, צוריקגעקומען קיין פּאַלעך, האָט מיין פימע גע־וווינט אין אַ כאַלופּע, וואָס איז געווען האַלב־איינגעזונקען, איינגעהויקערט, און האָט אויסגעזען, ווי אַ היטל, וואָס אַ קאָזאַק טראָגט פאַר־בראָכן אין אַ זייט, און, אויסער געפּרוירענע קאַרטאָפל, האָט פימע אין שטוב גאָרנישט נישט געהאַט, — ווער אַ קו, וואָס אַ חזיר, אַפּילו פּריסן האָבן זיך דאָרט אויך נישט געהאַלטן!... און די צווייטע שטוב פון מייַ־נע — איז אַנטאָן איוואַנאָוויטשעס הויז — אַ הויז; ווער מיר גוטס גינגט. אַנטאָן איז פריער פון מיר פּטור געוואָרן פון דער סאָלדאַטשינע, פאַר דער צייט אוועק פון דעם צאַרישן פראָנט און זיך איינגעפונדרעוועט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַט באַלד וועל איך זיך אומקערן צו אַנטאָן איוואַנאָוויטשן, און דערווייל וויל איך באַקענען נאָך מיט אייניקע געדאַנקען מיינע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין געווען אַי אַ מענטש

מיט איינגליבע, אַז איך האָב אַן אָרט פֿאַרנומען אינעם לעבן. אין דעם
אַלטן רוסלאַנד האָב איך נישט געהאַלטן פֿון מיין אַרבעט — נישט דער־
פֿאַר, וואָס מיט ערלעכער פּראַצע וועסטו זיך נישט אויפֿבויען קיין פּאַ־
לאַצן, נאָר פּשוט, זאָגט אַליין, — איקאָנעס!... און אָט האָט זיך אָנגע־
הויבן די רעוואָלוציע, טאַטעלעך מיינע, און די אויגן האָבן זיך מיר גע־
עפֿנט!... — און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין גאָרנישט געווען
קיין לײדיקגייער און פּוסט און פּאַסניק. איך האָב נאָר נישט געוואָלט
אַריינשטעלן מיין קאָפּ אין יאָך אַריין, זיך נישט געיאָגט נאָכן גראָשן,
וואָרום דער גראָשן האָט קיין צעבראָכענע פּרוטה נישט די ווערט! —
דאָס האָט מיר די רעוואָלוציע קלאָר געמאַכט! און איך בין נישט געווען
קיין בן־יחיד ביי וועמען די רעוואָלוציע האָט די אויגן געעפֿנט. נאָר ביי
מיליאָנען, מיליאָנען רוסישע מענטשן. ס'אַ וווּנדער האָט דאָס די רע־
וואָלוציע פֿאַר מיליאָנען און מיליאָנען אַרבעטס־מענטשן אויפֿגעטאָן!...
אַנטאָן איוואַנאָוויטש איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַן אויטאָריטעט,
ווער האָט געוואַגט צו לייקענען דערין — און דאָ, גלייך נאָך דער רע־
וואָלוציע, האָב איך פֿאַרשטאַנען — אַז עס הייבט זיך נישט אָן!... נו,
זאָג אַליין, סערגיי איוואַנאָוויטש, פֿאַר דער רעוואָלוציע בין איך דאָך
געווען אַ פּוסט און פּאַסניק, און, זינט דער רעוואָלוציע, אַרבעט איך
דאָך און אַרבעט אָן אַ רגע אָפּרו. און די איינציקע זאַך פֿאַר וואָס איך
האָב נישט קיין מורא — איז די אַרבעט. און דאָס, וואָס שרעקט מיך,
דאָס, וואָס פֿאַרשאַפֿט מיר עגמת־נפֿש, איז דאָס, וואָס מען אַרבעט
שלעכט ביי אונז, און נישט בלויז אין פֿאַלעך, נאָר אין גאַנצן פֿאַרבאַנד,
— איך טראַכט איצטער שוין שטאַטמעניש. קיין פּירער, אַזוי ווי וויצין,
למשל, בין איך נישט געוואָרן, איך בין אַפֿילו נישט קיין פּאַרטייניגער,
אַזוי ווי קאָלעסאָוו, למשל, — איך בין אַ סימפּאַטיקער. קיין גביר בין
איך אויך נישט געוואָרן, — און לאָז אַראָפּ ביי אַלע אונזערע אָרטיסטע
פּויערים די הויזן — אַלע טראָגן זיי גאַטקעס, קיין לאַפּטשעס טראָגט
שוין מער קיינער נישט, אַלע קאָלווירטניצעס שמירן זיך מיט אָדעקאָ־
לאָן... אַרבעט!... אָט ווערט מיר שוין זיבן און פּופֿציק יאָר, אַ זקן,
פּאָדאַגרע, ווונדן — און איך אַרבעט און אַרבעט אָן אָפּשטעל, און ווייס
נישט פֿון קיין זאָרגן און פֿון קיין מאַטגל. און וואָס האָט זיך נאָך אַרויס־
געוויזן — עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב זייער ריכטיק געלעבט ביז
דער רעוואָלוציע, יושרדיק — אָט וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן!... גע־
ווײנטלעך, האָט מען געקאָנט נאָך בעסער לעבן, קעמפֿן מיטן צאַר נאָך

פונם פינפטן יאָר אָן — נאָר דאַן וואָלט איך געווען אַ העלד, און נישט קיין באַנגאַמאַז, און איך בין מיר אַ פשוטער מענטש און געוועזענער אײַ־קאַנע־מאָלער. איך האָב פריילעך געלעבט! — איך בין מיר אין טעאַטערס געגאַנגען, צייטונגען געלייענט, ביכלעך, — מיין געליבטע פרוי האָט זיך נישט געמאַטערט צוליב מיר אין איינזאַמקייט אין די יונגע ליבע־יאָרן אונזערע, מיר כאַפּן זיך אויף אינדערפרי און מיר לאַכן — עס איז אונז פריילעך און ווייל ווי די וועלט!... ווען נישט די רעוואָלוציע, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן? — איך וואָלט דאָך פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער — ווי וואָלט איך געקאָנט מיינע קינדער דערציען. און איצט איז מיין עלטערער זון אַ טעכניקער אויף דער אייזנבאַן. איך בין אָבער צו די אויסגעוואָרצלטע מוחות נאָך נישט צוגעקומען. וועגן דעם שפּעטער אַביסעלע. און אָט בין איך געקומען אַהיים — אָן אומפּאַרטייאישער באָלשעוויק — און בין מיר גלייך אַוועק צו מיין לעבנס־פריינט אַנטאָן איוואַנאָוויטשן, דריי מאָל זיך האַרציק צעקושט, און זיך געזעצט צום טיש. די שטוב זיינע — אַ פּאַלאַץ, די ווירטשאַפט — ווער מיר גוטס גינט. אָבער אונזער שמועס האָט זיך עפעס נישט געקלעפּט. אַנטאָן פרעגט מיך — „וואָס זשע ביסטו איצט?" — און איך ענטפער אים: — „איך בין פאַר די באָלשעוויקעס". — ער האָט אומצופרידן אַ הוסטל געטון און געזאָגט: — „אַז־זוי"... — „און וואָס ביסטו? — פרעג איך. — „אַ ס. ר." — מאַכט ער און גיט נאָך אַ מאָל אַ הוסט. רוף איך זיך אָן מיט פרייד: — „דיין קאַרט, אַנטאָן, איז אַ געשלאָגענע, אומזיסט האָסטו זיך די בעסטע העלפט פון דיין לעבן געמאַטערט, אומזיסט געשפּאָרט!" — אַנטאָן איוואַנאָוויטש ענטפערט מיר אומעטיק: — „טאַקע אומזיסט און אומנישט, האָב איך אין באַנק געהאַט אַכט הונדערט רובל, און איך האָב זיי פון דאָרט אַרויסגעקריגן ערשט דעמלט, ווען אַ פונט קאָרן האָט געקאָסט אַ מיליאָן". — רוף איך זיך אָן — „הייסט עס, אַז דו ביסט נישט צופרידן מיט דער רעוואָלוציע?" — „איך האָב אַ טעות געהאַט אין חשבון". — רוף איך זיך אָן צו אים: — „דאַרף מען אָנהויבן צו לעבן פון איבעראַניים, לעבסט דאָך אין דער געזעלשאַפט, די סטיכיע וועט זיך קעגן דיר אַ לאָז טון, שפּעטער וועט דיר זיין נאָך שווערער, סאַפּאָגנאָוון האָט מען אויסגעוואָרצלט, יוראָוון, פּאַרילאָוון, בעלאָאוסאָוון, סאָלאָאוטינען, שאַלאַגינען האָט מען ליקווידירט, אונזער פאַנקרישעוון האָט מען צערעכט געמאַכט, — מען שמועסט, אַז דו ביסט מיט פאַנקרישעוון אַ גאַנצער גוטער ברודער. —

אומזיסט האָסטו זיך אָן אייל־פאַבריקל אוועקגעשטעלט, גיב דאָס בעסער אוועק דער געזעלשאַפט, אַנישט וועט מען דאָס ביי דיר צונעמען". און ער: — „דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָב איך זיך אין אַלץ אָפּגעזאָגט, נעשפּאָרט, קיין מענטשן נישט באַעוולט!" און איך: — „נו, וועגן דעם, צי מיר האָבן יאָ באַעוולט, צי נישט באַעוולט מענטשן, וועגן דעם לאָמיר שווייגן, — מיר האָבן דאָך ביידע געמאָלט איקאָנעס", — און גיב נאָך צו: — „אַנטאָן איוואַנאָוויטש, לעבנס פריינט מיינער, דו זאָלסט מיך ריכטיק פאַרשטיין, וועל איך דיר דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט זאָגן,— איך רעד מיט דיר, ווי מיט אַ אייגענעם ברודער, רעד איך. נו, האָבן מיר דאָך צוזאַמען געלעבט, און איך קאָן דאָך דיין שכל, נו, און אונזער אַלעמענס אומוויסנקייט קאָן איך דאָך אויך, נו, און דאָס פינפטע יאָר געדענק איך, ווי אַזוי דו האָסט עס אויסגעמיטן, — נישט וועגן דעם גייט עס, איך וויל דיך אין גאָרנישט נישט באַשולדיקן. לאָמיר זאָגן, אַז דו ביסט אין גאָרנישט נישט שולדיק, — דאָס לעבן אַליין פאַר דער רעוואָלוציע איז אין אַלץ שולדיק, און דו האָסט זיך געשטיצט אויף יענער לעבנס־אָרדענונג, און זי האָט דיך אָפּגענאַרט, אָבער נישט די רעוואָלוציע, פאַרשטייי מיין פילאָזאָפיע!... — אַנדערע קאָנען זיך נישט אַזוי גוט, ווי איך קאָן דיך, זעען זיי — ער פירט זיך אַרום מיט פאַנקרישעון, זעען זיי — אַ גביר, הייסט עס, אַז ער איז אַ שווינדלער, אַ גנב אַ נישט געכאַפּטער, אויב ער האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט און איז אַזוי רייך. דו זאָגסט, האָסט אַ טעות געהאַט אין חשבון מיט דער רעוואָלוציע, — טאָ רעכן איבער פון דאָס ניי, דאָס לעבן איז טייערער פון דער גאַנצער רייכקייט, — און שטעל זיך נישט אַנטקעגן דעם נייעם לעבן!... — פון אַ פוד ליין־אייל נעמסטו דריטהאַלבן פונט — ביסטו דען נישט קיין באַלגוף? — דו האָסט אָן אָגער מיט וועלכן דו פאַרסט אַרויס בלויז אין יום־טוב, און איך, אַ פאַרוואונדעטער, האָב זיך געמוטשעט שלעפּן צופּים פון שויע... דו גיב אַוועק דיין אייל־פאַבריקל דער געזעלשאַפט, קום צו גיין און זאָג, — איך שענק אַוועק דאָס אייל־פאַבריקל דער רעוואָלוציע, — און וועסט זיין אַ מענטש מיט לייטן באַגלייך. — און, אַז וועסט אַליין נישט געבן, וועט מען עס ביי דיר צונעמען. מיט געוואַלט צונעמען, און דו וועסט זיין פונקט אַזוי ווי פאַנקרישעוו, דער לעצטער שבלעצטער!" — אַנטאָן האָט זיך איינגעקעשנט און טענהט: — „בין איך געווען אַ שווינדלער, צי ניין?" — „נו, געווען אַ קאַפּעטשקע, זאָג איך, נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז — ניין!" — „צי האָב איך געשפּאָרט

דעם ביסן פון מויל און אָט דאָס גוטס מיינס אָפּגעשפּאַרט?" — „ס'איז אפילו נישט אַזוי, ווי דו זאָגסט, נאָר לאָמיר זאָגן, אַז — יאָ". — „הייסט עס, אַז דאָס איז אַלץ מיינס. און אויב מען וועט עפּעס ביי מיר צונעמען — הייסט עס — אַז מען האָט מיך באַרויבט, באַגזלט — הייסט עס, אַז דו העלפסט אויך די רויבער, און טענהסט נאָך, אַז דו ביסט מיין פריינט. דאָס אייל־פאַבריקל איז מיינס — פאַר מיין געלט האָב איך דאָס געמאַכט, ווילן זיי נישט, דאַן האָבן זיי די ברירה צו פאָרן ערגעץ אַנדערש, און נישט צו מיר!"... — רוף איך זיך אָן: — „אַנטאָן איוואַנאָוויטש, דער רעוואָלוציאָנערער עולם וועט דאָך נישט פאָרן אין אַן אַנדער גמינע צוואַנציק קילאָמעטער פון דאַנעט! — און פון דער צווייטער זייט איז דאָס, וואָס דו האָסט אַ אייל־פאַבריקל און אַנדערע נישט, איז דאָס דערפאַר, וואָס דו האָסט געכאַפּט פיש אין מוטנע וואַסער!"... פון אונ־זער געשפּרעך איז גאָרנישט נישט געוואָרן. איך בין פון אים אַרויס אַ צעקאָכטער, אַן אויפגעבראַכטער — אָפּגעלעבט מיט אַ מענטשן אַ גאַנץ לעבן. אַ פריינט געווען — און דאָס צווייטע מאָל צוגיין נענטער צו אָט דעם מענטשן איז שווער.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט צוזאַמען מיט זיין דור אויסגעצייכנט גוט געדענקט יענע מערקווירדיקסטע עפּאָכע פון דעם איבערבוי פון אמתן, איבערצייגונגען און גלויבונגען, די עפּאָכע, ווען אַלע לענדער פון דעם איצטיקן פאַרבאַנד האָבן דערוויזן זייער גערעכטיקייט אַלעמען, און דער עיקר מיט דער ביסם, מיט דער האַק אין דער האַנט, ווען אין די זאַווערוכעס פון די געשעענישן האָט זיך אַלץ פעסטער און בולטער אויסגעטיילט די האַנט פון דעם פּראָלעטאַריער, וועלכע האָט גענומען אין איר סיי די צייט, סיי דעם אמת, סיי די עתד, סיי די מענטשן.

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— און איצט, וועל איך דיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, דערציילן וועגן פאַנקרישעוו. געווען איז ער מיט אַ יאָר צוואַנציק עלטער פון אונדז. נו, איז ער געווען אַן אמתער בורזשוי. זיין עלטערער זון וווינט נאָך איצט אין מאָסקווע, אַן אַדוואָקאַט, אַנדערע צוויי זין זענען אין דער ווייסער עמיגראַציע, די טאָכטער — אין לענינגראַד — זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינזשינער. פאַנקרישעוו איז, להיפּוך סאַפּאָנאָוון, געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש, הגם אַ באַגאַמאַז — איז אים זיין בילדונג שטאַרק צונוץ געקומען אין זיין קאָנקורענץ מיט סאַפּאָנאָוון. פון די קינ־דער וועגן האָט ער געהאַט אַ זומער־וווינונג אין מאַלאַכאָווקע, און ער

אליין פלעגט יעדן זומער אראָפּקומען קיין פּאַלעך, געכאַפּט פיש אין דעם ליוליעך, פון גאַנץ פרי אָן געטרונקען טיי, און צו דער טיי האָט יעדערער, וועך עס האָט זיך נאָר נישט געפּוילט, געקאָנט קומען. ער איז געזעסן אַזוי ווי אַן אונגאַר, אין אַ רעקל מיטן נאַמען פּידזשאַם, לאַקירטע לאַטשן אויף דעם באָרוועסן פיס, — און אַלעמען דערציילט וועגן זיינע קאַפּיטאַלן, וועגן זיינע הייזער, וועגן די קינדער, ווי אַזוי זיי לערנען זיך, וואָס פאַרא פּריינט ער האָט — די גרעפן אוואַראַאָוס, אַרכעאַלאָגן. ביי אונז פלעגט מען טאַקע אַזוי זאָגן: „קום צו פּאַנקרישעוון טיי טרינקען און הערן, ווי ער באַרימט זיך!" — און אַזוי אַ גאַנצן זומער, ביז ער האָט אַלצדינג נישט אויסגעפּלוידערט. גיסט זיך אַזוי פון דער זייט אַ סוק — אַ טייערער מענטש, אַ מזג טוב, אָט דער פּאַנקרישעוו. און אָט איז געקומען די רעוואָלוציע. אין איין אויגנבליק איז פון דעם גאַנצן פּאַנקרישעוו אַ תל געוואָרן. ער איז אוועק קיין פּאַלעך און — צי ער האָט דאָס אליין אונטערגעצונדן, צי מען האָט דאָס אים אונטערגעצונדן — נאָר זיין הויז האָט אָפּגעברענט. פּאַנקרישעוו איז פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אריין. דעם צווייטן זומער — פּאַנקרישעוו איז דאָ. און מען זאָל דאָס אָנהויבן צו דערקענען דעם מענטשן. אַ באַוואַקסענער, אויף דער באָרד ברעקלעך. אַ באָרוועסער, אין הויזן, אַ לאָך אויף אַ לאָך, דאָס העמד איז ביזן פּופּיק צעפּליקט, צעריסן, און אויפן האַרצן אַ בלייערנער ציילעם! ווינען האָט ער נישט געהאַט וווּ, האָט ער זיך פאַרקליבן אין דער חורבה פון דער ציגעלניע. גאַנצענע טעג פלעגט ער אַרומשפּאַנען איבער פּאַלעך אונטער די פענצטער און פאַרלייגן מען זאָל ביי אים קויפן קאַלענדאַרן, און די קאַלענדאַרן זענען געווען פאַראַיעריקע. אַנשטאָט מיט איקאָנעס האָט ער מיט קאַלענדאַרן געהאַנדלט. און — אַ נישט נאָרמאַלער מענטש. ער לייגט פאַר אַ קאַלענדאַר, וויל מען אים, פאַרשטייט זיך, נישט קויפן, שטייט ער צו ווי אַ קלעק נישט אָפּצוטשעפּען זיך און מוז אויסדערציילן, ווי רייך ער איז דאָס געווען און ווי באַרימט, און וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און איצט איז פון דעם קיין שריד ופליט נישט געבליבן. און באַהיטע גאָט, זאָל עמעצן איינפאַלן אים אַ פרעג צו טון: — „צי דען איז שוין אַזוי שלעכט, אַז דו קענסט דיר נישט קריגן קיין אַנדערע הויזן, אָדער פאַרנייען דאָס העמד?" — אַ גאַנצן טאָג וועט ער שוין נישט אָפּלאָזן און האַלטן אין איין דערציילן, ווי אַזוי מען האָט אים בדלות געשטעלט, אַלץ ביי אים צוגערויבט. אונזערע זענען געווען אין מאָסקווע, האָבן זיי געהערט, אַז אויך אין מאָסקווע גייט פּאַנקרישעוו

ארום איבער די טראַקטירן, ווו עס קומען געווייִנטלעך אַריין בּאַגאַמאַזן, ער גייט אַרום מיט פּאַראַיעריקע קאַלענדאַרן, אַ בּאָרוועסער, אָן אָפּגעריפּענער, אָן אָפּגעשליסענער — אין ווינטער! — „און די קינדער שווייַגן?“ — פרעגן זיי. — „די קינדער, זאָגט מען, ליידן זיך געגנוג אָן פון אים, אָבער זיי קאָנען גאָרנישט מאַכן. דער זון האָט אים שוין איינציקע מאָל בּאַשיכט אין בּאַקליידט — און ער — ווידער דאָס זייניקע“. — „ווו זשע ווויִנט ער דאָס?“ — האָבּן זיי געפרעגט. — בּיים זון, ענטפערט מען. מאָרגע, — דער זון איז אַ אַדוואָקאַט, און ער זאָל אַזוינס דערלאָזן. זענען אונזערע ווידער געוועזן אין מאָסקווע, ווינטער־צייט. איז איינער אַוועק צו פּאַנקרישעוון. ער קלינגט אָן צום זון. עפנט די טיר אַן אומבּאַקאַנטע פרוי — „איר, זאָגט זי, דאַרפט צו יעגאָר פּאַרפענטיעוויטשן. בּיטע, ער איז בּיי זיך אין צימער!“ גייט ער אַריין. בּילדער פון פריאַזשער סטיל אויף די ווענט, אַ טעפּיך, אַ דיוואַן, פּריציש בּיז גאָר, — און עס קומט צו אים אַרויס יעגאָר פּאַרפענטיעוויטש — אין אַ גרויסן אָנצוג, אין געלע לאַטשן — אַן אמתער פּריץ — פון פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אויסזען — איז בּלויז די בּאָרד — אי דאָס איז זי איצט אַ ריינע, אַ ציכטיקע, אַן אויסגעקעמטע, גאָרנישט, ווי בּיי אונז אין דאָרף, מיט בּרעקלעך. גאַפט אונזער בּחור און טוט אַ פרעג: — „וואָס זשע הייסט עס, יעגאָר פּאַרפעניטש, זעט נאָר, ווי איר זעט, קיין עין הרע אויס, און בּיי אונז אין פּאָלעך, ווי האָט איר, הייסט עס אויסגעזען און זיך נאָך געקלאָגט אויפן זון!“... און ער ענטפערט אים: — „אויף מיין זון האָב איך זיך נישט וואָס צו קלאָגן, זעסט דאָך אַליין, ווי אַזוי איך לעב דאָס בּיי מיין זון, — און בּאָרוועס גיי איך אויף צעלאָכעס, כּדי די מענטשן טייטלען גלייך אין דער צורה אַריין, צו וואָס די רעוואָלוציע האָט דערפירט דעם מענטשן, וואָס די רעוואָלוציע מאַכט דאָס פון דעם מענטשן — נאַט אייך, הייסט עס, מנוולים, ליידאַקעס, קוויקט אייך, שעפּט נחת, זעט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געמאַכט פון גוטע מענטשן!“... — און איינאָוונט, אין דעם זעלבּן טאָג האָט מען אים געזען אין אַ בּיר־שענק — ער קומט אַריין מיט די קאַלענדאַרן, אויף דעם הוילן האַרצן אַ ציילעם, די בּאָרד איז צעבּאָרשט, מיט בּרעקלעך. בּאָרוועס, און עס איז ווינטער־צייט. אַלע פּאָלעכער מיידן אויס פּאַנקרישעוון, אַנטלויפן פון אים — און נאָר איין פריינט האָט ער — מיין לעבּנסלענגלעכער מיטגייער, מיין פריינט אַנטאָן — מיט אים פאַרבּרענגט ער דאָס די צייט. געשטאָרבּן איז פּאַנקרישעוו אַ יאָר פאַר דער

קאָלעקטיוויזאַציע בײַ אונז אין פאַלעך אין דער ציגעלניע־חורבה, אין א גרוב, א באָרוועסער, א פאַרשטינקענער, מיטן ציילעם אויפן הוילן האַרצן, — קיינער האָט אים נישט געוואָלט באַהאַלטן, קוים מיט צרות אים צו קבורה געבראַכט, — און אין זעקל זענען בײַ אים געווען פאַרנייט גאָלד און בריליאַנטן. די קונדייסים האָבן נאָך זײַן טויט זיך געשפּילט אין דער חורבה און אין א גרוב דאָרט געפינען א באַהאַלטענעם אוצר: געדרויכערטן קאָלבאַס, צוקער, געבעקס, צוויי פלאַש פּאָרטוויין!... אָט האָסטו דיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, ס'אַרא איבערנאַטירלעכער ליידאַק דער דאָזיקער פּאַנקרישעוו איז דאָס געווען! — און דער בעסטער בוזעם־פריינט פּאַנקרישעווס איז אַנטאָן איוואַנאָוויטש!

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט א טראַכט געטון, אַנטקעגנשטעלנדיק דעם איקאָניק פּאַנקרישעוון צו דעם איקאָניק פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאַלאַשניקאָוו:

„...נו, געוויס, — די ביידע וואָלטן געווען צוזאַמען. פּאַוועל פּאַוולאָוויטש וואָלט געזעסן אויף א בענקעלע אונטער די בלומען בײַ פּאַנקרישעוון, געקוקט אין דער טונקלקייט מיט זיינע הייליקע אויגן און בלויז געטענהט: — „הייליקע, הייליקע, געהיימניספולע, געהיימניספולע זאַכן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער גרויסער שטאָט אוגליטש, אין איינער פון די דריי סאַמע אוראַלטסטע רוסישע שטעט... הייליקע זאַכן זענען געשען מיט דעם הייליקן צאַרעוויטש דמיטרי!"...

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט:

— און דער בעסטער פריינט פּאַנקרישעווס איז אַנטאָן איוואַנאָוויטש. א פּאַרדראָס און א ווייטיק... איצט וועל איך דערציילן וועגן דעם ווי ער האָט מיך געוואָלט דערהרגענען און וועגן דער שריפה, און דערנאָך וועגן די אויסגעוואָרצלטע מוחות. די רעוואָלוציע גייט זיך איר גאַנג. איך בין צוגעשטאַנען צו דעם אָרעמשאַפט־קאָמיטעט. אַנטאָנס פוס קומט צו מיר נישט אַריין, און איך צו אים אויכעט נישט — איך האָב באַשלאָסן, — וואָס האָב איך צו טון מיט אָט דעם נאַר. און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון דער כאַטע — אַנטאָנס הויז איז א גרויס — פיר צימערן, א קיך, א האַלב־וואַרעמער אָפּטריט. נו, א חוץ אַלעמען איז די ערשטע זאַך פון דער רעוואָלוציע פאָלקסבילדונג און קאָלעקטיווע אַרבעט — און אָפּליייגן טאָר מען דאָס נישט. בײַ אונז רעדן זיך צונויף און הויבן זיך אָן גרינדן אַרטעלן, — א מאָלערישער, א שוסטערישער, א שניידערישער, — מיר הויבן אָן גרינדן שולן. אין אָרעמשאַפט־קאָמי־

טעט שמועסט מען, — די הויפּט בורזשויען האָבן מיר שוין אַנטבּלעקט, אָבער עמיצער איז נאָך געבליבן, מען רופט אָן אַנטאָנס נאָמען, — און עס איז קיין ענין נישט, אַז די קינדער זאָלן זיך לערנען אין אַ פינצטערער כאַלופּע, און עס איז שוין צייט, אַז די עלטערע זאָלן אויך ליקווידירן זייער עם־הארצות, און קיין געלט איז נישטאָ, און מאַטעריאַלן זענען נישטאָ, און וואַרטן קאָן מען נישט, די רעוואָלוציע איז אין סאַמע ברען, — און דאָס שטעגעלע פירט גלייך צו אַנטאָנס שטוב. האָט מען באַשלאָסן אַוועקצושטעלן די פראַגע אויפן פּלענום פון דעם דאָרפס־ראַט, אַז עס זאָל פּאַר אַלעמען באַשלאָסן ווערן, און ביז וואָסווען איז שאַ, קיין פּיפּס נישט, — אַנטאָן איוואַנאָוויטש ווינט זאָלבעדריט און קינדערלעך זיצן צו פערציק אין אַ קלאַס. קיין עוולה דערין האָב איך נישט געזען, וואָרן, ווען איך זאָל זיין אויף אַנטאָנס אָרט, וואָלט איך אפילו אַ רגע נישט געטראַכט, און אַליין אָפּגעגעבן מיין הויז, — איך האָב דאָך אַליין געוווינט אין אַ קעמערל און פונדעסטוועגן געלעבט, און אַנטאָן איוואַנאָוויטש האָט ביי זיין אייל־פאַבריקל אַ וואָךשטוב און צוויי צימערן מיט אַ רוסישן אויוון. דאָס איז, הייסט עס, פון איין זייט. אָבער, פון דער אַנדערער זייט, האָב איך דאָך אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן נעבן אָט דעם טיפּש, איך קאָן דאָך דעם פּאַרשוין. און אָט בין איך פון זינען אַראָפּ און זיך געקלערט: — איך וועל אַריינגיין צו דעם טיפּש, צום לעצטן מאָל וועל איך צו אים אַריינגיין, און ווי אַ פריינט אים זאָגן, — גיב אָפּ דיין הויז, גיב דאָס אַליין אָוועק, וועסטו זיין אין אָרדענונג, — אַלץ איינס, האָט מען, הייסט עס, באַשלאָסן, וועט מען דאָס צונעמען, און דו וועסט בלייבן צום נאַר, צו שאַנד און צו שפּאָט. — איצט ווייס איך זייער גוט, אַז געטון האָב איך דאָס צוליב דעם, וואָס מיין מוח איז נאָך נישט געוועזן אויסגעוואָרצלט, און דערמיט האָב איך דאָס נישט געוווּסט, — און אָט דאָס בין איך טאַקע אויסן מיט מיין דערציילונג. נו, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און בין אַוועק צו אַנטאָנען. און געגאַנגען בין איך צו אים אינאָוונט, הינטןאַרום, קיינער זאָל נישט זען. און געדויערט האָט דאָס, מסתמא, אַ פינףמינוט. באַגעגנט האָט מיך אַנטאָן איוואַנאָוויטש אין קיך, קיינער איז אין שטוב נישט געווען, ער איינער אַליין. איצט ווייס איך שוין, טאַקעפּאַר מאַנקאָן, מאַנקאַ פּאַר טאַנקאָן, — נעהאָט האָט אַנטאָן איוואַנאָוויטש אין אָרעמישאַפּט־קאָמיטעט אויערן, קיין אָל אין זאַק וועסטו נישטאויסבאַהאַלטן, האָט ער געוווּסט וועגן אונזער באַשלוס. און איך זאָג —

נישט קיין מענטש שטייט דאָס פאַר מיר, נאָר א וואָלף. און זעען זע איך — נישטאָ קיין אויגן ביי אַנטאָן איוואַנאָוויטשן, זיי זענען פארשוואונדן, געבליבן בלויז לעכער אָנשטאָט אויגן. און איך זע, אין האַנט האַלט אַנטאָן איוואַנאָוויטש א האַק, און די האַנט הויבט זיך פּאַוואָליע אויף... איך זאָג דיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, פינף יאָר האָב איך געמלחמהוועט,— און אַז איך גיב דאָס א בענטש אַנטאָן איוואַנאָוויטשן גלייך אין מאָרדע אַריין. טוט ער א פאַל צו דער ערד, און איך האָב זיך אויסגעדרייט און בין אַרויסגעגאַנגען. איך גיי און טראַכט מיר: — דאָס איז פאַר דער פאָלקס־אידייע, דערפאַר וואַרפט מען זיך מיט א האַק, — אין דער ערד אַריין מיט אַזעלכע הלצות! — וועלף האָב איך מיין גאַנץ לעבן נישט ליב געהאַט, און אויפן פראָנט האָב איך זיך אויסגעלערנט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַזעלכע האַק־העלדן, וואַרף אַוועק דיינע שטיק, אַנטאָן איוואַנאָוויטש!... וואָס־זשע איז דאָס פאַרא מין, צוליב א כאַטע, צוליב האַלץ און ליים, צוליב גלאָז און בלעך וואַרפט מען זיך אויף א פריינט מיט א האַק? וואָס איז דאָס אַזוינס, און ווו איז יושר? — איך בין דאָך צו דיר, אידיאָט איינער, ווי צו אַן אַלטן פריינט געקומען, און דו ברענגסט זיך אַליין אום!?... — און דערנאָך בין איך אַפילו געבליבן שטיין אין מיטן גאַס, זיך אַליין א זעץ געטון איבערן שטערן און, אפנים, צו זיך אַליין זיך אָנגערופן אויף א קול: — „נו, און איך אַליין? אָך, דו טיפּש איינער!”... איך בין דאָך א פּראָוואָקאַטאָר פון דער רעוואָלוציע, — אָט ווען איך דערציייל דאָס עמיצן, — וואָלט מען מיך נישט נאָר דאָס אַליין געזאָגט, א מצווה אויף דיר, הייסט עס, האָסט עס כשר פאַרדינט, נאָר, אַז איך בין א קולאַקישער שפּיאָן, איך בין צום קולאַק געגאַנגען אים אויפצודעקן אונזערע רעוואָלוציאָנערע קאָרטן, און בין מיט אים יד אחת, — און עס איז, הייסט עס, וויניק, וואָס דער קולאַק האָט דיך געוואָלט דערהרגענען, די ראַטן־מאַכט דאַרף דיך נאָך מקיים פּסק זיין פאַר דעם פאַראַטן דער אַרבעטער זאַך!”... איך בין זיך איצט מודה, אַז עס איז מיר באַפאַלן א פחד, — און האָב ביי זיך באַשלאָסן — שאַ, אוים, מער גיי איך נישט צו אַנטאָנען און מער מיש איך נישט אין אַנ־טאָנס ענינים! א פּיינטעלע! איך שווייג. כ׳וויים, אַז כ׳האָב עס געטון אוים אָפּאָרטוניזם, מחמת דעם, וואָס מיין מוח איז נאָך נישט געוורען אויסגע־וואַרצלט. איך האָב קיינעם גאָרנישט נישט דערציילט. בשעת מען האָט דאָס הויז ביי איב צוגענומען, בין איך געשטאַנען אין א זייט, דאָס אייל־פאַבריקל, דעם אָגער — איך שטיי מיר אין א זייט, — רעדט מען וועגן

אים, שווייג איך. און אָפּטמאָל טראַכט איך אפילו און וואָרט, — אַט קומט ער אריין, זיך אָפּרעדן פון הארצן, חרטה קריגן, זיך איינשטעלן פאַר דער פאָלקס־זאַך, מיר פאַלן צו די פיס. נו, דעם מענטשן איז נישט געווען אַזוי לייכט, מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס הויז, צוגע־נומען דאָס אייל־פאַבריקל, צוגענומען די פערד, — און ער האָט אויך געשוויגן. ער איז ערגעץ געפאָרן אויף אַרבעט, צוריקגעקומען און גע־שוויגן... און דערנאָך איז געקומען די קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנד־ווירטשאַפט, און, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן, האָט אַנטאָן איוואַנאָוויטש אין איין נאַכט פאַרברענט זיין געווען פּרעצימערדיק הויז, דאָס אייל־פאַבריקל — און אין איין וועגס אויך אונטערגעצונדן מיין הויז... אַט דאָס איז טאַקע מיין אָפּאָרטוניזם, וואָס איך האָב דעם באַלגוף געלאָזט אויף דער פריי!... סערגיי איוואַנאָוויטש, נישט וועגן אַנטאָן איוואַנאָ־וויטשן דאַרף מען רעדן, — וועגן לעבעדיקן לעבן דאַרף מען רעדן און וועגן אַרבעט, וועגן מיליאָנען מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן ביז דער רעוואָלוציע געלעבט ווי נעלמים, און איצט זענען זיי מערקווירדיקע מענטשן און האַרעפּאַשניקעס!... איך בין אין די קאָלווירט־עגינים אריין מיט ליב און לעבן. איך אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט, איך בין אַ מלוכה־בירגער! מיין מוח איז איצט אַן אויסגעוואַרצלטער. און וועגן דעם וועל איך טאַקע איצט דערציילן. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז פון דעצעמ־בער חודש נאָכן פאַרזיי האָב איך, אַלס געדונגענער דורך דער קאָלווירט, געאַרבעט ביים גראָבן דעם קאַנאַל פון דער גרויסער וואָלגע, איך האָב דיר אויך דערציילט די געשיכטע מיט דער רויטער פאָן און וועגן דעם געשפּרעך מיינעם מיט דעם פאַרשיקטן בריגאַדיר. איז אַט דער דאָזיקער בריגאַדיר זייערער געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מיין לעבנסלענגלעכער פריינט אַנטאָן איוואַנאָוויטש.

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש איז אַנטשווינן געוואָרן, פאַררויכערט און ווייטער דערציילט:

— און איך פרעג דאָס אַנטאָנען וועגן דער רויטער פאָן — נו, און ווי, הייסט עס, לעבט זיך דיר איצט?

„— — — נישט דיך, ראָמאַן, האָב איך פאַרברענט, — זאָגט ער מיר, — איך האָב פאַרברענט נישט מיין אַלט הויז, נישט דאָס אייל־פאַבריקל מיינס, נאָר — פאַרברענט האָב איך זיך אַליין, מיין לעבן, מיין אַלטן לעבנס־זינען!”...

— אַט אַרבעטסטו איצט פאַר דער פאָן, וואָס ביסטו דען טאַקע

באמת א קאָמוניסט געוואָרן? — אַרבעטסט דאָך מעשים מיט דיין ברי־נאַדע"...

„...— ניין, מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן, — זאָל זיך נאָר דאָס רעדעלע א דריי טון אויף צוריק"...

— און האָסט נישט קיין חרטה?

„...— ניין!"

— נו, און ווען דאָס רעדעלע דרייט זיך אויף צוריק, — וואָלסטו מיך געהרגעט?

„...— זיכער וואָלט איך דיך דערהרגעט! — דער גרעסטער יום־טוב איז ביי מיר געווען, ווען איך האָב דיין שטוב אונטערהגעצונדן! — וואָלט זיך דאָס רעדעלע א דריי געטון אויף צוריק, וואָלט איך פון דיר און פון זובסקאָון, און פון מארקיטשעוון, און פון קאָטוכינען, און פון וויציינען, און פון קאַליעסאָוון מיט מיינע אייגענע הענט די הויט געשינדן, איך אָפּגעמיינטערט און אפילו וויינען נישט געלאָזט!..."

— אָט האָב איך דיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, דערציילט, ווי אזוי ס'איז ביי מיר ענדגילטיק אויסגעוואָרצלט געוואָרן דער מוח. א קלאַס אויף א קלאַס — איז דאָס זעלביקע, ווי אויג אויף אויג — קיין שום אָפּאָר־טוניזם, עס מוז אַלץ זיין קלאָר און אמתדיק. און אָט דאָס איז דאָס ענד־גילטיקע פּראָלעטאַרישע באַוווסטזיין. ווען די איקאָנעס מוז מען איינ־גאַנצן פאַרגעסן און מיט א וואָרט נישט דערמאָנען!... ער האָט מיר ווען זיין גאַנץ לעבן דערציילט, און איך וועל עס דיר איבערדערציילן, סערגיי איוואַנאָוויטש, דו באַשרייב אים, דעם באַלגוף. איז אָט, זיצן מיר אזוי, איינמאָל, אָונטצייט, אויף א שטיל ערטיקל אויף דער הרעבליע און האָבן אזוי אָפּגערעדט א גאַנצע נאַכט. ער זאָגט:

„— ...אין דאָרף — איז א פינצטערניש, א שטיקעניש, דלות, הונ־גער, מיר זענען אַלע מיט אייל דורכגעזאָפּט, — און מאָסקווע — יעדעס הויז — א דערקוויקעניש פאַרן אויג, דאָס אַנטועכץ, דאָס עסן, א מחיה. איך ליג מיר אויף דער נאַרע אין וואַרשטאַט, הער מעשהס ווענן רייכ־קייט — ווונדער איבער וווּנדער! איך קום צו פאַנקריטשעוון אהיים — גוט יום־טוב ביטן — די פאָדלאָגע איז ביי אים מיט וואַקס פּראָטערירט, אין פּאָרצימער שטייען פּיקוסן, זיין טעכטערל שפּאַצירט ארום אין א ווייס טיולן קלייד — א כרוב, און ער אליין, יעגאָר פאַרפּענטיעוויטש, קומט ארויס אין א גרויען אַנצוג אין נעלע שטיבלעטן — עס פּעכלט אַזש אין די אויגן!... און איך, מיך פרייט דאָס גאַרנישט, בלייב איך איינער אליין,

קלער איך, בין איך מקנא, — „פֿאַרוואָס זשע איז דאָס מיין אומגליקלעכער מזל אַזאַ, וואָס בין איך ערגער פֿון אַנדערע, וואָס? — און האָבן צו טון האָבן מיר מיט איקאָנעס, — איך ווייס, דאָס איז גאָלע שווינדל, מיר נאַרן דאָס פֿאָלק, און דאָס פֿרייט מיך אויך נישט. איך האָב פֿאַר מענטשן מורא געהאַט — איך האָב פֿון זיי ווייניק גוטס געזען, — איך האָב עס אַזוי פֿאַרשטאַנען, קוים וועל איך יענעם פֿון וועג נישט אַראָפּשטופּן, וועט ער מיך אַראָפּשטופּן. און האָב באַשלאָסן, — ניט־זשע, בין איך ערגער פֿון אַנדערע? — און איך האָב אָנגעהויבן צו טרוימען, — איך וועל יעדן גראָשן היטן, איך וועל אָנהויבן שפּאָרן און זאַמלען, — און אַ הויז וועל איך מיר אויסבויען הינטער אַ פּאַרקאַן, אַ הונט ביים טויער צובונדן, אַ קייטל אויפֿן טירל צומאַכן, זיך פֿון מענטשן באַהאַלטן, איך וועל מיר ערד אַקערן, אויף אַ אייל־פֿאַבריקל אַרבעטן, און פֿון קיינעם נישט זיין אָפּהענגיק. פֿאַרוואָס האָב איך דאָס פֿון די איקאָנעס געוואָלט אַנטלויפֿן? — איך האָב געוואָלט זיין וואָס ווייטער פֿון שווינדלעריי! — איך האָב יושרדיק געטראַכט און פֿאַרשטאַנען. און איך קלער מיר — איך וועל אומבאַדינגט מיינס אויספֿירן. און איך טראַכט מיר, — יעדן גראָשן וועל איך איצט ציילן — עס קאָן נישט זיין, אַז עס זאָל אויף דער וועלט קיין אמת נישט זיין — און איך וועל צו אָט דעם אמת זיך דערשלאָגן!... איך האָב מיר געשטעלט אַן אויפֿגאַבע, — אַ הויז אויפֿבויען — אַ פֿירצימערדיקס, פֿערד, אויפֿשטעלן אַ אייל־פֿאַבריקל. און חוץ דעם אַלעמען נאָך אָפּשפּאָרן טויזנט רובל, — און דערמלט, — אין דאָרף אַריין, און לעבן על פּי יושר און גערעכטיקייט. נו, מיין פּראַצע האָב איך נישט געזשאַלעוועט... נו, און דעם באַלעבאָס גוטס — אויך נישט, — איך האָב דאָך געזען, ווי אַזוי דער באַלעבאָס אַרבעט, — גאָלד, פֿאַרבן, ציפּערים־האַלדז... דו מיינסט, אַז איך האָב נישט געפּלאַצט פֿון קנאה, ווען דו מיט פּימען פֿלעגט איר גיין אין טעאַטער אַריין, און איך בין מיר געזעסן און געאַרבעט, בגניבה, דער באַלעבאָס זאָל נישט זען, פֿאַר אַ זייטיק פֿאַרדינסטל? — און מיינסט, אַז עס האָט מיך נישט געאַרט, וואָס דו פֿאַרבעטסט מיך צו זיך, ביסט מיך מכבד מיט אַ גלעזעלע, — און איך, וואָס איך בין רייכער פֿון דיר, בין דיך מכבד בלויז מיט אַ דאַנק?... דאָס איז אמת, איך האָב דיך מקנא געווען, איך האָב אַלעמען מקנא געווען, אָבער מיין טרוים, מיין כאַראַקטער האָבן דאָס נישט דערלאָזט, — איך האָב, הייסט עס, דערפֿאַר אַ נייע כאַטע זיך אויסגעבויט, אַ קעלבל געקויפֿט... און — ווי אַזוי האָב איך דאָס געטרוימט!

— איך ליג מיך אויף דער נאַרע בײַ זיך אין וואַרשטאַט, דעם לאָמפּ פאַרלעשט מען, און איך זע אין דער פֿינצטער, אויף דער וואָר, ווי אַזוי איך בוי מיר אַ נײַ הויז, וואָס פאַראַ פענצטער עס וועלן דאָרט זײַן, — איך טראַכט וועגן די פענצטער, און אָט שטייען זיי שוין פאַר מיר אויף דער וואָר אין דעם פֿינצטערן צימער אויף דעם באַלקן, ווי אַזוי איך פיר אַרײַן אַ קאַלב צו מיר אין הויף אַרײַן, ווי אַזוי דאָס קאַלב שפּאַרט זיך אײַן בײַ דער שוועל, ווי אַזוי איך גלעט דאָס אונטער די אויערן, שטופּ דעם אַ שטיקל צוקער, און די ליפּן בײַ דעם זענען וואַרעמע, ווייכע, פּיכטע... ווי אַזוי מײַן ווײַב שטייט אויפֿן גאַניקל, די הענט פאַרלייגט אויפֿן האַרצן, אונטערגעשפּאַרט די בריסט... עך, וואָס איז דאָ צו רעדן!... אַ שרעקלעכע זאַך — איז דער טרוים! — איך כאַפּ מיך אויף נאָך פאַרטאָג, איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט נאָך חברים, איקאָנע־מאָלער, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן אין אַ זײַט, צו קיינעם, אַ חוץ צום באַלעבאָס, בין איך אין ערגעץ נישט געגאַנגען. איך האָב זיך געשראָקן, טאָמער וועט מען מיך מכבד זײַן, וועל איך דאָך מוזן יענעם אויך שטעלן כּיבוד. זיץ איך מיר איבער דער איקאָנע, און טראַכט מיר, — הײַנט איז אַלעקסיי, מען דאַרף, מען מוז דעם וואָגן צוגרייטן!”... איך זיץ און אַרבעט איבערשעהן. און טראַכט: — „ס׳איז שוין באַלד האַלבע נאַכט, צי האָט אַמאָל אַרישאַ נישט פאַרגעסן אויסצומעלקן די קי, צי איז זי, חלילה, נישט פאַרשלאָפן?”... און איך בייזער זיך אויף איר. צוויי לעבנס האָב איך געלעבט, — און נישט קיין יאָר, נישט צוויי, נאָר צוויי צענטליק יאָר. דעם אמת מוז מען זאָגן, — מען האָט מיך געאַכט, אָבער נאָך מער האָט מען מורא געהאַט פאַר מיר, — פאַנקרישעוו האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אויפזעער, און מיר זענען מיט אים געווען יד אחת. און אין דאָרף האָבן זיך אויך אַלע פאַר מיר פאַרנויגט — אַזאַ אָרדענונג איז דעמאָלט געווען... דאָס אַלץ איז אמת, ראָמאַן. דעם נײַנצנטן יולי נײַנצנהונדערט פערצן איז מיר נאָך געבליבן אָפּצושפּאָרן ביז מײַן פולער אויפגאַבע, וואָס איך האָב מיר געשטעלט אין מײַן טרוים, הונדערט דרײַ און אַכציק רובל, און די אַכט הונדערט זיבן און צוואַנציק רובל האָב איך באַקומען פון דער באַנק, — אי דאָס דורך אַ שווינדל, אין נײַנצן הונדערט עלנצן, ווען איך האָב פאַר דעם געלט געקאָנט קויפן אַ פּוד מעל... עך, אַ שרעקלעכע צײַט האָט זיך דעמאָלט אָנגערוקט אויף מיר! פונם פראָנט אין דאָרף אַרײַן בין איך געקומען ווי אַ וואָלף. בגניבה, איך האָב דעזערטירט... ס׳אַ חורבן דאָס איז געוואָרן אויף

דער וועלט, איך האב געמיינט, אז די וועלט קערט זיך איבער. אזעלכע, ווי דו, זענען אין די צארישע צייטן געווען א סך מער, איידער אזעלכע, ווי איך. וואס האט איך געארט — מלחמה — נידער, דעם צאר — נידער, גיטער — ברען!.. איר האט אלץ חרוב ונחרוב געמאכט מחמת פארדראס, מחמת ווייטיק, איר זענט געווען בייז אויף דער אימפעריע, ווי איך האב פארשטאנען, און דעריבער האט איר גארנישט אפגעשפארט. און קיין בריוו פון דארף זענען נישטא, וואס הערט זיך דארט — אפשר האט זיך דארט אויך א ריר געטון, האב איך מיר פארשריבן צו די עסערן, און דערנאך האב איך אוועקגעשליידערט די ביקס, מער נישט געקאנט אריבערטראגן די בענקעניש אהיים, דריי טעג און דריי נעכט בין איך געלאפן פון פראנט, צווישן קוסטעס זיך אויסבאהאלטן, ארויף אויף א דאך פון א משא-וואגאן און אויף פרישער לופט אוועקגעפארן פון דעם דרום-מערבדיקן פראנט, דורך גאנץ אוקראינע. נאטירלעך האב איך זיך אויפן וועג גענוג אנגעזען, און וואס זע איך? — פארן מיר צו צו איין סטאציע, לויפן פרויען צו די וואגאנעס און געוואלדעווען, — „טייערינקע, שרייען זיי, ביי אונז האבן דא די פויערים א צוקער-זאוואד פארטיילט, צו פיר און צוואנציק פוד אויף א קאפ — אפשר וויל עמיצער צוקער?” — פארן מיר צו צו אן אנדער סטאציע, לויפן צו די וואגאנעס זקנים און קונדייסים, — „ברידערלעך, זאגן זיי, מיר האבן דא געטיילט א ספירט-זאוואד, אפשר ווילט איר ספירט?” — אויף דער הריטער — האט מען געטיילט א מיל, — און אויף איין סטאציע איז ארויסגעגאנגען א זקן — נישט קיין זקן, נאר א גאנצער איקאנאסטאס, פון קאפ ביז פים באהאנגען און באקלאנגען מיט פריצישע פארטרעטלעך און גילדענע רעמלעך. ביי אונז אויפן דאך האט מען מחמת לאנגווייל אין קארטן געשפילט, עסטרייכישע ביקסן פארשפילט. איך האב דאך געוווסט, וואס עס הייסט אזוינס שפארן, — און איך זע בלויז איינס — אלץ ווערט צעשטערט, — זיץ איך מיר אויפן דאך און קלער, — „איז ניט-זשע האט מען מיך אויך צעשטערט?” — און דא הויבט מען אן צו מודחמלען, אז מען כאפט אומעטום דעזערטירן, — איז ניט-זשע בין איך אויך געווארן א גזלן!? — „וואס גיכער זיין אין דער היים, טראכט איך מיר, דארט קענען מיך די איקאנע-מאלער, וואס גיכער זיין אין דער היים און גיבן צוויסן, אז איך בין אן אייגענער!” — און צו אלע צרות מיינע — די איקאנעס — לאמיך נאך פרווון א פיפס טון דא אויפן דאך, אז איך בין א באגאמאז, וועט מען מיך פון דאך אראפשליידערן, ווי א זשאנדאר!...

דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָב איך אָפּגעלעבט אין כבוד, אַלע האָבן פאַר מיר דרך ארץ און מורא געהאַט, און אַט האָסטו דיר, ווי אַלץ האָט זיך דאָס איבערגעדרייט, איצט פאַר איך אַלס שווינדלער. אויפן פראָנט האָב איך נישט מורא געהאַט, איך האָב מיך דערדינט צו צוויי „געאָרגי־קרייצן", — און דאָ זיץ איך אויף דעם דאַך און אַט נעם איך אַראָפּ די „געאָרגיס" און אַט טו איך זיי ווידער אָן. און איך הויב גאָרנישט אָן צו פאַרשטיין, איך קאָן נישט שלאָפן, די נשמה איז צעווייטאָקט, אַן אימה, אַ שרעק. אַראָפּגעקראָכן בין איך אין שויע, קיין פאַלעך בין איך געקומען שפּעט ביינאַכט, ביז עס איז גוט פינסטער געוואָרן בין איך געלעגן אין די קוסטעס ביים ליולעך. איך גיי מיך צו מיין כאַטע — די הענט שוויצן, דאָס קופערטל האַלט זיך נישט אין האַנט. פאַר דעם, איידער איך האָב אָנגעקלאַפּט, בין איך עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום הויז, זיך געריכט אויף אָרדענונג. דער הונט האָט אָנגעהויבן בילן, איך האָב זיין קול דערקענט, איך האָב אים נאָך אַלס קליין הינטל פון איפּאַטיעווער מאָנאַסטיר אַהאָפּגעבראַכט, אַן אמתער דאָג. איך האָב דערהערט דאָס בילן — און זיך דערפרייט. איך קלאַפּ אָן. געעפנט האָט מיר דאָס ווייב. קיין דעזערטירן, זאָגט זי, כאַפּט מען נישט, ווייל די גאַנצע געגנט איז פאַרפולט מיט דיזיקעס. איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעטון. די גאַנצע נאַכט האָב איך באַקוקט די ווירטשאַפט, דאָס הויז, דעם הויף, מיט דער האַנט באַטאַפּט, אויפן דאַך געקלעטערט, געקראָכן אין קעלער צו די קאַרטאָפל, דריי מאָל — מיט די קעלבלעך, מיט די שאָף, מיט די פערד, — שיעור זיך נישט צעקושט, אָבער אַרומנעמען, האָב איך זיי אַרומגענומען. מיינס! איך בין באַלעבאָס! — איך האָב מיינס דערגרייכט! — מקוים געוואָרן מיין טרוים! — איך בין קיינעם גאָרנישט שולדיק און דאַרף קיינעם נישט!.. פאַרטאָג האָב איך געהייסן איינהייצן די באָד, און ביז דער באָד בין איך דריי מאָל געווען אין הויף, און צו דער פאַלעשקע, צו דעם אייל־פאַבריקל געלאָפן. איך האָב זיך גוט אויסגעפּאַרעט און זיך געלייגט שלאָפן. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך שוין שפּעט איינאָוונט. אַרישאַ זאָגט מיר — „די שכנים, די קרובים זענען אַריינגעקומען זיך באַגריסן, און באַגיסן דיין צוריקקומען בשלום", — און איך וויל קיינעם נישט זען — מיר ליגט גאָר אין קאָפּ דאָס אייל־פאַבריקל, איך האָב גאָר חשק אַרומצופּוצן די פערד מיט דעם נייעם בערשטל, וואָס איך האָב פונם פראָנט געבראַכט, אַן עסטרייכיש בערשטל. און איך האָב אָנגעזאָגט דעם ווייב —

„ביז מאָרגן אינאָוונט זאָלסטו קיינעם איבער דער שוועל נישט לאָזן, פאַרשפּאַר דעם טויער, און אינאָוונט קויף אַ ליטער סאַמאָהאָן!“ — און דעם צווייטן אָוונט איז גראָד געווען עפּעס אַ פאַרזאַמלונג, קיינער איז צו מיר נישט געקומען, און דאָס האָט מיך גראָד זייער הנאה געטון, — איך האָב זיך נישט גענויטיקט אין קיין מענטשן. אין אַ וואָך אַרום רופט זיך אַרישאַ צו מיר אָן, — „אַ צונאָמען האָט מען דיר אין דאָרף געגעבן — וואָלף“, — און איך אַליין, אַז איך קום אַ מאָל אין גאַס, אַז איך כאַפּ אַ שמועס מיט אַ שכן, פיל איך — עפּעס האָט מען שוין צו מיר נישט דעם אַמאָליקן אַפשיי און גינציקייט. — „פאַרוואָס?“ — טראַכט איך און — פאַרגעס באַלד אין דעם. און אָט איז געקומען דער ליבער פרילינג, איך בין גלייך אַוועק אויפן פעלד. מיט דער איקאָנע איז גענעדיקט, אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטון צו די פּחד — און ביי מיר — ביטע שיין, אַלץ איז צוגעגרייט, איך אַרבעט און שעפּ נחת, אַלץ איז ביי מיר גוט און ווויל, און אַרום — ביי די איקאָנע־מאָלער איז דלות און הונגער, מיט די פּחד קאָנען זיי זיך נישט באַגיין, נישט געוווינט צו דעם. איך גיי אינערגעץ נישט און קיינער קומט נישט צו מיר. אַביסל פאַרדריסט עס מיר — אָבער עס שאַדט נישט... דאָס איז אמת. און קיין רו האָב איך נישט. נישטאָ קיין רו. איך האָב נאָך אַ הונט גענומען. פאַרנאַכט באַסוק איך דאָס גאַנצע הויז, אַלע ריגלען און שלעסער קאָנטראָליר איך. ביינאַכט כאַפּ איך זיך אויף, נעם די האַק און גיי צו דעם אייל־פאַבריקל, אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך דאָרט. איך כאַפּ מיך אויף פון אַ שטאָך אין האַרצן, איך שפּרונג אויף, דאָס האַרץ קלאַפּט, אַליין בין בין איך פיטש נאַס, אָן אימה — איך הער מיך איין — שאַ—שטיל,— „וואָס זשע איז דאָס, טראַכט איך מיר, איך האָב דאָך דערגרייכט דאָס גליק, וואָס איך האָב באַגערט און ווידער מורא — פאַר וועמען האָב איך דאָס מורא? — פאַרוואָס?“ — איך נעם די האַק און גיי באַקוקן די פאַלעבאַטישקייט, און אין הויף אַריין האָב איך מורא אַרויסצוגיין, איך, דער געאָרגי־קאָוואַלער. ביי טאָג גיי איך אין גאַס, איך באַגעגן שכנים, קרובים, און דאָס היטל איז אַזוי צוגעזאָרן צום קאָפּ, די צונג — אַ שטיק האָלץ. ביינאַכט טראַכט איך: — פאַר פאַנקרישעון האָב איך מורא געהאַט און אים מקנא געווען, איצט האָב איך מורא און בין מקנא דאָס פאָלק און די רעוואָלוציע, — ווו זשע איז יושר? — וואָס איז דאָס אַזוינס? — די ווירטשאַפט איז אין אָרדענונג, אַלץ פאַרמאָג איך, אַלץ איז ווי עס באַדאַרף צו זיין, איך לעב, ווי איך האָב מיר געוווּנטשן, פון

מענטשן האָב איך זיך ארויסבאַפרייט, און קיין רו האָב איך אַלץ נישט און עס באַקומט זיך, אַז דער בעסטער חבר מײַנער איז — די האַק, — ווי געשיקט זיך דאָס? — פּאַרוואָס בין איך מיטן פּאַלק קידער־ווידער?— אָט בין איך א בּכבודיקער מענטש און אָט איז שווער דאָס היטל פון דעם קאָפּ אָפּצורייסן. וואָלף רופן זיי מיך!... זייער אָפט האָב איך דעמלט וועגן דיר געטראַכט, ראָמאַן, — ביסט טאַקע א פּוסט און פּאַסניק, אָבער דיין שכל איז אַ סך פלינקער פון מײַנעם, און דו האָסט שטענדיק גע־קלעפּט די מענטשן, — האָב איך געטראַכט: — „עך, וועלכער גוטער יאָר טראָגט דאָס איצט ארום האָמאַנען, — איך וואָלט זיך איצט פאַר אים אַראָפּגערעדט פון האַרצן, געפרעגט אים, וואָס און וויאַזוי, פון וואַנען בלאָזט דאָס דער ווינט און וואָס ברענגט ער מיט זיך, דו וואָלסט זיך געוויצלט און מיר וואָלטן ביידע געלאַכט, און ווער ווייס? אפשר וואָלטן מיר זיך צוזאַמען צו עפּעס דערטראַכט!”... און אָט אַזוי איז אַוועק דאָס נײַנצנטע יאָר, עס האָט זיך אַזוי דערקײַקלט ביז אָקטאָבער נײַנצן הונדערט צוואַנציק, די רעוואָלוציע פלאַקערט, — דאָס וואָס מען האָט סאַפּאָנאָוון, פּאַרילאָוון, דעם און יענעם אַנטבאַלעגופעט, האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה, איך האָב זיך אָנגעהויבן היטן, — און די רעוואָלוציע — מען זעט קיין עק נישט צו איר... און דאָ, ביסטו געקומען. איך האָב אויף דיר זייער געוואַרט, ראָמאַן, און זיך שטאַרק דערפרייט מיט דיר. און דו רופסט זיך אָן, — „דיין קאַרט איז אַ געשלאָגענע, אַנטאָן, אומזיסט און אומנישט האָסטו געפּטרט א העלפט פון דיין לעבן, דו גיב בעסער אוועק דיין אייל־פאַבריקל דער געזעלשאַפט, מען רופט דיך שוין אַזוי אויך וואָלף. איך האָב עס מיט דיר געטענהט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע!” -— וועגן דרך ארץ פאַר מיר קיין וואָרט נישט. און נישט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך געקענט צונויפרעדן, נאָר אוועקגעגאַנגען ביסטו פון מיר א ירם ישונא מײַנער. אַז איך האָב א טעות געהאַט אין חשבון, האָב איך אַליין געזען, אומזיסט און אומנישט געפּטרט א האַלב לעבן, און קיין רו האָב איך נישט, — און נישט נאָר וואָס איך האָב נישט היין רו, לייג איך זיך נאָך שלאָפן מיט א האַק, מיטן ווייב רעד איך נישט, בײַ־נאַכט, שפּרינג איך אויף, ווי קין, א באַוואַשענער פון שווייס, — דאָס אייל פּאַבריקל, יעדע ראַם אין פענצטער, יעדער ריגל, מײַנע הויזן — אַלץ האָב איך דאָך מיט מײַנע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פאַרשאַפט, אין יעדן שטיינדל, אין יעדן שפּענדל ליגט דאָך מיין גאַנצער אָפּגעשפּאָרטער מאַ־יאָנטעק און מיין גאַנצער געוויסן, — מיינסטו אוודאי, אַז עס האָבן זיך

ביי מיר נישט אָפּגענומען הענט און פיס, בשעת איך האָב ביי פּאַנקרי־שעון, — פאַר זיין נאָז — אויף זיינע ברעטלעך, מיט זיינע פאַרבן גע־אַרבעט פאַר עמיצן אַנדערש... איך האָב דאָך ראָמאַן־לעב, אויף דיר אַרויסגעקוקט דו זאָלסט מיך אונטערהאַלטן, מיר העלפן, איך האָב ביי דיר, קאָן זיין, ווי ביי אַ ברודער געזוכט שוץ און הילף, — און דו... אומגערעכטיקייט, גאַזלאָוואַיסטווע, און אָט די גאַזלאָוואַיסטווע דעקט מיין אייביקער בוזעם פריינט, דאָס הייסט, דו, ראָמאַן, — דאָס איז דאָך אַלצאיינס, ווי דו וואָלסט גענומען און מיר געוואָלט אָפּהאַקן אַ האַנט אָדער אַ פוס, — דאָס איז דאָך דער זין פון מיין לעבן! — „צי בין איך געווען אַ שווינדלער?" — אַזוי האָב איך מיר אַליין געפרעגט. — „מיט מיין איינענער שפּאָרזאַמקייט האָב איך מיר אָט דעם מאַיאָנטעק אָפּגע־שפּאָרט?" — מיט דער אייגענער. — „הייסט עס, אַז דאָס אַלץ איז מיינס, הייסט עס, אויב מען וועט דאָס צונעמען — וועט מען מיך, הייסט עס, באַרויבן, — רויבערס! און דער ערשטער רויבער ביסטו, ראָמאַן"!... נעכט בין איך נישט געשלאָפן, אַרבעטן נישט געקענט, עסן נישט געקענט, געוואָרן גרין ווי גראָז, די הענט שוויצן. און אָט האָב איך ביי זיך באַשלאָסן — „איכ'ל גאָרנישט אוועקגעבן, דורך מיין טויטן קערפּער וועל איך אין אייל־פאַבריקל אַריינלאָזן? — עס איז קלאָר איך ניי צו קיינעם נישט, און קיינער קומט צו מיר נישט. פונדעסטוועגן קומט די טאָכטער אין קלוב אַריין, די טאָכטער דער מוטער, די מוטער — מיר, — מען קלייבט זיך צוצונעמען דאָס הויז מיינס, אַ נייע שול וועט מען אין דעם עפענען, באַשלאָסן האָט מען דאָס אין דעם אָרעמשאַפט־קאָמיטעט, און אין אָרעמשאַפט־קאָמיטעט — ביסטו. איך קאָן דיר גאָר נישט איבערגעבן, וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, איך בין שיער פון זינען נישט אַראָפּ, אַרומגעגאַנגען, ווי אַ דולער, איך געדענק אפילו נישט, וואָס איך האָב דעמלט געטראַכט, וואָס איך האָב געטון און ווי אַזוי די צייט איז אוועק, — איינס ווייס איך אויף זיכער, מער פון אַלעמען האָב איך דיך פיינט באַקומען, ראָמאַן, — איך בין געווען זיכער, אַז דאָס ביסטו שול־דיק אין דעם אַלעמען!... און דאָ דערזע איך דורך דעם פענצטער — דו גייסט צו מיר. אין קיך איז דעמאָלט מיט מיר געווען דאָס ווייב, און די טאָכטער האָט געניט ביי זיך אין צימער. האָב איך אַ ברום געטון צו מיין ווייב און טאָכטער, — ווייזט אויס, אַז מיין אויסזען איז געווען זייער שרעקלעך, ווייל ביי מיין ווייב איז די קאָטשערע אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, פונדעסטוועגן האָבן זיי מיך געפאָלגט, אויף די שפּיץ פינ־

גער ארויסגעגאַנגען פון קיך און זיך שאָ־שטיל פּאַרטאַיעט אין עקסטן צימער, הגם זיי האָבן גאַנץ גוט געזען אַז דיך, אַז די האָס, וואָס איך האָב אוועקגעלייגט אויף דער באַנק... עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דו ביסט אַ גרויסער בריה, ראַמאַן... ווען נישט דיין פלינקייט, וואָלט איך דיך זיכער דערהרגעט, און ביז היינטיקן טאָג קאָן איך אויף זיכער נישט זאָגן, צי איך האָב חרטה, צי נישט... איך האָב זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. אין שטוב איז שטיל, ווי אין אַ קבר. וויפל צייט דאָס האָט געדויערט ווייס איך נישט. איך זע בלויז אויף דער שוועל שטייען אַזוי ווי שאָטנס, מען זאָל דאָס פון זיי אַ פּיפּס הערן, מיין ווייב און די טאָכטער, אַרומגענומען, פעסט צוגעפּרעסט איינע צו דער צווייטער, און די פּנימער זייערע זענען ווייס, ווי די וואַנט, טויטע פּנימער, אָן אַ טראָפּן בלוט, און די אויגן ברענען, אַזוי ווי לאַמטערנס... אָט דאָ, ראַמאַן, ווען מיין דערציילונג זיך אָנהויבן דערהאַפּען באַרג אַרויף. אָדער אויפן סאַמע באַרג, ווי עס וועט דיר געפעלן, חאַמאַן אַרכיפּאָוויטש. איך בין געווען זיכער — וועסט מסרן, — האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן מען זאָל מיך קומען אַרעסטירן. קיין חרטה האָב איך נישט געהאַט, איך האָב נאָר מורא געהאַט, — אפשר זיך אין קעלער באַהאַלטן און אפשר גאָר אַרונטערקריכן אונטער דער באַנק זיך פאַרשטעלן מיט זעק?! איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן איך זאָל זיך ווירקלעך נישט באַהאַלטן. וואָרום געהאַלטן האָב איך, אַז איך איינער בין דער גערעכטער, און אַלע זענען גזלנים. האָט מען אַזוי איבערגעוואַרט צוויי טעג און צוויי נעכט, דאָס ווייב און די טאָכטער טרעטן פון מיר נישט אָפּ, זיצן צוזאַמען מיט מיר אין איין שטוב, אויפדערנאַכט צינדט מען קיין ליכט נישט אָן. דעם דריטן טאָג פאַרנאַכט האָב איך געשיקט דאָס ווייב צו די שכנים, כלומרשט בעטן אַ פּאָר הייסע קוילן, קיין שוועבעלעך זענען נישטאָ, און חאָס פייער, הייסט עס, האָט זיך פאַרלאָשן,—און די טאָכטער האָב איך אַ יאָג געטון אין סאָץ־קולטור, אין קלוב אַריין אין די געוועזענע סאַפּאָנאָווישע וואַרשטאַטן. דאָס ווייב מיט דער טאָכטער זענען צוריקגעקומען, — מען ווייסט פון נאַרנישט, דו ליגסט אַלץ איבער אין קאָמיטעט, און קנעלסט איין די רעוואָלוציע צוזאַמען מיט אַלע פערדלאָזע, און וועגן אונז רעדט מען אפילו קיין וואָרט נישט. איך זאָג דיר, קיין חרטה האָב איך נישט געהאַט. און קוים איז פאַריבער די שרעק פאַרן מאַרד, — איז ווידער צוריקגעקומען די מורא פאַר מיין באַזיץ, איך שלאָף ווידער נישט, אין זכרון טויכן ווידער אויף פענסטער, טירן, קליאַמקעס, און איך זע זיי קלאָר און באַשיינפערלעך. די טאָכטער

דערציילט, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג, מען וועט קומען פון דעם קרייז, עס וועט זיך האַנדלען וועגן אונז, — און דאָס מוטשעט מיך נאָך מער, אַך ווי דאָס מוטשעט מיך... אַ פינצטערע זאַך איז דאָס איינגנטום, אַ געפערלעכע זאַך, זאָג איך דיר. נו, איז זיך צונויפגעקומען די פאַרזאַמלונג, איך בין אויף איר ניט געווען, און מען האָט מיר גע־געבן אַ טערמין פון דריי טעג זיך איינצופּאַקן און זיך איבערצוקלייבן אין דעם אייל־פאַבריקל. די אַלע דריי טעג האָב איך קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט געטון, די ווייבער האָבן אַלץ איינגעפּאַקט און געהאַלטן אין איין וואָרטשען. איך בין געווען בייזער פון אַ וואָלף, די גאַנצע וועלט מיט אַלע מענטשן האָב איך פיינט געקראָגן בתכלית השנאה. און עס איז מיר געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין מיטן העלן טאָג איז מען מיך באַ־פאַלן און באַרויבט, און דער סאַמער גרעסטער רויבער, האָב איך גע־האַלטן, ביסטו, ראָמאַן, — נו, און אַז איך בין יאָ רייך געוואָרן פון פאַנקרישעווס גאָלד און פאַרבן — האַרפּסטו דאָס פאַר אַלעמען צעפּויקן? — עמיצער האָט דיר געשטערט, זאָלסט עס אויך טון? — און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ניט געקומען אויף דער גאַזלאַוואַיסטווע דערפאַר, ווייל דו שעמסט זיך מיר קוקן אין די אויגן אַריין. און דאָס מוז איך אויך זאָגן — איך האָב טאַקע באַמת, מורא געהאַט, ווי אַ וואָלף, וועלכן מען האָט לעבעדיקערהייט געכאַפּט, פאַר מענטשן, פאַר מיינע איינענע שכנים און קרובים. ווו איז מיין חשיבות, ווו איז דאָס. וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט — אוועקגעפלויגן, קיין סימן פון דעם ניט געבליבן!...

די ווייבער האָבן אַרויסגעפירט די בהמות פון הויף — דאָס היי, דעם האָבער, דאָס מעל, די קאַסטנס, די שאַפע, די טישן האָבן זיי נאָך פריער אַרויסגעפירט, — און פרעגן מיך וואָס מען זאָל טון מיט די הינט? איינעם האָב איך איבערגעלאָזט און דעם צווייטן געהייסן מיטנעמען מיט זיך אין דער נייער דירה. און אָט איז געקומען דער טערמין, דאָס ווייבל זאָגט, — „מען איז געקומען צולויפן פון ראַט, מען האָט געהייסן זאָגן, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלן די נייע באַלעבאַטים אַהער קומען!" קוים מיט צרות האָב איך דעם הינטן פון בענקל אָפּגעריסן. איך האָב געמיינט, אָט באַלד וועט די גאַנצע וועלט חרוב ווערן, און זי שטייט זיך גלייך ווי געאַרנישט. האָב איך זיך אויפגעהויבן, די אויגן אין דער ערד איינגעגראָבן, און הינטן אַרום, קיינער זאָל מיך ניט זען, בין איך אַוועק צו מיין נייער דירה, אַזוי ווי אַ וואָלף און ערגער, בייזער נאָך פון אַ וואָלף, — „וואַרט, וואַרט, ראָמאַן"!... — טראַכט איך מיר. בין איך

געקומען. די ווייבער האָבן שוין באַוויזן ווי נישט איז זיך איינצואָרדענען. האָב איך זיך געליגט אין בעט און — בין באַלד איינגעשלאָפן, ווי אַ געהרגעטער. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיין דערציילונג גייט באַרג אַרויף און אַז איינגנטום איז אַ פינצטערער ענין. איך האָב זיך אויפגע־כאַפּט — ס'איז ליכטיק, דער פראָסט אויפן פענסטער שפּילט אויף דער זון, די ווייבער פּאָרען זיך אין קיך, פון דעם אויוון שמעקט מיט ברויט. און איך דערשפּיר אין זיך — אָט אַ וווּנדער — איך בין באַרואיקט!... אויסטערליש, ווי געשיקט זיך דאָס — אָבער איך בין פּאַרט רואיק. -- גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט דעם וואָס עס האָט זיך מיט מיר געטון, איידער איך האָב מיין הויז פאַרלאָזט. איך בין אויפגעשטאַנען, זיך אַרומ־געוואַשן, צוגעהאָלפן אביסל די ווייבער — און איך בין רואיק. — זיך געלייגט שלאָפן פרי, און אַ גאַנצע נאַכט, איך זאָל זיך דאָס כאָטש איינ־מאָל אויפכאַפּן און זאָל זיך דאָס מיר כאָטש עפּעס חלומען. איך פיל אָט די רואיקייט און וווּנדער מיך אַליין. דער האַס איז געבליבן. דאָס דאַרף מען נישט פאַרגעסן, און נקמה אויך, — „וואַרט, ראָמאַן, עס וועט נאָך ביי אונז אויך זיין יום־טוב“!... און וועגן דעם צו עס איז מיר אַ שאָד געוועזן, מוז איך דיר זאָגן, אַז כּל־זמן איך האָב נישט אָוועקגעגעבן דאָס הויז, כּל־זמן איך האָב נאָר געוואַרט, אַז מען וועט דאָס צונעמען, — האָט מיר טויזנט מאָל מער באַנג געטון, ווי דעמאָלט, ווען איך בין מיט־אַמאָל געוואָרן אויס איינגנטימער. ביינאַכט שלאָף איך און עס חלומען זיך מיר נישט קיין חלומות. איך האָב אפילו געמעגט איבערלאָזן דעם צווייטן הונט אויך. און חוץ דעם, איז וויניקער אַרבעט, דאָס הויז איז קלענער, וויניקער מיסט. און דאָס וואָך־שטיבל איז אויך נישט אַזאַ שלעכטס, אַ סך ביי אונז אין דאָרף, און, לאָמיר אפילו נעמען דיך אַליין, האָבן געוווינט אין פיל ערגערע שטיבער. און דער פאַרדראָס, און די שנאה — אויך! צו דער גאַנצער מענטשהייט. און דערהויפּט האָב איך נישט געקענט פאַרטראָגן און געהאַסט אָט די אַלע רייד וועגן קלאַסן־קאַמף. אין צוויי חדשים אַרום האָט מען ביי מיר צוגענומען דאָס אייל־פאַבריקל. ווידער האָב איך אַ גאַנצע וואָך געליטן, זיך געמוטשעט, כּל־זמן מען האָט זיך געקליבן דאָס ביי מיר צוצונעמען, ווידער בין איך קיין נעכט נישט געשלאָפן, דאָס ווייב מיט דער טאָכטער האָבן מיך אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט, מיט אַלע כּוחות צוגעהאַלטן — איך האָב געוואָלט דאָס אייל־פאַבריקל אונטערצונדן. האָט מען דאָס צוגענומען, אויפגע־האַנגען אַן אייגענעם שלאָס, אָפּגעצוימט דעם הויף — און איך האָב זיך

ווידער פּאָר פּרי געליגט שלאָפן און געשלאָפן ביז אין טאָג אַריין, און
זיך ווידער אויפגעכאַפּט — איך בין רואיק! — ווונדער!... און א חוץ
דעם. וואָס איך בין רואיק, האָב איך נאָך אַ סך פרייע צייט, אַרבעט איז,
פאַרשטייט זיך, געבליבן זייער ווייניק, מ׳שטיינס געזאָגט אַן אַרבעט: איינ־
שפּאַנען דאָס פערד און פאָרן נאָך האָלץ. האָט מען דאָס פערד אויך צו־
גענומען — בין איך געוואָרן נאָך רואיקער. קיין שום זאַך טוט מיר שוין
נישט באַנג — „כאַפּט אַלץ די כאָליערע צוזאַמען מיט גאַנץ רוסלאַנד!״—
איך האָב דאָס אַזוי פאַרשטאַנען, אַז מיט מיר צוזאַמען גייט אונטער,
ווערט חרוב די גאַנצע וועלט, — און אָפּטמאָל האָב איך מיר געקלערט:
„ניין, אַזוי קאָן דאָס נישט זיין, עס מוז זיך אַלץ אומקערן צוריק צום
אַלטן, און דעמאָלט, אַ דעמאָלט וועט מען מיר אי דאָס הויז, אי דאָס
פערד, אי דאָס אייל־פאַבריקל אָפּגעבן און נאָך מיט פּראָצענט, — מיר
וועלן ווייזן, וואָס עס הייסט אַזוינס ראַבעווען״! — און פון דיר, ראָמאַן,
פון דיר וואָלט איך אַליין, מיט די אייגענע הענט די הויט געשינדן און ווײ־
נען נישט געלאָזט!... דו פאַרשטייסט, ראָמאַן, אַז מ׳האָט גענומען מיך, און
מיך אויסגעטון נאַקעט און הויל, דאַן איז שוין אַלץ דערלויבט, אָ זאָל
זיך נאָר צוריק אומקערן דאָס אַלטע!... און קוים איז טאַקע אַלץ פאַר־
פאַלן, הייסט עס, אַז דאָס לעבן האָט קיין זינען נישט... פאַרוואָס האָב
איך דיר געזאָגט, אַז מיין הערציילונג וועט איצט גיין אַרויף־באַרג? —
ווייל, די סאַמע שרעקלעכסטע, די סאַמע געפערלעכסטע צייט איז געווען
אָט די צווישנצייט, זינט איך האָב דיר געוואָלט דערהרגענען ביז מען האָט
מיך פון מיין גרויס הויז אַרויסגעטריבן. תחלת, בשעת איך בין צוריק־
געקומען פונם פּראָנט, האָב איך אויף מענטשן געקוקט פון אויבן אַראָפּ,
איך אַליין האָב צו זיי נישט געוואָלט גיין, און געוואָלט לעבן איינער
אַליין, אָן מענטשן. האָט מען מיך געלאָזט אָדם נאַקעט. און איך וואָלט
שוין געוואָלט זיך באַגריסן מיט דעם אָדער מיט יענעם, אַ שמועס טון,
פרעגן, איך זע אָבער, — מען וויל שוין אין מיין ווינקל נישט קוקן, מען
האַלט מיך שוין נישט פאַר קיין מענטשן. אָט אין יענער צייט איז דאָס
געקומען פאַנקרישעוו מיט זיינע פאַראַיעריקע קאַלענדאַרן און פרעגט
מיך: — „מען האָט דיך באַרויבט?״ — „באַרויבט,״ — זאָג איך. אין
אָט האָט זיך באַקומען, אַז בלויז איין־און־איינציקער פאַנקרישעוו האָט מיר
מיטגעפילט, מיך אויסגעפרעגט וועגן יעהער פיצעלע, אַזוי האַרציק און
אויפריכטיק. וואָס פאַראַ מענטש אָט דער פאַנקרישעוו איז, האָב איך
גאַנץ גוט געוווסט, איך האָב אָבער געמיינט, — אַז אונז ביידן האָט גע־

טראָפּן אײן אומגליק. אַזוי האָט ער געפּראַוועט משוגענע שטיק, אָבער מיט מיר האָט ער גערעדט, ווי אַ מענטש, און מיט מיר אײנגעטענהט, אַז בײַ אונז וועט נאָך אויך זײַן יום־טוב. איך האָב אים דערציילט, ווי אַזוי איך האָב בײַ אים גאָלד געלקחנט, — „נאַרישקייטן, זאָגט ער, וואַרט צו אַ ביסעלע, וועסטו זען, אַז מיר וועלן דאָס אַלץ צוריקבאַקומען בכפל־כפלים!" — נאָך ער אײנער אַלײן האָט מיך נישט געהאַלטן פאַר קײן גנב, מיך אָפּגעשאַצט ווי ס'געהער צו זײַן. זײַנע געשפּרעכן האָבן מיר צוגעגעבן מוט און האָפענונג. האָט מען דאָך מיך אויסגעהוילט. בײַ דער רעוואָלוציע האָב איך קײן בלאַט־צײַטונג נישט געלײענט, סײַדן אַמאָל גענומען בײַם שכן און געכאַפּט אַ קוק די כראָניק, די פּאָליטיקע האָט מיך נישט אינטערעסירט, — און איצט — האָב איך קאַטיושאַן אָנגעהויבן שיסן אין סאַצקולטור נאָך מאָסקווער צײַטונגען. און איך לײען אויף די בלעטער, ביז די אויגן הויבן מיר אָן צו שטעכן. איך לײען און קוועל אָן, איך פאַס אַלעמאָל די שלעכטע זײַטן. איך בין געוואָרן אַ פאַרברענטער פּאָליטיקער. עס איז געקומען פרילינג, — בין איך אַרויסגעפאָרן אין פעלד און געאַרבעט ביז האַרבסט. דאָס גאַנצע דאָרף איז צוזאַמען, און איך אײנער אַלײן, איך שווײַג און אַרבעט — יונגוואַרג זינגט לידער, און מײַן קאַטיושאַ איז פון דער טשערעדע אָפּגעשטאַנען. אײנמאָל פרעג איך זי, — „וואָס זיצסטו אינדערהײם?" תחלת האָט זי מיר נאַרנישט געענטפערט, און אַ מויד איז זי — חתונה צו מאַכן, מסתמא ווײסט זי, וואָס זי טוט, — און אַז זי שווײַגט זיך דאָס, איז זי צעיאָמערט זיך דאָס: — „טאַטעליו, זאָגט זי, איך וועל פון אײך נישט אָפּטרעטן, איך וועל אײך נישט פאַרלאָזן, צוזאַמען מיט אײך וועל איך קײן סיביר גײן!.." — זי האָט די ערשטע ווערטער פון דעם אָנגעהויבן רעדן. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווײַט פון בײמעלע, — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. און מיר איז נאַרנישט פרײלעך אויפן האַרצן, און עס פאַרדריסט. איך לײען די בלעטער, נישטאָ פאַר מיר קײן אינטערעסאַנטערע זאַך, ווי פּאָליטיק, און אין אַלץ זע איך מפּלות. און איך שעפּ נחת. און איך וואַרט, פאַנטרישעוו האָט מיר געזאָגט און ווי איך אַלײן פאַרשטײ, ווען מיר וועלן שוין אָנהויבן צו צעפּירן די הענט. איך לײען די בלעטער, — גאַנץ רוסלאַנד איז פונקט אַזוי ווי אונזער דאָרפּראַט, לויט די צײַטונגען איז אומעטום אַלצאײַנס. די גאַנצע וועלט איז קעגן מיר. און עס באַפאַלן מיך אַנגסטן. נישטאָ קײן זינען אינם לעבן. אומרעכט. און אַ פּויער בין איך אַ געזונטער. באַאַרבעטן מײַן חלק ערד, און דער חלק איז אַ קלײנער, איז

ביי מיר קיי און שפּיי. און חוץ דעם, האָב איך נאָך אין מאָסקווע, איי־
דער איך האָב נאָך געקויפט מיין באַגאַראַדקע, זייער פיל ביכלעך געליענט
וועגן בהמות־צוכט, און איך ווייס וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום
נעבן זיי עסן, ווי זיי נאָכצוזען. אָט אַזוי האָב איך מיר צוויי יאָר אָפּגע־
לעבט אין דאָרף — נישט געאַרבעט און נישט געזוכט קיין אַרבעט. קיין
זין אין לעבן זע איך נישט, איינער קען אַלע, — איך וויל אַרבעטן,
אָבער צוואָס אַרבעטן? — ווייס איך נישט. און איך האָב אַלצדינג פיינט.
בין איך אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, אויסגעזוכט אייניקע באַקאַנטע —
איז דאָס אייגענע, וואָס אין פאַלעך, — אומעטיק, נישטאָ קיין זינען. פון
מאָסקווע בין איך אַוועק קיין קרים, זיך פאַרנומען מיט מאָלעריי. אומע־
טיק. צוריקגעקומען אַהיים בין איך אויף פרילינג. דעם גאַנצן זומער אָפּ־
געאַרבעט און אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד. און אויף צו להכעיס רעד
איך אומעטום וועגן פּאָליטיק. איינמאָל אין וואַגאָן האָט מיך פאַר אַזאַ
מעשה אַ בירגער אָנגעכאַפּט פאַרן שויבער און פאַר דער באַרד, —
הייסט עס, אַז אַפילו אין די וואַגאָנעס דאַרף מען אויך שווייגן. אין לע־
נינגראַד איז אויך אומעטיק, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף וואָלכאָוו־
סטרוי אַלס מאָלער־אַרבעטער. אויף יעדן זומער קום איך צוריק אַהיים.
די צייט גייט, איך ווער עלטער און עלטער, און קיין איבערקערעניש איז
אַלץ נישטאָ. איך בין אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרלאָזטער, אַזוי ווי אַ וואָלף.
און איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס אייל־פאַבריקל, די
בהמות, דאָס הויז — נישט פאַר דעם האָב איך געאַרבעט, נישט דאָס
האָב איך אָנגעווירן, נאָר אָנגעווירן האָב איך דעם ציל פונם לעבן און
פון מיין עקזיסטענץ, — דעם זין פונם לעבן האָט מען ביי מיר אָנט־
באַלעגופעט, און נישט דאָס אייל־פאַבריקל. און די רעוואָלוציע פלאַקערט,
אַז מ'זעט קיין סוף נישט צו איר. און צייטונגען לייען איך, אַ טראָפּן נאָך
אַ טראָפּן, אָבער טראָפּנווייז ווערט אַ שטיין אויך דורכגעבויערט. און אָט
האָב איך דיר, ראָמאַן, דערציילט, ווי אַזוי כ'האָב זיך פון באַרג אַראָפּגע־
קייקלט... פּאַניקרישעווו האָט מיר געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז אָטאָט בייט
זיך דער רעזשים און דאָ נעמט ער און טוט פּלוצים אַ שטאַרב נישט דער־
וואַרטנדיק זיך אויף דער נקמה, — און געשטאָרבן איז ער אַ פאַרשטיינ־
קענער, אַ פאַרלייזיקטער, אַ שמוציקער. קומט מען צו מיר צו גיין און מען
זאָגט מיר אָן די בשורה: — „דיין פריינט האָט זיך אָפּגעטראָגן, זיך גע־
שטעלט פאַר אייער איקאָנע־מאָלערישן גאָט, ווי סימעאָן — דער גולם,
גיי טו אים זיין רעכט!..״—ס'איז אַ חרפּה צו קוקן אויף אָט דעם מענטשן.

צו וואָס אַ מענטש האָט זיך דאָס אַראָפּגעלאָזט, צו וואָס פאַר שפלות, צו וואָס פאַראַ מיאוסקייט און אַלץ מחמת שנאה צו דער רעוואָלוציע — וואָס זשע זאָל איך זיך אויך לאָזן אויף אָט דעם וועג? — און צי דען איז דאָס נישט פונקט פאַרקערט — נישט גאַנץ רוסלאַנד איינאיינעם מיט גאַנץ פאָלק איז קעגן מיר און פאַנקרישעוון, — נאָר איך בין דאָס קעגן אַלע, קעגן גאַנץ רוסלאַנד און דעם גאַנצן פאָלק? — די בלעטער האָבן ריכטיק געשריבן — פאַרן פאָלק, און נישט פאַר פאַנקרישעוון. איך דערמאָן מיך וועגן דיר, ראָמאַן; און איך זע, נישט אַלס שונא ביסטו צו מיר געקומען, ווייַרסלעך, איך האָב טאַקע אַ טעות געהאַט מיט מיין יונג לעבן. עס באַקומט זיך, אַז דער תוך פון דעם לעבן איז נישט אין די זאַכן, — אָבער אָן זיי איז פאָרט נישטאָ קיין ציל אין דעם לעבן. נו, יאָ, איך בין טאַקע געווען אַ האַלבער שווינדלער, און איצט בין איך יד אחת מיט פאַנקרישעוון. — פונדעסטוועגן האָב איך זיך דאָך פאַר דער אַלטער וועלט געבויגן אין דרייען, פאַנקרישעוון יונגערהייט גערופן פּעטערל, יום־טוב פלעג איך ביי אים אין קאָרידאָר טרינקען בראָנפן מיט מיאוסער חניפה אויף דער צעשמייכלטער צורה, — פאַרוואָס זאָל איך זיך איצט פאַר דער וועלט נישט פאַרנויגן, זי נישט באַגריסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאווה, אַ פאַנקרישעווישע, וואָס? — פאַנקרישעוו איז געשטאָרבן, — וואָס זשע, טראַכט איך, זאָל איך אפשר טון דאָס זעלביקע, וואָס ער?!„ און טראַכטנדיק אַזוי, — עפנט זיך מיט אַמאָל די טיר און דו קומסט אַריין, ראָמאַן, און איך רוף זיך אָן צו דיר, — „ביסט גערעכט, ראָמאַנושקאָ, איך בין דאָך פאָרט נישט קיין שווינדלער. נו, האָב איך געזינדיקט, נו, האָב איך געלעבט אין טעות, איך בין זיך מודה אין מיינע פעלערן... — נו, זיי מיר מוחל ,איך וועל צו דיינע פיס פאַלן און בעטן — זיי מיר מוחל, איך האָב געלעבט אין טעות... דאָס הויז האָט מען צוגענומען — זאָל דאָס גיין צו אַלדע כאַליערעס, צוליב דעם ביסל הרויב האָב איך זיך געהאָרבעט אין הרייען, נאָך דער רעוואָלוציע האָב איך צוליב דעם, ווי אַ וואָלף געלעבט, — זאָל דאָס גיין צו אַלדע טייוול, אָט דאָס ביסל דרויב!.. אין מיין הויז איז איצט אַ שולע — נו, איז דאָס דען נישט קיין גוטע און נוצלעכע זאַך, האַ? — אָרער אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט, אָן מעזשעס, אָן חלקים, לויטן מלוכה־פּלאַן באַאַרבעטן די ערד, איינקויפן קאָסטבאַרע מאַשינעס, צו דען איז דאָס נישט קיין טובה פאַר כלל? — צי דען פאַרשטיי איך נישט, אַז די מאַכט, נו, און דו מיט איר, זענט איר אויסן בלויז די טובה פאַר דעם

פּאָלק? — קלאָר, נאָר די טובה, און איך?... — זיי מיר מוחל, ראָמאַ־נושקאָ!..״ אָט אַזוי האָב איך געטראַכט. מיינע געדאַנקען זענען דוכט זיך, געווען ריכטיקע... אָבער אין דער אמתן איז גאָר אַנדערש געווען... געשטאָרבן איז פּאַנקרישעוו — אַ שמוציקער, אַ לייזיקער, אַ פּאַרשטינ־קענער, — אַ חושים, און נישט קיין מענטש, קיין חושים איז ער אָבער גאָר נישט געווען, ער האָט נאָר געוואָלט פּאַרמיאַוסן, איבערקרומען די רעוואָלוציע, און די רעוואָלוציע האָט אים געהערט ווי דעם קאָטער. קומט איינמאָל אינאָוונט דאָס ווייב און זאָגט: — ביים דאָרפס־ראַט הענגט אַ מעלדונג, מען רופט אין קאָלווירט אַריין!״... און איך האָב פּאַרשטאַנען — אַ סוף און עק! געענדיקט אויף אימער און אייביק! קיינמאָל וועט זיך שוין נישט אומקערן אונזער צייט, ס׳וועט שוין מער קיינמאָל אויף אונזער גאַס קיין יום־טוב נישט זיין, איך וועל שוין קיינמאָל פון דיר, ראָמאַן, די הויט נישט אַראָפּשינדן! — געענדיקט! וועסט קיין זאַך נישט אומקערן! שטינקען אַזוי ווי פּאַנקרישעוו בין איך קיין בעלן נישט! — און איך גיב אַ געשריי צום ווייב און מיט פרייד, — „אַרישאַ, אַנו, טו נאָר אַ שפּרונג און ברענג אַ ליטער בראָנפן, און אַ הערינג מאַך, און אַ אוגערקע, פון די בעסטע, און איך וועל זיך דערווייל אַראָפּכאַפּן צו מיין לעבנס־פריינט, צו ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשן, און אים באַגריסן מיט דעם קאָלווירט, מען האַרף באַגיסן דעם קאָלווירט און אונזער פריינטשאַפט... לויף נאָך אַ ליטער!״ — דאָס ווייב איז געבליבן שטיין ווי אַ גולם, זי ווייסט נישט, צי זאָל זי מאַקע גלויבן אירע אייגענע אויערן. איך האָב אויף איר ווידער אָנגעשריען, — „טו, וואָס מען הייסט דיר!״ — אין קאַמער האָב איך גענומען דאָס פלעשל נאַפט און בין אַוועק צו דיין הויז, ראָמאַן, איך בין געגאַנגען, נישט גנבענענדיק זיך, נישט באַהאַלטנדיק זיך פאַר קיינעם, איך בין אַריין אין הויף, צוגעגאַנגען צום הויז, אַ גאָס געטון דעם נאַפט, אונטערגעליגט אַ ביסל היי, אונטערגעצונדן און בין אַוועק צו דער שולע, אונטערגעצונדן די שטאַל און בין אַוועק צום אייל־פאַבריקל, אויסגעגאָסן דאָס רעשט נאַפט, אונטערגעצונדן און זיך צוריק אומגעקערט צום ווייב, אויסגעטרונקען דעם גאַנצן בראָנפן, אַזוי ווי וואַסער, קיין שום טעם האָב איך אין אים נישט געפילט און שיכור בין איך פון אים אויך נישט געוואָרן. איך זיץ, ביים־צו, קוק אויף דער שריפה — און בין פולקום רואיק. מען איז מיך געקומען אַרעסטירן — איך בין רואיק. איצט בין איך שוין פאַר פּאַנקרישעוון און פאַר מיין

גאַנץ לעבן פאַר קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך, און קיין איינעם ווילן האָב איך נישט"...

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געוווסט,—ער האָט געהערט די דערציילונג וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. אַלס באַווייז פון „דעם פאַרקערטן" האָט זיך דאָ פונאַנדערגעפּנט די געשיכטע פון דעם פּאַלעכער פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין, — אַט פונקט אַזאַ, ווי די געזעצן וועגן דער פאַרקערטער פּערספּעקטיוו אויף די פּאַלעכער מיניאַטורן. ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס דערציילונג וועגן דער סאָציאַליסטישער איבעראַרבעטונג פון דעם געוועזענעם באָגאָמאַז, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ראָמאַן נישט בלויז וועגן פּאַלעכער וואָר און טרוים, די דאָזיקע דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָבן געצייטיקט, ווי אַזוי אַזוי עס זענען רייף געוואָרן די קלאַסאָווע און פּראָלעטאַרישע אינסטינקטן, וועלכע זענען דערווייז, פון „דעם פאַרקערטן". די פּראָלעטאַריער האָבן אויסגעשמידט זייער באַוווסטזיין אַ סך פריער פאַר דעם פינפטן יאָר, — און וואָס פאַרא פּראָלעטאַריער זענען דאָס די פּאַלעכער „באָגאָמאַזן", און איבערהויפּט דער קאָלווירטלער ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש, — דער טייערער מענטש! — ניין, נישט זיי האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט זיי געמאַכט. — און דערפאַר טאַקע, האָט ווייזט אויס, אונזער שטרענגער, אָנגעכמורעטער קריגערישער פּראָלעטאַרישער יאָרהונדערט, געמוזט זיך אָנצונדן מיט פאַרוווּנדערטקייט און מיטן מעשהלע, — אויפן פּאַלעכער לאַקיר בפרט, — ברייטער נאָך פון פּאַלעך, און נישט נאָר פאַר פּאַלעך. די דערציילונג האָט דערציילט וועגן דער רעקאָנסטרוקציע פון דעם באַוווסטזיין, און די דערציילונג האָט דערציילט וועגן דעם, אַז פאַר דעם איקאָניס פּאַוועל פּאַוולאָוויטש קאָלאַשניקאָוו איז נישטאָ קיין אָרט צווישן די פּאַלעכער איקאָניקעס און צווישן די פּאַלעכער קאָלווירטלער, די געוועזענע איקאָניקעס. פּאַוועל פּאַוולאָוויטש מוז זיך ווירקלעך באַהאַלטן אין אוגליטש, אָהער אין קיטיאָזש.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש בוטאָרין, דער פלאַמאַנדער און זינגער פון קאַיאָר פון פאַרנעפּלטער יוגנט, האָט זיך געקליבן מאָלן פּושקינס באַלאַדע לויט דעם אויפטראָג פון דעם ביכער־פאַרלאַג „אַקאַדעמיאַ" און איז געפאָרן צום פאַרלאַג זיך צונויפצורעדן און אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך. ער איז געקומען קיין מאָסקווע און איז אַוועק אויף דער גרויס קאַלוגער גאַס, געטראָפן גלייך אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פ. ס. ר. ר., תחלת האָט ער זיך געווענדט צום שווייצאַר, אים געזאָגט, אַז ער

איז הייסט עס, בוטאַרין, פון פאַלעך, און איז געקומען צו פאָרן אין צו־זאַמענהאַנג מיט באַלדאַ, — דערנאָך האָט ער געשמועסט מיט אַ קאַנ־צעלאַריסט. און איז אַוועק אויף דעם לענינגראַדער שאָסיי, געטראָפן אין דער אַוויאַציע־אַקאַדעמיע. דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש איז אויך געווען אין דעם טימיריאַזעווער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. און ערשט צו־מאָרגנס פאַרנאַכט, אַ פאַרמאַטערטער, איז ער קוים אַ לעבעדיקער גע־קומען אין דעם ביכער־פאַרלאַג, און שוין נישט דערייסט זיך געווענדעט צום שווייצאַר, — „איך בין, הייסט עס, בוטאַרין, פון פאַלעך, אין צו־זאַמענהאַנג מיט באַלדאַ". — אין ביכער־פאַרלאַג „אַקאַדעמיאַ" האָט מען שוין לאַנג געוואַרט אויף דמיטרי ניקאָלאַיעוויטשן און אים אויפגע־נומען מיט גרויס כבוד.

געפאָרן זענען אַמאָל די מאָלער קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט זייערע פרויען אויף זייערס אַ יום־טוב. מען האָט זיי געפירט איבער די טעאַטערס און מען האָט זיי פאַרשריבן אויפן קלאַנג. געוווינט האָבן זיי אין האָטעל „מעטראָפּאָל". מיט די פרויען — אויפן וועג פונעם וואָקזאַל ביזן האָ־טעל — האָבן די מאָלער געפירט אַ גאַנצע מלחמה: די מאָלער האָבן גע־פאָדערט, אַז די ווייבער זאָלן אַראָפּנעמען די הויבן פון זייערע קעפּ, ווייל פאַרגעליגט אַרייַנצופאָרן אין אַ הוטן־מאַגאַזין און דאָרט קויפן בע־רעטן; די פרויען האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרבייטן זייער דור־דורותדיקע פאַטשיילעס אויף די קעפּ אויף די ביזן־ביזיונותדיקע בערעטן. דער האָטעל „מעטראָפּאָל" האָט שטאַרק געדריקט די מאָלער, — „מיר זענען נישט קיין קיסרים, אַז מיר זאָלן אַזוי... מיר וואָלטן בעסער געוואָלט אין פויערים־הויז, וווּ אונטן איז דאָ אַ טראַקטיר, מען זאָל קאָנען טרינקען טיי, און דאָ איז אַפילו קיין גלאָז טיי נישטאָ, אַלץ קאַווע!" — און איינגעגאַנגען זענען זיי אויף „מעטראָפּאָל" בלויז ביי דעם באַדינונג, אַז ווינען זאָלן זיי אַלע צוזאַמען, אין איין נומער, — „וואָרום אינציקווייז איז אונז עפּעס אומהיימלעך"...

און ס'רוב צייט האָבן די מאָלער געפּטרט אויף דעם אָפּוואַרטן איינער דעם אַנדערן, וואָרום זיי האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט גיין אַנדערש, ווי אַלע אינאיינעם, זיבן מאַן האָבן געוואַרט אויף איינעם, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט צוליב זיין פרוי, און איבער די גאַסן זענען זיי געגאַנגען אַלע אינאיינעם, דער גאַנצער אַרטעל צוזאַמען.

א ריזיסן,

ריזיסן,

שווערן,

דעם שווערסטן

וועג זענען די פּאָלעכער דורכגעגאַנגען — — — — — — — — —

— — און אַ מערקווירדיקן וועג! — — '

עפּיגראַף:

„...זיי זענען מעכאַניש איבערגעטראָגן... פון דעם קלאַסישן רוסישן ראָמאַן"...

„...דאָס געשטאַלט איז נישט נאָר וואָגיק, פּערספּעקטיוויש, מאַטעריעליש, היסטאָריש, עס איז אומבאַדינגט סאָציאַל און קלאַסאָוועי"...

ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָט דערציילט, וואָס ער האָט געטראַכט, בשעת זיין צוריקגיין נאָכדעם, ווי אַנטאָן האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט דער האַק, — ער האָט דערציילט:

„ — ... און דערנאָך האָב איך זיך אפילו אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס, זיך אַליין אַ זעץ געטון איבערן שטערן, און, אַ פּנים, צו זיך אַליין אויפן קול געזאָגט: — „נו, און איך אַליין? אָך, דו טיפּש, טיפּש איינער!... איך בין דאָך אַ פּראָוואָקאַטאָר פון דער רעוואָלוציע, — ווען איך זאָל גיין און דאָס עמיצן דערציילן, — וועט מען מיר נישט בלויז זאָגן, אַ מצווה אויף דיר, האָסט עס כשר פאַרדינט. איך בין דאָך אַ קולאַקישער שפּיאָן, איך בין דאָך צום קולאַק געגאַנגען אים אויפדעקן אונזערע רעוואָלוציאָנערע קאָרטן, איך בין דאָך יד אחת מיטן קולאַק"...

אַרבעקאָוו האָט מיט דריי חדשים צוריק, איידער ער איז געפאָרן קיין פּאָלעך, נאָך ווינטערצייט, אָבער אַ סך שפּעטער נאָך דער טויט־אומרואיקייט, האָט הייסט דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געהערט דאָס גערויש פון מיליאָנען און שוין געוווסט, אַז ער איז אין דעם קלאַס און מיט דעם קלאַס, — האָט אַרבעקאָוו אָנגעשריבן אַ דערציילונג וועגן אַלטע לייט, וועלכע זענען גאָרנישט ענלעך צו ראָמאַנען און אַנטאָנען, אָבער דער אויספיר פון דער דאָזיקער דערציילונג איז זיך צונויפגעפאַלן מיט ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס מיינונג וועגן פאַראַט, און זי איז טאַקע אָנגעשריבן געוואָרן צוליב אָט די אויספירן.

און אָט איז די דערציילונג:

„דער רוסלענדישער ישוב, און דער ישוב איז דאָך דער רוסישער. אין די צייטן פון די צאַרן, די איוואַנעס, איז דאָ געוועזן אַ פעסטונג, אין די צייטן פון די אימפּעראַטאָרס — איז דאָ געוועזן אַ קרייז־שטאָט, וועלכע איז האַרט פאַר דעם זיבעצנטן יאָר אָפּגעשאַפט געוואָרן. די רעוואָלוציע האָט מיט אירע פּלענער די שטאָט אויסגעמיטן, און די סאָוועטישע ראַיאָניזירונג האָט אין דער שטאָט באַזעצט דעם ראַיק (ראַיאָן־אויספיר־קאָמיטעט). אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט איז אין אָט דער שטאָט געוואָרן אַן אויסטערלישער מנהג, וועלכער איז אונטערגעגאַנגען מיטן אָנקום פון דער רעוואָלוציע: עס איז דאָרט געוואָרן אַ מנהג, אַז רעזערוו־גענעראַלן זאָלן קויפן הייזער מיט סעדער, זיך דאָרטן באַזעצן און פאַרברענגען רואיק די עלטער. ביז דער סטאַנציע איז פון שטאָט איין און זיבעציק קילאָמעטער. דער מאַרק און דער סאָבאָר איז אויפן באַרג, — דער סאָבאָר איז, אגב, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אַרום דעם מאַרק שטייען צוויי שטאָקיקע הייזער, ווו עס האָבן געוווינט די אַמאָליקע דורותדיקע ערנבירגער, מיט געמויערטע טויערן און געשלאָסענע פערד־שטאַלן, מיט הינט־בידלעך און מיט ווילד־צעוואַקסענע סעדער. אין מזרח, מערב, צפון און דרום־זייט פון מאַרק און פון די צוויי־שטאָקיקע הייזער — שטייען איינשטאָקיקע הילצערנע הייזלעך, הינטער די הילצערנע פאַרקאַנעס סעדער, ברונעמער אויף יעדער גאַס, פּאַשע־לאַנקעס, פעלדער, דער הימל.

„דער־ראַיק’’ געפינט זיך אין דעם געוועזענעם מאַגיסטראַט. די וווינונגען פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוערס — אין דעם געוועזענעם טיי־הויז מיט נומערן. אין דעם אַמאָליקן איינפאָר־הויז אויפן מאַרק, מיט די פערד־שטאַלן און אין דעם צוויי־שטאָקיקן געמויערטן הויז — געפינט זיך איצט די וועטערינאַר־אַמבולאַטאָריע, אויפן אויבערשטן שטאָק וווינט דער עלטסטער וועטערינאַר איוואַן אודייעוויטש גראָזאַ און דאָרט געפינט זיך אויך די אַפּטייק, — דער ייִנגסטער וועטערינאַר ניקאָלאַי סערגייעוויטש קלימקאָוו וווינט אין הויף, אין דער אָפּיציִנע. אויף דער זעלבער גאַס, פונקט קעגנאיבער, אַ פענסטער קעגן אַ פענסטער, האָט אויפן צווייטן שטאָק געוווינט דער סאָ־

גיטאר־דאָקטאָר לאַוור פּעאָדאָסיעוויטש נעוועלסקי, וועלכער האָט פאַרנומען אַ גאַנצן שטאָק, אויסגעמעבלירט מיט גענעראַלישן רויטהאָלץ. דאָקטוירים זענען אין שטאָט פאַראַן פינף מאַן — וועטערינאַרן צוויי, און לערערס אַ מאַן דרייסיק. ביי די דאָרף־ראַטן זענען, נאַטירלעך, פאַראַן אייגענע וועטערינאַר־ און מעדיצין־אַמבולאַטאָריעס און אייגענע לערער.

„דער וועטערינאַר ־ דאָקטאָר גראַזאַ און דער סאַניטאַר־דאָקטאָר נעוועלסקי האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט נאָך דער רעוואָלוציע, און ביים טרעפן זיך, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן די הענט נישט געגעבן, זיך נישט באַגריסט און זיך נישט געוואָלט באַקענען. עס איז געווען אַ סיבה. אַמאָל ־ אַמאָל, נאָך פאַר דעם פינפטן יאָר, האָבן גראַזאַ און נעוועלסקי געדינט אין דער קאַליאַזינער זעמסטווע. פון די פּיראָגאָווער צוזאַמענפאָרן איז ביי די סאַניטאַר־ראַטן געבליבן אַ טראַדיציע, אַז נייע דאָקטוירים ווערן אָנגענומען אין דער זעמסטווע בלויז לויטן אויסוואַל פון די סאַניטאַר־ראַטן, און דערביי האָבן זיי זיך דאָס ערשטע יאָר גערעכנט אַלס ציטווייליקע דאָקטוירים, כדי די דאָקטוירים־סביבה זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך גוט צו באַקענען מיט דעם, וועלכן זי נעמט אין איר אַריין. דאָס איז נישט געווען קיין געזעץ פון דעם זעמסטווע־סטאַטוט, נאָר אַ טראַדיציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער זעמסטווע־פּראַקטיק. דער פאָרזיצער פון דער זעמסקע־פאַרוואַלטונג און דער אָנפירער פון דעם אַדל אין קאַליאַזינער זעמסטווע איז געווען דער פירשט פּעאָדאָר ראָסטאָראָוו, אַן אָרטיקער פּעאָדאַל און אולאַנער פון זיין מאַיעסטעט. דער פירשט ראָסטאָראָוו האָט געקאָמאַנדעוועט, ווי עס האָט זיך אים געגלוסט און ער האָט איינגעלאַדן צוויי דאָקטוירים אויף באַשטענדיקער אַרבעט אָן דעם וויסן פון דעם סאַניטאַר־ראַט און אָן דעם סטאַזש. די דאָקטוירים פון דעם סאַניטאַר־ראַט זענען געוואָרן אויפגעבראַכט און האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים סאַניטאַר־דאָקטאָר לאַוור פּעאָדאָסיעוויטש נעוועלסקי, זיך צו באַראַטן, ווי אַזוי צו רעאַגירן און ווי אַזוי צו באַשיצן די פּיראָגאָווישע תקנות. דאָס וואָרט האָט גענומען לאַוור פּעאָדאָסיעוויטש, אַ גלענצענדער רעדנער און בקי אין אַלע ציטאַטן פון די זעמסטע קלאַסיקער. די „דע־

מאָקראַטן" האָבן פאַרגעלייגט „רעמאָקראַטישע" מיטלען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך נאָכאַמאָל צונויפצוקומען און איינלאַדן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג די צוויי דאָקטוירים, וועלכע דער פירשט האָט געדונגען אָן דעם וויסן פון דעם ראַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך דורכצושמועסן מיט אָט די צוויי דאָקטוירים אויף אַ חברישן אופן און ביי זיי פועלן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דעם פירשטס איינלאַדונג און זיך אונטערוואַרפן די טראַדיציעס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן: אַז אויב די צוויי דאָקטוירים וועלן נישט וועלן פאָלגן די חברישע עצה — זיי נישט געבן די הענט און זיי באָיקאָטירן. די מיטגלידער פון דעם סאַניטאַרן ראַט האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט ביי לאַזאַר פעדאָסיעוויטש נעוועלסקין און אַהין זענען אויך געקומען די צוויי נייע דאָקטוירים. לאַזאַר פעדאָסיעוויטש נעוועלסקי האָט געהאַלטן אַ גלענצנדע רעדע, ער האָט איינגעטענהט מיט די יונגע דאָקטוירים זיי זאָלן נישט ברעכן די ווונדערשיינע פּיראָגאָווישע תקנות, און געוואָרנט, אַז די דאָקטוירים פון דעם סאַניטאַרן ראַט וועלן קעמפן פאַר די טראַדיציעס דורך דעם, וואָס זיי וועלן זיי נישט געבן די האַנט. די יונגע האָבן אויסגעהערט נעוועלסקיס רעדע מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און דערנאָך וואָרט ביי וואָרט זי איבערדערציילט דעם פירשטן ראַסטאָראָוון. דער פירשט פעאָדאָר ראַסטאָראָוו האָט אין דער רעדע איינגעזען אַ בונט, און האָט עקסטרע צונויפגערופן דעם סאַניטאַרן ראַט און מודיע געווען די דאָקטוירים, אַז אויף דער דאָזיקער זיצונג וועט ער פאָרשטעלן פאַר די דאָקטוירים די צוויי נייע קאָלעגן, און קוים וועט עמיצער זיי נישט געבן די האַנט, וועט ער תיכּף ומיד באַזייטיקט ווערן פון דער זעמסטווע. און די דאָקטוירים — האָבן געפאָלגט און געגעבן די הענט — אויסער צוויי, — לאַזאַר פעדאָסיעוויטש נעוועלסקי און איוואַן אַודייעוויטש גראַזאַ. לאַזאַר פעדאָסיעוויטש נעוועלסקי האָט, דערוויסנדיק זיך, וואָס דער פירשט איז דאָ אויסן, — מיט אַ טאָג פריער פאַר דער זיצונג זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע און איז באַלד אַרויסגעפאָרן פון קאַליאַזין, אויסמיידנדיק אויף אַזאַ אופן דאָס נישט געבן די האַנט און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ צווייטן קרייז. און גראַזאַ, איוואַן

אוודייעוויטש, וועלכער האט גאָרנישט געהאט קיין דירעק־
טע שייכות צו דעם מעדיציניש סאַניטאַרן ראַט, איז געקומען
אויף דער זיצונג און, בשעת דער פירשט האט מיט אַ ברייטן
און פרייַנטלעכן זשעסט פאַרגעשטעלט די נייע קאָלעגן, האט
איוואַן אוודייעוויטש באַהאַלטן די הענט, זיך אַלטמאָדיש פאַר־
נויגט פאַרן פירשט און פייערלעך זיך אָנגערופן: — „אַנטשול־
דיקט, פירשט, אָבער מיט אָט די אָ הערן וויל איך נישט זיין
באַקאַנט!" — און ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעלע
אין דער קאַליאַזינער זעמסטווע אין פיר און צוואַנציק שעה.
נעוועלסקי האט געבראָכן דעם שטרייק נאָך ערגער ווי יענע
בירגער, וואָס האָבן יאָ געגעבן די הענט. אין צוויי וואָכן אַרום
איז לאַווּר פּעטראָסיעוויטש נעוועלסקי אַראָפּגעקומען קיין קאַ־
ליאַזין ליקווידירן זיין דירה און האט אָפּגעשטאַט האַלב־לעגאַלע
וויזיטן זיינע קאָלעגן, האט מען אים געמאַכט אַ האַלב־לעגאַלן
באַנקעט מיט האַלב־לעגאַלע רעדעס און צוווּנטשונגען. אָבער
גראָזאַן האט קיינער קיין געזעגענונגס־באַנקעט נישט געמאַכט.
באַגלייט האָבן אים בלויז דער פעלדשער און דער אַמבולאַ־
טאָריע־וועכטער. וואָס שייך איוואַן אוודייעוויטשן, האט ער
פינף מאָל געמוזט בייטן די שטעלעס און איבערוואַנדערן פון
איין קרייז אין צווייטן. ער האט געמוזט מיט דער אַקס דורכ־
שניידן הונדערטער טויזנטער ווייאָרסטן איבער די רוסישע
דאָרפס־וועגן, היילנדיק פערד און בהמות פון פאַרשידנערליי
קרענק, שלעק און פורעניותן. און שוין ביים סאַמע אַראָפּלאָזן
דעם פאָרהאַנג פון דער אימפעריע, אין ערשטן יאָר פון דער
וועלט־מלחמה, אין דער סאַמע היץ און אָפּרו פון דער פעאָ־
דאַלער רעאַקציע, און די ערפאָלגן פון דעם וואַראָווישן קאַ־
פיטאַליזם און פאַן־מעקישער אינדוסטריע, האָבן די ראָזיקע
דאָרפס־וועגן אַראָפּגעבראַכט איוואַן אוודייעוויטשן אין דער
שטאָט מאָזשאַי. אין די ראַיאָנען פון מאָזשאַיסקער קרייז האָבן
דעמאָלט נאָך געלעבט וועטערינאַר ־ דאָקטוירים, קאָלעגן, וועל־
כע האָבן מיט זייער אָרט לעבן און הנהגה רעסטאַווּרירט דעם
נאָגאָלישן לעבנס־שטייגער. און באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהין
איז גראָזאַ אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון
דער וועטערינאַריע אין קרייז און, ווי אַזוי זי געזונט צו מאַכן:

— „מיינע הערן, מיטגלידער פון דעם סאַניטאַר־ראַט! — האָט גראַזאַ פייערלעך אָנגעהויבן. — די פּראַקטיק און די דערפאַרונג פון מיין גאַנץ לעבן און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ווייזט מיר אָן, אַז אַלס הייליקע זאַך דאַרפן מיר האַלטן די אַלגעמיינע, די געזעלשאַפטלעכע זאַך. ווען מען ווייזט מיר אָן אין מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויף מיינע חסרונות, בין איך אַלעמאָל בלויז דאַנקבאַר, וואָרן דורך דעם, וואָס איך מייד אויס אָט די חסרונות, פאַרבעסער איך בלויז די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיינע. דעריבער וועל איך טאַקע אָנהויבן מיין באַריכט מיט אייניקע אָנווייזונגען וועגן חסרונות און אפילו שענדלעכע דערשיינונגען, וועלכע איך האָב באַמערקט אין דער מאָזשאַיסקער וועטערינאַריע. צום ביישפּיל, איינער פון אונזערע ראַיאָן־וועטערינאַרן, — זיין נאָמען וועל איך נישט אָנרופן, איך האָף, אַז ער וועט אַליין אָנערקענען דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, — איינער פון אונזערע דאָקטוירים שרייבט־אויס פאַר „זעמסקע" געלט די צייטונג „רוסקאַיאַ סלאָוואָ" און דעם באַטרעף פאַרצייכנט ער אַלס הוצאה אויף צו קויפן פּאַק־פּאַפּיר, אָפּנאַרנדיק די זעמסטווע. און דערזעלבער דאָקטאָר, און נאָך אייניקע דאָקטוירים, פאָרן אויף וויזיטן אין די ראַיאָנען אויף די זעמסקע פערד. זיי פאָרן, נישט אויסגעבנדיק קיין גראָשן געלט, אָבער אין די באַריכטן גיבן זיי אָן פאַר יעדן וויאָרסט צוועלף קאָפּיקעס, גלייך ווי זיי וואָלטן געפאָרן מיט געדונגענע פערד!"... — איוואַן אודייעוויטש גראַזאַ האָט געלייענט אַ לאַנגן באַריכט. די דאָקטוירים פון דעם סאַניטאַרן־ראַט, מעדיצינער און וועטערינאַרן, זענען געפאָרן איינער צום אַנדערן צו גאַסט, געמאַכט צוזאַמען אַ כּוסה, געראָמאַנסירט מיט די פרויען און קרובות פון די קאָלעגן, — דעם באַריכט האָט מען אויסגעהערט שטילשווייגנדיק און גענומען „צו קענטעניש". און זומער ניינצן הונדערט זיבעצן, ביי די עסערן, ווען די זעלביקע דאָקטוירים פון דעם סאַניטאַרן ראַט זענען מיט אַמאָל עולה לגדולה געוואָרן, ווערנדיק קאָמיסאַרן און עמיסאַרן פון דער צייטווייליקער רעגירונג — און דאַן איז טאַקע פאַר אָט דער סאַניטאַרער רעדע זיינער איוואַן אודייעוויטש גראַזאַ מיט דעם פולן קנאַק אַרויסגעפלויגן פון דעם מאָזשאַיסקער קרייז

און ער האָט זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ־שטאָט, וואָס איז אויבן באַשריבן, איינער אַליין, אַן אַלטער בחור, אַן זאַכן, אַן אַלטער תּרח. זיינע אויפנאַם־שעהן האָבן זיך אָנגעהויבן אַכט אַזייגער אינדערפרי און זיך פאַרענדיקט פּונקט איינס אַזייגער בייטאָג, דערנאָך געקאָכט פאַר זיך מיטאָג, אַליין זיך צוגעגרייט פּופּציק גראַם רעקטיפיקירטן ספּירט, געגעסן, געטרונקען, זיך צוגעשפּאַרט ביז דריי אַזייגער בייטאָג, דריי אַזייגער איז ער אַרויסגעפּאָרן איבערן קרייז, זיך צוריק אומגעקערט שפּעט פאַר־נאַכט, באַטראַכט די פערד אויף דער סטאַציע, ווידער צעפּירט פופציק גראַם ספּירט, אים אויסגעטרונקען אין אַפּטייק אָן צו־ביים, געהוסט און געשפּיגן, פּונקט ניין אַזייגער זיך געמאַכט אַ פיינקוכן, זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, זיך צוגעדעקט מיט אַ ראַמאַנאָווישן שאָפּן־פּעלץ און צום הונדערטסטן מאָל געלייענט מאַין רידס ראָמאַנען, ביז ער איז נישט איינגעשלאָפן. הארבסט־צייט האָבן איבער מאָזשאַי געבלאָזן ווינטן און גע־גאָסן רעגנס. דער אַלטער הילצערנער דאָך איבער גראָזאַן האָט געדונערט פון די נאָהינומדיקע ווינטן, און ווען עס האָט געגאָסן אַ רעגן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז איבער דעם דאָך מאַרשירט מאַמאַיעווס אָרדע, וועלכע איז ווירקלעך אַמאָל געווען אין אָט דער שטאָט. אין אַזעלכע אָוונטן, ווען אין שטאָט איז חושך מצרים, איז גוט אָנצוצינדן אַ סך לאָמפּן, עס איז גוט איינ־צוהייצן די אויוונס, איינערגעץ נישט איילן און פאַרברענגען מיט פריינט. אַזוי פלעגט טאָקע זיין. פּונקט קעגנאיבער, פעג־סטער קעגן פענסטער, ביי לאַזור פּעטראָסיעוויטש נעוועלסקין. לאַזור פּעטראָסיעוויטש נעוועלסקי איז אין שטאָט אַריין געקו־מען שפּעטער פון איוואַן אַודרייעוויטשן. אוועקפאַרנדיק דע־מאָלט פון קאַליאַזין און נישט געזעגנענדיק זיך מיט גראָזאַן אין קאַליאַזין, האָט לאַזור פּעטראָסיעוויטש נעוועלסקי באַגעגנט דאָס זיבעצנטע יאָר אַלס גובערניאַלער סאַניטאַר־דאָקטאָר און פון מערץ ביז אָקטאָבער האָט ער זיך, תּחילת פון די פּאָלקס־סאָציאַליסטן, און דערנאָך פון די עסערן, פאַרנומען מיט ענגי־נים פון מלוכה־בויאונג, אַ פּאָר וואָכן איז ער געווען אַ גובער־ניע־קאָמיסאַר, דערנאָך האָט ער איבערגענומען דעם אַמט פון אַ גובערניאַלן געזונטהייט־קאָמיסאַר, און באַלד נאָך דעם אָק־

טאָבער איז ער געוואָרן אויס קאַפּעלוש־מאַכער, צוויי מאָל זע־נען ביי אים פּאָרגעקומען רעוויזיעס, און די אָפּראָוויזאַציע־אַרמייער האָבן ביי אים אין קעלער געפונען זיבן און צוואַנציק פּוד זעמל־מעל, און מיט גרויס חרפּה האָט ער זיך אין אַכצנטן יאָר געמוזט איבערקלייבן אין אָט דעם פּאַרוואָרפענעם העק. פון דער סטאַציע אין שטאָט אַריין איז ער געפאָרן אויף זיבן פורן מיט באַלעבאַטישקייט. אין דער שטאָט האָט ער גלייך באַ־קומען דעם בעסטן גענעראַלישן שטאָק און איינגעקויפט גענע־ראַליש מעבל פון רויטהאָלץ. צוזאַמען מיט אים איז געקומען זיין פּרוי, אַן אומגעוויינטלעך שטאַלטיקע און מאַיעסטעטישע פרוי אין פענסנע, לויטן פּאַך אַ פעלדשערין און אין דער ווירקלעכקייט אַ גוואַלטיקער בקי אין דער גאַנצער קלאַסישער וועלט־ליטעראַטור, און אַמבאַקוועמסטן איז איר געווען צו רעדן מיט ציטאַטן פון אָט דער ליטעראַטור, איידער מיט נישט צי־טירטע ווערטער. לאָווער פּעדאַגאָגיעוויטש נעוועלסקי האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט איוואַן אודייעוויטשן אין אויספּירקאָם, אים גלייך דערקענט, און לאָווער פּעדאַגאָגיעווי־טשעס אויגן זענען אפילו געווען זייער פריינטלעך און צוגע־לאָזן. דער חבר טרובאַטשאָוו, דער פּאָרזיצער פון דעם ראַי־אויספּירקאָם, האָט זיך אָנגערופן:

,,— איוואַן אודייאיטש, — דאָס איז דער נייער סאַני־טאַר אונזערער, חבר נעוועלסקי, זייט באַקאַנט:

,,און איוואַן אודייעוויטש גראָזאַ, האָט פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, פאַר דעם פירשט ראַסטאָראָון, באַהאַלטן די הענט אויף אַהינטער, זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם חבר טרובאַטשאָוו און פייערלעך זיך אָנגערופן:

,,— אַנטשולדיק, פּאַוועל יעגאָראָוויטש, אָבער מיט דעם ראָזייקן הער וויל איך נישט זיין באַקאַנט!

,,דער חבר טרובאַטשאָוו האָט זיך צעטומלט. נעוועלסקיס אויגן זענען געוואָרן שטאָלערנע און האָבן זיך פאַרזשמורעט. און בכלל האָט לאָווער פּעדאַגאָגיעוויטש נעוועלסקי אויסגעזען ווי אַן אַלטער סטודענט פון די נאַראָדאָוואָלישע צייטן, ער האָט געטראָגן אַ פּאַלערינע און אַ הוט, געהאַט לאַנגע האָר און,

פונקט אזוי ווי די פרוי, פענסנע אויף א שווארץ שנירל, ער איז געווען א מאגערער און זייער א רירעוודיקער.

„ווען דער חבר טרובאטשאוו איז געבליבן אליין מיט נע־וועלסקין, האט ער צו אים געזאגט:

„— דו דארפסט, חבר נעוועלסקי, אויף אים קיין פאר־איבל נישט האבן... א וועטערינאר איז ער און אויסגעצייכנטער, אבער אלס מענטש איז ער א ביסל א חושים, מען זאגט, אז ער טרינקט בראנפן און גאנצענקע נעכט לייענט ער ראמאנען...

„דער חבר טרובאטשאוו האט אמאל, בלייבנדיק אויג אויף אויג מיט גראזאן, אים געפרעגט:

„— וואס איז דאס פאר א מין, חבר גראזא, וואס ביסטו עפעס אזא האנאראווע, אין מיטן דרינען, פראוועסטו אזעלכע שטיק? — אדער אפשר ווייסטו עפעס? — אויב דו ווייסט — זאג!

„איוואן אודייעוויטש גראזא האט בייז געענטפערט:

„— איך ווייס גארנישט! און איך וויל גארנישט רעדן וועגן נעוועלסקין!

„אין אונט, ווען איבער די הארבסטיקע שטאטישע רע־כער זענען אין די ווייכע שטיול נעגאנגען די ארדעס פון וואכן־לאנגע רעגנס, איז ביי לאור פעאדאסיעוויטשן געווען זייער ווארים און ליכטיק. צו אים און צו זיין פרוי פלעגן אריינקו־מען דאקטוירים און פעדאגאגן, מען איז געזעסן אין די פא־טעלן און אויף די קאנאפעס, מען האט גערעדט, און אמאל אפילו דיסקוטירט וועגן דעם איצטיקן מאמענט. לאור פעא־דאסיעוויטש פלעגט אויסשרייבן זשורנאלן, צוזאמען מיט די צייטונגען זענען זיי געלעגן אויף א באזונדער טישל, די נייע זשורנאלן און ביכער פלעגט מען לייענען אויף א קול, געלייענט האט פאלינא איסידאראוונא, וועלכע האט זיך איראניש און מיט גרויס ביטול באצויגן צו די היינטצייטיקע שרייבער. אי־בערן דאך און איבער די גאסן האבן געמארשירט די פולקן פון דער נאכט. פאלינא איסידאראוונא האט זיך פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט. זי האט ארגאניזירט א לאנדקענטע־ניש־געזעלשאפט און א לאנדקענטעניש־מוזיי, וווהין מען האט פון דעם גענעראלישן אלטווארג צונויפגעבראכט אנגעשטאפטע

פעלן פון א וואָלף, א בער, א פוקס, א טכויר, א שפּאַרבער און א וואַלדהון, ווי מען האָט לויט פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַס באַפעל און מיט קינדערישע הענט צונויפגעבראַכט אייער פון ראָבן, שפּערן, ציזיקעס, בלויערלעך, קוקאַווקעס און ווי פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ האָט מיט די אייגענע הענט אויפגעהאַנגען סנאָפּעס פאַרשידנערליי מינים גרינסן. אין פרילינג האָט פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ צום ערשטן מאָל אין שטאָט איינגעפירט דעם וואָליי־באָל, און גאַנצע טעג געשפּילט מיט די פעדאַגאָגן אין אָט דער שפּיל. זומער־צייט האָט פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ איינגעאָרדנט אינטעליגענטיש ־ קאָלעקטיווע רייזעס אויף שיפלעך, פּיקניקן, פישפאַנג און א פיש־יויך אויף דער פרייער לופט. און אין שטאָט איז, ווי עס פירט זיך, דער זומער געקומען נאָך דעם פרילינג, דער האַרבסט נאָך דעם זומער און אזוי ווייטער. לאַוור פעאָדאָסיעוויטש איז געזעסן אויף זיצונגען. אָבער יעדן טאָג, פונקט זעקס אזייגער, איז ער שוין געווען אין דער היים, געגעסן מיטאָג, און די הייליקייט פון דעם אויפדערנאַכט און פון דעם אויפדערנאַכטיקן אָפּרו האָט ער שטרענג אָפּגעהיט, לויט די פּיראָגאָווישע תקנות, עובר זייענדיק זיי בלויז אַמאָל־אַמאָל מיט זיינע שפּאַצירן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט הינטערן שטאָט, ערגעץ ווי צו דעם וואַלד־אַראָפּהאַנג אָדער צום בערגל אום זומער, אָדער צו דער צעבראָכענער מיל אין פרילינג און אין האַרבסט, ווו ער האָט, נישט געקוקט אויף זיין עלטער, אָפּגעוואַרט די אָדער יענע יונגע לערערין און ווו ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען וועגן אייביקייט, צו וואָס זיין פרוי, פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ, האָט זיך באַצויגן מיט ביטול און איראָניע. לאַוור פעאָדאָסיעוויטש איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט און מען האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט געלייענט לעקציעס און אָפט געווען פאַרזיצער. לויט די פּיראָגאָווישע טראַדיציעס איז פאַרווערט צו פאַרנעמען זיך מיט פּריוואַטער פּראַקטיק, און דערצו איז דאָס נישט געווען די ספּעציאַליטעט פון די סאַניטאַרע דאָקטוירים, אָבער לאַוור פעאָדאָסיעוויטשן האָט מען אין שטאָט געהאַלטן אלס דעם בעסטן דאָקטאָר און, נישט פאַרנעמענדיק זיך פּרינציפּיעל מיט פּריוואַטער פּראַקטיק, האָט ער זיך בלויז באַטייליקט אין

סאָנסיליומס. וועגן זיך אליין פלעגט לאוור פעדאָסיעוויטש דערציילן א מעשה, וועלכע ער האָט איבערגעפּעקלט, אלס פרישרצאַפּלדיקע היינטצייטיקייט, פון דער סאַליאַזינער יוגנט ביז צו דער איצטיקער פאַרנונפטיקייט, — א מעשה וועגן דעם, אַז אַט יענע וואָך ערשט האָט ער, זיצנדיק אין שטוב, אונטער־געהערט א געשפּרעך, וואָס פאַרבייגייער האָבן צווישן זיך גע־פירט, אונטער זיין פענסטער, — איין פאַרבייגייער פרעגט דעם צווייטן: — „דאָ וווינט, דוכט זיך, א דאָקטאָר?" — „דאָ". — „און א נישקשהדיקער דאָקטאָר, א גוטער?" — „א דאָק־טאָר איז ער אפילו זייער א גוטער, — ער איז אָבער א ספּע־ציאַליסט א דאָקטאָר — פאַר טויטע און נישט פאַר לעבעדיקע. קיין לעבעדיקע היילט ער נישט!..." — און גראַזאַ האָט גע־וווינט איינער אליין, אָפּגעזונדערט, ביי, צו קיינעם צו גאַסט נישט געגאַנגען, און צו אים פלעגט בלויז קומען צו גאַסט זיין געהילף, דער יונגער וועטערינאַר ניקאָלאַי סערגייעוויטש קלימ־קאָוו, — און בלויז צוליב דעם, כדי אויסצוטרינקען א גלעזל ספּירט. גראַזאַ פלעגט דעמאָלט פאַרגרעסערן זיין פּאָרציע פון פּופּציק אויף הונדערט גראַם און מאַכן א פיינקוכן פון אכט אייער. קיין באַריידעוודיקער איז איוואַן אודייעוויטש גראַזאַ בשום אופן נישט געווען. זומער־צייט זענען די נעכט געווען זייער קורצע. די וועטערינאַרן האָבן אויך געמוזט פאַרזיכערן די גרויסע און קליינע בהמות און די פערד, און זומער־צייט פלעגט איוואַן אודייעוויטש גראַזאַ אויפשטיין האַלב דריי אזיי־גער און פאָרן אויף דער פאַרזיכערונג, — ביז אכט, ביז דעם אויפגאַנג אין דער אמבולאַטאָריע, — מיט א טראַסקערײ פלעגט ער פאַרטאָג אַרויספאָרן פון דעם געוועזענעם איינפאָרהויז אויף דער גאַס, רייטנדיק אויף דער דראָזשקע, אין א פאַרוסינענעם שטויב־מאַנטל און אין א שטרויענעם קאַפּעליוש, מיט אן אומ־געהייער גרויסער טעקע, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום זאַקל האָבער, — דאָס פערד איז געווען א טייער פערד, און דער אל־טער האָט אויסגעזען א בייזער, א שטורעמדיקער. זומער־צייט זענען אָפּט געווען שטורעמס. וואָס שייך ווידער דעם חבר פּאַ־וועל יעגאָראָוויטש טרובאַטשאָוו, האָבן זיינע חברים שוין לאַנג געאַרבעט אין געגנט אָדער אפילו אין מאָסקווע, — אן אַרטיק־

געבוירענער, דאָ אונטערן בארג, א זון פון א פישער, אן איי־ניקל פון פעאָדאָלע שטאָט־איינוווינער און אָרעמעליים, האָט ער זיין בילדונג באַקומען אין זיין פישערישער קינדהייט און אין דער אַרטיקער שטאָט־שול לויטן סטאטוט פון 1877 יאָר. אַלס זעכצן־יעריק ייִנגל האָט אים די רויטאַרמייִש כוואַליע פאַרטראָגן אויפן דרום. ער האָט מלחמה געהאַלטן אויסגע־צייכנט, העלדיש און טריי איבערגעגעבן, און אין איין און צוואַנציקסטן יאָר, נאָך דעם, ווי מען האָט אים דעמאָביליזירט, איז ער נישט געפאָרן לערנען זיך, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, נאָר ער איז צוריקגעקומען צו זיך אין שטאָט אַריין, חתונה געהאַט מיט א לערערין, געבליבן וווינען אונטערן באַרג אין א הויז מיט א גאָרטן, געבוירן קינדער און געווען דער שטענ־דיקער פאַרזיצער פון ראַיאָויספּירקאָם, א גוטער מענטש, א גו־טער חבר. לאָוור פעאָדאָסיעוויטש נעוועלסקי האָט, נאַטירלעך, פאַרבעטן צו זיך פּאַוועל יעגאָראָוויטשן מיט זיין פרוי — די לערערין. פּאַוועל יעגאָראָוויטש איז צו אים געקומען מיטן ווייב בלויז איין און איינציק מאָל. פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ האָט זיך צערעדט וועגן באַקלען, וועגן דער סיסטעם פון קינדער־דער־ציונג פון דעם דאָקטאָר מאָנטעססאָרי, ציטירט אָווידיען און שטשעדרינען, דרך אגב, דערציילט, אַז איר מיידלשע פאַמיליע איז זאָוואָלישינאַ. פּאַוועל יעגאָראָוויטשעס פרוי האָט זיך ביי די נעוועלסקים זייער גוט געפילט, און פּאַוועל יעגאָראָוויטש האָט דעם ווייב דערויף גאָרנישט געענטפערט. ווען ער האָט אָבער ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג, האָט ער זייער שטרענג געזאָגט צום ווייב: „איך וועל נישט גיין, זאָלן זיי גיין צו אַלדע רוחות — די אינטעליגענטן!... — און דיך בעט איך אויך — דו גיי אויך נישט... זאָוואָלישינאַ — זי האָט דאָך מיט ווער־טער פאַרוואָליעט! שניפּסן טראָגן זיי... — און איוואַן אָזודיע־ווימש גראָזאַ האָט גאָר קיין איינמאָל נישט פאַרבעטן פּאַוועל יעגאָראָוויטש טרובאַטשאָוון, — ער האָט אים בלויז צוויי מאָל אַרויסגערופן צו זיך אין הויף אַריין, אין דער אַמבולאַטאָריע־שטאָל, כדי אים טאַקע דאָ אויפן אָרט גוט אָנזידלען פאַר דעם צעלעכערטן דאַך...

„און עס איז געקומען די צייט פון דעם גרויסן פינפיאָר־

פלאַן. פון דער געגנט איז אין שטאַט אַריין מיט אַן אויטאַמאָ־ביל געקומען אַ קאָמיסיע, — דער פאַרוואַלטער פון דער געגנט ־ פאַרוואַלטונג פון אַגראַר־ענינים, דער געגנט־סטאַטיס־טיקער־עקאָנאָמיסט, און אַ סטענאָגראַפיסטין־סעקרעטאַרין. דער פאַרוואַלטער איז ערשט נישט לאַנג אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע אין אָט דער געגנט. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ געגנל פון אַ ים־מענטש, און דער געוועזענער ים־מענטש, דער מאַטראָס, האָט זיך צוזאַ־מען מיטן שאָפער באַזעצט אין דער צוזאַמענוווינונג פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער — אין פאַרועל טיוטינס געוועזענעם טיי־הויז מיט נומערן. דער סטאַטיסטיקער ־ עקאָנאָמיסט האָט זיך אַרויסגעוויזן איז גאָר לאַוור פעאָדראָסיעוויטש געוועלסקיס אַן אַלטער גוטער באַקאַנטער און ער האָט זיך צוזאַמען מיט דער סטענאָגראַפיסטין ־ סעקרעטאַרין איינגעאָרדנט ביי געוועל־סקין. די זיצונגען פון דער קאָמיסיע און פון דער מענגע סוב־קאָמיסיעס זענען פאָרגעקומען אין דער לאַנדקענטשאַפט־מוזיי, וווּ עס זענען געווען אויסגעשטעלט אָנגעשטאָפּטע פעלן פון חיות און עס זענען געהאָנגען הערבאַרים פון די אַרטיקע גע־וויקסן. אין שטאָט האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק, און לאַוור פעאָדראָסיעוויטש איז אומעטום געווען. ער האָט או־מעטום אַרויסגעשלעפּט ידיעות וועגן דעם אַרטיקן באָדן, ער האָט געשטעלט פראַגן, צי וואָלט מען דאָ נישט געקאָנט בויען אויב נישט קיין מעטאַלורגישן, איז כאָטש אַ צעמענט־ אָדער אַזאַט־קאַלי זאַוואָד. ער האָט אפילו באַרעכנט די ווינטן, ווייל ער האָט אויך צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט וועגן אַעראָ־עלעקטריפיקאַ־ציע. עס זענען דיסקאַנטירט געוואָרן אַלע לידיקע שטיקלעך ערד, אַלע זאַמדיקע, זומפּיקע שטחים, מען האָט אויסגערעכנט און פאַררעכנט אַלע גראָבנס, ווייל מען האָט אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן געפאָדערט אין משך פונם פינפיאָר־פּלאַן אויסראָטן די אַלע גראָבנס און זיי אויסנוצן אויף באַוואַסערן דעם באָדן און שאַפן אַ וואַסער־ליטונג, —- דער דאָזיקער פּראָיעקט, וועלכן לאַוור פעאָדראָסיעוויטש האָט פאַרגעלייגט האָט געשטאַמט פון פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ. און עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג, וואָס איז געווען געווידמעט דער פראַגע וועגן אָפּהיטן דאָס געזונט פון

דער באַפֿעלקערונג און וועגן פּיצוכט. אויף דער אַ זיצונג האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די מעדיקער און וועטערינאַרן פֿון דעם ראַיאָן. דער הויפּט באַריכטלער איז געווען לאַוור פּעדאָסיעוויטש. זיין באַריכט איז געווען מייסטעריש, עס האָט ממש געווימלט מיט ציפֿערן, ער האָט אין אים אַרויסגעזאָגט גלענצנדע געדאַנקען וועגן דער גלענצנדער צוקונפֿט פֿון אָפּהיטן דאָס געזונט פֿון דער שטאָט. וואָס שייך די וועטערינאַריע, האָט ער גערעדט וועגן סאַפּ, וועגן די סיבירער־קרעץ און וועגן די איבעריקע קרענק און פּורעניותן, וועלכע זיי ברענגען, און ווי אַזוי מען דאַרף קעמפֿן מיט אָט די אָנשיקענישן און ווי אַזוי זיי צו פֿאַריאָגן. די ציפֿערן און די רעדנער־קונסט האָבן דערוויזן, אַז צום סוף פֿון פֿינף־יאָר וועלן נישט בלויז די מאַסן־פֿאַרשפּרייטע עפּיזאָאָטיעס, ווי דער כאַפּ, סיבירער קרעץ, טאַלוועט וכדומה, נאָר אַפֿילו דער וואַגיניט און דער טובערקולאָז וועלן פֿאַרשווינדן אין די בהמה־סטאַדעס פֿון דער שטאָט. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער אַגראַר־פֿאַרוואַלטונג איז געזעסן נעבן טרובאַטשאָוון און צוגעהערט אויפֿמערקזאַם און עטוואָס מיד. עס האָבן אָנגעהויבן רעדן די, וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן צום וואָרט, וועגן מעדיצין און וועטערינאַריע, אַלע האָבן מסכּים געווען מיט דעם באַריכטלער, זיך פּשוט אַנטציקט מיט זיין טאַלענט און אַזוי געבויט זייערע רעדעס, בפֿרט וועגן דער וועטערינאַריע, אַז עס האָט זיך באַקומען, אַז צום סוף פֿון פֿינף־יאָר וועלן די עפּיזאָאָטיעס אין דעם קאַנט ווירקלעך בלייבן בלויז אין אַרכיוו. פּאַזע די ווענט זענען געשטאַנען די אָנגעשטאָפּטע פֿעלן פֿון אַ האָז, אַ פֿוקס, אַ וואָלף, אַ בער, אויף די ווענט זענען געהאָנגען קוקאַווקעס, אַ וואַלד־הון, אַ אוהו. לאַוור פּעדאָסיעוויטש האָט דערלאַנגט דעם פּרעזידיום אַ רעזאָלוציע. און דעמאָלט האָט געבעטן אַ וואָרט איוואַן אַודייעוויטש גראָזאַ. זיין אויסזען איז געווען בייז, און ער איז געווען שטאַרק באַוואַקסן.

— „מיינע הערן, — האָט ער געלאָזן אָנגעהויבן, צעמישט געוואָרן, נאָך בייזער און זיך פֿאַרכאַפּט, — דאָס הייסט, חברים! פּרינציפּיעל וויל איך נישט רעדן וועגן די פּראָיעקטן, וועלכע עס האָט דאָ אָנגעגעבן דער בירגער נעוועלסקי

אויפן געביט פון דער מעדיצין, וואָס שייך אָבער די פראַגן וועגן וועטערינאַריע, הויב איך לחלוטין נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך דאָ. איך בין אין דער זעמסטווע, — און ער איז ווידער צעמישט און נאָך בייזער געוואָרן, און זיך פאַר־כאַפּט, — דאָס הייסט, פריער אין זעמסטווע, און דערנאָך ביי דער ראַטן־מאַכט — אַרום און אַרום זיבן און צוואַנציק יאָר.— ער איז ביז גאָר צעטומלט און בייז געוואָרן. — כ'מיין, חברים, אַז איך וויל רעדן גאַנץ ערלעך. איך הויב נישט אָן צו וויסן וועמען מיר ווילן דאָ אָפּנאַרן. איך וועל ברענגען אַ ביישפּיל. דייטשלאַנד שכנים זענען פראַנקרייך, די שווייץ, עסטרייך, האָלאַנד, פּוילן, און דאָך איז אין דייטשלאַנד נאָך עד־היום פאַראַן עפּיזאָאָטיע. און ביי אונז, ווי ווייט איז דאָס פון אונז צו דער וואָלגע, און פון דאָרט קיין קאַזאַקסטאַן, קיין מיטל־אַזיע, וואָס גרענעצט זיך פון איר זייט מיט מאָנגאָליע, די היים פון אַלע עפּיזאָאָטיעס. און איך מוז ערלעך און אָפן זאָגן, איך בין טיף איבערצייגט, אַז אין פינף יאָר וועלן מיר נישט פּטור ווערן פון די עפּיזאָאָטיעס. דערויף דאַרפן מיר האָבן צענטליקער יאָרן.

„דאָס וואָרט האָט גענומען דער סטאַטיסטיקער־עקאָנאָ־מיסט, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דעם פאַרוואַלטער פון דער אַגראַר־אָפּטיילונג. זיין רעדע איז געווען זייער און זייער העפלעך און זייער אַקאַדעמיש. ער האָט זייער און זייער העפלעך געפאָדערט, אַז גראָזאַ זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַר דעם צוזאַמענ־פאָר, באַטראַכטנדיק גראָזאַס רעדע ווי אַ באַליידיקונג פאַר דעם צוזאַמענפאָר, ווייל גראָזאַ האָט חושד געווען די רעדנערס און נישט ערלעכקייט. דערנאָך האָט דער זייער און זייער העפלעכער סטאַטיסטיק־עקאָנאָמיסט, לאָזנדיק אין אַ זייט די גאַנצע וועטער־רינאַר־ספּעציפיק, דעמאַסקירט גראָזאַן אַלס גערמאַנאָפיל און אַלס אַזעלכן, וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו די כּוחות פון דער רעוואָלוציע, ער האָט אים חושד געווען אין רעכטן אָפּאָר־טוניזם און אין וועלן אַראָפּרייסן דעם פינפיאָר־פּלאַן. דאָס, וואָס גראָזאַ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט „מיינע הערן" און „אין זעמ־סטווע", איז אים אויפן העפלעכסטן און אַקאַדעמישסטן אופן

צוריקגעוואָרפן געוואָרן מיט העפלעכסטן און אָקאַדעמישסטן ביטול.

„דער פּאָרזיצער, דער באָלשעוויק און געוועזענער מאַטראָס, האָט אפילו געפּרוווט פּאַרטיידיקן גראָזאַן.

„—פונדעסטוועגן, חברים, האָט דער מענטש אונז פּאָרט אָנגעוויזן אויף די פאַקטן און גרענעצן און וועגן דעם, ווי די וועטערינאַריע זעט אויס ביי אונז און ביי די דייטשן. די פּאָליטישע באַדייטונג פון דער רעדע, דאָס ערלויבט מיר שוין אָפּצושאַצן... אפשר זאָלן מיר פּאָרט באַהאַנדלען די רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם פּרעזידיום?

„דער סטאַטיסטיקער־עקאָנאָמיסט האָט ווידער גענומען אַ וואָרט און איז דורכאויס באַשטאַנען דערויף, אַז גראָזאַ זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַרן צוזאַמענפאָר. אַ וואָרט האָט אויך גענומען לאַוור פּעאָדאָסיעוויטש נעוועלסקי און ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין שום אינצידענט נישט פּאָרגעקומען. אָנגעהויבן זיין רעדע האָט ער דערפון, אַז די רעזאָלוציע האָט ער אָנגעשריבן און ער זאָגט זיך דערפון נישט אָפּ. ער איז געווען דער איינציקער אויפן צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אָנגערופן דעם פּאָרזיצער ביים נאָמען און פּאָטערס נאָמען, און ער האָט זיך צו אים געוואָנדן עטוואָס איראָניש און זייער פריינטלעך:

„— אַנטשולדיק אונז זייער און זייער, איוואַן נעפּעדאָוויטש, הגם מען האָט אונז טאַקע חושד געווען אין נישט ערלעכקייט, לאָמיר אָבער פּאָרט פּאָלגן די מערהייט און אָפּשטימען די רעזאָלוציע.

„דאַן איז פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען איוואַן אוודייעוויטש. זיין אויסזען איז געווען גרויזאַם. גראָזאַס אויגן זענען געווען בייז. ער האָט נישט געבעטן קיין וואָרט ביים פּאָרזיצער. ער האָט זיך צעשריגן ווילד און בייז:

„— איך האָב אַ פּאָרשלאָג!... איך פּאָדער מען זאָל די פּראַגע באַהאַנדלען!... נישט וועלנדיק פּרינציפּיעל האָבן קיין שום געמיינזאַמעס מיט דעם בירגער נעוועלסקי, וויל איך דערקלערן, אַז אַרבעטנדיק אַלס זעמעז, כ'מיין אַלס דאָקטאָר זיבן און צוואַנציק יאָר, האָב איך נאָך פּאַר דער גאַנצער צייט נישט גע־

האנדלט נישט ערלעך. דאס וואס איך האב געזאגט וועגן די עפיזאטיעס — איז ריכטיק, איך ציִ מיך אבער פרינציפיעל צוריק, ווייל דא ווערן באשיינפערלעך די פאקטן פארדרייט!... און דעריבער וויל איך ערקלערן. אנטשולדיקן וועל איך זיך פאר קיינעם נישט און איך פארלאז דעם צוזאמענפאר.

,,גראזא האט א זעץ געטון מיט דער טיר. אין דעם מוזייזאל האט זיך באזעצט די גאנצע זומער־חמימה פון דער שטאט, און אין דער היץ פון די אויפגעפלאקערטע רעדעס און צארנדיקע ווערטער האבן אויפגעלעבט די אינגעשטאפטע פעלן פון דעם וואלף, פון דעם האז, פוקס, ראב, און אפילו די סנאפעס האבן אנגעהויבן שאקלען מיט זייערע זאנגען. נאך דעם, ווי דער טומל האט זיך איינגעשטילט, האט לאוור פעדאסיעוויטש נעוועלסקי פארגעלייגט מען זאל אפשטימען די רעזאלוציע און ער האט זיינס אויסגעפירט — עס איז באשלאסן געווארן, אז צום סוף פון דעם פינפיאר וועלן דא פארשווינדן די עפיזאטיעס.

,,דער צוזאמענפאר האט זיך געענדיקט מיט א חברשן אונטערהאלט אין דעם הויז פון די פאראנטווארטלעכע טוער, אין טיוטינס געוועזענעם טיי־הויז. צווישן די מעדיקער און וועטערינארן האבן זיך געפונען זינגער, מען האט געזונגען די ,,דובינושקע'', ,,בודיאנעס מארש'' און ,,קירפיטשיקי''. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פארזיצער, דער פארוואלטער פון דער אגראר־אפטיילונג, איז זייער א פריילעכער חבר, א פשוטער מענטש, ער האט געטאנצט א קאמארינסקע אונטער דעם אקאמפאניאמענט פון קלאוויר, פונקט אזוי ווי ער האט אמאל געטאנצט אויפן דעק פון דעם דרעדנאאוט, און אקאמפאנירט האט אים פאלינא איסידאראוונא, וועלכע האט ארגאניזירט אט דעם באל. און פארטאג איז דער פארוואלטער פון דער אגראר־אפטיילונג, דער באלשעוויק און געוועזענער מאטראס, וואס איז שוין נישט געשלאפן עטלעכע נעכט, ווי עס באדארף צו זיין, ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט פאוועל יעגאראוויטש טרובאטשאוון צום טייכל זיך אויסבאדן, און אין נעפל פון די לאנקעס, האט ער א פרעג געטון דעם חבר טרובאטשאוו:

— ,,ווער איז ער דאס, דיין גראזא? — און צוגעגעבן, טראכטנדיק אויף א קול. — דער טייוול ווייסט דאס — אינ־

טעליגענטן!...—וואָרן, ס'איז דאָך סטעפּ, אַ פאַרוואָרפענער עק. —אַ משוגענער הונט קאָן דאָך איבערן סטעפּ אַפּלויפן טויזנטער ווײאָרסט און קיינעם נישט באַגעגענען, היינט ווער שמועסט נאָך אַ דזשומע, מויז, אָדער סוסליק!... און פון דער צווייטער זייט— זענען דאָך די מערהייט נישט קיין קינדער, מען שפּילט דאָך נישט אין חאָמקעס, — זיי פאַרשטייען דאָך, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם בוי פונם סאָציאַליזם, — אַז דאָ טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס, — זיי האָבן דאָך געלערנט נישט ווייניקער פון אָט דעם אַלטן... — ווי אַזוי הייסט ער דאָרט, — גראַזאַ? — אָט אַ פאַמיליע?

— טאַקע אָט אַ פאַמיליע, — האָט טרובאַטשאָוו נעענט־פערט, — אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, אָבער אַלם מענטש... אַ סקאַנדאַליעזער מענטש. עס איז אפילו שווער דאָס צו באַמערקן, אָבער מען דאַרף חאָך אָננעמען, אַז ער איז אַ פרעמדער, — ער איז חאָך אַנטלאָפן פון דער מאָסקווער זעמסטווע און געקומען צו אונז אַהער!...

— „און נעוועלסקי? — האָט דער פאַרוואַלטער נע־פרעגט, — זייער אַ רירעוודיקער פאַרשוין, טיזול, אַ מין ס.ר.!... ווער איז ער?

— „ער אַרבעט, ער סטאַרעט זיך, — האָט טרובאַטשאָוו געענטפערט און אָנגעהויבן טראַכטן אויף אַ קול, — אָט זאָגסטו דאָך אַליין, דער טיזול וויים — אינטעליגענטן!... וואָרן אַלע טראָגן זיי אַלצאיינע שניפּסן און דו זיי אַ בריה און קלייב זיך פונאַנדער... רעדסטו מיט אים, איז נישט ער פאַרשטייט דיך, און נישט דו פאַרשטייסט אים, נישטאָ קיין שום קלאַסאָווער קאָנטאַקט און קיין אַלגעמיינע אינטערעסן אויך נישט. אָט נעוועלסקי האָט מיך מיטן ווייב איינמאָל פאַרבעטן צו זיך — האָט מיך זיין פרוי פשוט פאַרוואָרפן מיט איר געלערנטקייט... ער אַרבעט, סטאַרעט זיך, דעם אמת געזאָגט, מייד איך אפילו אויס צו רעדן מיט אים אָפּנהאַרציק, איך באַמי זיך, נאַטירלעך, אומבאַמערקט באַפעלן און קאָנטראָלירן, צי דער באַפעל ווערט אויסגעפירט, — זיי אַליין פאָדערן דאָס... און דאָס, וואָס דו זאָגסט, זיי זענען דאָך נישט קיין קינדער, ביסטו גערעכט, דו האָסט דאָך זיי אָפּן געזאָגט, אַז דאָ טרייבט מען נישט קיין קאַ־

טאָוועס מיט זיי, נאָר מען גייט טון א גרויסע זאַך, — דו האָסט דאָך פון דעם טאַקע אָנגעהויבן, אַז דו ווילסט ווּיסן זייער מיינונג, אַלס ספּעציאַליסטן. איך האָב דאָס זיי אויך איבערגעחזרט. מוז מען גלויבן... אַז שניפּסן טראָגן זיי, די טיוואַלים, אַלע אַלצאַיינע!...

— גוט צו זאָגן — גלויבן! — האָט דער פּאַרוואַלטער אויך אָנגעהויבן צו טראַכטן אויף אַ קול. — אָט וועל איך סוּמען אין געגנט. פון געגנט וועט אַוועק אַ דעפּעשע קיין מאָסקווע. דו פאַרשטייסט: אין מאָסקווע וועט מען דאָך אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן פון די רעפּובליקן, קאַנטן, געגנטן פונם פאַרבאַנד, — אין מאָסקווע וועט מען דאָך אין דער אויסרעכענונג פון דעם פינפיאָר־פּלאַן, אין דעם אָפּשניט „פּיצוכט“, אין קאַפּיטל „וועטערינאַריע“, אין פּאַראַגראַף „קאַמף מיט די עפּיזאָאָטיעס“, אָנשרייבן און דאָס דיסקאָנטירן, — אַז דורך די מאַסמיטלען פון דער ראַטן־מאַכט און פון דער וועטערינאַריע וועט ביי דיר צום אָנהויב פון צווייטן פינפיאָר־פּלאַן קיין זכר נישט בלייבן פון די עפּיזאָאָטיעס!... דאָס וועט מען דאָך וועגן דיר אָנשרייבן. עס איז דאָך קלאָר, נו, זאָג אַליין.

—„מען דאַרף האָבן אייגענע, — האָט טרובאַטשאָוו אומעטיק אַ זאָג געטון. — אייגענע, פּאַרטייער... אָט די אָ באַפּעל איך, זיי סטאַרען זיך... און, איך ווייס נישט, ווי זאָל איך דיר זאָגן, — עפּעס גלויבן זיי ווילט זיך מיר נישט. און איך מוז גלויבן. איך בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר!... און דער באַפעל,— איך ווייס נישט, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן, — איז אויך נישט אַזוי געוווּנטשן. דער אינטעליגענט האָט נישט ליב קיין באַפעלן, ער... נו, מוז מען גלויבן די מערהייט, אַנישט וועסטו בלייבן ביי דעם איין און אייגציקן חושים, ביי אָט דעם גראָזאַן.

„די פּאַרטייער האָבן זיך אויסגעבאָדן אין טייכל נעבן דער אַלטער מיל, און דער פּאַרוואַלטער פון דער קרייזאַגראַר־פּאַרוואַלטונג, דער באָלשעוויק און געוועזענער מאַטראָס, האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין כינעזישן מערסעדעס, ווי די שאָפערן רופן די אַלטע צעמוזיקטע אויטאָמאָבילן, און איז אוועקגעפאָרן אין דער געגנט. דער סטעפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט זיין גאַנצער רחבות.

„איוואַן אָודייעוויטש גראַזאַ איז נישט געווען אויפֿן באַל אינם הויז פֿון די פּראַנטוואָרטלעכע טוער. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן מיט אָפֿענע אויגן ביי זיך אויפֿן צווייטן שטאָק אונטער דעם ראָמאַנאָווישן שאָפֿן־פּעלץ און זיך איינגעהערט אין דער נאַכט. קיין איין מאָל איז ער נישט אַריינגעגאַנגען אין אַפּטייק אַריין נאָך ספּירט. זיינע הענט זענען געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי ביי אַ מת. זיינע אויגן האָבן זיך אַריינגעשפּיזט אין באַלקן. זיין געהילף און דער אייציקער מענטש, וואָס קומט צו אים אַריין, ניקאָלאַי סערגייעוויטש קלימקאָוו, איז געווען אויף דעם חברישן אונטערהאַלט און זיך אומגעקערט פֿון דעם באַל צו זיך אין דער וועטערינאַר־אַפּיצינע שוין פּאַרטאָגנלעך. איוואַן אָודייעוויטש האָט אָפּגעוואַרט זיינע טריט אין דרויסן, ער האָט אים אַ רוף געטון דורכן פֿענצטער: „זייט אַזוי גוט!“— ער האָט אויפֿגעריגלט די טיר און זיך ווידער געלייגט אין בעט אַריין, אונטער דעם פּעלץ, די הענט אויסגעצויגן, די אויגן איינגעשפּיזט אין באַלקן. ניקאָלאַי סרעגייעוויטש איז אַריינגעקומען אין דעם פֿינצטערן צימער, ווו עס האָבן זיך אין די ווינקלען אויסגעלייגט שמוציקע שאָטנס פֿון דעם פּאַרטאָג, ווו עס האָט זיך געפֿילט מיט אַלטוואַרג און מיט נישט־אויסגעלופֿטערטקייט. ניקאָלאַי סערגייעוויטש איז אַריינגעקומען נישט איבעריק פֿריילעך. איוואַן אָודייעוויטש האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. יענער האָט אים זייער שנעל גענומען, אָבער פֿאַרריכערט האָט ער אים זייער לאַנגזאַם. גראַזאַ האָט געשוויגן: ניקאָלאַי סערגייעוויטש האָט פֿאַררויכערט און נישט מיט אַמאָל זיך אָנגערופֿן:

— „און צו וואָס האָט איר דאָס געדאַרפֿט, איוואַן אָודייעוויטש...

— „וואָס הייסט צו וואָס!? — האָט גראַזאַ אַ געשריי געטון.

— „צו וואָס האָט איר גאָר גענדאַרפֿט אַרויסטרעטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר?... און אויב איר זענט שוין יאָ אַרויסגעטרעטן, פֿאַרוואָס זשע האָט איר נישט פֿאַרטיידיקט אייער פּאָזיציע, נישט געקעמפֿט און אָוועקגעגאַנגען מיט אַ סקאַנדאַל... אַ נעכטער דאָקטאָר, אַן אַלטער פּראַקטיקער און...

„גראַזאַ האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ פראַגע:
— „וועלכע רעזאָלוציע האָט מען אָנגענומען?
— „נעוועלסקיס רעזאָלוציע, כּמעט איינשטימיק.
— „איר האָט געשטימט פאַר?
„ניקאָלאַי סערגייעוויטש האָט אַ קוק געטון אין פענצטער, זייער נישט פריילעך, דערנאָך האָט ער באַטראַכט דאָס פּייער פון דעם פּאַפּיראָס, — און שליסלעך זיך אָנגערופן:
— „איר קאָנט דאָך נעוועלסקין שוין פון לאַנג? — האָט מען געדאַרפט אָנהויבן פון דעם אָ, האָט מען געדאַרפט רעמאַס־קירן דעם שונא. קוים זעגט איר אַרויסגעטרעטן קעגן אים, האָט איר געדאַרפט קעמפן מיט אַלע מיטלען, ביזן סוף, אָבער נישט אויסקניין מיט אַ סקאַנדאַל... דאָס איז אָבער נישט דער עיקר...
— „וואָס זשע איז דער עיקר? — האָט גראַזאַ שטרענג אַ פרעג געטון און זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, ער האָט זיך גענומען וואַרפן און וואָרטשען. — נעוועלסקין קאָן איך שוין אַ פערטל יאָרהונדערט, פּרינציפּיעל האַלט איך אים פאַר אַ פאַר־רעטער, איך גיב אים נישט די האַנט און וויל גאָרנישט רעדן מיט אים, היינט ווער שמועסט נאָך דיסקוטירן... — דעם אַלטנס אויגן זענען געוואָרן טרויעריק. — איר האָט געשטימט פאַר? — אָבער זאָגט מיר דאָ, אָט איצט, אויג אויף אויג, דעם ריינעם אמת — אפשר האָב איך געזאָגט ליגן? — צי רעדן וועלן מיר זיך אָן עצה געבן מיט די עפּיזאָאָטיעס אין פאַרלויף פון פינף יאָר?
„— זיכער, האָט איר געזאָגט דעם אמת! אויב נישט אַלץ האָט די מערהייט דאָס פאַרשטאַנען.
„— ווי באַלד אַזוי איז מה רעש!? מה רעש! — האָט גראַזאַ פריילעך אויסגעשריגן. — איך האָב דאָך גערעדט פאַר אונזער זאַך! איך האָב דאָך געהאָלפן דער וועטערינאַריע, איך בין דאָך אויסן געווען די טובה פון דעם לאַנד!... און — איר האָט געשטימט!...
„ניקאָלאַי סערגייעוויטש האָט אָפּגעריסן זיינע אויגן פון דעם פּאַפּיראָס און אַ קוק געטון אין דעם אַלטנס אומגליקלעכע און גלייכציייטיק פריילעכע אויגן, און זיך טרויעריק אָנגערופן:
„— איוואַן אָודייעוויטש! נישט איך דאַרף אייך לער־

נען!... — וואָס איז? — און אַז מען ווייסט אפילו, אַז מענטשן רעדן באַוווּסטזיניק נישט ערלעכע זאַכן, — טאָ דאַרף מען זיך צו זיי וועגדן, אַז זיי זאָלן אייך שטיצן אין אייער ערלעכקייט? — נו, זאָגט אַליין, צי האָט מען געמעגט אַזוי רעדן, ווי איר האָט גערעדט?... דאָס איז אָבער נישט דער עיקר. וועגן נעוועלסקין וויל איך גאָרנישט רעדן, איך מיין, אַז ער זינגט ווי אַ סאָלאָוויי און באַרעקט אַלץ מיט סמעטענע, צוליב חניפה און צוליב דעם, וואָס ער האָט ליב צו שפּילן אומעטום די ערשטע פידל. נאָר אָט וועגן אונז, וועגן אַזעלכע, ווי איך, וויל איך רעדן... מיר האָבן זייער ווייניק געלערנט, מיר זענען אומפּאַרטייאישע. עפּעס ווילט זיך שטאַרק גלויבן אין דעם אַלגעמיינעם אויפשטייג, אין די כּוחות פון דער רעוואָלוציע, — אפשר וועט דער פּינפּיאַר טאַקע אויפטון וווּנדער — ווער ווייס? דער גלויבן אין דעם ערפאָלג — דאָס איז איינס. דאָס קנאַפּע ווויסן — דאָס איז צוויי. נו, און אַז די באָלשעוויקעס וועלן נעמען און אויפבויען אַרום אַלע אונזערע גרענעצן געמויערטע ווענט, און אונזערע גרענעצן וועלן זיין פעסטער, שטאַרקער פון די דייטשישע, — נו, און אַז מען וועט נעמען און אויסראָטן, פאַרברענען אַלע פערד, וואָס ליידן אויף סאַפּ, — ווער וועט דעמאָלט זיין גערעכט, — איר צי נעוועלסקי?...

„ניקאָלאַי סערגייעוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער האָט נישט געשיקט אַ שמיץ געטון אין ווינקל אַריין זיין נישט דערדרוקערטן פּאַפּיראָס, און ווידער אָנגעהויבן רעדן טרויעריק און פאַרביטערט:

„— איר האָט נישט גענאַרפט אַרויסטרעטן, איוואַן אַוודייעוויטש!... דעם מענטשנס פעל — איז אַ שרעקלעכע זאַך!...

— נו, זאָגט אַליין, צו האָט דער חבר טרובאַטשאָוו, פּאַוועל יעגאָראָוויטש, כאָטש איינמאָל גערעדט מיט אייך ווי עס באַדאַרף צו זיין? — און אַרבעטן ווילט זיך דאָך נישט בלויז צוליב דעם אייגענעם פעלכל, נאָר אויך צוליב ערע, צוליב פליכט!... און איר אַליין וועט דאָך אויך נישט רעדן מיט טרובאַטשאָוון, אָט אַזוי ווי עס ווילט זיך אייך, פונם גאַנצן האַרצן, — נו, האָט מען נישט גענאַרפט, האָט איר נישט געטאָרט אַרויסטרעטן!... געווייס, די אַלע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן

קענן איך, ווי אויך די, וואָס זענען בכלל אַרויסגעטרעטן!..
פאַר דער רעזאָלוציע, האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, איטלעכער אויף זיין שטייגער, אַז זיי זאָגן ליגנט און איבערטרייבן, — און איר האָט דאָס געזאָגט אויף אַ קול, איר האָט געזאָגט דעם אמת הויך, אויף אַ קול. און אָט דערפאַר טאַקע האָבן מיר זיך גע־שמעלט אויף נעוועלסקיס זייט, — דאָס זאָג איך ווענן זיך אליין. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז די חברים האָבן אייך באַרעדט, מאַכנדיק אייך אי פאַר אַן אָפּאָרטוניסט, אי פאַר אַ פרעמדן עלעמענט, אי פאַר אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, — אָבער אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס קוים טוט אַ מענטש דעם אַנדערן אַן עולה. וועט ער זיך איין טאָג טאַקע פיינייקן, צוליב דעם, און דערנאָך— אפילו נישט בלויז מיט זיין באַוווּסטזיין, נאָר מיט זיין גאַנצן אָרגאַניזם, — וועט ער שוין זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר אָט דער עוולה, און זיר וועט זי זיכער געפינען און בפירוש באַשולדיקן אים אָט דער עוולה אָט דעם מענטשן, לגבי וועמען ער איז זי באַגאַנגען... איר האָט נישט געטאָרט אַרויסטרעטן, איוואַן אוו־דייעווויטש!.. איר האָט דערמיט דער זאַך קיין טובה נישט געטון, איר האָט זיך נישט פאַרטיידיקט און נישט געקעמפט פאַר אייער פּאָזיציע, און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, ווען איר רופט מיך איצט נישט אַריין, ווען איר וואָלט מיר אַזוי גוט ברודעריש נישט געגעבן דעם פּאַפּיראָס, — וואָלט איך אויך געוואָרן אייער שונא. מיט אייער אַרויסטרעטונג האָט איר זיך בלויז שונאים פאַרשאַפט...
„— ביטע זייער! — איך בעט קיינעם נישט, איך נויטיק זיך אין קיינעם נישט! — האָט איוואַן אוודייעוויטש אַ רעוועץ געטון, אַזוי, אַז די שויבן אין די פענצטער האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען. — קיין ציניקער און פאַרטעטער דאַרף איך נישט אלס פריינט! — מיין ערע האָב איך נאָך קיינמאָל קיינעם נישט פאַרקויפט! — קיין פאַרטעטער בין איך נישט געווען! — איך דאַרף קיינעם נישט! איך בעט קיינעם נישט!
„פונקט אַנטקעגנאיבער, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער, האָט זיך געעפנט אַ פענצטער פון נעוועלסקיס דירה. ניקאָלאַי סערגייעוויטש האָט אויש פאַרבראָכן די הענט און זיך געבעטן רחמים:

„— איוואַן אוודייעוויטש, — נעוועלסקי הערט איטלעכס וואָרט, איך בעט אייך, שטילער אַביסל, איך בעט אייך, טוט דאָס נישט!... איך האָב דאָך מיט אייך גערעדט, ווי אַ פריינט, פון גאַנצן האַרצן — איך בעט אייך — ער הערט זיך אונטער!..

„דער אַלטער האָט זיך צוריק געלייגט אין בעט אַריין, זיך צוגעדעקט מיטן שאָפּן־פּעלץ, די הענט האָט ער אויסגעצויגן, די אויגן איינגעשפּיזט אין באַלקן און לאַנג־לאַנג געקוקט אין איין פּינטל אַריין; זיין בליק איז געוואָרן זייער אַ ווייטער, און דער אַלטער האָט זיך צוגעהערט צו זיך, און דער אַלטער האָט זיך אָנגערופן:

„— איך בין אַלט! איך פאַרשטיי דאָס נישט!

„ניקאָלאַי סערגייעוויטש האָט זייער טרויעריק אָפּגעענט־פערט:

„— עך, איוואַן אוודייעוויטש!..

„פונקט קעגנאיבער, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער, האָט פאַרטאָג אויפגעפלאַמט דער לאָמפּ. לאַוור פּעטראָסיעוויטש מיט פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַן האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אַז ס'איז שוין געווען גוט טאָג האָט זיך פון קעגנאיבער, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער, פון דער וועטערינאַר־אַמבולאַטאָריע דער־הערט גראַזאַם געשריי. ביידע, סיי לאַוור פּעטראָסיעוויטש, סיי פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ, האָבן גלייך אויפגעפּראַלט דאָס פענצ־טער. דאָס געשריי האָט אויפגעהערט.

„— אַז עס איז אַן אמתער אידיאָט, אָט דער גראַזאַ, אָט אַ פאַמיליע־נאָמען זיך אָפּגעזוכט!—האָט לאַוור פּעטראָסיעוויטש געזאָגט.

„— און ער האָט טאַקע אַזוי דערקלערט, אַז ער גלייבט נישט אין דער פאַרניכטונג פון די עפּיזאָאָטיעס און וויל מער נישט רעדן און האָט פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג? — אָט אַן אידיאָט! — האָט ער טאַקע אַזוי געזאָגט? — האָט פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ צום צוואַנציקסטן מאָל איבערגעפרעגט און זייער שטיל צוגעגעבן: — אָבער דו, לאַוור, האָסט נישט קיין מורא? מיינסטו נישט, אַז דאָס איז שוין צופיל און די געגנט וועט פאַראָרדענען מען זאָל דאָס רעווידירן?

„לאָוור פּעטראָסיעוויטש האָט געמאַכט אַ טראַגישע מינע און טראַגיש געענטפערט:

„— ניין, איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן, ווען דו וואָלסט אָבער געוווּסט, ווי זיי זענען מיר דערעסן!...

„— ווער, — גראָזאַ?

„— ניין, די באָלשעוויקעס, גאַטירלעך, — אָט די אַלע גרויסע היץ־רייער, אָט די גאַנצע נאַרישקייט! — אַ, ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי דאָס אַלץ איז מיר שוין נמאס געוואָרן, ווי עס נודיעט מיך פון זיי!.. וואָס שייך גראָזאַן, וועל איך מאָרגן גלייך דערלאַנגען אַ פּראָטעסט דורך דער פּראָפּפּאַרייני־שער ליניע...

„— אָ, יאָ, געוויס!... — האָט פּאָלינאַ איסידראָוונאַ געזאָגט.

ווען עס איז שוין געוואָרן גוט טאָג, האָט ביים הויז פון די פּאַראַנטוואָרטלעכע טוער אַ כריפּע געטון דער כינעזישער מער־סעדעס, און באַלד נאָך אים האָט אַ דונער געטון איוואַן אווי־דייעוויטשעס דראָשקע; ער איז געפאָרן אויף דער פּאַרזיכערונג פון די גרויסע און קליינע הערנער בהמות און פערד. איוואַן אוודייעוויטש איז געזעסן רייטנדיק אויף זיין דראָשקע אין זיין פּאַרוסינעטעם שטויב־מאַנטל און אין שטרויענעם קאַפּע־ליוש. הינטער אים איז צו דער טאָרבע מיט האָבער געווען צו־געבונדן אַ ריזיקע טעקע. דאָס האַלבראַסאָווע פערד איז געגאַנגען לעבעדיק און פריילעך. ביים אַראָפּלאָזן זיך פון דעם סאָבאָר־באַרג, האָט איוואַן אוודייעוויטש באַגעגנט דעם חבר טרובאַ־טשאָון. טרובאַטשאָוו האָט אַ רוף געטון איוואַן אוודייעוויטשן:

„— הער נאָר, איוואַן אוודייעוויטש, וואָס דרייסטו אַ ספּאָדעק? דו זאָג מיר בעסער פּראָסט און פּשוט, פון ריינעם האַרצן ווענן אָט די עפּיזאָאָטיעס. אינטעליגענט, שדים, רוחות, וואָס איר זענט, שניפּסן טראָגט איר!... דו זאָג מיר בעסער אָפן. פון ריינעם האַרצן, צי האָט נעוועלסקי אונז דאָ נישט אָפּגע־נאַרט?...

„גראָזאַ האָט געענטפערט זייער רואיק:

„— נו, זאָג דו אַליין, זיבעציק פּראָצענט פון אונזערע בהמות זענען דאָך קראַנק אויף וואַגיניט, — אין האָלאַנד, אין

דעם קו-לאַנד, איז דער פּראָצענט פון בהמות, וואָס זענען קראַנק אויף וואַגיניט און טובערקולאָז אויך ריזיק גרויס, — דו נעם די דענישע סטאַטיסטיק, אויב דו גלויבסט נישט דער דיימשישער...

„— דו לאָז געמאַך, שיט נישט אַזוי מיט דיין וויסנשאַפט. — דו זאָג מיר בעסער קורץ און שאַרף, — צי וועלן זיי בלייבן, צי וועלן זיי נישט בלייבן? — און דערציי׳ל מיר בעסער וועגן נעוועלסקין, — האָט טרובאַטשאָוו זיך אָנגערופן. — נאַ, פאַר־ריכער, איוואַן אוודייעוויטש!

„— זיי וועלן בלייבן, — האָט גראַזאַ פעסט געענטפערט און נאָך אַנטשלאָסענער צוגעגעבן: — און וועגן נעוועלסקין האַלט איך נידעריקער פאַר מיין כבוד צו רעדן וועגן אים. צום ווידערזען.

„איוואַן אוודייעוויטש האָט גענומען די לייצעס אין האַנט.

„— שטיי נאָר אַ ווײַלע, וואַרט. וווהין פאָרסטו דאָס? — אפשר ווייסטו עפּעס וועגן נעוועלסקין? — און דו, אויב דו ביסט אַזוי זיכער אַז זיי וועלן בלייבן, איז אפשר קלייבסטו זיך עפּעס צו טון, אַז זיי זאָלן טאַקע בלייבן? פאַרוואָס מוז איך דווקא דיר גלויבן?

„— צום ווידערזען, — האָט גראַזאַ געזאָגט. — דו רעדסט נאַרישקייטן. איך פאָר אויף פאַרזיכערונג.

„אויף די לאַנקעס זענען געלעגן נעפּלען. טרובאַטשאָוו האָט באַגלייט גראַזאַן מיט פאַרנעפּלטע אויגן. און אויפן באַרג איז געבליבן דער רוסישער ישוב, וואָס איז אין די צייטן פון די צאַרן איוואַנס געווען אַ פעסטונג און איז דערנאָך געוואָרן אַ פאַרוואָרפענער העק, אַ מאַרק און אַ פאַרהאַמערטער סאָבאָר אָנשטאָט דער געוועזענער הילצערנער פעסטונג. אין דרום, צפון, מזרח, מערב — שטייען הייזער. האַרבסט־צייט, ווען עס גיסן רעגנס, טופּען איבער די דעכער פון די הייזער מאַמאַיע־ווישע חילות פון נעכט און רעגנס, איבער דער שטאָט בלאָזן ווינטן און זאַווערוכעס... און ווי עס טרעפט אַלעמאָל אין דער נאַטור, האָט דעם פרילינג פאַרביטן דער זומער, און דעם זו־מער דער האַרבסט. ווינטער האָבן אַלץ פאַרשיט די שנייען. אָט

אזוי זענען נעגאַנגען די יאָרן. די רעוואָלוציע האָט מיט אירע פּלענער אָט די שטאָט אויסגעמיטן, די סאָוועטישע פּלאַנירונג האָט אין דער שטאָט אריינגעזעצט אַ ראַיאָן־אויספּירקאָם. צום אָנהויב פונם פינפיאָר האָט מען אין דער שטאָט פון די קלוי־סטערס אַראָפּגענומען די גלעקער, — די שטאָטישע האָבן גע־טענהט, — אַז דאָס וועט נישט געשען, דאָס פאָלק וועט זיך צעבונטעווען און נישט דערלאָזן, מ'זאָל אַראָפּנעמען די גלע־קער, — די גלעקער האָט מען אָבער אַראָפּגענומען און מען האָט גאָר פארגעסן צי עס זענען אַמאָל געווען גלעקער. און נישט מיטן ווילן פון די שטאָטישע, נאָר מיטן ווינט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן אויפגעפרוויזט די דערפער אַרום דער שטאָט, און זענען אַלע געגאַנגען אין די קאָלווירטן, — די שטאָטישע האָבן געטענהט, — עס וועט פון דעם גאָרנישט זיין, דער אינדיווידועלער לאַנדווירט איז אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן, און אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן צו טוּן מעשים. נאָך דער קאָלעקטיוויזאַציע איז איינמאָל די גאַנצע שטאָט נישט געשלאָפן אַ נאַכט, די קונדייסים האָבן באַהאַנגען די פאַרקאַנעס, און די יוגנט איז געגאַנגען באַגעגענען, — מען האָט באַגעגנט טראַקטאָרן פון דער סטאַציע, טראַקטאָרן, וועל־כע קיינער האָט נאָך ביז דעמאָלט דאָ נישט געזען. די טראַק־טאָרן זענען אריינגעפאָרן אין דעם אָנגלעקערדיקן סאָבאָר, אין דעם גאַראַזש. די שטאָטישע זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די טראַק־טאָרן ביזן סאָבאָר און זענען געווען אַנטציקט, דריי טעג נאַ־כאַנאַנד איז מען געגאַנגען זיי באַקוקן, און אין פעלד איז מען אויך געגאַנגען זען, ווי אַזוי זיי אַקערן דאָס, — און זיי האָבן נאָך די טראַקטאָרן גאָרנישט באַמערקט, ווי פון דער סטאַציע ביז צו דער שטאָט איז אָנשטאָט דעם אַלטן שליאַך געוואָרן אַ שאָסיי און איבערן שאָסיי האָט אָנגעהויבן פליען אַן אויטאָבוס. נאָך די קאָלווירטן, אין טומל מיט די טראַקטאָרן, האָבן די שטאָטישע באַמערקט, ווי אונטערן באַרג, דאָרט, וווּ עס איז געשטאַנען די אַלטע צעבראָכענע מיל, האָט אָנגעהויבן צו אַר־בעטן אַן עלעקטרישע סטאַציע, און דער שטאָטישער האָט אָנגע־הויבן צו פאָדערן אין ראַיק מען זאָל צו זיי אריינפירן עלעקט־טריע. אַ סך שטאָטישע זענען פאַרשוואונדן פון דער שטאָט און

אַ סך נייע איינוווינער זענען צוגעקומען און זיך באַזעצט אין שטאָט.

„אַט אַזוי זענען פאַראיבער פיר יאָר.

„פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ האָט זיך געקליבן צו באַגעגענען די שוועל פון דעם צווייטן פינפיאָר אין לאַנדקענטשאַפט־מוזיי, עס איז געווען דעצעמבער. עס איז פאַרגעס: געוואָרן, אָבער עס איז געווען גוט באַקאַנט, אַז די עפּיזאָאָטיעס זענען אין דער געגנט פאַראַן. גראָזאַס הויז איז געשטאַנען פונקט קעגנאיבער, אַ פענסטער קעגן אַ פענסטער פון נעוועלסקיס הויז. און שוין ערב ניי־יאָר זענען מיט דעם נייעם שאָסיי אין שטאָט אַריין אַראָפּגעקומען צוויי נייאינקע אויטאָס. פון איינעם איז אַרויסגעקראָכן דער געוועזענער מאַטראָס — אין אַ שאָפּן־פּעלץ, אין אַ פוטערן היטל און אין פוישן — דאָס געזיכט זיינס איז געווען פאַרפרוירן און דער שראַם, וואָס איז געבליבן פון אַן אַמאַליקן שניט מיט אַ שווערד, איז פון דעם פראָסט געווען ווייס. אין דעם לאַנדקענטשאַפט־מוזיי, פאַר וועלכן מען האָט אָפּגערוימט דעם שניי, האָט מען אָנגעצונדן אַ מענגע עלעקטרישע לאָמפּן — דאָרט איז פאָרגעקומען די זיצונג פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָט קאָנטראָלירט, וואָס עס איז אָפּגעטון געוואָרן אין דעם פינפיאָר. דער געוועזענער מאַטראָס האָט לאַנגזאַם געלייענט די געל־געוואָרענע סטענאָגראַם־בויגנס. נעבן אים איז געשטאַנען דער חבר טרובאַטשאָוו, וועלכער האָט זיך אָנגעבויגן און אויך אַריינגעקוקט אין די בויגנס.

„— עך, דו, — שניפּסן!... זיי זענען דאָך נישט קיין קינדער!...

„דעם לעצטן האָט מען אויפגעוועקט איוואַן אַודייעוויטש גראָזאַן און אים געזאָגט, ער זאָל תּיכּף ומיד קומען אין לאַנדקענטשאַפט־מוזיי. אין מוזיי־זאַל איז פון אונטער אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור איוואַן אַודייעוויטשן אַנטקעגנגעקומען אַ מאַטראָס, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

„— דערקענסט מיך נישט, איוואַן אַודייעוויטש?! — שלום עליכם, וואָס מאַכסטו? — מיר לייענען דאָ די סטענאָגראַמעס, — אָט דאָס אָ, געדענקסט, ווען מיר האָבן צונויפגעשטעלט דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן — דו האָסט דעמאָלט גע־

זאָגט, אַז די עפּיזאָאַטיעס וועלן בלייבן. זיי זענען טאַקע געבליבן. מיט וואָס קאָנסטו זיך פאַרענטפערן?

„— שלום עליכם. איך דערקען אייך. זיי זענען געווען און זענען פאַרבליבן, ווי איך האָב געזאָגט.

„— דו זאָג אונז בעסער, מיט וואָס דו קאָנסט זיך פאַרענטפערן? נעוועלסקי האָט דאָך אונז אָפּגעפּרייערט, — מען וואָלט דאָך אים געדאַרפט אַרעסטירן דערפאַר...

„— אַרעסטירן? — האָט גראָזאַ איבערגעפּרעגט און זיך צעשמייכלט מיט אַלע זיינע האָר.

„— אַרעסטירן, — האָט דער מאַטראָס געענטפערט. — און אַט מאַקע דערפאַר אינטערעסירט אונז אַזוי, מיט וואָס דו וועסט זיך פאַרענטפערן? — וואָרן, ווען דו וואָלסט אונז פאַרפיר יאָרן אַלץ דערציילט וועגן נעוועלסקין, וואָלט מען אים, קאָן זיין, נאָך דעמאָלט אַרויסגעיאָגט — און מיר וואָלטן אַ דאַנק דעם נאָר געווונען. ווי מיינסטו, דערפאַר וואָס דו האָסט אויסבאַהאַלטן מנוולים קומט דיר אַ גרויסער דאַנק? — חבר טרובאַטשאָוו האָט דאָך מיט דיר גערעדט, פון טיפן האַרצן מיט דיר גערעדט!... און פאַרלאָזן זיך אויף דיר קאָן מען?

„— מען קאָן.

„— פאַרוואָס־זשע האָסטו דאָס מנוולים געדעקט און אויסבאַהאַלטן?...

„אין מוזיי איז געווען זייער ליכטיק און וואַרעם. הינטערן מוזיי איז געלעגן דער רוסישער ישוב, די שטאָט. אין די אַמאָליקע צייטן זענען דאָ אַהערצו געקומען די מאַמאַיעס, עס איז דאָ געווען אַ פעסטונג. אַגב, בשעת מען האָט אַראָפּגענומען די גלעקער פון דעם סאָבאָר, האָבן די שטאָטישע געטענהט: עס וועט נישט געשען. גראָזאַ האָט זיך צעבונטעוועט, הייגט ווער שמועסט נאָך לאָזור פעאָדאָסיעוויטש נעוועלסקי, — די גלעקער האָט מען אָבער אַראָפּגענומען, און פאַרגעסן אין זיי, און דער סאָבאָר הייסט פראָסט און פשוט — דער טראַקטאָרגאַראַזש“.

אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט זיך איבערגעחזרט כמעט די זעלביקע סיטואַציע, וואָס אין ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס דערציילונג: נעוועלסקי דאָס איז אַנטאָן, און גראָזאַ — ראָמאַן. אין דער דערציילונג זענען

אריבערגעטראָגן געוואָרן די טראַדיציעס פון דעם „קלאַסישן ראָמאַן" און פון „קלאַסישן דענקען", אָט די טראַדיציעס, ווען מען קאָן נעמען לעוו טאָלסטאָיס „קריג און פרידן" און אוועקליגן ביי זיך, ביי דער לינקער־האַנט. אַרבעקאָוו האָט גענומען א ריכטיקן געדאַנק—דעם געדאַנק, אז זאָגן ליגן דער רעוואָלוציע און זיין נייטראַל אין דער רעוואָלוציע — טאָר מען נישט, ער האָט אָבער געשילדערט אזא רעוואָלוציע, אזעלכע באָלשעוויקעס, אזא „קאָמפּאָזיציע" (א פּאָלעכער וואָרט!) פון באַציונגען צווישן נעוועלסקין און גראָזאַן און מיט די פּאַרטייער, וועלכע זענען נישט געווען און נישט געקאָנט זיין. — פּאָלעך און ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש, די רעקאָנסטרוקציע פון דעם פּראָלעטאַרישן דענקען, — זענען דערויף עדות. אין דער רעוואָלוציע איז געווען דאָס גאַנצע לאַנד, די רעוואָלוציע האָט געמאַכט פאַר זיך יעדער מענטש. קיין שטעט, ווי

— „די רעוואָלוציע האָט מיט אירע פּלענער אויסגעמיטן די שטאָט"

ווי ———

— „די שטאָטישע האָבן געשמועסט"

און גאַרנישט געטון, — אזעלכע שטעט זענען גאָרנישט געווען, זיי זענען געבליבן בלויז אין די ליטעראַרישע אופנים פון שילדערן, וועלכע זענען אריבערגעטראָגן געוואָרן אין אונזערע סאָציאַליסטישע ציטן פון די קלאַסיקער. די פּאַרטיי איז נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין א „זאַך פאַר זיך" — זי איז געווען אין לאַנד און מיטן לאַנד. עדות זענען דערויף: — ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס זון, הער וועג־מייסטער, — וואַקוראָווס, דידיקינס, זובקאָווס, דעם צווייטן זובקאָווס, טשעקורינס קינדער, בוטאָרינס פּלימעניצעס, — די אינזשינערן, דאָקטוירים, אַגראָנאָמען, לערער. בוטאָרינס פּלימעניצעס וועלן בשום אופן נישט אַרויסקומען צו דער אַלטער מיל אויף א ראַנדקע מיט לאַוור פּעטראָסיעוויטשן. טשעקורינס זון — דער דאָקטאָר — וואָלט נישט בלויז אויסגעלאַכט די אַלע רייד וועגן די עפּיזאָטיעס, נאָר ער וואָלט דאָס אויך פריער גוט באַהאַנדלט און אַרומגערעדט אין קאָמיונג. א קרייז־סטאַטיסטיקער פאַר א פּראָיעקט פון אַעראָ־עלעקטריפיקאַציע... טשעקורינס, דידיקינס, וואַטאַגינס קינדער וועלן אַליין זאָגן, וואָס זיי דאַרפן נויטיק האָבן פאַר פּאָלעך. און דער וועג פון דער סטאַציע אין

שטאָט אַרײַן, — קאָן נישט אַנטשטײן „אומבאַמערסט", ווײַל דער וועגטעכניקער, ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס זון, וועט שטעלן אויף די פיס די גאַנצע שטאָט און אַלע אַרומיקע דערפער בראָש מיט זײַן פאָטער, מיט ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשן, אויף דעם בוי פון דעם וועג. וואָס קאָן דוכט זיך זײַן אַ מער פּאַרוואָרפענער העק, ווי אָט דער העק פון באַגאָמאָזן?! — ניין, חבר טרובאַטשאָוו, דער פּאָרזיצער פון ראַי־ראַט, וואָס האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון אַן אָרטיקן דיאַקאָן, וואָס שרעקט זיך פאַר אַ שניפּס, — ניין, ער קאָן נישט עקזיסטירן אין דער רעאַלקייט, וואָס שטעקט נאָך אין דער קלאַסישער „קאָמפּאָזיציע". די פּאַרטיי איז גאָר נישט קיין „זאַך פאַר זיך"!... אין פאַלעך איז חוץ דעם פּאָרזיצער פון דעם אויספירקאָם, וואַסילי וואַסיליעוויטש זימין, נאָך פאַראַן דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם שעסטערנין, נאָך פאַראַן קאָמיוגיסטן — און עס איז דאָרטן אפילו דאָ אַן אָנפירער פון דער מיליץ, וועלכער האָט איינמאָל (לויטן פאַלעכער געזעץ פון „פּאַרקערטער פּערספּעקטיוו"!) — איינמאָל — — — אין פאַלעך איז פאַראַן אַ דראַמאַטישער קרײַז פון זעלבסטטעטיקייט, וועלכער שטעלט פּיעסעס אין דעם הויז פון סאָציקולטור (נו, עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ וואָלט דאָ געווען „דאָס האַרץ" פון דעם קרײַז), — דאָס מוזיקע קרײַזל האָט איינמאָל באַשטימט דעם טאָג פון אַ ספּעקטאַקל, צעהאָנגען געשריבענע אַפישן, און דערנאָך דעם ספּעקטאַקל נישט דורכגעפירט, ווײַל עס האָבן געפעלט אַקטיאָרן, — און דער אָרטיקער אָנפירער פון דער מיליץ האָט צוויי אַזיגער בײַנאַכט בײַ זיך אין קאַנצעלאַריע פאַרזאַמלט אַלע „אַרטיסטן" (— נו, עס איז קלאָר, אַז צווישן זיי אויך פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ), — זיי צונויפגערופן מיט אַ שטרענגער פראַגע — פאַרוואָס די אַקטיאָרן האָבן דאָס עובר געווען אויף דער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין, געדולט אַ ספּאָדעס און אָנגעפּיפּט דעם עולם, וואָס איז געקומען הנאה האָבן פון דעם ספּעקטאַקל!? (פּאָלינאַ איסידאָראָוונאַ וואָלט נישט געהאַט פאַר וועמען צו ציטירן די הינטצײַטיקע סאָוועטישע ליטעראַטור, איזדיעקוועענדיק זיך איבער איר!...).

דאָס הייסט, אַז פאַלעך און ראָמאַן אַרכיפּאָוויטש האָבן לערנענדיק, אויסלערנענדיק, אויף דער פּראַקטיק געוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף שרײַבן, אויסמײַדנדיק די קלאַסיקער, — און זיי האָבן טאַקע פאַרוקט אין אַ העק פון פּאָרטפעל אַרבעקאָווס דערציילונג, די נישט ריכטיקע דערציילונג, הגם זי איז אָנגעשריבן געוואָרן לויט אַ ריכטיקן געדאַנק וועגן דער גײַסט

צביעותדיקייט לגבי דער רעוואָלוציע, וועגן דער פאַרברעכערישקייט פון „נייטראַלקייטיי, וואָס טאָר אין תוך גענומען נישט זיין.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געהערט דאָס לאַנד, זיין היימלאַנד, דאָס היימלאַנד פון מערקווירדיקע טואונגען און געשעענישן, דאָס היימלאַנד פונעם איבערבוי פון דער געשיכטע און פון דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין, פון געבורט פון מענטשן פון דעם נישט זיין, פון געבורט פון שטאָט, פון דער אינדוסטריע און קונסט. די פּאַלעכער פּאַפּיע־מאַשע און לאַקירן, די פּאַלעכער אינדוסטריע, די קונסט פון דער פּאַלעכער מיניאַטור, די שטאָט פּאַלעך — זיי אַלע זענען געבוירט געוואָרן לויטן געזעץ פון דער „פּאַרקערטער פּערספּעקטיוו" — זיי האָבן דערוויזן „פון דעם קעגנזעצ־לעכן" אונזער צייט. עס זענען דורכגעגאַנגען די גורלות פון מיליאָנען מענטשן, די וווּנדערלעכע קאַריערעס, ווי ראָמאַן אַרכיפּאָוויטשעס קאַר־יערע, וועלכע האָט געגראָבן, חוץ דעם אַלעמען, די קאַריערע פאַר דעם גייעם טייך, פאַר דעם אומגעוויינטלעכן טייך וואָלגע־מאָסקווע־קאַנאַל, פון דעם זעלבן טייך, וואָס וועט „אָפּשווענקען" די שטאָט אוגליטש אין איוואַנאָווער געגנט צוזאַמען מיט די אוגליטשער, מיט די אויטאָרס פון די בריוו פונם קבר פון צייטן. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געשפּירט דעם גאַנג פון דעם אייזבערבער פון דער געשיכטע — דעם וועג פון די רוסי־שע באָלשעוויקעס — פון דעם אייזברעכער, וואָס צעברעכט די גלעטשערס פון יאָרהונדערטן. דאָס אַלץ איז געווען וווּנדערלעך. נו, איז דען נישט וווּנדערלעך צו לעבן, און צי איז נישט טאָפּלט וווּנדערלעך צו זיין, — נו, זאָל זיין אפילו אַ בוי־אַרבעטער, זאָל זיין אפילו אַ שטיינהאַקער פון אָט דער עפּאָכע!? אָט פונקט אַזוי ווי פון טויזנטער אייזנשטויבעלעך און שטויב פון דעם געזעענעם און געהערטן קליבט דער געשטאַלט־מאַגניט בלויז אָפּ דאָס, וואָס איז אין איינקלאַנג מיטן באַוווסטזיין און מיט דעם געפיל, ווי דאָס געשטאַלט פון דער עפּאָכע — —

יעפּים וויכרעוו, דער ריטער און פּאָעט, איז געקומען קיין פּאַלעך צו אָרגאַניזירן די פּאַלעכער יובילײ־פייערונגען, ער איז דאָרטן קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. מען האָט אים מקבר געווען אין פּאַלעך נעבן דעם אַרכיטעקטור־פּרעסקישן מוזיי, אָט דאָרט, ווו מען פּראָיעקטירט איצט צו מאַכן דעם פּאַלעכער פּאַרק, אויף דעם אָרט, פון וואַנען עס הויבט זיך אָן די נייע אַרכיטעקטור־בויאונג פון פּאַלעך, אָט די, וואָס וועט צונויפקרייצן די אַמאָליקע יאָרהונדערטן מיט דער קעגנוואַרט און

מיט דער צוקונפט. אויף יעפּימס מצבה זענען אויסגעקריצט פּושקינס ווערטער:

„אין דעם פינסטערן קבר רוט די קינסטלערס פריינט און ראַטגעבער. — ווי געהאָלזט וואָלט ער דיך, ווי געפרייט וואָלט ער זיך מיט דיר!"

יעפּימס איז געשטאָרבן פון אַ שרעקלעכער קרענק — פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג. געלעגן איז ער ביי וואַטאַגינען אין שטוב. ווי נאָר ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן טויט. ער האָט באַלד דערשפּירט דעם טויט. ער איז שנעל באַדעקט געוואָרן מיט טויט־פלעקן. און ער האָט אָנגעהויבן רעדן פון היץ. אין די היץ־רעדער האָט ער געשמועסט און זיך אויסגעטענהט מיט די פאַלעכער. אין היץ האָט ער גערעדט מיט דער פּאַרטיי און מיט דעם פירער. ער האָט ראַפּאָרטירט דעם פירער וועגן פאַלעך. ער האָט געדאַנקט פאַר פאַלעך. ער האָט געבעטן דעם פירער ער זאָל שיצן פאַלעך, ווען ער, יעפּימ, וועט שטאַרבן. —

דאָס קאָרן, ווען עס ווערט באַשטויבט, ווען דאָס ברויט ווערט באַפרוכפּערט, — שמעקט מיט שטויב און מיט מענטשלעך לייב. אָבער די דאָזיקע ריחות זענען קוים־קוים קענטלעכע, זיי זענען פאַר־שטעלט דורך די ריחות פון טאָג, פון ווינט, פאָלין, קאָרנבלומען, גלע־קעלעך, רומיאַנעק. פאַר דער שקיעה און נאָך דער שקיעה, ווען די בלו־מען שמעקן זייער שטאַרק, פלעגט סערגיי איוואַנאָוויטש לאַנג ליגן ביים קאָרן און אויף דעם נישט געשניטענעם גראָז. ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים מיט גאַנצע בעזעמער רומיאַנעק, קאָרנבלומען, שטשאַוו. מען האָלט, אַז די דאָזיקע בלומען שמעקן נישט — און דאָס איז נישט ריכטיק. ביינאַכט הויבן זיי אָן אָנצופילן מיט דעם ריח, וועלכן מען דאַרף אָנרופן ריח פון זומער און היץ, און פון שטויב און רו, פון קאָר־יאָר און שקיעה. די חלומות און די ריחות פון אָט די בלומען מישן צו־נויף די וואָר מיט דערווירקלעכקייט, פלאָנטערן צונויף יאָרצענדליקער מיט דעם, וואָס עס איז קיינמאָל גאָר נישט געווען, מיט דעם, וואָס עס איז ערשט נעכטן געווען. אין חלום איז אַרבעקאָוו און איוואָן, סידאָר, פּעטער, — גאַטירלעך דערזעלבער אַרבעקאָוו, — אָבער אין חלום דער־ציילט אָפּט איוואָן אַרבעקאָוון אַזעלכע אמתן, פון וועלכע אַרבעקאָוו האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, און סידאָר פּראַוועט פאַר אַרבעקאָוון אַזעלכע שטיק, וועגן וועלכע אַרבעקאָוו האָט אפילו די מינדסטע פאַר־

שטעלונג נישט געהאט, — דאָס הייסט, אַז אין חלום ווערט דאָס באַוווסטזיין אַזוי צעטיילט, ווי קיינמאָל נישט אויף דער וואָר, —עס ווערט צעטיילט אַזוי ווי אויף דער וואָר בלויז ביי קראַנקהייטן. די חלומות באַשטימען אָבער דאָס רעאַלע לעבן און דעם רעאַלן באַוווסטזיין פון דעם מענטשן. —

און די חלומות...

עפּיגראַף:

„...די סאָוויעטישע רוסישע ליטעראַטור האָט שוין איר געשיכטע. ווען אַ מענטש, אַ קלאַס, אַן עפּאָכע קומט אויף אַ ניי אָרטיי...

...אין קאַווקאַז, אין דעם באַרג־שפּאַלט טרוסאָ, האָט אַרבעקאָוון געפּאַקט אַ שטורעם. איבער די בערג, אין הימל, האָבן געלויכטן די שטערן. דער שטורעם און דער גאָס־רעגן איז געווען אונטן, די דונערן האָבן געדונערט און אונטער די פּיס האָבן זיך די בערג געשלידערט מיט די דונערן, און אונטער די פּיס האָבן געצאַפּלט די בליצן. איבער דעם שטורעם, ביי די שפּיצן פון די בערג האָט מען געקאָנט טראַכטן וועגן דעם קאָסמאָס. די פערד זענען געגאַנגען פּוסטריט, אַראָפּ, צו די טאָלן. און ביים אָפּשיין פון די בליצן פון רעכטס, פון לינקס, פון פאָרנט, ביי די זייטן, זענען פון אונטן אַרויף צו די אייז־באַדעקטע באַרג־שפּיצן, צום קאַזבעק געקראָכן די וואָלקנס. זיי זענען געגאַנגען אייַנציקווייז און המונימווייז. זיי האָבן אַרומגעהילט די פערד מיט נעפּל און פאַרעמקייט פון די טאָלן. זיי האָבן באַהאַלטן אין זיך די פערד און די פעלזן. און פּלוצים האָבן דאָ דערגעזען, אַ שפּאַן צען פון דאַנען, דורכרייסנדיק די וואָלקנס אַזוי, אַז די פערד האָבן זיך צוגעפּרעסט איינס צום אַנדערן, אייַנציַיטיק זיך אויפגעריסן אַ בליץ און אַ דונער. דער בליץ האָט צעשניטן די פינסטערניש מיט אַ בלענדנדער שיין. דער דונער האָט אונטערגעכאַפּט די שיין, אויפגעטרייסלט די לופט, אָנקלאַפּנדיק זיך אין איין פעלז, אין צווייטן, אין הונדערטסטן. עס האָט אַ גאָס געטון אַ רעגן און בזו הרגע האָבן פון די פעלזן גענומען לויפן, יאָגן ריטשקעס, שטראָמען, וואַסערפאַלן. די בליצן און דונערן האָבן זיך געאיילט צום קאַזבעק. די וואָלקנס זענען שוין געווען פון אויבן, די דונערן זענען געפאַלן פון אויבן. די מענטשן זענען שוין נישט געווען אין קאָסמאָס, נאָר אויף דער ערד. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַרבעקאָוו דערמאָלט אָפּגעזעסן אַ גאַנצן פרימאָרגן איבער די אַריטמעטישע חשבונות, וועלכע האָבן נעפּאַדערט

אַן אינטעגראַלע אויסרעכענונג, — ער האָט אויסגערעכנט די רעלאַטיווקייט פון דער צייט, — אַט יענע רעלאַטיווקייט, וואָס האָט אים אין צוויי יאָר אַרום ביי דער איוואַנאָווער נאָמענלאָזער אָזיערע און אין דער עד־שטער פּאַלעכער סאָלאָווי ־ מאַי ־ גלעקלדיקער נאַכט געגעבן די רעיונות וועגן דעם אומקום פון „מאַקסימען“, רעיונות, וועלכע האָבן פאַרקער־וועט אַרבעקאָווס געדאַנקען צו דער רויטער טאַלקאָ... און אין עטלעכע טעג אַרום, טאַקע דאָרט, אין קאַווקאַז, נאָך די אַריטמעטישע אינטעגראַלן פון לאַנגלעבן אין דער שטיקעניש פון דעם אַלאַזענער טאָל און נאַכט, אין דער שטאָק־פינצטערניש, האָט אַרבעקאָוו דערהערט אַן אויסטערליש משאַמקען און געשרייען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון די פעלדער. אויף די פעלדער, אויף די טאַבאַק ־ פּלאַנטאַציעס, האָבן די גרוזינער־קאָלווירטניקעס געבראָכן די צייטיק געוואָרענע טאַבאַק־בלעטער און צו־געגעבן מוט איינס דאָס אַנדערע מיט די נאַכטגעשרייען. זיי האָבן גע־שריגן עפּעס ענלעכעס צו „גכאַם־גכאָ! גכאַם־גכאָ!“ — און אַט דער נכאַם־גכאָ אויף פאַרשידענע נוסחאות, אויף פאַרשידענע טענער, האָט זיך איבערגעקייקלט פון פּלאַנטאַציע צו פּלאַנטאַציע, דערמונטערנדיק די קאָלווירטלער אין זייער קאָלעקטיווער נאַכטאַרבעט. כּדי דער טאַבאַק זאָל זיין גוט, מוז מען די טאַבאַק־בלעטער רייסן ביינאַכט, און ביז פאַר־טאָג מוז מען די דאָזיקע בלעטער אויפהענגען אין די טרוקן־האַלעס. די טאַבאַק־בלעטער זעען אויס, אַזוי ווי שפּאַרבער־פליגל. אין דער פינסטער־ניש האָבן געסקריפּעט אַרבאַס (פורן), הינטער די אַרבאַס זענען געקראָכן פייערלעך פון לאַמטערנס, וועלכע מען רופט „פלעדערמייז“. דעם טאַ־באַק, ווי נאָר זיינע בלעטער ווערן צייטיק, מוז מען אַראָפּנעמען אין משך פון געציילטע טעג, און די אַרבעט מוז מען טון נאָר אין דער פינסטער, ביינאַכט. און אַמאָל פינף אין משך פון דער נאַכט האָט אַרבעקאָוו באַ־געגנט דעם שלאָפלאָזן, פריילעכן און אַקטיווסטן מענטשן, וועלכער האָט דערמוטיקט, נישט געוואָלט הערן, געשלעפּט פאַר די אויערן, געלויבט, געריט גאָר גאָר שטיל, און אָנגעפלויגן אַזוי ווי אַן אָדלער מיט זיינע באַפעלן, — דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון לאַגאָדעכער ראַיקאָם,— ער האָט אַלץ געוואָלט זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ער איז אומעטום געווען, ער איז נישט געשלאָפן און אפילו נישט געדרימלט. — איצט איז ער געווען דער קאָמאַנדיר אויף די טאַבאַק־פעלדער, זיין אַרמיי זענען געווען די קאָלווירטלער, ער איז געווען, אַזוי ווי אויף אַ מלחמה — זיי־נע שונאים זענען געווען דער טאַבאַק, די צעקראָכנקייט, די צייט (וועלכע

מען האָט געמוזט איבעריאָגן). אין יענער נאַכט האָט די פּאַרטיי אַראָפּגענומען דעם טאַבאַק, באַזינגנדיק אים.

...פיל, פיל צפונדיקער פון סאַווקאַז, אויף דעם רוסישן צפון־מערב, אויפן טייך סיאַס, אויף דער לאַדאָגער אָזיערע, איז אין ניינצן הונדערט אַכט און צוואַנציקסטן יאָר געבויט געוואָרן דער סיאַסער פּאַפּיר־קאָמבינאַט, וואָס האָט געדינט לעגענדע לעגאַנאָן אַלס טעמע פאַר זיין ראָמאַן „סאָטבוי‟. דאָס לאַנד פון נאָוואָגאָראָדער צייטן, דער אָבאָנעגער פלעך, לאַדאָגע — די טייגע־געגנט, די אָזיערע־געגנט — די טיכווינער סיסטעם, — מורמאַנער אייזנבאַן, די געשיכטע פון פּעטער דעם גרויסן פון סאַנקט־פּעטערבורג, פון פּעטערס גיטער. פריער פאַר דעם, פאַר דעם מענטשן — די סילוריאַנישע, די קעמברישע, די דעוואָנישע עפּאָכעס, וועלכע האָבן דאָ איבערגעלאָזן זייערע שטיינער. דער אייזקאַלטער טייך סיאַס. דער פּייזאַזש איז אַ טרויעריקער: בוים, שטיין, וואַסער, שוועלן. די זאַגעפּולע אייזקאַלטע לאַדאָגע, וואָס איז ענלעך צו אַ ים. אין די וועלדער ווינען קאַרעלן, רוסיפיצירטע פינער, גרויסרוסן. דער סיאַס פאַלט אַריין אין דער לאַדאָגע. פיר קילאָמעטער פון דער לאַדאָגע פאַלט אין סיאַס אַריין דער טייך וואָלגאָמאַ. צען קילאָמעטער ווייטער ציט זיך די מורמאַנער אייזנבאַן. אין יוני חודש 1925 איז דאָ, אין די ווייסע הימללאָזע אָזיערע־נעכט געווען — סאָסנעס, זאַמד, אַ טייך, אַן אָזיערע, שטיינער, שטילקייט, אַ ווייסער הימל, טרויעריקע לידער פון די פויערים פון דעם דאָרף נאָסקי, וואָס מען האָט בשעתן בוי אַ נאָמען געגעבן דאָס נאַרישע, פון פויערים, ווו די פרויען האָבן געשניטן דאָס היי אויף די לאַנקעס, פאַרזעצט ליין און געפּאַשעט די בהמות, און די מענער האָבן געטריבן די טראַטוועס איבער דער טיכווינער, מאַרינער אָזיערעס, ביז צו דער נעוואַ, — אין זומער, כדי ווינטערצייט זאָלן סיי די מענער, סיי די פרויען אַוועקגיין אין די וועלדער אַריין, הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון ישוב, האַקן וועלדער, צוגרייטן די טראַטוועס. דאָס דאָרף נאָסקי איז געשטאַנען אויפן סאַמע נאָז, ווו די וואָלגאָמאַ פאַלט אַריין אין סיאַס. דאָס דאָרף נאָסקי איז שוין איצט נישטאָ.

האַרבסט 1925 זענען אַהערצו אַראָפּגעקומען מענטשן. די מענטשן האָבן געמאָסטן די ערד מיט טעאָדאָליטן, געצונדן שייטערס און געזאָגט די נאָסקינער, אַז דאָ וועט זיין אַ זאַוואָד, אַ ריזיקער זאַוואָד און אַ שטאָט. די געקומענע האָבן פאַרגעלייגט אַריבערצוטראָגן דאָס דאָרף נאָסקי אויף אַן אַנדער אָרט. די נאָסקינער זענען, נאַטירלעך, דערויף נישט איינגע־

גאַנגען. די זאַוואָד־לייט האָבן, נאַטירלעך, געזינגט. די נאָסקינער זענען, נאַטירלעך, געווען זיכער, אַז זיי האָבן אָפּגעפּרייערט די שטאָטישע: די שטאָטישע האָבן מסכּים געווען און זיך אונטערגענומען איבערצוטראָגן דאָס דאָרף, אויסוואָרצלען די שטאַמען, אַז זיי, די שטאָטישע, וועלן אויסבויען אַ שול פאַר די נאָסקינער און קויפן אַ טראַקטאָר. די שטאָטישע האָבן פאַרגעלייגט די נאָסקינער זיי אויסצובויען אַן איראָפּעיש דאָרף, אַ מוסטער־שטעטל — די נאָסקינער זענען, נאַטירלעך, נישט איינגעגאַנגען: זיי האָבן געפאָדערט, אַז דאָס דאָרף זאָל איבערגעטראָגן און אוועקגעשטעלט ווערן אָט פּונקט אַזוי, ווי עס איז געשטאַנען, אַ האָר נישט געמינערט, — אַ גאַנצן זומער זענען די „מאַגנאַבילן" און די „וויבעלעך" געלאָפן פון דעם נייעם אָרט אויפן אַלטן, געמאָסטן מיט שטריקעלעך מיט קניפּלעך, געמאַכט סימנים פון דער ברייט און דער לענג פון די טירן, פענסטער, כּדי דערנאָך מיט די קניפּלעך קאָנטראָלירן צי די גרויס איז אַ גענויע און פאָדערן פון די בויער, אַז עס זאָל זיין פּונקט און גענוי, אַ האָר זאָל נישט געמינערט ווערן...

נעכטן, היינט, אייערנעכטן, דעם גאַנצן ווינטער פון אַכט און צוואַנציקסטן יאָר האָבן אין די וועלדער, אַרום לאַדאָגע און דער אָניעגער אָזערע, אויף די טייכן ביי די טחאַטוועס, געאַרבעט דריטהאַלבן טויזנט פערד און זעקס טויזנט פויערים, פּונקט אַזעלכע ווי די נאָסקינער, — זיי האָבן געאַרבעט פאַר דעם זאַוואָד, וועלכער איז אויסגעוואַקסן ביי דער לעפצונג פון דעם סיאַס, אויף ביידע זייטן פון דער וואָלגאָמע, נעבן דער לאַדאָגע, — זיי האָבן פאַרגרייט רוישטאָף פאַר דעם זאַוואָד, אַז דער זאַוואָד זאָל קאָנען אָנהויבן אַרבעטן אין דעם זומער. די נאָסקינער זענען פאַר די צוויי יאָר בויאונג קלוגער געוואָרן: דער זאַוואָד האָט דאָך דאָ יעדן חודש אַרויסגעוואָרפן הונדערט פופציק טויזנט רובל שכירות.

איבער דעם אייז פון דעם סיאַס האָבן זיך אַראָפּגעבויגן קאָלאָסאַלע קראַנען, שטאָלערנע קאָנסטרוקציעס, וועלכע זענען געווען אַ סך, אַ סך העכער, ווי דער אָרטיקער נאָסקישער גלאָקן־טורעם, אַזעלכע, וועגן וועלכע דער אָרטיקער גלח האָט איינגעטענהט מיט די נאָסקינער: — „גיט נאָר אַ קוק, שוטים וואָס איר זענט, וואָס פאַרא תּליות מען האָט דאָס פאַר אייך אויפגעשטעלט, אַנשטאָט אַ קלויסטערל פון גאָטס נאָמען וועגן!" — די דאָזיקע קראַנען טראָגן אַריבער, וואַרפן אַריבער, — שוין נישט פאַר דעם איראָפּעישן, שוין נישט פאַר דעם אַמעריקאַנישן, — נאָר פאַר דעם סאָוויעטישן גיגאַנט צענדליקער מיליאָנען קלעצער. אין די וועלדער,

אויף די זאמדן, אויף די שטיינער פון סיאס איז אויסגעוואקסן א זאוואָד, וואָס זעט אויס ווי א שיף, ווי א ריזיקע ים - שיף, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפן אָקעאַן פון וועלדער און וועמענס קאָך־אָפּטייל, אָן עלף־שטאָקיקער בנין, ווו עס שטייען קעסלען פון צוואַנציק מעטער די הויך,— דער צענטראַלער בנין פון דעם זאוואָד, — וועמענס קאָך־אָפּטייל אין דער ספּאַרדעק פון דער שיף, און דער דאַך — דאָס קאַפּיטאַן־בריקל, פון וואַנען עס זעען זיך אויף הונדערטער קילאָמעטערס אַרום וועלדער און וועלדער, די לאַדאָגע, טייכן, טייגע און וויסטעניש. מענטשן האָבן געאַרבעט אויפן זאוואָד טאָג און נאַכט. נעבן זאוואָד איז אויסגעוואַקסן אַן אַרבעטער־שטאָט, וואָס איז געבויט אַזוי, ווי מען האָט געהאַט פאַר־געלייגט די נאָסקינער אויסצובויען זייער דאָרף, לויט א שטרענגן פּלאַן, מיטן פראָנט צו דער זון. דאָרט, ווו עס האָבן אַמאָל אַרומגעשפּאַצירט וועלף, און קאַרעלן האָבן געזונגען זייערע טרויעריקע לידער, דונערט דאָס אייזן און עס הודיען סירענעס. די מעכאַניקער און מאָנטערן האָבן פון דער ליולקע רויך נאָך מער פאַרזשמורעט זייערע אויגן נעבן די מאַ־שינעס, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן צונויפשטעלן. אָט זענען נישטאָ קיין צוועקעס, אָט האָט מען נישט צוגעשטעלט קיין צע־מענט, אָט האָט זיך די אַדמיניסטראַציע נישט צונויפגערעדט מיט דעם פאַרוואַלטער: דער זאוואָד, די שטאָט און די וועלדער, אין אָבאָגענער פלעק האָט שוין צוגעגרייט פאַר זיך רוי־מאַטעריאַל.

דער צוג פון לעניגראַד קיין צפון גייט אָפּ צען אַזייגער, דורך דער מורמאַנער אייזנבאַן־ליניע און דער אַזיערע־געגנט, אין די פּעטראָווישע, אין פעטער דעם גרויסנס גיטער, קיין פּעטראָזאַוואָדסק. שוין שפּעט ביי־נאַכט האָט א לויכט געטון מיט זיינע פייערן דער איזשאָרער זאוואָד. אין וואַגאָן איז ענג, די רוסיפיצירטע פינען, די קאַרעליזירטע גרויסרוסן, די קאַרעלן, מענטשן מיט ווייסע אויגן און מיט פינישע היטלען אויף די קעפּ, פאָרן אויף די לאַדאָגע אָנעגער אָזיערע. הינטער די וואַגאָן־פענ־סטער — שטערן און אויפגעבאַרשטע וועלדער. זיי וועקן אין טיפער נאַכט. דאָס סטאַנציעלע לונגאַטשי, וואָס איז ערשט אויסגעוואַקסן מיט צוויי יאָר צוריק. דערנעבן איז די לאַדאָגע. די נאַכט־שטיקעניש פון דעם וואַגאָן ווערט פאַרביטן מיט דעם קנאַקעדיקן נאַכט־פראָסט, מיט פינסטער־ניש, מיט שניי. דאָס סטאַנציעלע איז פאַרקראָכן אין דער פינסטערניש. די פּאַסאַזשירן שפּאַסן. א דאַנק זיי איז אויסגעוואַקסן אָט דאָס סטאַ־ציעלע, אָבער דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק, דער שונא, זאָגט קיינמאָל נישט

אויף וויפל דער צוג פאַרשפּעטיקט, ער גייט בלויז אַרויס אויפן פּעראָן אין די אונטערהויזן און צעשרייט זיך אויף די פּאַסאַזשירן, — „העי, ליידיקגייערס, קויפט בילעטן!" — די פּאַסאַזשירן לאָזן זיך גיין אין דער פינסטערניש. דאָרטן וואַרט אַן אויטאָדרעזינע. די אויטאָדרעזינע לאָזט זיך אין דער פינסטערניש אין וואַלד אַריין. הימל, פינסטערניש, יאָדלעס, סאָסנעס, שניי, אורשפּרינגלעכקייט. און אויף עטלעכע קילאָמעטער ווייטער — זאַוואָד־פּייערן, אייזן־בריאַזג, דאָס רוישן פון דער זאַוואָד־נאַכט, דאָרט, וווּ מיט צוויי יאָר צוריק איז ערשט אויך געווען הימל, יאָדלעס, סאָסנעס, שניי, אורשפּרינגלעכקייט. די פּאַסאַזשירן גייען איבער די באַן־שוועלן, נעבן די טונקעלע קאָרפּוסן, נעבן ראָוון און גראָבנס פון מענטש־לעכן ווילן און נייע בויאַונגען. די בריק איבער דער וואָלגאָמע האָט גע־סקריפּעט מיט פראָסט. — פון יענער זייט בריק איז דער ישוב, די שטאָט, וואָס איז געבויט לויט אַ שטרענגן פּלאַן, און איז דעריבער נישט ענלעך צו אַ רוסישער שטאָט. די גאַסן לויכטן מיט פייער אין אָט דער פּאַרקאַיאָרידיקער שעה. דער פראָסט ברענט, שטעכט ווי מיט נאָדלען. אין דעם איינפאָרהויז איז זייער וואַרעם, די עלעקטרישע ליכט ברענט מונטער, פריילעך. אין דעם אונטערשטן שטאָק און אין שכנותדיקן הויז שלאָפן די דייטשן, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען צונויפשטעלן די מאַשי־נעס. דייטשן הייסן סיי דייטשן, סיי שוועדן, סיי בעלגיער.

נאַכט. שלאָף. פרימאָרגן.

יאָ, פון יענער זייט פענסטער איז אַ שטאָט, קוואַרטאַלן מיט הייזער. יאָ, פון יענער זייט פענסטער ליגט דער אָבאָנענער פּלעק פון די נאָוואָגאָ־ראָדער צייטן, די סאָסנעס און יאָדלעס האָבן זיך דערנענטערט ביז צו די הייזער, — אָבער די גאַסן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין די סאָסנעס, — וואַלד, שניי, טייך־שטיינער, אָזיערע געגנט. יאָ, פון יענער זייט פענסטער געפינט זיך דער זאַוואָד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דעם ווילן פון די סאָציאַליסטן. פאַר צוויי יאָרן איז דאָ בלויז געווען — די טייגע־געגנט, דער אָזיערע־קאַנט, נאָוואָגאָראָדער פּעריפעריע. די פּאַסאַזשירן גייען אויף דעם בוי פון דעם זאַוואָד. די ערד איז צעגראָבן מיט טראַנ־שייען פון די וואַסער־ליטונג־ליניעס. די ערד איז פאַרוואַקגערט מיט צעמענט־פּעסער, מיט ציגל, מיט געהילץ — מיט דעם אַלעמען, פון וואָס עס זענען אויסגעוואַקסן אָט די אַלע קאָרפּוסן, וואָס זעען אויס אַזוי ווי אַ שיף, מיט דעם עלפשטאָקיקן צענטראַלן בנין אַלס קאַפּיטאַן־בריקל. די מענטשלעכע פּראַצע האָט גענומען אָט די ערד, אָט די וועלדער

אין אירע לייצעס. נעבן דער בריק איבער דער וואָלגאָמע זענען אויפגעשטעלט קאָנסטרוקציעס, א ציקלאָפּישער געבוי, וואָס וועט אַרויסוואַרפן דאָס אָפּגעאַרבעטע וואַסער אין דער לאַדאָגע אַריין. די וואַסער־ליטונגסטאַציע וועט געבן דעם זאַוואָד וואַסער, — דער זאַוואָד וועט פאַרברויכן וואַסער מער ווי גאַנץ לענינגראַד. דאָס אָפּגעאַרבעטע וואַסער וועט דער זאַוואָד אַרויסלאָזן אין דער לאַדאָגע, כּדי נישט צו פאַרגיפטן דעם סיאַס, א טייך, וואָס האָט כּמעט אַזוייפיל פיש, ווי די וואָלגע ביי קאַלינין. דער מערץ־טאָג איז א פאַרכמאַרעטער. די וועלדער זענען אָנגעברוגזט. די פּאַסאַזשירן גייען צו די ברעגעס פון סיאַס, וווּ עס שטייען די קראַנען, וועלכע וועלן אַריבערוואַרפן דעם זאַוואָד מיליאָנען קלעצער. אַן אַרבעטער, א דייטש, אין א פוטערן היטל, אין א שאָפּן־פּעלציל־רעקל, אין פוישן, א דייטש, וואָס שטעלט צונויף די קראַנען, באַגריסט די פּאַסאַזשירן, די רוסישע באָלשעוויקעס און אינזשינערן, וואָס בויען דעם זאַוואָד, און בעט, מען זאָל אים געבן א דריטן אומבייט אַרבעטער, כּדי ער זאָל קאָנען צום ערשטן מאַי פאַרענדיקן די אַרבעט. די קראַנען הענגען איבערן סיאַס און הריקן אים. אויף די קאָנסטרוקציעס הענגען הויך אינדערלופטן וואַגאָנעטקעס אויף די טראָסן, וועלכע זעען אויס צו זיין די גרעב פון א פינגער, אָבער די בייגל פון אָט די טראָסן, וואָס ליגן דאָ צוגעגרייט פאַר דער צווייטער און דריטער פּאָר קאָנסטרוקציעס, באַווייזן, אַז די טראָסן זענען גרעבער פון א מענטשנס א האַנט ביים האַנטוואָרצל. דער הימל איז גרוי. דער שניי — בלוי. אָט דער פּייזאַזש איז גאָר נישט ענלעך צו סעראָוום בילד, ווו פּעטער שפּאַנט איבער פּעטערבורג, אָבער די מענטשן, נאָך וועלכע עס גייען די פּאַסאַזשירן, — גייען מיט פּעטערטריט. פון די קראַנען גייען די פּאַסאַזשירן דורך דעם וועג, דורך וועלכן די מאַשינעס וועלן פירן דעם בוי־מאַטעריאַל, מיליאָנען קלעצער צו די אָפּטיילן, צו דעם זאַוואָד. די פּאַסאַזשירן גייען אַריין אין דעם זאַוואָד־אָפּטייל, ווו אָט די מיליאָנען קלעצער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין האָלץ־מאַסע. נעבן די מאַשינעס באַגריסט א שוועד. די פּאַסאַזשירן קלעטערן אויף טרעפּ, דורך דורכגענג, איבער אָנגעוואַלגערטע שטיינער, אונטער און אויף רושטאָוואַניעס, נעבן טיילן פון נאָך נישט מאָנטירטע מאַשינעס, וואָס שמעקן מיט אייל און זענען נאָך איינגעהילט אין מאַטן. די מיליאָנען קלעצער, וועלכע וועלן איבערגעענטפערט ווערן אָט די מאַשינעס, וועלן פון דעם זאַוואָד אַרויס, דורכגייענדיק דורך צענדליקער אָפּטיילן מיט דער הילף פון די מאַשינעס, אַוועקגיין צו דער באַן אַלס פּאַ-

פיר, אלס צייטונגפאפיר־באלנס, אלס פאק־פאפיר, צעליולאז, אלס מיל־
יאנען פור פאבריקאטן. דורך נייע טראנשייען פון ערד־ארבעטן, אייזנ־
באן־שוועלן, פראוויזארישע שפייכלערס מיט מאטעריאלן, קראנען און
הויבמאשינעס גייען די פאסאזשירן אריין אין אן אפטייל, ווו די קעסלען
וועלן פון דעם קופער־מינעראל מאכן אזאט־זויער און אנדערע זויערן.
די האלץ־מאסע, דורכגעוואשן מיט אזא סכום וואסער, וואס עס פאר־
ברויכט גאנץ לענינגראד, אויסגעסארטירט, אויסגעמישט מיט אזאט־
זויער, וועט אריין אין די קעסלען, וועלכע הייסן קאך־קעסלען. די קאך־
קעסלען זענען באדעקט מיט אן עלף־שטאקיקן קאלפעק פון דעם קאפי־
טאן־בריקל. אזעלכע קאך־קעסלען זענען דארט פאראן זעקס, און יעדער
איז צוואנציק מעטער די הויך, אט די קופאל־ארטיקע קעסלען, די מיטל־
אלטערלעכע טורעמס, די קלויסטער־גלאקן־טורעמס. כדי די דאזיקע
האלץ־מאסע זאל זיך אריינבאקומען אין די קעסלען, ווערט זי מיט רי־
זיקע פאמפעס ארויפגעווארפן אויפן דאך פון זייער עלף־שטאקיקן קאל־
פעק. די קעסלען — יעדער קעסל איז גרעסער פון א פינף־צימערדיקער
קאאפעראטיווער וווינונג, — וועלן אפקאכן דאס האלץ, ווי מען קאכט
אפ א מאנע־קאשע. די קעסלען וועלן איבערגעבן די האלץ־קאשע ריזיקע
באסיינען וואסער. כדי ווידער איבערצווואשן די קאשע, אפוואשן דעם
אזאט־זויער, איבערשווענקען (דאס אפגענוצטע, גיפטיקע וואסער וועלן
זיי דורך ריזיקע רערן ארויסווארפן פינף קילאמעטער ווייט פונם זאוואד,
אין דער לאדאגע אריין). די ריינע קאשע וועלן זיי אבער איבערטראנס־
פארטירן אונטער די פרעסן, ווו עס אנטשטייט די צעליולאזע, — אדער
זי אפשיקן אין די מאשינעס, ווו די האלץ־פליסיקייט וועט ווי א טייך
א שטראם טון אין דער מאשין און ארויסשטראמען פון דער מאשין
אלס צייטונג־פאפיר־באלנס, וואס זענען גרייט פאר דער דרוק־מאשין.
די פאסאזשירן גייען א שעה, און צוויי, און דריי, און פיר, דורך דורכ־
גענג, דורך טרעפ, דורך רושטאוואניעס, ארויף און אראפ, פון איין קאר־
פוס אין צווייטן. די פאסאזשירן הויבן זיך אויף אויפן דאך פון דעם
עלף־שטאקיקן בנין. אויף דעם קאפיטאן־בריקל בלאזט דער ווינט מיט
רחבות. אונטער די פאסאזשירן זענען וועלדער און די לאדאגע, דער
סיאס איז אוועק ווייטער אין די נעפלען. עס האט זיך געקאנט דוכטן, אז
די פאסאזשירן האבן דורכגעקוקט אלע לאנדאנער בילדער־גאלערייעס,—
אויף אזויפיל איז דער מוח אפגעטעמפט געווארן. די פיס און די אקסלען
זענען אנגעגאסן מיט בליי. איין אפטייל איז אין דעם באוווסטזיין גע־

קראַכן אויפן צווייטן. און די פּאַסאַזשירן פירט מען אַלץ ווייטער און ווייטער. אין גאַנץ אייראָפּע איז פאַראַן נאָך איין זאַוואָד פון אַזאַ פאַרנעם — דאָס איז דער וועלהאַף־זאַוואָד אין שוועדן. די אינזשינערן גייען אין דער קאַנטאָר רויכערן אַ פּאַפּיראָס און דורכקוקן די פּלענער. די קאַנטאָר איז נאָך נישט אויפגעבויט און זי געפינט זיך דערווייל אין אַ הילצערנעם באַראַק — דאָס איז זייער ווערזנטלעך, וואָס פריער בויט מען די מאַשינעס, און ערשט נאָכדעם אַלץ, וואָס איז אַרום די מאַשינעס. די אינזשינערן גייען אין דעם מעכאַנישן אָפּטייל, ער איז שוין פאַרענדיקט און אפילו די באַלקנס זענען שוין אויך אויסגעווייסט. אין דער קראַפטסטאַציע, אין דער טורבינען־אָפּטיילונג, ביים האַרץ פון דעם זאַוואָד, זענען די מאַשינעס שוין געווען צונויפגעשטעלט, צוויי טורבינעס אויף אכט טויזנט קילאָוואַט, און אויף דריי שטאָק די הויך שטייט דער פאַרטיילער. דער קאָפּ איז אָנגעגאָסן מיט בליי, נאָך מער ווי די פיס.

בשעת די פּאַסאַזשירן גייען צוריק, גיט זיי ביי דער וואַלגאַמער בריק, נעבן דער וואַסער־פּאָמפּע־סטאַציע, אַ רוף אַ פויערל, אַ קאַרליקער טיפּ. ער גיט ווילדעריש אַ צי די לייצעס, זיין לעבעדיק וויאַטקער פערדל איז איינגעשפּאַנט אין אַ שיינעם שליטל מיט אַ דעכל.

— אפשר דורכשליטלען איך!? — שרייט ער.

מיט צוויי יאָר צוריק זענען דאָ געווען שטיינער, וועלדער, וואַסער און הימל, און די נאָסקינער, אויך די ישוטים, פויערים האָבן באַאַרבעט די ערד לויט דער פּרימיטיווסטער סיסטעם. די נאָסקינער האָבן זייער דאַרף איבערגעטראָגן לויט דער סיסטעם פון קניפּלעך אויף שטריקלעך. זעקסט טויזנט נאָסקינער האָבן איצט אין דער טייגע דעם וואַלד, פינפט־האַלבן טויזנט פערד וועלן אַט דאָס האָלץ פירן אין זאַוואָד אַריין. דאָס קאַרליקער פויערל זיצט איצט אויף דער קעלניע פון זיין אויסגעפּוצטן שליטן און, פאַרדייסנדיק ווילדעריש דעם קאָפּ אין דעם פינישן היטל, האָט ער אַ געשריי געטון:

— אפשר דורכשליטלען איך, וואָס?

נאָכפרעג־אָנבאָט. אָנבאָט־נאָכפרעג. פאַרצווייאָרן—טייגע. אינדערפרי, בשעת די פּאַסאַזשירן זענען געגאַנגען צום זאַוואָד, האָבן זיי קעגן־איבער דער הויפּט־קאַנטאָר, אַנטקעגן דעם קאָאָפּעראַטיוו און דער קאָאָפּעראַטיווער גאַרקיך, אויף דער הויפּט־גאַס, — געזען אַ מאַרק. מען האָט זיי ערקלערט, אַז אַהער האָט זיך איבערגעטראָגן דער מאַרק פון סיאַסער־ריאַדיקי. אַ פּעלצל מיט אַ לאַנגער באָרד האָט אויפן שניי אויס־

געלייגט זיין ליים־פּראָדוקציע—שיסל, טעפּ, פּיפּעלעך אין דער פאָרם פון הענער, ווי מען דאַרף בּלאָזן אין דעם הענער־ווידל. א ווײַבּל האָט דאָ אויסגעלייגט אירע לייוונטן. א טולופּ האָט פאַרקלערטערהייט זיך גע־גריבּלט מיט דער בּייטש אין שניי. א מויד די גריס און פאַרנעם פון בּאָריס קאָסטודיעוו*) האָט זיך געחנדלט און זיך כּלומרשט געשעמט מחמת דער העפלעכקייט פון א בּחורל אין שטיוואַלעס און אין א רעקל; דאָס בּחורל האָט איר מכבּד געווען מיט א צוקערל, וואָס איז געווען לאַנג א סענטימעטער פופצן מיט פּראַנזן אין בּיידע עקן. די פאַסאַזשירן האָבּן געקויפט פּיפּעלעך.

אײַנאָוונט, נאָך דער זיצונג, ווען אַלץ האָט זיך „אײַנגעשטילט", ווי עס בּאַדאַרף צו זיין, נאָך דעם אָוונט־עסן אין דער זאַוואָד־גאָרטיך זענען די פאַסאַזשירן אַרויסגעגאַנגען אויף א שפּאַציר איבּער די גאַסן. א „דייטש" וועסטו תיכף דערקענען סיי לויטן געגנגל זיינעם סיי לויט דעם, ווי ער האַלט די הענט אין די קעשענעס. די „דייטשן" האָבּן שפּאַ־צירט אויפן שאָסיי מיט רוסישע פריילינס. די פריילינס האָבּן געטראָגן היטעלעך. אונזערע האָבּן אויך שפּאַצירט מיט פריילינס, מיט אייגענע — מיט אונזערע: אונזערע האָבּן געטראָגן אויף די פיס שטיוול און אויף די קעפּ פאַטשיילעס. א מאַן, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיטן שטה, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער בּרוסט, אָן אָטעם געטון מיט א פלאַש בּראָנפן, און ליבּעלך א זאָג געטון:

— א פרייער טאָג, מיר האָבּן אויסגעטרונקען.

דער קלוב איז יום־טובדיק בּאַלויכטן, און דורך די ווענט אין פראָסט אַריין אויף דער גאַס, וואַרפט ער די ווערטער פונם ראַדיאָ־אויפ־נעמער. אָן אַרטיקער אַרבּעטער דערציילט וועגן דער העראָישקייט פון דער אַרבּעט אין ווינטער, אין די טייגע־פראָסט, ווען ראָבן זענען אין מיטן פלי געפאַלן דערפרוירענע אויף דער ערד. דער זאַוואָד האָט זיך גע־בּויט א קיילעכדיקן מעת־לעת. א פאַסאַזשיר האָט א טאַפּ געטון דאָס פּיפּעלע אין קעשענע און א טראַכט געטון ווי וואונדערלעך עס איז דאָס מענטשלעכע לעבּן, וועגן דער קראַפט פון דעם מענטשלעכן לעבּן. צוויי מיידלעך זענען פאַרבּײַגעגאַנגען, זיי גייען דורך און צעלאַכן זיך! — דאָס לעבּן האָט זיך אָנגעהויבּן! — עס האָט זיך אָנגעהויבּן א לעבּן נישט פון געקניפּטע שטריקעלעך, נאָר פון אָט די אַרבּעטס־הייזער, פון

*) א בּאַוויסטער רוסישער מאָלער. בּאַמ. פון איבּערזעצער.

די באווינטע קארפוסן, וואס זענען געבויט גלייך ווי א ווירע, וואס האט באזיגט דאס נארישע דארף, פון די מענטשן, וועלכע זענען דורך אט די ארבעטער איבערגעבויט געווארן אין משך פון צוויי יאר.

אין דעם איינפארהויז האבן די פאסאזשירן זייער אויפמערקזאם באטראכט די ווענט, עס האט זיך זיי שטארק געוואלט געפינען א פריים.— קיין פריים האבן זיי נישט געפונען. די נארישע האבן זיך אויסגעדרייט צום זאוואד, ווי פייפעלעך. דער זאוואד האט זיך א רוק געטון אויף די נאסקינער מיט דעם קאפיטאן־בריקל פון דעם קאך־אפטייל. אלץ איז קלאר, אן פירושים. א וואונדערלעך לעבן!

זייער שווער איז אויפצושטיין בייינאכט, בשעת דער מענטש איי ערשט פריער מיט א שעה איינגעשלאפן. דער הימל איז געווען באלויכטי מיט א האלבער לבנה. די לבנה האט זיך געקלאמערט אין די שפיצן פון די ביימער. אין דער פינצטערניש האבן זיך די וועכטער איבערגערופן. פייפנדיק אין זייערע פייפעלעך. דורך די טראנשייען פון די בויאונגען זענען די פאסאזשירן אוועק אין דארף אריין. א מיליציאנער האט זיי אפגעשטעלט. דאס לעבן פון דעם דאזיקן טאג, וואס איז ארויסגעריסן געווארן פון דער נאכט, האט זיך אנגעהויבן. אויף דער סטאנציע לונגאמשי, וואס איז אנטשטאנען צוזאמען מיט דעם זאוואד, איז דא א נאטשאלניק פון א בייזער סובסטאנץ, וועלכער מיינט, אז אלע ארום אים זענען ליי־דיקגייערס, פוסטאון־פאסניקעס. דער פארטאג פארנעמט זיך עקשנות־דיק. נישט האבנדיק וואס צו טון, שמועסן די פאסאזשירן צווישן זיך וועגן אמעריקע, וועגן די פאראייניקטע שטאטן, אז מיט דרייסיק יאר צו־ריק זענען די פאראייניקטע שטאטן געווען דאס עקסטענסיווסטע אגראר־לאנד. דאס איז א המשך פון דעם ביטאגיקן געשפרעך וועגן דער קאל־קולאציע פון דער צעליולאזע, אז דער זאוואד וועט זיך אמארטיזירן איי משך פון דריי יאר צייט, אז די קאפיטאלן פון דער סאציאליסטישער אקומולאציע דארפן וואקסן מיט א געאמעטרישער פראגרעסיע און אין צען יאר ארום מוז דער דאזיקער זאוואד האבן נאך פינף אזעלכע ברידער. די ט ו ע ר רעדן וועגן דעם פאטאס פון שאפונג. די געדאנקען זענען פארפלאנטערט מיט נאכט און מיט איינדרוקן. איינעם פון אט די פאסא־זשירן דארף מען אנרופן ביים נאמען — ער הייסט מארטימיאן פעטרא־וויטש שעווטשענקא, טאראס שעווטשענקאס אן אייניקל. א אוקראינער פויער, איצט פארזיצער פון דעם לענינגראדער פאפיר־טרעסט. דאס איז נישט קיין צופאל אין דעם קאיאר. טאראס שעווטשענקא איז געווען

א לייב־קנעכט. די פענצטער פון דער סטאַציע לונגאַטשי זענען רויט פונעם זון־אויפגאַנג. מאַרטימיאַן שעווטשענקאָ דערציילט וועגן אַמעריקע, וווּ ער איז נישט לאַנג געווען.

אין די וועלדער, אויפן זאַמד, אויף די שטיינער פון סיאַס שטייט דער זאַוואָד. אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער זשעני האָט געשאַפן, איז באַשריבן אויף פּאַפּיר, דער גאַנצער מענטשלעכער מוח פאַר אַלע יאָרטויזנטער פון דער מענטשהייט האָט שטענדיק זיך אויסגעגאָסן אויף דעם פּאַפּיר, אַלץ וואָס איז געשאַפן און אָפּגעטון געוואָרן דורך דעם מענטשן, אַלץ וואָס האָט אַ ווערט אין דער מענטשהייט, איר געשיכטע און בויאונג — אַלץ איז אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויפן פּאַפּיר. דער זאַוואָד איז באַשטימט געוואָרן, ער זאָל מאַכן צעליולאָז, דאָס, פון וואָס עס ווערט פּאַפּיר, און מאַכן פּאַפּיר. דער דאָזיקער זאַוואָד פּראָדוצירט פופציק טויזנט טאָן, דריי מיליאָן פוד צעליולאָז, וואָס גייט אין די פּאַפּיר־פאַבריקן. דער דאָזיקער זאַוואָד פּראָדוצירט פופציק טויזנט טאָן ציימונג־פּאַפּיר, די באַלאַנס צעגייען זיך איבער דעם גאַנצן פאַרבאַנד. דער דאָזיקער זאַוואָד מאַכט אַ מיליאָן דריי הונדערט פופציק טויזנט פוד האָלץ־מאַסע, אָט די מאַסע, צוליב וועלכער עס האָבן אין די ווינטער־הייזלעך איבערגעווינטערט אין וואַלד — אין ווינטער זיבן און צוואַנציק און איצט צוואַנציק — זעקס טויזנט מענטשן מיט פינפטהאַלבן טויזנט פערד. פון דעם צעליולאָז־אָפּפאַל פּראָדוצירט דער זאַוואָד צוויי הונדערט זיבעציק טויזנט פוד פּאַק־פּאַפּיר.

דער דאָזיקער זאַוואָד, די דאָזיקע שטאָט, איז אויסגעוואַקסן אין די וועלדער, כּדי צו פּראָדוצירן פּאַפּיר, צו מאַכן דעם גרעסטן באַוועגער פון דער קולטור, וווּ עס ווערט פאַרשריבן דער מענטשלעכער געדאַנק,— דער דאָזיקער זאַוואָד, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו אַ ריזיקער ים־שיף, וווּ דאָס קאַפּיטאַן־שיפּל איז דער דאַך פון דעם עלף־שטאָקיקן קאָך־אָפּטייל. די דאָזיקע שיף, וואָס עס זאָל שוין נישט געשען, האָט בלויז איין וועג — צום סאָציאַליזם.

...צפון־מזרחדיק פון דער לאַדאָגע, דרום־מזרחדיק פון סיאַס, אין אַזיע, אין קאַזאַרסטאַן האָט זיך געבויט די טורקעסטאַן־סיבירער אייזנבאַן, דער טורקסיב. אין יענעם טאָג, ווען פון מאָסקווע איז אָפּגעגאַנגען דער צוג צו פייערן די דערעפנונג פון דער טורקעסטאַן־סיבירער אייזנבאַן, האָט מען נעבן אײַנאַ־בולאַקאַ, דאָס הייסט נעבן דעם אָרט, וווּ עס שליסן זיך צונויף די צפונדיקע און דרומדיקע ליניעס פון טורקסיב, גע־

האלטן ביים פארענדיקן די לעצטע קילאמעטערס פון דער צפונדיקער ליניע. דער רעגירונגס־צוג, וועלכער האט געפירט די פארשטייער פון דער רעגירונג, ארבעטער־דעלעגאציעס, סאוועטישע זשורנאליסטן און שרייבער פון אמעריקאנער ביז יאפאנער, איז אפגעגאנגען אין דער סאלידקייט פון דער נאכט מיט דער סאלידקייט פון די מענטשן, וועלכע זענען אפגעקליבן פון טויזנטער מיט זייערע נעמען, מיט דעם ארט וואס זיי פארנעמען און מיט זייערע מעשים. די וואגאנעס פון דעם צוג, איינגעהילטע אין טונקל־בלויער שיין פון די באשירמטע לעמפלעך, זענען איינגעשלאפן מיטן שלאף פון מענטשן, וואס רוען זיך אויס. דער צוג איז געגאנגען קיין אזיע, אין דער אורשפרינגלעכקייט, אין די זאמד־מדבריות. דאס איז געווען אין דער נאכט פון ניינצנטן אויפן צוואנציקסטן אפריל .1930

אונטער סאמע אינא־בולאק האט ערב דעם צוואנציקסטן אפריל דאס דרומדיקע מאנטיר־שטעטל צוגעקומען ביז צו א פעלז, איבעריאגנדיק די שטיינהאקער, און די מאנטירער האבן אוועקגעווארפן זייערע העמערלעך, א כאפ געטון לאפעטעס און זענען אוועק העלפן די שטיינהאקער, ארבעטנדיק א גאנצן מעת־לעת. און אט איז געקומען די נאכט פון צוואנציקסטן אפריל. ביים זון־פארגאנג האט געדונערט דער אמאנאל, צעוואלגערנדיק די פעלזן, ארייננרוקנדיק די באן־ליניע אין די בערג. בייטאג האט געגאסן א רעגן. די שקיעה האט געפלאקערט מיט אוראלט, אין מדבר, אויף די קאלאסאלע טויזנטער קילאמעטערס פון אומעטום. ווו, — מחמת היץ און זאמדן — האט אין משך פון די לעצטע יארהונדערטן כמעט נישט געטראטן קיין מענטשלעכער פוס, — האט די שקיעה געדונערט מיט אמאנאל און גלייך נאך דעם אמאנאל זענען געגאנגען מענטשן. די נאכט איז געקומען מיט שווארצער פינצטערניש. אין דער נאכט האבן זיך אויך אפגעטון וואונדער. צווישן די פעלזן, וואס זענען אקארשט צעוואלגערט געווארן דורך דער אמאנאל, זענען שוין געהאנגען גאז־לאמטערנס, די אויטאמאבילן האבן באגאסן דעם בארג־שפאלט מיטן ווייסן שיין פון די שיינווארפערס. פון אויבן האט געגאסן א רעגן, די פייערן פון דער אינדוסטריע האבן געשניטן די פינצטערניש, באלויכטנדיק די פעלזן, דעם בארג־שפאלט, די רוקנס פון די מענטשן, די באן־שוועלן, די גראב־האמערס, די ברעכאייזנס, די פנימער, די שמייכלען, די מונטערקייט, די מידקייט. פון דער פינצטערניש זענען אויסגעוואקסן וואגאנעטקעס, א סקריפע געטון און ווידער פארשוואונדן

אין דעם הושך. די פייערן האָבן געענדערט זייער ריכטונג, און עס האָבן זיך באוויזן נייע פּיס, קעפּ, פּנימער פון קאַזאַקן און רוסן, וועלכע שטייען איבערגעבויגן איבער די גראָב־העק און גראַניטן. די וואַגאָנעטקעס און אויטאָמאָבילן האָבן זיך געאיילט, צוגעקומען און אָוועקגעפאָרן, קלומ־פּערנדיק איבער די רעלסן, פּייפנדיק, אָן סיגנאַלן, צונויפמישנדיק זייערע קלאַנגען און די קלאַנגען פון דער אַרבעט מיט דער רוסיש־קאַזאַקישער „דוביגושקע".

„אָ־, איינמאָל! — גענומען!

און נאָך אַמאָל — גענומען!!"

עס האָבן זיך איבערגערופן מענטשן, עס האָט געדונערט דער שטיין, געקלונגען די סיגנאַל־גלעקער, געשאָסן דער פּנעוומאַטישער עקבויער. און עס איז געווען קלאָר אין אָט דעם מישמאַש פון שטיין, מאַשינעס, מענטשן, שיין און קלאַנגען, אַז דאָ קאָמאַנדירט — די אינדוסטריע. הונדערט טריט רעכטס, הונדערט טריט לינקס איז געווען דער מדבר, פּינצטערניש, טויזנט קילאָמעטערדיקע שטחים פון זאַמד און וויסטעניש. הונדערט טריט פאָרויס איז געווען פעלז, גראַניט, אָן אַראָפּהענג, וועלכן מען האָט געמוזט דורכהאַקן, כדי דאָרט דורכצופירן די באַן־ליניע. אי־בער דער דאָזיקער באַן־ליניע וועט צום ערשטן מאָל דורכגיין דער צוג, וועלכער איז אין יענעם טאָג אַרויסגעגאַנגען פון מאָסקווע. דעם 22־טן אַפּריל, ווען דער נומערירטער מאָסקווער צוג איז געשלאָפן אונטער אָרענבורג, האָבן די מאָנטירער און שטיינהאַקער אָפּגערוימט פון דעם באַרג־שפּאַלט די לעצטע רעשטלעך גראַניט, און איינס אַזייגער בייטאָג, ווען דער נומערירטער צוג האָט געגעסן פרישטיק, האָבן די דאָזיקע מאָנטירער געשפּאַנט איבער די באַן־שוועלן מיט די האַמערס אין די הענט, כדי אויסצולייגן די רעלסן. הינטער דעם פעלז, דאָ דערנעבן, איז געווען אינאַ־בולאַק. עס איז בלויז נאָך געבליבן די איינע בריק פאַר אינאַ־בולאַק. די דרומדיקע זענען אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען די צפונדי־קע מאָנטירער, זיי זענען געקומען זיך באַקענען מיט די חברים, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען, אָבער אַנטקעגן וועמען — אַנטקעגן איינס דאָס אַנדערע — זיי זענען געגאַנגען צוויי יאָר דורכאַנאַנד. פאַר אָט די צוויי יאָר זענען פאַרשיידענע זאַכן געשען... אויף דעם טשאַקפּאָרער באַרג־וועג, ביים טייך אילי האָבן זאַווערוכעס פאַרווייעט די מאָנטירער־פאַרטיע ביי פּופּציק גראַדיקע פרעסט. די פאַרטיע איז געגאַנגען מיט

אַ צוג פון משא־וואַגאָנעס און מיט אַ טאַבאַר יורטעס*).. אין די פרעסט און זאַווערוכעס זענען די הינט אומגעקומען, אָבער די מענטשן האָבן געאַרבעט. אין אָט די טויזנטער קילאָמעטער פראָסט, שנייען און מדבר האָט מען נישט אַלעמאָל באַצייטנס צוגעפירט ברויט, באַהייצונג און אינסטרומענטן. גאַנצע טעג האָט מען אין ברענענדיקן באַרגיקן פראָסט געאַרבעט אויף דער באַן־ליניע, און ביינאַכט געשלעפט פאַראויס דעם צוג און דעם טאַבאַר וואַגאָנעס, כּדי די טעג זאָלן אויסגענוצט ווערן אויף אַרבעט. איינמאָל איז אין אַ זאַווערוכע, ביינאַכט, אַראָפּגעפאַלן די וואַגאָן־שמידערײַ פון די רעלסן. מען האָט געמוזט נאָך אין דער זעלבער נאַכט אויפהייבן דעם וואַגאָן, כּדי מען זאָל גלייך אינדערפרי קאָנען אַרבעטן. עס איז געווען אַזאַ ווירבל, אַז מען האָט די אייגענע האַנט נישט געזען. כּדי אויפצוהייבן דעם וואַגאָן האָט מען געמוזט ברענגען באַן־שוועלן. און פון די שוועלן מאַכן אַ דאָמקראַט. און נאָך די שוועלן איז אין דער פינצטערנייש פון דער זאַווערוכע געפאָרן דער קאָזאַק סולטאַן באַסטילבאַיעוו. באַסטילבאַיעוו איז אַוועק אין דעם געוואַי פון דעם ווינט. באַסטילבאַיעוו איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער זאַווערוכע. דעמאָלט האָבן זיך די איבעריקע אויסגעשטעלט אין אַ קייט און, איבערופנדיק זיך, אַוועק זוכן דעם אומקומענדיקן. באַסטילבאַיעוון האָט מען געפונען אַ פאַרזונקענעם אין שניי צוזאַמען מיט דעם פערד. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אין אַ טאָל, פון וואַנעט ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אַרויסקריגן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך דער דורכגעפרוּווירענער אָפּטייל געלאָזט פאַראויס אויף זייערע רעקאָרד־קילאָמעטערס, וועלכע זענען איינציייטיק געווען זייער קורץ און קאָלאָסאַל, וואָרן אָט די צוויי־דריי קילאָמעטער זאַווערוכע זענען רעקאָרד־קילאָמעטערס, וועלכע האָבן ווייט אַריבערגעיאָגט אַמעריקע מיט אירע מאָנטיר־קילאָמעטערס. ביי באַלאַכשע און איבער אַלע שטרעקעס פון אָט דעם סטעפּ־מחבר וואַנדערן באַרכאַנעס־זאַמד, פאַרוואַנדלענדיק דעם סטעפּ אין אַ מדבר. דאָרט, וווּ עס הויבן זיך אָן זאַמדן איז נישטאָ קיין וואַסער, דאָרט וואַקסט גאָרנישט, אויסער סאַקסאַול, און עס האַלט זיך גאָרנישט, אויסער עקדישן און שילדקרעטן. און שוין נישט קיין פּופּציק גראַדיקע פרעסט, נאָר זיבציקגראַדיקע היצן זענען געווען איבער די באַלאַכשענע זאַמדן. און ווינטן זענען אויך געווען. ביי אַ ווינט הויבט זיך דאָס

*) ביידלעך, געצעלטן. באַמ. פון איבערז.

זאַמד אויף, אַזוי ווי שניי, עס ווערן זאַמד־זאַווערוכעס, דער זאַמד בלענדט די אויגן, און צוזאַמען מיטן אָטעם דרינגט ער אַריין אין די לונגען, קריצט אויף די ציין און אין עסן. די זאַמד־בערג וואַנדערן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, פאַרוויייען און צעמישן אַלצדינג. אין אַזאַ זאַמד וועט קיין אויטאָ נישט פאָרן, אין אַזאַ זאַמד וועט אַן אַרביע פאַרזונקען ווערן. איבער אַט די זאַמדן, אין אַט די היצן, אין אַט די זאַמד־ווירבלען זענען געגאַנגען די מאָנטירער, ליגנדיק די רעלסן. אין דעם דאָזיקן מדבר איז נישט געווען קיין וואַסער. וואַסער פלעגט מען ברענגען פון מרחקים. און וואַסער האָבן די מענטשן, אין אַזאַ גהינום־היץ, געטרונקען אַ באַשטימטן חלק, אַ ליטער וואַסער אויף אַ מענטשן אין משך פון אַ מעת־לעת. ביי די מענטשן האָבן פון דעם זאַמד ווי געטון די אויגן. דאָס זאַמד האָט אָנגעמאַכט ווונדן. אין דעם זאַמד און וואַסערלאָזיקייט האָבן די פערד נישט געקאָנט אַרבעטן. די מענטשן זענען גע־גאַנגען פאָראויס, די אָפּרו־שעהן האָבן זיי געפּטרט דערויף, וואָס זיי האָבן געהרגעט טאַראַנטולן, פאַלאַנגן, סקאָרפּיאָנען, גיפטיקע שלענג. די דאָזיקע מדבריות זענען דורכגעגאַנגען מענטשן, די אינדוסטריע, וואָס האָט געבויט אייזן־וועגן אין דער מדבר. און פרילינג־צייט, ווען די טייכן, געיאָגטע דורך די באַרג־שטראָמען, זענען ממש אַרויס פון די כלים, האָבן מענטשן געאַרבעט אין די זאַלץ־וואַסערן, איבער די קני אין וואַסער, וואָס האָט צעפרעסן די הויט. אומדערוואַרטעטע, נישט געראַכ־טע וואַסערן האָבן זיך גאַנץ אָפט אַ לאָז געטון אויף די באַן־שוועלן, צעשווענקט די דאַמבעס, באַדראָט צו פאַרניכטן דאָס, וואָס מען האָט מיט אַזוי פיל מי אָפּגעטון. די מענטשן האָבן געקעמפט מיט דעם וואַ־סער, מיט דעם זעלבן וואַסער, וואָס האָט אַזוי אויסגעפעלט אין די זו־מערדיקע היצן, געקעמפט נישט רעכענענדיק זיך מיט דער אַרבעטס־צייט, קיילעכדיקע מעת־לעתן דורכאַנאַנד, זייענדיק אָפּטמאָל אָפּגעריסן פון די איבעריקע מענטשן. און דאָס האָט געטראָפן דאָ, ווען וואָכנלאַנג האָבן די מאָנטיר־בריגאַדעס גאָרנישט נישט געזען, חוץ דעם האָריזאָנט און דעם הימל, גאָרנישט נישט געהערט, חוץ דאָס ליד פון זייערע מאַ־שינעס, חוץ דעם ווינט, און דאָס פישטשען פון די עקדיש.

נאָך אָרענבורג האָט זיך פאַר דעם נומערירטן צוג גלייך געעפנט דער מדבר, אַ קאַטאַסטראָפיש רחבותדיקער, אַ קאַטאַסטראָפיש־אָרעמער, אַ געלער, אַ גרענעצלאָזער, וואָס איז אין אַפריל חודש געווען אויס־געשרפהט פון דער היץ און אַ הייסער ווי דער מדבר סאַכאַרע. דאָס האָט

די קאַזאַקסישע אַזיע פאַרשיט מיט זאַמדן און אויסגעשרפהט מיט דער היץ דעם גאַנצן וועג ביז אַריסאַ, ביז אַאוליע־אַטאַ, אַלמאַ־אַטאַ, אינאַ־בולאַק. בייטאָג זענען געווען היצן און פרעסט ביינאַכט. מדבריות פון באַרכאַנען, וועלכע זענען אָנגעטראָגן געוואָרן, פונקט אַזוי ווי שניי אין דער צייט פון אַ זאַווערוכע, — סאַקסאַאול, פּאָלין, שטיין, זאַמדן, באַרכאַנעס, סאַקסאַאול, זאַלץ־אָזיערעס, ווו דאָס זאַלץ ליגט אַזוי ווי ווייסער שניי אויף די ברעגעס. זעלטן ווו יורטעס. זעלטן ווו קעמלען. זעלטן ווען אַ גאַלאָפּירנדיקער קאַזאַק: די קאַזאַקן, דערזעענדיק דעם צוג, האָבן פון צענטליקער קילאָמעטער גענומען גאַלאָפּירן, כדי דורכצושניידן און פאַרלויפן דעם צוג. פאַרמעסטדיק זיך אויף זייערע פערד מיט דעם לויפנדיקן צוג. דער אַראַלער ים האָט זיך ווי אַ קאַלוזשע איינגעשניטן אין דער מדבר, דער ים האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ מדבר. דער מדבר איז געל, ווי די האָר פון אַ קעמל, און די שטחים, וואָס זענען אויסגעשרפהט פון דער זון, זעען אויס ווי די פנימער פון די מאָנגאָלן. די טראַסע פון דעם צוג האָט איבערגעיאָגט די מאָסקווער צייט אויף דריי שעה: מיט דריי שעה איז אָפּגעשטאַנען די מאָסקווער צייט. נאָך דעם אַראַלער ים זענען אויפן האָריזאָנט אויסגעוואַקסן די שניי־שפּיצן פון די טיאַן־שאַנער בערג, הינטער טיאַן־שאַן איז נאָר נאָענט — כינע. די זון האָט געברענט מיט פופציק גראַד. דער צוג האָט געסקריפּעט מיט די באַן־שוועלן און מיט זאַמד. דער צוג איז געגאַנגען איבער די באַן־שוועלן פון טורקסיב: זאָל מען אַראָפּוואַרפן פון האָריזאָנט אָט די צוויי אייזערנע שלענג און דער פייזאַזש וועט אויסזען פונקט אַזוי ווי מיט טויזנט יאָר צוריק. די קאַזאַקישע רייטער האָבן איבערגעיאָגט, זיך געריסן איבערצויאָגן די צוויי לאָקאָמאָטיוון, וועלכע האָבן געשלעפּט די וואַגאָנעס פון דעם נומערירטן צוג.

מדבר.

נאָר אָט: פון די בערג פאַלט אַ שטראָם, דער דאָזיקער שטראָם איז גענומען געוואָרן אין דער וואַטערפאַס־אויסרעכענונג, יעדער טראָפּן זיינער איז דיסקאָנטירט. דאָס איז די איריגאַציע פון דעם אוראַלט, די אריקער סיסטעם — די מיראַבן, וועלכע האָבן געלעבט ביי די הויפּט אַריקעס, האָבן אָנגעפירט מיט דעם פליסן פון די טייכן. היינט פירן אָן מיט די אריקעס אינזשינערן, און דאָ, נעבן אָט די אריקעס, נעבן די פלאַכדאַכיקע הייזער, וועלכע שטעלן אַרויס אויף דרויסן נאָר די גלייכע ווענט, אָט דאָ וואַקסן סובטראָפּישע געוויקסן, עס בליען אוריוק, וועלשענע ניס,

מאַנדלען. אויף די פעלדער, וועלכע זענען אויסגעמאָסטן מיט אַ וואַטערפּאַס, וואַקסט בוימוואָל, רייז — עס וועט וואַקסן ווייץ. די שטאָט אַלמאַ־אַטאַ איז די רעזידענץ פון קאַזאַקסטאַן — געגנט איבערגעזעצט פון קאַזאַקיש וועט דאָס הייסן — דער פאָטער פון עפּל. די איריגאַציעס פון די אַלטערטימלעכקייטן קאָנען זיך איבערבויען און עס קאָנען זיך בויען נייע איריגאַציעס. קיין מיטל־אַזיע זענען געקומען צופאָרן אַמעריקאַנער אינזשינערן. דער אינזשינער דעווים, וועלכער איז ביי זיך אינדערהיים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, געווען אַ דירעקטאָר פון דעם מלוכהשן איריגאַציע דעפּאַרטאַמענט, האָט דערציילט די מענטשן פון דעם נומערירטן צוג, אַז ער קלייבט זיך אין די נאָענסטע פינף יאָר צו פאַרזאָרגן מיטל־אַזיע מיט אַזאַ שלל וואַסער און באַוואַסערן אַזאַ קוואַנטום היינט־צו־טאָג טויטע ערד (למשל, דעם הונגער־סטעפּ), — אַזאַ סכום, וועלכן ער האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן איריגירט אין משך פון צוואַנציק יאָר. די אַרבעטן ווערן שוין געפירט, און די דאָזיקע וואַסערן וועלן ענדערן דעם פּייזאַזש פון דער מדבר. מדבר, היץ. אויף די שיפּועס וואַקסט זעלטן־ווו כאָנדרילאַ, פעטע גרינע בלעטער, אַ פלאַנץ, וואָס אַנטהאַלט אין זיך קויטשוק. אויפן באַלכאַש, ביי איסיק־קול, אויף די טאַלוועגן פון אילי, וואַקסט ווילדער קענדיר. אויפן האָריזאָנט, פון מזרח זייט הויבן זיך מאַיעסטעטיש באַרג־רוקנס, מינעראַלן, מעטאַלן. אַ קאַטאַסטראָפאַלע רחבות! אין דעם נומערירטן צוג זענען געפאָרן אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן די דערעפנונג פון טורקסיב. זייערע דעפּעשן און ראַדיאָס פון אינאַ־בולאַק זענען אַוועק איבער אַלע עקן וועלט. גערייזט האָבן די אויסלענדער, פּונקט אַזוי ווי אונזערע באָבעס, יעדערער האָט געפירט מיט זיך אַ חזיר־שענקל, אַ קעסטל נאַרזאַן, פּושקעס מיט קאָנסערוון, טשייניקלעך, טיי און קאַווע, הגם אין דעם וואַגאָן־רעסטאָראַן איז געווען מכל־טוב. די אויסלענדער האָבן געפירט מיט זיך צוויי פּאַטעפאָנען מיט פּאַקסן, קאָקטייל־האַנטביכער, פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן און אַפילו אַ קינאָ־אַפּאַראַט. געגעסן האָבן די אויסלענדער ווי די באָבעס, געטרונקען, ווי די זיידעס, און אויפן אַמעריקאַנער שטייגער געשפּילט אין פּאָקער, אָפּגערוט מיט פּאַקסן און ניגער־מוזיק, אויף די סטאַציעס האָבן געקנאַקט די פאָטאָ און קינאָ אַפּאַראַטן בלויז אויף קעמלען, אויף זיך מיט די קעמלען, אויף די קאַזאַקן, אויף די קאַזאַקישע יורטעס, און פון דער פאָטאָגראַפישער האָרעוואַניע האָבן זיי זיך געמונטערט מיט קאָקטיילן. איבער דער נייער בריק

איבער דעם טייך אילי, איבער וועלכער עס איז צום ערשטן מאָל (דער ערשטער צוג דאָס ערשטע מאָל איבער דער בריק), האָבן אייניקע אויס־לענדער מורא געהאַט צו פאָרן, און פונקט אַזוי ווי אַמאָל אונזערע באַ־בעשים, זענען זיי איבער דער בריק געגאַנגען צופוס.

אויפן האָריזאָנט זעט זיך אָן איין און איינציק איינזאַם הויז ביי די באַן־שוועלן און אַ הרייפיר יורטעס, — דאָס איז אַ קליינע סטאַציע, אַן אויסמייד־פונקט. די הייזער האָט מען נאָך נישט פאַרענדיקט בויען. דער צוג איז געגאַנגען צו דער סטאַציע, און איבער דער מדבר פון דער רחבות זענען אויף די פערד געפלויגן דזשיגיטן, קאָזאַקן־רייטער, זייערע פערד האָבן זיך געשפּרייט נידעריק ביי דער ערד. אויף דער סטאַציע זענען זיך צונויפגעפאָרן אַ מענגע קאָזאַקן. זייערע פּנימער זענען געווען קרמוניתדיק. אין דער ברענענדיקער היץ זענען די קאָזאַקן געווען אָנגעטון אין שעפּסענע כאַלאַטן, און שעפּסענע הויזן. אייניקע זענען אָבער געגאַנגען באָרוועס, צוהאַלטנדיק דעם טרעטער בלויז מיט דעם גראָבן פינגער פון דעם באָרוועסן פוס. די היטלען זייערע זענען אויך געווען שעפּסענע. אויף די זאָטלען זענען געלעגן קאָלדרעס, און די זאָטלען זענען געווען געפאַרבט מיט רויטער פאַרב. די קאָזאַקן האָבן זייער גערן געגעבן זייערע פערד דורכצופאָרן זיך, — די מאָסקווער זענען אַראָפּגעפאַלן פון אָט די, ווי עס האָט זיך געדוכט, שלאָבעריקע קליאַ־טשעס. אין די יורטעס ביי די קאָזאַקן שטייען קאַסטנס, אויף דער הוילער ערד זענען אויסגעשפּרייט טעפּיכער, אין מיטן יורטע — אַ קאַר־מעלעק. די קאָזאַקן האָבן, דוכט זיך, נאָך קיין באַדערפעניש זיך צו וואַשן, עס פילט זיך פון זיי מיט פערדן־שווייס און מיט קומיס. נישט אויף איין, נאָר אויף עטלעכע סטאַציעס האָבן די קאָזאַקן געפרעגט:

— לענין פאָרט מיט אייך? באַווייזט אים. — זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז לענין איז געשטאָרבן.

די קאָזאַקן זענען אַריינגעקראָכן אין צוג, געטאַפּט יעדעס פּיצעלע און געשמייכלט, — זיי זענען געקראָכן אין דעם דאָזיקן ערשטן צוג, וועלכן זיי האָבן צום ערשטן מאָל געזען ביי זיך אין לאַנד. צוויי קאָזאַקן זענען אַריינגעקומען אין דעם וואַגאָן־רעסטאָראַן און זייערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט שרעק. זיי האָבן מיט שרעק אַ קוק געטון איינער אויפן אַנדערן. זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט. זיי האָבן זיך דערזען אין שפּיגל. זיי האָבן געמאַכט קאָמישע צורות. זיי האָבן געלאַכט. מיט פחד האָבן זיי געטייטלט מיט די פינגער און מיט די נאָהייקעס אויף דעם

שפּיגל־גלאָז. די דאָזיקע צוויי קאָזאַקן האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן זיך דערזען אין שפּיגל, איטלעכער פון זיי האָט זיך באַטראַכט און דעם ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט זיך אַליין. די אויסלענדער האָבן געשאָסן אין די קאָזאַקן מיט זייערע פאָטאָ־ און קינאָ־אַפּאַראַטן. די קאָזאַקן האָט מען געקאָנט מכבד זיין מיט פּאַפּיראָסן. מען האָט זיי געקאָנט בעטן זיי זאָלן עפּעס זינגען. דעמאָלט האָבן זיך צוויי קאָזאַקן אוועקגעזעצט איינער קעגן דעם אַנדערן אויף די באַן־שוועלן, אויפמערקזאַם געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין און פאַרוקט זייערע קוטשמעס אויפן קאַרק. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן קלאַנגען פון מדבר, לאַנגע, אויסגעצויגענע, ווי די זאַמדן, טרוקענע ווי די היץ. די דאָזיקע לידער זענען געווען קורצע, זיי זענען באַשטאַנען פון איין זאַץ.

— „די קאָזאַקן האָבן געפּיטערט זייערע טשערעדעס אין סטעפּ, איז אין סטעפּ אַראָפּגעקומען דער אייזערנער וואָגן“. —

אָדער:

— „דער צאַר האָט גערופן די קאָזאַקן הינט, איז געקומען די ראַטנמאַכט און די קאָזאַקן זענען געוואָרן קאָזאַקן“. —

אָדער:

— „דער קאָזאַק האָט געפּיטערט זיין טשערעדע, איז געקומען דער אייזערנער וואָגן, און דער קאָזאַק איז אַוועק אַרבעטן אויף דעם בוי אַלס אַרבעטער“.

בשעת דער צוג איז אָנגעקומען קיין אינאַ־בולאַק איז שוין געווען נאַכט. און אין דער נאַכט איז ווידער אויפגעשטאַנען דער אוחאַלט, דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט איבערחזרן, דאָס איין און איינציקע. די סטאַנציע אינאַ־בולאַק שטייט אין טאָל, וואָס האָט צעוואָרפן זיינע שיפּועס אויף צענדליקער קוואַדראַט קילאָמעטער, ער ציט זיך ביז צו דעם מדבר אין מערב זייט און לענט זיך אָן אין די בערג אין מזרח־זייט. אַלע בערגלעך און אַלע טאָלן האָבן געלויכטן מיט נאָמאַדן־שייטערס. דער צוג איז געשטאַנען. ער האָט אָפּגעשטעלט זיינע גערוישן, און פון דער פינצטער, פון צענדליקער קילאָמעטער האָבן זיך געטראָגן גערוישן פון דער ערדע, דאָס הירזשעריי פון פערד, דאָס ריוועון פון קעמלען, די כאָרכלענדיקע געשרייען פון מענטשן. עס האָט געשמעקט מיט רויך, מיט קיזיקעס און פערדן־שוויים. דער פאַרטאָג האָט אַנטפּלעקט דעם לאַגער, וואָס האָט אויסגעזען פונקט אַזוי, ווי אין באַטיס צייטן, פונקט אַזוי ווי אין טימור און דעם לאָמען טאַמערלאַנס צייט. אַלע בערגלעך זענען געווען באַדעקט

מיט רייטערס. די רייטער זענען געפאָרן איינציקווייז, צו עטלעכע און שורותווייז. זיילן שטויב האָבן זיך פון די פערד טלאָען געהויבן ביזן הימל. די קאָזאַקן זענען געקומען אויף דער פייערונג פון פינפהונדערט, פון זיבנהונדערט מייל די ווייט (קאַזאַקסטאַן איז דאָך גרעסער פון אייראָפּע!) אויף די פערד זענען אויסער מענער אויך געווען פרויען און קינדער. דריי-יעריקע קינדער זענען געזעסן אין ווינעלעך-זאָטלען. זיבעציקיעריקע זקנות האָבן געדרימלט אויף די מיט זילבער באַדעקטע זאָטלען. די קעפּ פון די פרויען האָבן זיך געבליכט מיט ווייסע טשאַלמעס. אין דעם טאָל, וווּ מיט דריי וואָכן צוריק איז גאָרנישט ניט געווען, חוץ די פריליגדיקע טולפּעס און פּאָלין, זענען אויף די באַן-שווען געשטאַנען עטלעכע נומערירטע צוגן, וועלכע האָבן אהער אַראָפּגעבראַכט מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. די צוגן זענען געשטאַנען מיט די לאָקאָמאָטיוון איינער צום אַנדערן, ווייל צווישן זיי האָבן נאָך געפעלט עטלעכע מעטער באַן-שוועלן, — בלויז עטלעכע מעטער, וועלכע מען האָט ערשט פאַרענדיקט בויען אין דעם טאָג פון דער פייערונג, אין דעם טאָג פון דער דערעפענונג. די קאָזאַקן זענען אַראָפּגעקומען אויף דער פייערונג צו זען דאָס נישט געזעענע. אויף דרייצן ערטער האָבן אויף די מדבר - בערגלעך געראויכערט די ריזיקע קיכן. די פאַרוואַלטונג פון טורקסיב האָט געשטעלט כיבוד פאַר דעם גאַנצן עולם, וואָס איז זיך אהער צונויפגעפאָרן. אויף דער דאָזיקער סעודה, האָבן די קאָזאַקן אונטער דעכער, אין די שפּעטנע כאַלאַטן, אין פופציק גראַד היץ, געגעסן מיט די הענט פלייש און געטרונקען טאַרזאַן, אַזוי ווי מען טרינקט בראָנפן זיצנדיק אויף קאָשמעס מיט די פיס אונטער זיך, באַטים אַ סעודה, וואָס ווערט אויפגעכאַפּט דורך פּאָטאַ- און קינאָ-אַפּאַראַטן. אין דער ביטאָגיקער היץ זענען די קאָזאַקן נאָך דער סעודה אוועקגעפאָרן הינטער די בערגלעך אין סטעפּ אַריין, עטלעכע צענדליק טויזנט רייטער זענען אוועקגעפאָרן זיך משמח זיין אויף זייער שטייגער — צו פייערן די באַיגע, דעם צאַפּן-פאַנג. דאָרט אויפן סטעפּ, האָבן זיך די דאָזיקע טויזנטער אויסגעשטעלט אין אַ קאַרע אַרום אַ קורגאַן. ריסקולאָוו, דער פאַרטרעטער פון דעם פאָרזיצער פון ראַטפאָלקאָם פון פ. ס. ר. ר., אַ קאָזאַק, האָט רייטנדיק קאָמאַנדירט נעבן דעם קורגאַן. אַ צען טויזנט קאָזאַקישע פערד איז געבליבן שטיין נעבן דעם קורגאַן. אין מיטן, אויף דעם פרייען פּלאַץ, צו דעם קורגאַן, זענען אַרויסגעפאָרן די באַטירן, די קעמפער. אַט ווי אַזוי עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ראַט פון די

עלטסטע: צוויי באַטירן האָבן געמוזט קעמפן איינער מיט דעם אַנדערן און איטער האָט געמוזט אַרויסגעשטויסן ווערן פונם זאָטל, — די זיגער זענען געווען די, וואָס זענען געוואָרן דער ראַט און באַקומען פּרייזן. די קעגנער זענען אָנגעפאַלן איינער אויף דעם אַנדערן, געשלעפּט איינער דעם אַנדערן פון דעם זאָטל, זייערע פערד האָבן פיינטלעך געהירזשעט און געביסן איינס דאָס אַנדערע. דערנאָך האָבן די עלטסטע אָנגעהויבן די באַיגע — דעם צאַפּן־פאַנג. מען האָט אָפּגעלאָזט אַ לעבעדיקן צאַפּ. יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט צוכאַפּן דעם דאָזיקן צאַפּ, אים אַרויס־כאַפּן אויפן זאָטל און פירן. דער זיגער איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט צוגעבראַכט דעם צאַפּ צו דעם קורגאַן. יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט צוצונעמען דעם דאָזיקן צאַפּ. אין אָט דעם געראַנגל האָט מען איין קאָזאַק אויסגעלענקט אַ האַנט, — ער איז געפאַלן אין חלשות, זיין האַנט איז געווען אומגעווייטלעך אויסגעבויגן. און בזו הרגע האָט מען דעם קאָזאַק גלייך אַ כאַפּ געטון און אוועקגעלייגט אויפן קאַזאַקישן שטייגער אויף אַ פערד, און טאַקע דאָ אויפן אָרט האָט מען אים איינגע־לענקט די ביינער, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך ווידער געלאָזט אין געראַנגל. בשעת מען האָט אָפּגעלאָזט דעם צאַפּ האָט זיך איבערן סטעפּ אַ קייקל געטון אַ אויסערגעוויינטלעך וואָיען. אַ שטויב, אַ געדיכטערער נאָך פון די לאַנדאַנער נעפּלען, האָט זיך אַ הויב געטון איבער די אָרדעס, אַ קוויטשעריי, אַ וואָיען פון טויזנטער געמבעס. די רייטער־אָרדעס האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף צענדליק קילאָמעטער אין איין ריכטונג. זיך פאַרקערעוועט אויף רעכטס און ווידער זיך אַ לאָז געטון צוריק. דער, וואָס וועט זיגן, וועט זיין דער העלד אויף טויזנטער קילאָמעטער, — אָט די טויזנטער, וועלכע האָבן געפּרוווט זייער מזל, האָבן זיך מיט פולן גאַ־לאָפּ, האַלטנדיק זיך אויף צו־להכעיס די סטיכיעס אויף די פערד, זיך גע־טראָגן איבערן סטעפּ. מיט זיילן שטויב און מיט די צעפּ פון די פערד, און געברייל פון דער אָרדע האָט גאַלאָפּירט די באַיגע. אַלטערטום! קולי־קאָווער פעלד!... אָט אַזוי האָבן די קאָזאַקן געעפנט דעם וועג — נישט בלויז דעם וועג פון קאַזאַקסטאַן, סיביר, מיטל־אַזיע, פּ.ס.ד.ר. — נאָר אויך דעם וועג פון דעם ערד־קיילעך.

אויף איינער פון די טורקסיב־סטאַציעס זענען אין וואַגאָן־רעסטאָ־ראַן פון דעם גומערירטן צוג אַריינגעקומען פיר מענטשן: צוויי אַרבע־טער און אַ יונגער אינזשינער מיט אַ פרוי, אַפּנים, זיין פרוי. עס איז געווען איננאָוונט; די אַריינגעקומענע האָבן זיך געזעצט ביי אַ זייטיק

טישל און באַשטעלט נאַכטעסן פון אייראָפּעאישע געריכטן. דעם אינ־זשינערס פרוי האָט געטיילט דאָס עסן אויף די טעלער. די מענער זענען געווען מונטער, לעבעדיק, אָט דאָ, אין דער מדבר פון טשינגיזכאַן, פון די הונען און קאַזאַקן. דער צוג האָט געפירט אין זיך דעם שטייגער נישט נאָר פון מאָסקווע, פון פ. ס. ר. ר., נאָר אויך פון אייראָפּע און פון יענער זייט ימיקע לענדער. אין דעם וואַגאָן זענען אויסער רוסן, אויסער אייראָפּייער פון דעם קאָנטינענט, אויך געזעסן נייוועלטיקע אַמעריקאַנער און אַלטוועלטיקע יאַפּאַנער. די קאָרידאָרן פון דעם צוג האָבן זיך געפילט מיט „ווערדזשוניע״. דער וואַגאָן־רעסטאָראַן האָט געפּעכלט מיט דער שניי־ווייסקייט פון זיינע קראָכמאַל טישטעכער, פונקט אַזוי ווי די מענטשן מיט זייערע קעלנער. דער צוג איז געשטאַנען אין די הייס צעגליטע זאַמדן פון סאַקסאַאולן און באַרכאַנעס — אין דעם וואַגאָן איז געווען אייז־קאַלטער נאַרזאַן. די סטאַציע, אויף וועלכער די פיר זענען אַריינ־געקומען אין דעם וואַגאָן־רעסטאָראַן עסן אָונט־ברויט, איז געווען אַזאַ, ווו דער סטאַציע־נאַטשאַלניק האָט קאָמאַנדירט מיט דער ליניע, מיט די איבערוועקסלערס און טעלעגראַף, פון אַ פּראָוויזאָרישן הילצערנעם שפּייכלער. אַרום דער סטאַציע זענען געשטאַנען זעקס יורטעס. נעבן דער סטאַציע איז געפלאָסן אַן אַריק. הינטער דעם אַריק, הינטער די יורטעס האָבן זיך אין דרום, מערב און צפון געצויגן מדבריות פון סטעפּ — אין מזרח זייט האָבן געגלאַנצט מיט זייער אייז די באַרג־שפּיצן פון טיאַנ־שאַן, איבער וועמעס רוקן עס ציט זיך די כינעזישע גרענעץ. אויף דער דאָזיקער סטאַציע איז דער נומערירטער צוג באַגעגנט געוואָרן מיט „הוראַ!״ געשרייען, די קאַזאַקן זענען אויף זייערע פערד צוגעריטן ביז די פענצטער פון די וואַגאָנעס. סען קאַטאַיאַמאַ האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע אויף ענגליש. די היץ איז געפאַלן און עס איז געוואָרן אַ פראָסט. די שקיעה האָט לאַנג געפלאַקערט אויפן מערב און זיך אויסגעלאָשן. דער מדבר איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינצטערניש און האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט פאָלין. די מענטשן אין צוג האָבן אָפּגערוט נאָך דעם צעגליטן טאָג און זיך געגרייט צו די מאָרגנדיקע טורקסיב־פייערונגען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אין דער פינצטער לאַנגזאַם אָנגענומען וואַסער. די דאָזיקע פיר האָבן זיך געזעצט ביים עקסטן טישל. די מענער זענען געווען אָנגעטון אין אַרבעטס־קליידער: הויכע שטיוול און העמדלעך. עס איז זיי געווען פריילעך. זיי האָבן אַלע ווײַלע אָנגעקלאַפּט די גלעזער און נעשפּאַסט צווישן זיך. זיי האָבן באַשטעלט קאָמפּליצירטע מאכלים

און זיך נישט געאײַלט. דער וואַגאָן־רעסטאָראַן איז געווען באַגאָסן מיט עלעקטריש ליכט. בײַ דעם שכנותדיקן טיש האָבן אַמעריקאַנער מיד געטרונקען ווײַן און דערמיט באַשטעטיקט דעם אַנגלאָ־זאַקסישן אמת וועגן העפלעכקייט, ווײַל אַפילו אַזױ קאָן נישט ענדערן דעם שטײַגער לעבן. דער לאָקאָמאָטיוו איז צוגעגאַנגען און אַ שטויס געטון דעם צוג. דער אָפיציאַנט האָט מודיע געווען די פיר געסט, אַז דער צוג גייט אָפּ.

— עס מאַכט נישט אויס, — האָט דער אינזשעניר געזאָגט, — מיר וועלן אויסשטײַגן, ווען דער צוג וועט גיין באַרג אַרויף.

דער צוג איז אַוועק אין דער פינצטערניש, אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג, ער האָט אָנגעהויבן גיין באַרג־אַרויף. דער אינזשעניר האָט באַצאָלט דעם חשבון. אַלע פיר האָבן זיך אויפגעהויבן. די אַמעריקאַנער האָבן דערזען, אַז די פרוי טראָגט אויך געשמירטע שטיוול. די געסט זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם וואַגאָן־רעסטאָראַן אויף דעם בריקל. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט, מאַטערנדיק זיך אויף דעם אַרויף־באַרג.

— וווהין קלײַבט איר זיך דאָס? — האָט דער באַדינער געפרעגט.

— צוריק צו דער סטאַנציע, — האָט דער אינזשעניר פריילעך געענטפערט.

דער ערשטער איז פון דעם צוג אַראָפּגעשפרונגען דער עלטערער אַרבעטער. נאָך אים איז אַראָפּגעשפרונגען די פרוי. דער דראַקאָן פון דעם צוג איז, סאָפּענדיק מיט די לאָקאָמאָטיוון, מיט די זאָרגעוודיק אַראָפּגעלאָזטע פאַרהענגלעך און סקריפּענדיק אויף דעם באַרג אַרויף, פאַרבײַגעגאַנגען נעבן די, וואָס זענען געבליבן, זיך פאַרקערעוועט הינטער דעם פעלז און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינצטערניש — אַוועקפירנדיק אין זיך די מענטשן אויף דער פײַערלעכער דערעפענונג פון טורקסיב. די דאָזיקע פיר ווידער זענען געגאַנגען איבער בערגלעך, אָן אַ סימן פון אַ שטעגל אַפילו, זייענדיק געוווינט צו די סטעפּעס מיט זייער וועגלאָזיקייט. זיי זענען געגאַנגען מונטערע און פריילעכע. נאָך אַ שעה גאַנג האָט זיך ווײַט־ווײַט פון אונטן אין דער פינצטער אָנגעצונדן דאָס קוים־קוים מערקלעכע ליכט פון דער סטאַנציע. דעם גאַנצן וועג האָבן די פיר געזונגען רוסישע לידער. נאָך אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין אַרום דער סטאַנציע אין סטעפּ דערזען פײַערן: דאָס האָבן די קאַזאַקן, צוריקוועגס פון דער צוג־באַגעגעניש, זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער, געקאָכט זייער ציגל־טיי און געפּרעגלט שעפּסן־פלייש. און נאָך אין אַ שעה

אַרום זענען די פיר שוין געווען אויף דער סטאַציע. פון דעם בערגל האָבן אַלע פיר מיטאַמאָל אַ געשריי געטון אין דער פינצטערניש אַריין:

— מיר גייען! — מיר זענען געקומען!

פון די ערד־כאַלופּעס, פון די יורטעס זענען אַרויסגעגאַנגען מענטשן און זיך פאַרזאַמלט אַרום שייטער.

— גו, דערציילט וועגן אייער געווינס.

אויף דער סטאַציע, פאַרביי וועלכער דער נומערירטער צוג איז דורכגעפאָרן, איז געשטאַנען אַ הידראָעלעקטרישע פאָרש־בריגאַדע. אויף די שיפּועס פון די בערגלעך האָבן זיך געפּאַשעט די קעמלען, אין די יורטעס האָבן זיך אָפּגערוט די מענטשן, ביי די יורטעס מיט די דישלעס אַרויף, זענען געשטאַנען אַרבאַס מיט פאַרשיידענע בויר־אינסטרומענטן, מיט אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע און מיט דעם נישט גרויסן און באַשיידענעם פאַרמעגן פון די פאָרשער. די דאָזיקע בריגאַדע איז שוין צוויי יאָר געגאַנגען איבער דער מדבר, זוכנדיק און קאָנטראָלירנדיק דאָס וואַסער, דעם סכום, די האַריזאַנטן, דעם צוזאַמענשטעל פון דעם וואַסער, וואָס גיט לעבן דעם טורקסיב. אין דער דאָזיקער בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבעציק אַרבעטער, אינזשינערן־הידראָלאָגן, געאָלאָגן, אויסמעסטערס, זענען אויך געווען דריי פרויען כעמיקערינס. דער דאָזיקער פאָרש־טאַבאָר איז געגאַנגען פון טאָל צו טאָל, פון בולאַק צו בולאַק, פון טייך צו טייך, געזוכט וואַסער אויף דער ערד און הונדערטער מעטער אונטער דער ערד. די בריגאַדע האָט שוין געהאַט אויסצושטיין פון געפערלעכע, אומדערטרעגלעכע היצן אין זומער, און שניי־זאַווערוכעס אויף די בערג, בשעת דער ווינט האָט אויף פיק־פּיק־צעך צעפליקט די יורטעס און פאַרשאָטן מיט שניי די קעמלען. דעם גאַנצן ווינט האָט די בריגאַדע פאַרבראַכט ביינאַכט ביי די וואַנדער־שייטערס און ביי טאָג ביי העראָאישער, באַהאַרצטער אַרבעט, — אָט די בריגאַדע, וועלכע האָט געדאַרפט שאַפן וואַסער פאַר דעם טורקסיב און צוזאַמען מיט דעם — דאָס לעבן. די דאָזיקע בריגאַדע וועט נאָך לאַנג וואַנדערן איבער דער מדבר. קריכן מיט אירע אַרבאַס, אויף וועלכע עס ליגן די אַפּאַראַטן, יורטעס, איר האָב און גוטס, זי וועט לאַגערן מיט יורטעס, מיט די פאַררוסענע דישלעס צום הימל אַרויף, רוען ביי די שייטערס און אַרבעטן אין דער געפערלעכער היץ. די מענטשן פון אָט דער בריגאַדע האָבן זיך צונויפגעלעבט און היימיש געוואָרן ווי אייגענע ברידער. ביי די שייטערס ביינאַכט האָט יעדערער וועגן זיך אויסדערציילט אַלץ, פון די קינדער־יאָרן אָן. די פיר, וועלכע זענען געווען אין

דעם וואגאָן־רעסטאָראַן איז איינער געווען א באַרג־אַרבעטער פון באַקו, דער צווייטער אַן ערד־גרעבער פון טשערניגאָוו, דער דריטער א יונגער אינזשיניער, וואָס האָט ערשט פאַר צוויי יאָרן געענדיקט די מאָסקווער באַרג־אַקאַדעמיע, א זון פון א קאָלאָמנער אַרבעטער, און די פערטע, זיין פרוי, א כעמיקערין אין דער פאָרש־בריגאַדע, איז געקומען אַרבעטן אויף דעם טורקסיב פון טאָמסק. אָט אַזוי זענען אויך אַלע איבעריקע אַרבעטער געקומען אַהער פון אַלע עקן לאַנד. די וועלט איז געווען אָפּגעשניטן פון אָט די פאָרשער, — בלויז דער ראַדיאָ, וואָס די פאָרשער האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט, צופּעסטנדיק די אַנטענעס צו די יורטעס, האָט זיי אינפאָרמירט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אין דעם טאָג, ווען איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער נומערירטער צוג, האָט די בריגאַדע גערוט. אויף דעם צוג, וואָס איז געגאַנגען פון מאָסקווע, האָט מען גע־וואַרט, ווי אויף א פּרייד. דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט. די מענטשן זענען ־ייויף אייף א בערגל, כדי צו זען דעם דאָזיקן ערשטן צוג, וואָס וועט דורכגיין דורך די ערטער, וווּ מיט דריי חדשים צוריק איז נאָך גאָרנישט נישט געווען, חוץ מדבר און זאַמד. איינער פון אָט דער אַרבעטער־ברי־גאַדע האָט זיך אַליין געחידושט.

— מאָרגנע! — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט אָנגערופן. — אין דעם צוג וועט נאָך זיין א וואַגאָן־רעסטאָראַן! איך בין שוין צוויי יאָר נישט געווען אין א רעסטאָראַן!

אין א האַלבע שעה אַרום האָט זיך דער עולם פאַרזאַמלט אויף א לאָטעריע. עס איז געווען לעבעדיק און פריילעך. אַלע מיטאַמאָל האָבן נישט געקאָנט גיין אין וואַגאָן־רעסטאָראַן. האָט מען געמאַכט א לאָטעריע אויף פיר [illegible] וואָס זאָלן [illegible] די זכיה אַריינצוגיין.

— נו, דערציילט זשע וועגן אייער געווינס, — האָט דער עלטסטער אינזשינער געזאָגט.

— מיר האָבן געגעסן, — האָט דער באַקוער אַרבעטער געזאָגט און פאַרוקט זיין היטל אויפן קאָרק, — מיט סערוועטקעס, אויף א טיש־טעך.

— מיר האָבן נאַרזאַן געטרונקען!

— וואַרט. דערציילט כסדר. ווער וועט זיין דער באַריכטלער? — האָט דער עלטסטער אינזשינער געזאָגט. — דערציילט כסדר. זענט איר אַריין אין וואַגאָן. באַשטעלט. וואָס האָט איר באַשטעלט?

נעבן דער יורטע האָט זיך אין א קעסל געקאָכט שעפּסן־פלייש. איבער

די יורטעס אין הימל, אין דער אומגעהייערסטער רחבות פון דעם סטעפּ־הימל, האָבן געפּלאַקערט געזאַלצענע שטערן. נאָך דער היץ האָט אָנגע־הויבן צו כאַפּן א פראָסט. ארום שיטער זענען געשטאַנען, געזעסן, גע־לעגן מענטשן און אויסגעפּרעגט זייערע גליקלכע חברים און הילכיק גע־לאַכט נאָך יעדן ענטפער, אויסגעפּרעגט האָבן זיי וועגן אַלצדינג, וועגן יעדעס פּיצעלע, אַנהויבנדיק פון דער קוואַליטעט פון די סערוועטקעס ביז די אַמעריקאַנער ברילן. און שפּעט בײַנאַכט ערשט זענען די פאָרשער אוועק אין זייערע יורטעס און זיך געלייגט שלאָפן. דער יונגער אינזשי־נער האָט זיך געלייגט אויף דער קאָשמע פון זיין יורטע, פאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ. ער האָט זיך דערמאָנט אין מאָסקווע, די סטודענטי־שע יאָרן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז מאָרגן וועט פאָרקומען די פאַרייניקונג פון די צפונדיקע און דרומדיקע ליניעס פון דער טורקעס־טאַן־סיבירער אייזנבאַן. סיביר וועט פאַרייניקט ווערן מיט מיטל־אַזיע. אויף דער דערעפענונג וועלן זיך צונויפפאָרן מענטשן. די זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זענען געקומען אויף דער דערעפענונג, וועלן שיקן דעפּעשן און ראַדיאָגראַמעס, וואָס וועלן אין משך פון איין מעת־לעת ארומגאַרטלען די גאַנצע וועלט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז גלייך נאָך דעם ערשטן נומערירטן רעגירונג־צוג, וועלן אָנהויבן גיין הונדערטער צוגן, — און ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אין דער דאָזיקער וואַסערלאָזער וויסטעניש, אין אָט דעם מדבר, ווו דאָס וואַסער איז דאָס סאַמע ווינטיקסטע, וואָס דעצידירט אַלץ, — אַז ער און זיינע חברים האָבן אָט דער ליניע געגעבן דאָס ווינטיקסטע, די דע־צידירנדיקע הויפּט־זאַך — וואַסער, וואַסער! פאַר אָט די צוויי יאָר האָט ער דערזען ווי ביי דער מדבר ווערט צונויפגענומען דער מדבר, ווי אין דער מדבר ציען זיך אייזערנע רעלסן, וואָס ברענגען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי זענען נאָר ביכולת צו ברענגען. אין דער צעגליטער היץ פון יאָרן האָט מען אויפן האָריזאָנט געקאָנט זען מיראַזשן פון נישט עקזיסטירנדיקע שטעט, און אין דער רעאַלקייט זענען אַנטשטאַנען שטעט. דאָס אָרט, ווי עס געפינט זיך איצט די סטאַציע איאַגוז איז געווען א מדבר, וואָס איז געווען באַזעצט מיט פינף ערדשטיבלעך און פיר יורטעס. אָט דער מדבר איז איצט די שטאָט איאַגוז. ביז אויגוסט נייַנצן הונדערט אכט און צוואַנציק האָט דאָרט, אויף די בערגלעך, געפייפט דער ווינט און געפלאָסן דאָס טייכל באָטאַן. אין סעפּטעמבער האָבן זיך דאָרט באַוויזן די פאָרשער מיט זייערע מעסט־מכשירים און אויפן פּאַפּיר האָט זיך באַ־

ווײַזן דער פּלאַן פון אַ ישוב. און אין מאַי נײַנצן הונדערט ניין און צוואַנ־
ציק איז שוין דאָרט געוואַקסן אַ שטאָט. עס איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַ
רחבת־ידימדיקער קלוב, אי אַ ליכטיקע גאָרקיך, אי רעמאָנטיר ־ וואַר־
שטאַטן, אַ טעלעגראַף, אַ טעלעפאָן, אַ שפּיטאָל, שמידערייען בײַ דער
אײַזנבאַן־בריק. די רעמאָנטיר־וואַרשטאַטן זענען אויסגעוואַקסן און זיך
פאַרוואַנדלט אין אַ זאַוואָד. דאָרט האָבן זיך געבויט, פאַרעטדיקט אין
בויען, דערבויט געוואָרן די גרעסטע אויפן טורקסיב לאָקאָמאָטיוו־דע־
פּאָען. אַ בוימוואָל־פּרעס זאַוואָד, אַ פלייש־קעלטער און שעכט־הויז, אַן
עלעקטרישע סטאַציע — און עס איז געוואָרן אַ שטאָט — אַ שטאָט פון
הײַזער, פון גערטענער, פון גאַסן, בענק פאַר די הײַזער, שילדן אויף די
קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, פון מאָטאָציקל און אויטאָמאָביל גערויש, אַ
שטאָט, ווו מענטשן וווינען, אַרבעטן, רוען און ווערן געבוירן. נישט
ווײַט פון איאַגוז איז געווען די אַלטע שטאָט פון מיליטער־קאָשאַרן, וואָס
איז אין די צאַרישע צײַטן געבויט געוואָרן פאַר סאָלדאַטן, וועלכע האָבן
געדאַרפט היטן די מאָנאַרכיע אין דער מדבר — די שטאָט סערגיאָפּאָל.
און די, וואָס זענען געבליבן וווינען אין סערגיאָפּאָל האָבן זיך איבער־
געקליבן קיין איאַגוז. דאָס ווײַזט, אַז אויף טורקסיב ווערן נישט בלויז
געבוירן שטעט, נאָר עס שטאַרבן אויך שטעט, — פאַראַן אַ מענגע אַזעל־
כע שטעטעלעך, סטאַציעס, אויסמייד־פּונקטן, אַאוּלן. בײַם אָנהויב פון
איר מאַרשרוט האָט די בריגאַדע געזען, ווי דורך דער מדבר — פון
כינע און קיין כינע, קיין מאָנגאָליע, דורך קאַזאַקסטאַן, פון קירגיזיע און
קיין קירגיזיע, קיין אוזבעקסטאַן און פון אוזבעקסטאַן — זענען געגאַנגען
קאַראַוואַנען, קעמלען. די דאָזיקע „מדבר־שיפן" האָבן מיט זייערע
טויטע טריט געמאָסטן טויזנטער קילאָמעטערס מיט מדבר־סחורות, מיט
בוימוואָל, מיט רייז, מיט פעלן, מיט רוסישער סיץ און דריבנע מעטאַל־
כלים, מיט ברויט, מיט געהילץ, מיט וואָל, מיט רויכוואַרג. אָט די סטע־
פּישע רוי־מאַטעריאַלן און גרייטע פאַבריקאַטן זענען טויזנטער
קילאָמעטער געגאַנגען פון און קיין טאַשקענט, סעמיפּאַלאַטינסק, אַלמאַ־
אַטאַ. און די בריגאַדע האָט געזען ווי אַזוי טאַשקענט און סעמיפּאַלאַ־
טינסק גייען איינער דעם אַנדערן אַנטקעגן, כדי צו פאַרקירצן, צונויפצו־
דרוקן די טויזנטער קילאָמעטערס פון מדבר, צוצורוקן מערב־כינע צו
אינאַ־בולאַק אַזוי נאָענט, ווי די דאָזיקע מדבריות זענען נאָך קיינמאָל,
אין משך פון צענטליקער טויזנטער יאָרן נישט געווען. די קאַראַוואַנען
האָבן געענדערט זייער וועג. די בריגאַדעס זענען געגאַנגען איבער די

קאזאקישע סטעפעס. די בריגאדעס האבן געזען די קאזאקישע יורטעס, זייערע פערד, זייערע טשערעדעס, דעם קאלאסאלן דלות און פוילקייט. וואס ס'איז א פועל יוצא פון דעם דאזיקן דלות, די וועלט און דעם שטייגער לעבן, וואס איז באגרענעצט דורך דעם מדבר, דורך דער יורטע, דורך דעם קומיס, דורך די שאראווארן פון דעם ווייב (אדער פון עטלעכע ווייבער), דורך די קראנקהייטן פון די שאף, און דורך די ווינטן, און פרעסט, פון וועלכע די קאזאקן האבן זיך באהאלטן ווי פון דער היץ און זייערע שאפן פעלצן, וועלכע זיי טוען גאר קיינמאל נישט אויס. די בריגאדעס האבן געזען די קדמונישקייט פון דעם ארט לעבן פון די קאזאקן, ווען זייער ארט לעבן האט אפילו נישט דערגרייכט דעם ניווא פון דעם מיטלאלטער. די בריגאדעס האבן געזען, ווי אזוי די קאזאקן האבן צום אנהויב געקוקט מיט שרעק אויף זייערע אינסטרומענטן און ארבעטן. די בריגאדעס האבן געזען, ווי אזוי די קאזאקן זענען שפעטער אביסל געגאנגען צו זיי ארבעטן, באארבעטן די ערד, גראבן און פירן די ערד, כדי צו שאפן אן ארט פאר די רעלסן. און ביים ענדיקן זייער ארבעט, האבן די בריגאדעס געזען, אז אויך א סך סטאציעס און סובסטאציעס פון טורקסיב, כמעט אויף אלע, — דינען די קאזאקן אלס אפוועקסלער, שמירער, קאנדוקטארן, אפוועגערס, וועכטערס, — און אויף די קנופסטאציעס פון טורקסיב זענען געעפנט שולן און קורסן פאר די קאזאקן, וווּ מען לערנט די קאזאקן צו ווערן מאשיניסטן, שלאסערס, סטאציענאטשאלניקעס, טעלעגראפיסטן, ביוראליסטן, בוכהאלטארן!... די אייזנבאן ליניעס בויען אויס דעם שטח. די אייזנבאן־ליניעס בויען איבער דעם מענטשן. די אייזנבאן־ליניעס בויען איבער דאס ברויט און דאס רעכט אויף ברויט. פאראלעל מיט די אייזנבאן־ליניעס האבן זיך אנטנעהויבן די אירריגאציעס, וועלכע וועלן פארגיסן צענדליקער מיליאנען הא אויף רייז, בוימוואל, קענאף, קענדיר, ראמי. וויפל לידער זענען דאס געזונגען געווארן וועגן דעם גרויסן וועג — אין די נעכט ביי די שייטערס פון קיזיקעס — סיי פון די בריגאדעס, סיי פון די קאזאקן!...

גם צוואנציקסטן איז פון מאסקווע אפגעגאנגען דער נומערירטער רעגירונגס־צוג צו פייערן די דערעפענונג פון טורקסיב. מיט דעם טונקלבלויען גלאנץ פון די פולמאן־וואגאנעס איז דער צוג געגאנגען איבער די באן־שוועלן פון טורקסיב צו איינא־בולאק. קיין איינא־בולאק איז דער צוג אנגעקומען ביינאכט און האט זיך אפגעשטעלט אויף דער הויפטליניע. די בערג ארום איינא־בולאק האבן געפלאקערט מיט שייטערס פון

אַן אוראַלטן לאַגער, ווייל אויף דער דערעפענונגס־פייערונג פון טורקסיב זענען זיך צונויפגעפאָרן קאַזאַקן פון הונדערטער קילאָמעטער אַרום. די איינאַ־בולאַקער בערג און די קאַזאַקן אַרום די שייטערס אויף די בערג־לעך האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי ווי אין באַטים צייטן.

...סיי סיאַם, סיי טורקסיב זענען שוין גאַנץ געוויינלעכע זאַכן, זיי זענען שוין אַריין אין לעבן, — זיי זענען שוין אין דער געשיכטע, וואָס געבוירט נייע שטחים און א נייע צייט און נייע מענטשן, וועלכע כאַפּן זיך אויף פון דעם נישט זיין.

...ביי אַרבעקאַוון אין כאַטע האָבן געבליט און געוועלקט סנאָפּעס און בונטן קאַרנבלומען, רומיאַנעק, מענטע, שטשאַוו און פּאָלין.

אין די זומפּן אונטער פּאַלעך וואַקסט א געפערלעך גראָז באַהון. די יעגער האָבן שרעקלעך מורא פאַר אָט דעם גראָז. דער ריח פון אָט דעם גראָז איז כמעט נישט מערקבאַר, ווען מען פאַרברענגט אָבער אויף דעם אָרט, וווּ עס וואַקסט דער באַהון אַפילו א האַלבע שעה — פאַלט מען אין חלשות, עס פאַרכאַפּט ביים האַרצן, עס הויבט אָן קלינגען אין די אויערן, עס הויבט אָן צו איבלען. אויב די פריינט וועלן דעם מענטש נישט אַוועקנעמען פון דאָרט, אויב ער וועט נישט אַוועקקריכן, אויב ער איז איינער אַליין, — וועט דער מענטש שטאַרבן פון דעם באַהון. קיין שום מענטש, קיין שום בעל־חי האַלט זיך נישט אויף דאָרט, וווּ עס וואַקסט דער באַהון. דער באַהון פאַרשווינדט אָבער צוזאַמען מיט די זומפּן. און די זומפּן פאַרניכטעט דער מענטש.

# ק א פ י ט ל  פ י נ ף

קאָרן, ווען עס ווערט באַשטויבט, ווען עס באַפרוכפּערט זיך דאָס ברויט — שמעקט דאָס מיט שטויב און מענטשן־לייב. די דאָזיקע ריחות פילט מען קוים ־ קוים, זיי ווערן פאַרטויבט דורך די ריחות פון טאָג, פון ווינט, זון, פאָלין, קאָרנבלומען, גלעקעלעך רומיאַנעס. ווען מען לייגט זיך אין קאָרן און מ׳קוקט דורך די קאָרן־פּיילן אין הימל אַריין,—דער טאָג מוז אומבאַדינגט זיין אַ זוניקער און אַ בלויער, די הימל רחבות מוז זיין אַן אַנסופיקע, — און ביינאַכט מוז דורך די הויכע קאָרן־זאַנגען זיך דורכגנבענען די לבנה, און דעמלט דוכט זיך, אַז די לבנה אין הימל איז אַ קרישטאָלענע און זי קלינגט. — — דאָס קאָרן — דאָס ברויט, — ס׳איז אַ אומגעהייער ריזיקע מענטשלעכע קולטור! — אַן אומ־גע־הייער־ע! — זינגט דעמלט, ווען דער מענטש האָט זאַנגענווייז אָפּגעקליבן דאָס קאָרן פון דעם ווילד גראָז און דאָס פאַרזייט, באַשיצנדיק און איזאָלירנדיק דאָס פון דעם ווילד גראָז!... און דאָ דערגעבן די שמאַראַגד־קעסטעלעך פון דעם ליין, וועלכער האָט אָקאָרשט וואָס אָפּגעבליט מיט זיינע העל־בלויע גלעקעלעך, — אויך אַן אומגעהייער גרויסע מענטשלעכע קולטור פון געוועב, קליידונג, באַפּוצונגען און קליידער.

עס האָט שוין געבליט דער לינדבוים, עס האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסלאָזן זיך די שוואַרצע יאַגעדעס, די טרוסקאַווקעס, די פּאָזיעמקעס. אין די וועלדער זענען ציטיק געוואָרן די מאַלינעס. דעם פערצנטן יולי. אין דעם טאָג, ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן איינגענומען די באַסטיליע, האָבן די מאָלער באַקומען אורלויב און זענען אַוועק אויף היי־שניט. פון יעדן פּאָליעכער הויף האָבן זיך דערטראָגן שמיד־ייזן־ייזן־קלאַנגען. די מאָלערס האָבן אויסגעקלאַפּט און געשאַרפט די קאָסעס. עס האָבן זיך געקליבן אַראָפּצוקומען קיין פּאָלעך טייערע געסט — סערגיי פּעט־ראָוויטש אַגאַיעוו און מיכאַיל אָסיפּאָוויטש ליפשיץ. די פּאַרדינסטפולע האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אַ לעבעדיקן באַראַן, זיך צוכויפגעלייגט און אים געקויפט און ביז די געסט וועלן קומען, אים דערווילע געלאָזט זיך

פאַשען צוזאַמען מיט דער טשערעדע. אויף דעם מאַרק האָט מען פאַרקויפט גאַנצע חמרים יאַגעדעס, פוטער, אייער און מילך. מען האָט פאַרקויפט שעפעלעך, קעלבלעך און חזירים. מען האָט פאַרקויפט הינער. דער פאַרדינסטפולסטער און חכם איוואַן מיכאַילאָוויטש באָקאַנאָוו פלעגט אַליין אַלץ קויפן אויפן מאַרק, ער פלעגט בכבודו ובעצמו אָפּזיין די באַשטימטע מאַרק־שעהן אויפן מאַרק ־ פלאַץ און אַרומגיין אַ געלאַסענער, אַ בכבודיקער, אַן אויפמערקזאַמער.

אויפן מאַרק האָט מען געקויפט צוויי הינער. געבונדענע האָט מען זיי געטראָגן אַהיים, געטראָגן האָט זיי אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ, נעבן איר איז געגאַנגען סערגיי איוואַנאָוויטש. און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען עפּעס אַזוינס, פון וואָס אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך גאָרנישט געחידושט. אַלע הענער פונם מאַרק ביז צו אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַס שטוב, וועלכע האָבן פרידלעך אַרומגעשפּאַצירט מיט זייערע הינער זענען, דערזעענדיק די געבונדענע הינער אין אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַס הענט, מיטאַמאָל געוואָרן מלא רציחה, זיך געוואָרפן אויף אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַן ווילד געפּיקט, געגראַבלט מיט די נעגל, שרעקלעך געפּאַטשט מיט די פליגל און דראָענדיק געשריגן, רופנדיק די חברים הענער צו הילף. אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ האָט באַהאַלטן די הינער אונטערן פאַרטוך און געטריבן פון זיך די הענער. די הענער האָבן, נאַטירלעך, נישט געקענט נעמען קיין שטעקן אין זייערע נעגל (אָט דעם שטעקן טאַקע, פון וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן די מענטשלעכע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אונטערשיידט דעם מענטשן פון דער חיה), אַנישט וואָלטן זיי איר געשלאָגן מיט שטעקנס. פאַר דעם שחטן האָט מען די הינער אַנידערגעלייגט אויף דער באַנק. אין דעם גערטנדל, אויף אַ טעפּיכל איז געזעסן סערגיי איוואַנאָוויטשעס זון, וואָס איז שוין איינמאָל זעלבסטשטענדיק געשטאַנען און האָט איינמאָל אָפּגעטון נאָך איין מערקווירדיקע זאַך, נעמלעך, לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, פון קיינעם נישט אונטערגעהאַלטן, איז ער אַליין אַרויפגעקראָכן אויף דעם גאַניק פון אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַס הויז — גאַנצע פינף טרעפּלעך! — דער זון איז געזעסן אויפן טעפּיך: אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטענגעלע פון אַ קאָרנבלום מיט צוויי בלימעלעך, נעבן דעם זון זענען געלעגן די שפּילכעלעך; ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און זיך פאַרנומען מיט נאָך אַ נייעם ענין, וועלכן ער האָט אויך ערשט וואָס אַנטדעקט, נעמלעך, ער האָט געליאַרעמט אויף

וואָס די וועלט שטייט, וואָס ער האָט — אפנים — געהאַלטן אַלס גע־זאַגנ, אַט פּונקט ווי מען האָט אים נאָר געזאָגט: „אַנו, וואָראָבושעק, זינג עפּעס!״ האָט ער תּיכּף אָנגעהויבן צו ליאַרמען; די הינער זענען זיך גאַנץ רואיק געלעגן אויף דער באַנק; פּלוצים האָט זיך אויפן פּאַר־קאַן באַוויזן א האָן און באַפעלעריש א קריי געטון; איינע פון די הינער האָט זיך אָפּגערופן, זי האָט א צאַפּל געטון מיט די געבונדענע פליגל, זיך היסטעריש צעקודאַכטשעט און אַראָפּגעפאַלן פון דער באַנק נעבן טעפּיך; דער זון אויפן טעפּיך האָט גלייך אויפגעהערט צו זינגען, ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטאַיעט, ווי א זשוקל; די הון האָט געקוואָקעט, זי האָט ווידער אַמאָל א צאַפּל געטון מיט די פליגל און זיך צוגערוקט נענטער צום טעפּיך; דער זון האָט זיך איינגאַנצן פאַרטאַיעט און געוואָרן אַן אומבאַוועגלעך און צונויפגעקנוילט קניילעכל, — סער־גיי איוואַנאָוויטש האָט צום ערשטן מאָל דערזען שרעק אין דעם זונס אייגעלעך, — דער זון האָט געקוקט אויף דער הון מיט פאַרטאַיעטע אויגן; די הון האָט זיך ווידער א וואָרף געטון און זיך נאָך מער דער־נענטערט צום טעפּיך; דער זון האָט שטילינקערהייט געענדערט די פּאָ־זע, ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף די קני; ער האָט זיך געגרייט צו דער פאַרטיידיקונג; דער פאָטער האָט א געשריי געטון צום זון:

— וואָראָבושעק! — וואָס־זשע ברודערקע, האָסט טאַקע מורא?

דער זון האָט א רגע א קוק געטון אין דער זייט, וווּ דער פאָטע־איז געשטאַנען, ווייל ער האָט פריער נישט באַמערקט דעם פאָטער, און אַט די רגע איז געווען פולקאָם געגנוג, אַז אַלץ זאָל זיך ענדערן: דעם זונס געזיכט האָט אויסגעזען דראָענדיק, ער האָט באַפעלעריש א געשריי געטון:

— קיך! קיך! —

און מיט דער שנעלקייט פון א פיר־פּיסיקן זשוק האָט ער זיך א לאָז געטון אויף דעם שונא; ער האָט אַטאַקירט דעם שונא; און אין האַנט איז געווען א שטענגעלע פון א קאָרנבלום; און פאָלקאָם קריגעריש האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אויף דער הון; ער איז געווען דראָענד, זיגע־דיק זיכער אין זיין נצחון און אין דעם, אַז דער פאָטער וועט אים באַ־שיצן; ער האָט געמאַכט א גרויזאַמע מינע, כּדי אָנצושרעקן דעם שונא; אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן א שטעקן (אַט יענעם שטעקן, פון וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן די מענטשלעכע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אונטערשיידט דעם מענטשן פון דער חיה), פאַר א שטעקן האָט אים גע־

רינט דאָס שטענגל פון דער קאָרנבלום; דעם שטעקן האָט געגומען באַ־ וווסטזיניק. אין סאָד האָט איבערן זון און איבער דער הון געבליט דער־ ליטדנבוים און עס האָט געבליט די זון. דער זון, דאָס שטיקל בשר ודם, איז צייטיק געוואָרן אַלס מענטש. דער פאָטער און די עפּאָכע וואָלטן גע־ דאַרפט זאָגן, אַז דער מענטש זאָל אויסוואַקסן אַלס בירגער פון דער אַנקלאַסן־געזעלשאַפט און דורך דעם סאָציאַליזם אויסראָטן, אויסוואָרצ־ לען יענעם אוראַלטן־ און שרעקלעכן אינסטינקט, וועלכער איז דורכגע־ גאַנגען דורך אַלע דורות פון דער מענטשהייט ביז צו דעם סאָציאַליזם— דעם אינסטינקט פון דעם שטעקן.

דעם 18־טן יולי זענען צו די מאָלער געקומען די ליבע געסט: פון איוואַנאָוואָ איז אויף אַן אויטאָ מיט דער פרוי געקומען סערגיי פּעטראָ־ וויטש אגייעוו, און מיט אַן אַעראָפּלאַן איז פון מאָסקווע מיט דער פרוי און טאָכטער געקומען צופליען דער פאַרטרעטער פון דעם אַלפאַרבאַנ־ דישן אויטאָוועג מייסטער, פון דעם „צודאָרטראַנס" (אַט טאָקע פון דעם זעלבן, וועלכן יאַקאָוו אַנדרייעוויטש סניצין האָט אַזוי אָפט דערמאָנט), עס איז געקומען צופליען מיכאַאיל אָסיפּאָוויטש ליפּשיץ. מען האָט אויף זיי געוואַרט, פונדעסטוועגן זענען זיי געקומען אומדערוואַרט, — אַלנ־ פאַלס איז דער לעבעדיקער באַראַן, וועלכן די מאָלער האָבן געדאַרפט נאָך פיש־פאַנג אויף דעם ליולעך פאַרוואַנדלען אין שאַשליק, לויט דעם רע־ צעפט, וואָס מאַרקיטשאָוו און קאָטוכין האָבן געבראַכט צופירן פון קאַוו־ קאַז, — אַט דער באַראַן איז נאָר געווען אין טשערעדע, און די טשערעדע האָט מען בייטאָג נישט געבראַכט אין דאָרף אריין, און די טשערעדע האָט מען אין וואַלד נישט געקענט געפינען, — און די ליבע געסט האָט מען אויפגענומען נישט מיט שאַשליק, נאָר מיט די טראַדיציאָנעלע פיש־ גאַלערעטע, מיט קרויט, געזייערטע אוגערקעס, מיט אַ פיינקוכן, מיט גרינע ציבעלעס, און די ליבע געסט זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב פון די באַרימטע מאָלער, פּדי קיינעם, חלילה, נישט צו באַליידיקן, זיי זענען געגאַנגען ארומגערינגלט מיט מאָלער און לידער, באַטראַכט די אַרבעט פון די מאָלערס, אויסגעהערט די לעגענדעס און וואָר וועגן יאַגד און וועגן היי־שניט, און דאָס אַלץ איז געווען געגנוג און פינקטלעך, אַזוי ווי אויף די מיניאַטורן פון הוליאַנקעס און דעמאָנסטראַציעס.

די געסט זענען אוועקגעפאָרן אין אָוונט. די מאָלערס זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. און אין דער געהויבענער שטימונג האָט

דאָס פֿאַרגאַפטע פֿאָלק געווונגען דאָס פּוסטע דאָס זילבערנע, אויפֿן גיל־דענעם טעצעלע, וואָס שטייט — „אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען"...

פֿאַרנאַכט האָט מען געבראַכט די טשערעדע, צוזאַמען מיט דער טשערעדע האָט מען אויך געבראַכט דעם באַראַן, וועלכן מען האָט גע־קויפֿט „אַ לעבעדיקן" אויפֿן מאַרק, — און די מאָלערס, זאָל זיין אין די געסט (אַך, סאַראַ שאָד, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מען מוז דאָס אָן די ליבע געסט, נו, אַוודאי, זיכער... אַוודאי איז אַ שאָד, נו, יאָ!) — האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויפֿן ליולעך, בראָטן דעם באַראַן, זיך צוצוהערן צום בערענדרייעווער וואַלד און עסן דעם קאַווקאַזער מאכל שאַשליק. ווען דער וואַלד איז פֿינסטער געוואָרן און ס'האָבן אָנגעהויבן פֿויזן די ביר־נאַכטיקע נעפּלען, ווען עס האָט זיך געהאַלטן ביים אויסלעשן מאַרקי־משעווס שייטער, האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש בוטאָרין געזונגען זיין ביאָגראַפֿיע:

„אין קאַיאַר פֿון נעפּלדיקער יוגנט — — —

און שוין גאָר שפּעט ביינאַכט, ווען עס זענען בלויז געבליבן פֿון די דידיקינישע שטערן אין פֿינסטערניש, ווען די ביימער האָבן זיך גאָר נאָענט צוגעטוליעט צום אויסגעברענטן שייטער, וואָס האָט זיך פֿאַר־צויגן מיט אַש, האָבן די מאָלערס, נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין אַרומגע־רעדט דעם היי־שניט, וואָס הויבט זיך אָן מאָנטיק, אָנגעהויבן רעדן — וועגן דעם אוצר פֿון דעם פֿינפֿטן יאָר. ער איז געלעגן באַגראָבן אונטערן פֿענסטער, אונטער דעם דריטן פֿענסטער אין הויף, נעבן מאַרקיטשעווס הויז. און די מאָלערס האָבן באַשלאָסן, אַז מאָרגן מוז מען אויסגראָבן דעם אוצר.

דאָס איז געווען זונטיק. דריי אַ זייגער ביי טאָג זענען צו איוואַן מאַרקישעווס הויז געקומען די מאָלערס מיט לאָפּעטעס. מען האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב, צוויי מעטער די טיף, קעגן דעם דריטן פֿענסטער. מען האָט געגראָבן נעבן דעם צווייטן פֿענסטער. מען האָט געגראָבן נעב־טער צום ערשטן. מען האָט צעגראָבן דעם גאַנצן הויף, איוואַן וואַסילע־וויטש מאַרקיטשעווס, איוואַן זאַבעלאָיס, דעם פֿאַדינסטפּולן קונסט־טו־ערס גאַנצן הויף.

און דעם אוצר האָט מען נישט געפֿונען, מען האָט אים נישט אויס־געגראָבן.

— יאָ... נו, יאָ, אַוודאי, שוין איינמאָל אַ מעשה...

— פּיסטאָן, וואָס זאָל דאָס באַדײַטן, געדרענקט גאַרנישט, ווו דו האָסט אים פאַרגראָבן?

— עס איז דאָך שוין אַ מעשה פון דרייסיק יאָר... איך האָב אים בײַנאַכט באַגראָבן, און טאַקע אָט דאָ, אויף אָט דעם אָרט און גאַרנישט אַזוי טיף. און באַגראָבן האָב איך אים באַגראָבן אָט אָ דאָ!...

דעם אוצר האָט מען נישט געפונען און איס נישט אָװעקגעטראָגן אין מוזײ אַרײַן, ווי מען האָט זיך געקליבן דאָס צוטון. מען האָט באַשלאָסן פונדאַסניי צו זוכן דעם אוצר. און דער אוצר איז געבליבן אין דעם לעבן, ווי אַ געוועזענער, ווי די רויטע טאַלקאַ, פון וועלכער עס איז גאַרנישט געבליבן אויף איר אָרט; ביים אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, אין די יאָרן אכצן און נײַנצן, ווען די אייַנוווינער האָבן שווער געהונגערט און געפרוירן, האָבן די איוואַנאָװער אַרבעטער אויסגעהאַקט דעם וואַלד אויף באַהייצונג; דאָס פעלד נעבן דער טאַלקאַ, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די אַרבעטער, איז פאַר די דרייסיק יאָר פאַרבויט געוואָרן מיט אַרבעטער־קאָלאָניעס; נעבן דער בריק, וואָס מען האָט איצט אויסגעבויט אויף דער טאַלקאַ, אָט אויף דעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָס שטיבל פון דעם וואַלד־וועכטער, שטייט אַ צעמענטענער דענקמאָל — פּונקט אויף דעם אָרט, ווו עס איז אין פינפטן יאָר דערהרגעט און צעטרעטן געוואָרן מיט די שטיוול פון די שוואַרצמאַהדיקע פיאָדאָר אַפאַנאַסיעוויטש אַפאַנאַסיעוו, „דער פאָטער", איינער, פון די אָנפירער פון דעם איוואַנאָװער פּראָלעטאַריאַט אין פינפטן יאָר; אויפן באַרג הינטערן דענקמאָל, ווו עס איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געשטאַנען אַ געדיכטער וואַלד, זענען איצט גערטנער...טאַלקאַ וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אַלס רעוואָלוציאָנערער זכר. ווען אַפילו פון איר גופא וועט גאָרנישט בלייבן. ס'אַרא לעבן, ס'אַרא לעבן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אויף אָט די ברעגעס פון דעם אַלטן געדיכטן וואַלד־טײַך!... זאָל זיין, אַז דער וואַלד איז שוין נישטאָ, זאָל זיין, אַז אהין האָט שוין דערגרייכט די שטאָט, און דאָך איז טאַלקאַ אַ זכר, אַ סימבאָל...

און מאַנטיק, דריי אַ זייגער בייטאָג, זענען די מאָלערס געגאַנגען אויף היי־שניט. דאָס גראָז איז שוין צייטיק געוואָרן. פון פאָרנט זענען געגאַנגען די מענער מיט די קאָסעס אויף די אַקסל, שורהסווייז, — די פרויען האָבן נאָך זיי געשאַרט דאָס גראָז. אונטער די קאָסעס זענען געפאַלן דער רומיאַנעק, קאַשקע בלימלעך, שטשאַוו, ברידערלעך. די מאָלערס האָבן זייער פּאַרזיכטיק אויסגעמיטן מיט די קאָסעס די בודיקעס, דערנער,

שטעכלעכקעס און פאַלין. אונטער די קאָסעס איז געפאַלן בלויז דאָס פיינע גראָז. אויף די פעלדער זענען פאַרגעקומען געשעענישן, וועלכע זענען אַראָפגעגאַנגען פון באַקאַנאָוס, וואַטאַגינס און זובקאָווס לאַקירן. דאָס גראָז האָבן געקאָסעט מאָלערס מיט קאָלווירטלערס צוזאַמען, סיי די, סיי יענע זענען אַרטעל־מיטגלידער.

און דעם איין און צוואַנציקסטן יולי, אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען דער לאָמפ איז שוין געווען פאַרלאָשן און דורך דעם פענצטער איז אַריינגעדרונגען דער ריח פון היי, אָט דער ריח, וואָס האָט אָנגעזאַפט גאַנץ פאַלעך, — האָט ביי אַרבעקאָווס הויז אַ גרילץ געטון אַן אויטאָ. מען האָט אָנגעקלאַפט, אַרבעקאָוו האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך נאָך איך געקומען. — סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דערקענט יאַקאָוו אַנדרייעוויטשעס קול. — נעכטן האָב איך באַקומען מיין אורלויב, און היינט אינדערפרי בין איך אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע. איך בין נאָך איך געקומען, סערגיי איוואַנאָוויטש. וואָס דאַרפט איר דאָ דעם צווייטן חודש פאַרברענגען ביי אָט די באַגאָמאַזן? — איר זענט שוין אוודאי גענוג אָפגעקומען, זיך גענוג אָנגעליטן, ווי מיט יענעם מאָנאַך, וואָס איז מיט אונז פון מאָסקווע ביז סוזדאַל געפאָרן!... איך האָב צונויפגעשטעלט אַ מאַרשרוט — מיר וועלן באַקוקן דעם יאַראָסלאַווער אויטאָזאַוואָד, מירן אַריינפאָרן קיין גאָרקי. מען קאָן אויך באַטראַכטן דעם איוואַנאָווער טעקסטיל. מיר וועלן זיך באַקענען מיט אונזער סאָצאינדוסטריע. מיר וועלן אויך זיין אין באַלאַכנע. איך האָב אין דעם אויטאָ אַ נייס איינגעפירט — צו דעם דעק האָב איך צוגעפעסטיקט אַ וועג־וויגעלע, אַזוי ווי ביי די אַמעריקאַנער, אויף שפרינגפעדערס. וואָראָבושעק וועט אין דעם שלאָפן, ווי ביי זיך אינדערהיים, ער וועט קיין איין גריבעלע נישט שפירן. איך האָב אויך איינגעאָרדנט אַ נאַפט מאַשינקע צום קאָכן. איך בין געקומען נאָך אייער גאַנצער פאַמיליע. עס איז אויך פאַראַן אַ געצעלט. מירן זיך באַקענען מיט דער אינדוסטריע. מיין אורלויב האָט זיך ערשט נעכטן אָנגעהויבן.

— פאַר וואָס זשע האָט איר מיר נישט טעלעגראַפירט וועגן דעם?

יאַקאָוו אַנדרייעוויטש האָט געענטפערט:

— נו, די טעלעגראַמעס... צו וואָס קאַליע מאַכן פאַפיר? — מיר

איז אַ סך באַקוועמער צו פאָרן. איך האָב אַלצדינג צוגעגרייט: נאַכט־לעגער, עסנוואַרג. שלאָפן וועלן מיר אין וואַלד, וואַשן זיך ביי די טייכן — מירן זיך באַקענען מיט דער סאָצ־אינדוסטריע. און טעלעגראַמעס — אַ שאָד דאָס געלט!

# קאַפּיטל זעקס

פּאַלעך — איוואַנאָוואָ — יאַראָסלאַוול — איוואַנאָוואָ — נאַרסי — סוזדאַל — וולאַדימיר — באַלאַכנאַ.

די לאַנגאָדעכער טאַבאַק־פעלדער — סיאַם, טורקסיב — פּאַלעך — איוואַנאָוואָ —,,נום. 504 איזוועסטיאַ וציק. יעמען. סאַנאַיאַ, אַראַביע" — —,,אורומטשי, מערב־כינע." — סידניי. נ. ס. וו. אויסטראַליע. — ,,פּרעטאָריאַ דרום־אַמעריקע — פ.ס.ר.ר. — פ.ס.ר.ר. — פ.ס.ר.ר. —

פון יענער זייט פענצטער, אין דעם ענגן הויף האָט מען געלאָדן אויטאָס מיט פּעק־צייטונגען. פריש פּאַפּיר האָט מען געבראַכט פון די וואָקזאַלן, פון סיאַם און פון באַלאַכנע. די פּעק־צייטונגען זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף די וואָקזאַלן — זיבן וואַגאָן פּאַפּיר און אַנדערטהאַלבן טויזנט קילאָ דרוק פאַרב אין יעדער טאָג־אויפלאַגע פון דער צייטונג. ביים פאַראַד־אַריינגאַנג פון ,,איזוועסטיאַ" האָט געאַרבעט אַ ווינדע, אַזוי ווי אַ טערמאָמעטער, אויפהויבנדיק זיך פון זעראָ פון ערשטן שטאָק ביז די טעמפּעראַטורן פון דעם זעקסאַן שטאָק, ביז די רעדאַקציע־קאַבינעטן, ביזן מוח פון דער צייטונג. די ווינדע איז נעגאַנגען איבער די שטאָקן פון דעם לאַנדס טעמפּעראַטור. אין איין נומער פון ,,איזוועסטיאַ", — דאָס הייסט אויף זיבן וואַגאָן פּאַפּיר און אַנדערטהאַלבן טויזנט קילאָ דרוק־פאַרב — איז געווען אָפּגעדרוקט אַרבעקאָווס אַ באַשרייבונג פון פּאַלעך. דאָס איז געווען האַרבסט. ראָמאַן אַרכיפּאָווישט האָט געאַרבעט אין וואַלד, ער איז דורכגעפרוירן געוואָרן, און אַז עס האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, זיצנדיק אַ האַלבן מעטער די ווייט פון דעם פערד־עק. אין דער קאַלווירטשטאַל האָט ער אויסגעשפּאַנט דאָס גאַליקאָוו־פערד. ביי דער שוועל פון זיין שטוב האָט ער גוט אויסגעריייניקט די בלאָטע פון די שטיוול און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב. זיין יונגסטער זון, אַ שילער פון מאַלעריי־טעכניקום האָט אים דערלאַנגט די צייטונג און פריילעך אויסגעשריגן:

— ווענן אונז! — ווענן מינע איז דאָ באַשריבן!...

ראָמאַן אַרכיפּאָווימשעס אוינן זענען גלייכציימיק געוואָרן פרייליכע און דערשראָקענע, אָבער בשום אופן נישט מיד.

פּאַלנעז, — 11־טן יוני — 28־טן יולי 1935.

4A
43216